STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06750

HEBREYISHER BIKHER-SHANK

Jehoshua A. Gilboa

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע א. גלבוע

✶

העברעישער ביכער־שאַנק

יהושע א. גלבוע

העברעישער ביכער־שאנק

פאַרלאַג „המנורה״, תל־אביב
תשכ״ו — 1965

Jehoshua A. Gilboa
Hebreisher Bicher Shank

יהושע א. גלבוע / העברעישער ביכער־שאַנק

צייכנער: אבא פעניכל

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House, 24. Zangwill str., Tel Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

אינהאַלט

זלמן שזר, פון „פּרימאָרגן־שטערן" ביז נשיאת המדינה 9

שמואל יוסף עגנון, ביטשאַטש — עולם ומלואו 23

גרשון שאָפּמאַן, שטיקער אייגן לעבן אין זיין שאַפן 32

אשר ברש, לעכצעניש — קעגנאיבער דער האַנט פון גורל . . . 56

חיים הזז, „בקץ הימים" — גאולה־טרוים 70

יצחק למדן, אַ צווייט מאָל וועט מסדה נישט פאַלן 81

פּראָפ' דב סדן, ברייטע גרענעצן פון אונדזער ליטעראַטור . . 91

אברהם קריב, קטיגור און זינגער 100

אורי צבי גרינבערג, ווייטיקדיקע זעונג פון „דריטן אויג" . . 111

שמעון האלקין, שירה פון שכל און פרעג־צייכנס 128

יעקב פיכמאַן, דעראַבערונגען אַן דונערן און בליצן 137

אליעזר שטיינמאַן, אַ שפּרודלדיקער קוואַל ביי אַלטע ברונימער . 146

י. ד. בערקאָוויטש, דאָס אַמאָליקע שטעטל און דער נעכטן פון ארץ־ישראל 156

רחל, זיך אַליין האָב איך אויסדערציילט 169

שלמה צמח, עסטעטיש און מאָראַליש 178

אביגדור המאירי, בלוט־פלעק אויפן שניי 189

לאה גאָלדבערג, ליריק — אַנטקעגן אַ פאַרשטיינערטער וועלט . . 198

אהרון צייטלין, געראַנגל פון יאוש און אמונה 208

אהרון מגד, אַ דור, וואָס פרעגט און זוכט 221

אברהם ברוידעס, טיפע קעלערן — הויכע בערג 230

משה סתוי־סטאָווסקי, אין אַ וועלט פון „שטומע פריינט" . . . 238

פראָפ׳ יוסף קלויזנער, יידנטום און מענטשהייט 244
צבי וווּיסלאַווסקי, קולטור־ווייען און קולטור־זאַטקייט 251
דניאל פערסקי, אייביקער שקלאַף פון העברעיש 257
פראָפ׳ מרדכי־מאַרטין בובער, בן־ברית פון אייניקלעך 262
פראָפ׳ שמואל הוגאָ בערגמאַן, לירישער דענקער — מיסטישער ראַציאָ־נאַליסט 273
אליעזר בן־יהודה, פאָטער פון העברעיש־רעדן 281
מאַרק שאַגאַל, איטער די הייזער פון וויטעבסק און ירושלים . . . 291

יהושע א. גלבוע (פריער: גלויבערמאַן), דער מחבר פון בוך „העברעישער ביכער־שאַנק", איז געבוירן געוואָרן אין פינסק אין יאָר 1918. אין די יאָרן 1937—1940 געווען אַקטיווער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני" אין פוילן.

נאָך שווערע מלחמה־איבערלע־בונגען (בעת די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען פינסק, איז ער געוואָרן אַרעסטירט און פאַר־שיקט אויף 10 יאָר אין די סיבי־רער לאַגערן), איז ער געקומען קיין ישראל אין יאָר 1949. גע־ווען רעדאַקטאָר פון „זמנים" און לעצטנס רעדאַקציע־מיטגליד פון „דבר". חוץ טאָג־צייטונגען דרוקן זיך זיינע אַרבעטן אין אַ ריי צייטשריפטן אין ישראל און חוץ לארץ.

גלבועס אַנדערע ביכער:

„גחלים לוחשות" (גליענדיקע קוילן), אַנטאָלאָגיע פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

„על חורבות התרבות היהודית בברית־המועצות" (אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד).

„לשמור לנצח" (פאַרהיטן אויף אייביק), קאַפּיטלען פון אַן אסיר־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד.

„אוהורו" — ימים ולילות באפריקה („אוהורו" — טעג און נעכט אין אַפריקע).

י. גלבוע דרוקט אויך אונטער די פסעוודאָנימען: י. אבישוב, י. מאמין, י. גימל.



זלמן שזר

פון „פרימאָרגן-שטערן“ ביז נשיאות המדינה

דער דאָזיקער שמועס מיט זלמן שזר (אַמאָל: רובאַשאָוו) איז פאָרגעקומען אין דער וואָך, ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן צום הויכן אַמט פון נשיא ישראל (מאַי 1963). מאָרגן־איבערמאָרגן וועט ער זיין אַריינגעטאָן אין פּראָטאָקאָל־פאַרפליכטונגען, אָפיציעלע אויפנאַמעס, צערעמאָניעס. אָבער דערווייל זיצן מיר אין זיין פּריוואַטער וווינונג אויף דער באַלפור־גאַס אין ירושלים — און עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי אָט דער אינטימער שמועסער וועט זיך אַריינפּאַסן אין דער שטרענגער, פייערלעכער ראַם פון העכסטער מלוכהשער אַמטלעכקייט.

יאָ, מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דער מלוכה־פּרעזידענט זלמן שזר איבערבליקן צהל״ס מלוכה־רייען, וועלכע וועלן פּרעזענטירן זייער געווער לכבוד אים. דערווייל אָבער שפּרייזט ער, מיט געמאָסטענע טריט לענגאויס די ביכער־רייען, די אויסגעשטעלטע איבער דער גאַנצער שטוב, און בליקט איבער זייערע „פּאָרמאַציעס“: „שבתאות“ און אַנדערע משיחישע באַוועגונג ביז דיכטונג, פון אַלטערטימלעכער געשיכטע ביז די אָפּטיילונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, פון תנ״ך־פאָרשונג ביז סאָציאַליסטישער דענקונג. ער שטעלט זיך אָפּ, מיט אינטימער ווייכקייט, ביי יעדער פּאָליצע און לאָזט זיך אַריין כמעט אין אַ שמועס מיט אירע „איינוווינער“. ער קען דעם פּלאַץ, דעם מצב און די

„שטימונג“ פון יעדן איינעם. און ווען מיר זיצן ביים טיש, ווען ער רעדט און דערציילט, הייבט ער כסדר די אויגן צו די ביכער־שאַפעס. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אויף און זאָגט: לאָמיר בעסער שמועסן ביי דער ביבליאָטעק!

איך דערמאָן זיך: איך בין געקומען אַמאָל צו זלמן שזר אין זיין אַמט־צימער אין דער הנהלת הסוכנות (עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ) וועגן עפּעס אַן ענין, און ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַן עד־שמיעה צו זיינס אַ טעלעפאָנישן געשפּרעך מיט דער שטוב (וואָרשיינלעך מיט זיין פרוי, גברת רחל קאַצענעלסאָן־שזר), עס האָט זיך געהאַנדלט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, וועגן אַ קליייניקייט: אויסצובאָרגן אַ פריינט אַ וועלכן ס׳איז בוך פון זיין ביבליאָטעק. ווייזט אויס, דער פריינט האָט געוואָלט אַריינקומען אין שטוב נעמען דאָס בוך — און שזר האָט דורכן טעלעפאָן אויספּונקטירט, מער־ווייניק, זיין אָרט אַזוי: רעכטס פון די קבלה־ספרים, ביים צפת־ווינקל, אין שכנות פון דער שבתי־צבי־אָפּטיילונג, אַ ביסל נידעריקער פון היסטאָריע, אין איין ליניע מיט יודאַיסטיק, איבער דער פּאָעזיע...

איצט זע איך און פיל, אַז די „קאַרטע“ פון דער ביבליאָטעק, וואָס שזר צילט און טרעפט אַזוי גענוי צו יעדן „פּונקט“ אויף איר, „דעקט זיך“ מיט דער קאַרטע פון זיין לעבנס־געשיכטע — פון דעם שטעטל מיר, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 (ער נעמט אַרויס פון שאַנק דעם יזכור־בוך פון מיר און פאַרהאַלט זיך מיט אַן אומעטיקן קוק צווישן זיינע בלעטער), דורך זיין קינדהייט־און־יוגנט־שטעטל שטויבץ, דורך די ערשטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט, דורך די אַקאַדעמישע לימודים אין רוסלאַנד און דייטשלאַנד, דורך אַלע יאָרן פון זיין געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרי־שער טעטיקייט — ביז דער ישראל־פּרעזידענטשאַפט.

אָבער ווער עס אינטערוויואירט זלמן שזרן ביי זיין ביבליאָטעק, איז אויסגעשטעלט אויף סכנת־נפשות; מיר קענען פאַרשווימען אין ווייטע ימען — און ווו וועלן מיר, סוף־סוף, פאַראַנקערן? אמת, גאָר אַ רייכער אויספלוג, באַלאָדן ממש מיט כל־טוב פון וויסן און זכרונות, אָבער איך צווינג זיך צו האַלטן ביי אַן אויסגאַנג־פּאָרט און צילנדיק צו באַשטימטע ברעגן — רוף איך זיך אָפּ:

העברעישער ביכער־שאַנק

— אפשר וועלן מיר זיך אַ ביסל איינקוקן אין פרימאָרגן־שטערן?...

די אָנדייטונג איז געפאַלן אויף אַ צעאַקערטן באָדן. די אויגן פון פרעזידענט זענען אויפגעלויכטן מיט אַ שמייכל פון באַפרידיקונג און נאָסטאַלגיע צוגליך. מיטן נאָמען „פרימאָרגן־שטערן" („כוכבי בוקר") האָט שזר באַקרוינט זיינס אַ בוך פון זכרונות און עסייען. דאָס זענען קאַפּיטלען פון בענקשאַפט און רחמים פון ווייטע טעג. און איצט טויכט ער אַראָפּ פונדאָסניי אין די קינדהייט־ברונעמער און נעמט מיך מיט מיט זיך.

*

שזרס „פרימאָרגן־שטערן" זענען נישט קיין אויסגעטרוימטע נאַטור־שיינקייטן — כאָטש דער מחבר פון בוך ווייזט זיך אַרויס פאַר גאָר אַן אייגנאַרטיקן נאַטור־שילדערער; געגנוג צו דערמאָנען אַ באַצויבערנדיקע באַשרייבונג פון ניעמאַן־טייך, אַן איינגעקאָוועטן אין אים — און זענען אויך נישט קיין אימאַזשן פאַר צוגעפּוצטע, דיכטערישע עמאָציעס. די „פרימאָרגן־שטערן" זענען גאַנץ קאָנקרעטע, מענטשלעכע געשטאַלטן, נאָענטע צום האַרצן, בעיקר געשטאַלטן פון מחברס יוגנט־שטעטל שטויבץ. ווייל — מיט שזרס איינלייט־ווערטער צום בוך: „זינט ס'איז צו מיר דערגאַנגען יענע ביטערע בשורה, אַז מיין יוגנט־שטעטל איז אָפּגעמעקט געוואָרן — שטייט עס אויף פאַר מיר פון מיינע האַרץ־טיפענישן, מיט צאַפּלדיקער לעבעדיקייט; און מיין זכרון, וואָס האָט שוין אויפגעהערט וועגן איר צו דענקען, טרעט איצט נישט אָפּ פון איר אין יעדער שעה פון טייערער שטילקייט אָדער אויפגעצוווּנגענער רו".

ווי אַסאָציאירן זיך די טייערע, פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן מיט „פרי־מאָרגן־שטערן"? ווי אַן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע טראָגט אונדז צו שזר אַ צאַרט־דינעם געוועב פון וויטיקלעכער פאַרטראַכטונג און פאַר־חלומטער בענקשאַפט. ער דערמאָנט ווי ער האָט זיך, אין זיינע קינדער־יאָרן, אויסגעמאָלן אברהם אבינו, פירנדיק זיין שיינער שרה איבערן בריקל פון נחל־מצרים — און פון די תהומיקע וואַסער־טיפענישן, האָט זי פאַר אים נאָך מער אויפגעשיינט און זיך אַנטפּלעקט מיט איר פולער פּראַכט. שזר דערמאָנט ווייטער, ווי ער פלעגט, אַלס קינד, זיך צוגנבענען צום שמאָלן און טיפן ברונעם, וואָס אינמיטן שולהויף, כדי אין אים

אַריינצוקוקן און פון זיינע טיפעניש שעפן די פּראַכט פון די שטערן, וואָס שווימען אַזוי צאַרט, אויבן, אויפן האָריזאָנט. אַזוי איז עס געווען אין דער ווייטער קינדהייט. אָבער איצט: „לאָמיר זיך בעסער צוקוקן צו די בלייך־ווערנדיקע שטערן, ווייל דער ברונעם איז שוין מער נישטאָ".

*

קוקן מיר זיך איין אין די „פּרימאַרגן־שטערן" — און דאָס צימער ווערט פול מיט געשטאַלטן.

אָט איז דער פאָטער, וועלכער האָט אין זיין זון איינגעפלאַנצט די ליבע צו ספרים. לייענען מיר אין שזרס זכרונות־ביכל: „ווען האָט זיך אין מיין האַרצן אָנגעהויבן פאַרוועבן אַ באַזונדערע באַציאונג צו אַ בוך און צו אַ ביבליאָטעק? פון זינט ס'איז מיר דערלויבט געוואָרן צו העלפן דעם טאַטן ביים „איבערלופטערן", ערב פסח, זיינע ספרים פון יעדן חמץ־פאַרדאַכט... און פאַרוואָס האָט דער טאַטע צוגעלאָזן נאָר מיך אים צו העלפן „לופטערן" די ספרים, און האָט זיך נישט געקענט פאַרלאָזן אויף מיינע עלטערע שוועסטער? ווייל די עיקר־קונסט איז באַשטאַנען אין ויסן ווו צוריקשטעלן די ספרים, איטלעכן אויף זיין פּלאַץ, און נישט צעמישן דעם סדר. ווי אַזוי וועלן עס קענען טאָן די שוועסטער?"...

שזר איז אָבער ווייט פון טרוקענער מעמואַריסטיק. זיינע זכרונות צייכענען זיך אויס נישט נאָר מיט האַרציקער דערציילערישקייט, נאָר אויך מיט פּאָעטישער מאָלערישקייט (אַ שטייגער, ווי די ביכער זענען אויסגעלייגט אויף די ברעטער אין הויף און דער ווינט בלעטערט זיי ווי אַ „למדן חריף"). און מיר ווערן אַרומגערינגלט מיט אַ רייכער, פּילפּאַר־ביקער גאַלעריע פון פאַרגאַנגענע און אומגעקומענע נפשות.

אַזוי לעבט אויף פאַר דיינע אויגן דער ערשטער דיכטער, וואָס זלמן האָט באַגעגנט און איז פון אים אויפגערודערט געוואָרן: דאָס איז געווען יש"ק, ס'הייסט יעקב־שלום קאַצנעלבויגן, וואָס האָט געלעבט אין שזרס שטעטל און צום סוף געפונען אַ פּריציייטיקן טויט אין די אָפּגרונטן פון אַ שווייצאַרישער אָזיערע. און די נאָבעלע וויערא יאַקאָוולעוונאַ, די פרוי פון נייעם יידישן דאָקטאָר, וואָס איז געקומען אין שטעטל, און איז מיט איר שיינקייט, חכמה און פּאָעטישן צויבער געווען אַ יום־טוב־צוגאָב צו דער שטעטלדיקער וואָכעדיקייט. אָט זענען זלמנס ערשטע לערער, רבנים

און מגידים, שטיבל־לייט און פּאַרטיי־מענטשן, און אַ גאַנצע מחנה פון היימישן „עמך״: באַלעגאַלעס און סטאָליאַרעס, סמאַראָוואָזשניקעס און קאַנאַפּאַטניקעס...

גאָר באַזונדער באַאײנדרוקט דאָס קאַפּיטל „שטאָט־באַזיצער״, ווו שזר דערציילט זכרונות וועגן דער יידישער זעלבשוץ אין שטויבץ, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט די פּאָגראָמשטשיקעס פון שטעטל אין יאָר 1905. ווייטע זכרונות פלעכטן זיך דאָ מיט פרישע בלוטיקע דערינערונגען — וועגן אַ ברודער־קבר אין שטויבץ, אין וועלכן ס׳זענען לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן בעת דער לעצטער שחיטה 1500 זין און טעכטער. דער מחבר ווענדט זיך צו זיין שטעטל און רעדט אַרויס זיין ווייטיק: „שטויבץ, מיין יוגנט־שטעטל, מיין יוגנט־שטאָלץ, איך גלייב נאָך אַלץ נישט, אַז ווי שאָף ביסטו געפירט געוואָרן צו דער שחיטה. כ׳האָב דאָך גוט געקענט דיינע יוגנטלעכע גבורים, די אין צרות־אויסגעפּרוּווטע קינדער פון ניעמאַן־ברעג, דיינע קצבים און פורמאַנעס, די באַרזשע־ און פּאַראָם־בינדער אויפן ברעג פון טייך, די פעדלער, וועלכע פלעגן זיך פאַרמעסטן מיט שיכורע פּויערים... נישט אַנדערש, ס׳איז דער שונא געווען גאָר מערדערלעך, אויב דו ביסט אַזוי געפאַנגען געוואָרן״...

*

דאָס צימער ווערט פול מיט געשטאַלטן — טייערע, פינקלענדיקע מאָרגן־שטערן... ס׳איז אָבער נישט מעגלעך זיך צו פאַרהאַלטן לענגער אין אָט־די אינטימע לעבנס־סטאַציעס. מאַכן מיר מיטאַמאָל אַ „שפּרונג״ פון שטויבץ קיין ארץ־ישראל, צו דער צייט פון שזרס עליה. צום ערשטן מאָל איז ער געקומען אין לאַנד אין יאָר 1911; לויט אים איז דאָס זיין „ערשטע עליה״:

— כאָטש דאָס איז געווען זייער אַ „קורצע עליה״, בסך־הכל האָב איך דעמאָלט געוויילט אין ארץ־ישראל געציילטע חדשים, בין איך בשום אופן נישט מסכים אַרויסצונעמען זיי פון חשבון פון מיין זיצן אין לאַנד. ווייל יענע חדשים האָבן אפשר אויסגעווירקט די טיפסטע השפעה אויף מיין לעבנס־וועג. אין יענעם באַזוך, וועלכן איך רוף אָן „ביקור־הביכורים״ („ערשטלינג־באַזוך״), האָב איך זיך באַקענט מיט בערלען (קאַצנעלסאָן), וועלכער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף מיין גאַנג און טעטיקייט. און

אין יענער צייט בין איך געווען אַן אַרבעטער אין דער קבוצת מרחביה...

— און צוליב וואָס — פרעג איך — האָט איר דעמאָלט, נאָך אַ קורצער צייט, פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

— ווען איך בין אַהער געקומען, בין איך נאָך געווען אַ תלמיד פון לעצטן יאָר אין דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע פאַר מזרח־לימודים, פון דעם באַראָן גינצבורג — די שול וואָס איז אין דער ידישער וועלט באַוווּסט אַלס דער בית־מדרש פאַר חכמת־ישראל. און איך האָב זיך נעדאַרפט שטעלן צום רוסישן מיליטער־דינסט, כ׳האָב נישט געוואָלט זיין קיין „דעזערטיר״. איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, אָבער בין באַפרייט געוואָרן פון מיליטער. פון דער אַקאַדעמיע בין איך דאַן געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים אויף אויספאָרשונג־אַרבעט קיין פרייבורג. פון דאָרט בין איך געקומען קיין שטראַסבורג, געווען אַ שילער פון פרידריך מייניקע...

*

שזר רעכנט אויס זיינע לערער און פּראָפעסאָרן פון היסטאָריע און פילאָזאָפיע — און מיט אַ ליניע אין האַנט ווייזט ער אַן פונדערווייטנס אויף זייערע כתבים, וואָס קוקן אַרויס פון זיין ביבליאָטעק. ער רופט אָן די צוויי חברים, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אים אַרויס פון פּעטערבורג מאַכן די פאָרש־אַרבעטן אין אויסלאַנד: איינער איז שמואל שרירא, שפּע־טער דער דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע אין ארץ־ישראל; דער אַנדערער איז דער „נזיר״, ר׳ דוד הכהן, איינער פון די אָנפירער פון ישיבת הרב קוק אין ירושלים, וואָס גרייט צו צום דרוק די כתבים פון הרב קוק („אורות הקודש״). איך פיל, אַז ער איילט זיך צו זיין בערלין־תקופה, וואָס האָט אַ סך ביינעשטייערט צו דער פאָרמירונג פון זיין פּערזענ־לעכקייט.

— ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה בין איך געווען אין שטראַסבורג; אַ ביסל שפּעטער איבערגעגאַנגען קיין בערלין און דאָרט געלעבט ביז 1920, ס׳הייסט, ביז מיין „צווייטער עליה״. אַלס רוסישער בירגער איז מיין באַוועגונגס־פרייהייט געווען זייער באַגרע־נעצט. ס׳איז מיר דערלויבט געווען אַ וווין־אָרט אין אַ שמאָלן שטח און נאָר אין דעם דאָזיקן קרייז האָב איך זיך געמוזט באַוועגן. צוויי מאָל אין

טאָג בין איך געווען מחויב זיך צו מעלדן אין דער פּאָליציי. איך האָב אויסגעקליבן דעם ראַיאָן וואָס אַרום „אָראַניענבורגער שטראַסע 28״. דאָרט האָט זיך געפונען די גרויסע ביבליאָטעק פון דער יידישער קהילה אין בערלין. ס׳האָבן זיך דאַן געפונען אין בערלין, אויך מיט באַוועגונגס־באַגרענעצונגען, דער היסטאָריקער און מיין גוטער פריינט י. ל. שמחוני און דער שרייבער ש״י עגנון. פלעגן מיר זיצן אין יענער ביבליאָטעק על התורה ועל העבודה, פון אַכט אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט, חוץ קליינע איבעררייסן, ווען איך און ש״י עגנון פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין קינאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער „תחום המושב״.

ביי יענע טעג שטעלט זיך דער נשיא אָפּ לענגער. קענטיק, אַז נאָך עד היום שעפּט ער פון זיי הנאה. טויערן פאַר באַוועגונג זענען פאַר אים טאַקע געווען געשלאָסן, אָבער דערפאַר האָבן זיך ברייט צעעפנט די שערי־חכמה — וואָס ער האָט געשעפּט מיט דורשט און התלהבות:

— אָפּגעריסן פון רוסלאַנד און פון ארץ־ישראל, אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער היים און אָפּגעזונדערט אַפילו פון קרובים און פריינט אין בערלין גופא, בין איך „פאַרלוירן געגאַנגען״ אין יענער רייכער ביבליאָטעק. כ׳האָב קיינמאָל נישט געלערנט אַזוי פיל ווי אין יענע יאָרן. כ׳האָב נישט אויפגעהערט צו לערנען. דאָרט איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען מיכה יוסף בערדיטשעווסקין און זיך צו באַקענען מיט פּראָפעסאָרן פון בערלינער בית־מדרש־לרבנים, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון ביבליאָטעק־בנין. אָבער דער עיקר איז געווען דאָס פאַרטיפן זיך אין די ספרים און זאַמלונגען. אין דער דאָזיקער אויפגעצוווּנגענער איזאָלאַציע, איז די־אָ ביכער־וועלט געווען פאַר מיר אַ ישועה ונחמה.

כ׳פרעג דעם פּרעזידענט, צי עס איז געווען סתם אַ תאווהדיקע איבערגעגעבנקייט צום לייענען, אָדער אַ צילבאַוווּסטע באַשעפטיקונג. קלערט ער מיר אויף, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרש־אַרבעט לויט די אָנווייזונגען פון פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, זיין לערער אין דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע, וועמען ער האַלט פאַר איינעם פון די גרויסע ליכטער אויף זיין לעבנס־וועג. דובנאָוו האָט אים — פאַרן אָוועקפאָרן פון רוסלאַנד — אינסטרואירט צו פאָרשן דעם חשובן היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די „שאלות ותשובות״ און דרוש־ספרים.

— איך האָב „דורכגעוואָרפן״ הונדערטער ספרים און זאַמלונגען,

צוגעגרייט צען אַרבעטן פון יידישער געשיכטע אין 16טן, 17־טן און העלפט 18־טן יאָרהונדערט. נאָר איינע פון די דאָזיקע אַרבעטן איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דרוק־פאָרעם. פון די שאלות וואָס די גדולי־הרבנים זענען געפרעגט געוואָרן און פון זייערע תשובות, מאָלט זיך אויס אַ ברייט־קאָנוועדיק בילד פון פאַרהעלטענישן און געשעענישן אין יידישן לעבן. צווישן מיינע פאָרש־אַרבעטן: עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן יידן און נישט־יידן, עמיגראַציע, שטייגער־מנהגים, זיצונגען און באַשלוסן פון ועד ארבע הארצות. לאָמיר צוגיין צו דער ביבליאָטעק, וועל איך אייך וויזן די דאָזיקע אַרבעטן.

ער ווייזט מיר דרך אגב:

— אויף אָט־די פּאָליצעס געפינען זיך מיינע שריפטן, ווי אויך די זשורנאַלן וווּ עס זענען פאַרעפנטלעכט מיינע מאמרים און אַרבעטן. אַלץ האָט זיך גוט אָפּגעהיטן. פאַרשטייט זיך, נישט אַלע מאמרים, וואָס כ׳האָב פאַרעפנטלעכט אין דער טעגלעכער פרעסע, זענען דאָ פאַראַן.

*

מיר קערן זיך צוריק צום טיש — און צו שזרס „צווייטער עליה״:

— אַ צווייט מאָל בין איך עולה געווען מיט דער אַלוועלטלעכער דעלע־גאַציע פון פועלי־ציון — צוזאַמען מיט נחמן סירקין, פּראָפ. ה. פיינמאַן, ניר־ראַפאַלקעס און אַנדערע. י. ח. ברענער האָט דעמאָלט אָפּגעדרוקט אין „האדמה״ נומער 9 דעם פּראָגראַם פאַר דער קאָלאָניזירונג פון אַ מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. דעמאָלט האָב איך דאָ אָנגעהויבן מיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט. אמת, איך בין געווען אָנגאַזשירט אין דער פרעסע אויך בעת דעם „ביקור־הביכורים״. כ׳האָב זיך באַטייליקט אין „אחדות״ פון יצחק בן־צבי. אָבער בעת מיין צווייטן באַזוך האָט מיך בערל באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר פון „קונטרס״. אין דער צייט פון די אומרועז אין ירושלים האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „קונטרס״ העפט 34 דעם אַרטיקל: „צי ווי קישעניעוו וועט זיין ירושלים?״

נאָך אַ שטיקל צייט איז זלמן שזר ווידער אַרויסגעפאָרן פון לאַנד, אָבער דאָס קומען קיין ארץ־ישראל מיט דער פועלי־ציון־דעלעגאַציע האַלט ער ווי זיין באַזוצן זיך:

— אין יענער צייט האָב איך חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ היים

אין לאַנד. מיט רחלען (פרוי קאַצנעלסאָן־שזר) האָב איך געלערנט צוזאַ־מען אין פעטערבורג. זי האָט עולה געווען בערך אַ יאָר נאָך מיין „ביקור־הביכורים״. ווען איך בין געקומען אין לאַנד צום צווייטן מאָל, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. די פּאַרווּנדעטע פון תל־חי זענען געקומען אויף אונדזער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוכאַרישן טייל פון ירושלים. דאָס איז געווען אין יאָר 1920 און פון דעמאָלט האָלט איך זיך פאַר אַ ירושלימער תושב.

אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן שזרס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע, אין „השלוח״, אין „דער יודע״, אין „אָסט אונד וועסט״ און אַנדערע זשורנאַלן — איז ער איינגעלאַדנט דורך הרב צבי פּרץ חיות אַלס לעקטאָר אין זיין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין ווין. ער האָט איבערגענומען די קאַטעדרע, וואָס ס׳האָט פאַר אים געהאַלטן דער פּראָפעסאָר שלום באַראָן.

— די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך דאַן געשפּאָלטן. איך בין אויסגע־ווילט געוואָרן אין צענטראַל־ביוראָ פון „פאַרבאַנד״, וועמענס זיצאָרט איז געווען ווין, און כ׳האָב פאַרטיילט מיין צייט צווישן ביוראָ און דעם פּעדאַגאָגישן אַנשטאַלט.

אַט־די פּרטים דערמאָנען מיך, אַז אונדזער שמועס האָט כמעט „איבערגעשפּרונגען״ די פּועלי־ציון־תקופה, און ס׳איז געוואונטשן אַ ביסל זיך צוריקקערן. איך בעט שזרן עפּעס דערציילן וועגן זיינע ערשטע פּאָליטיש־פּאַרטייאישע אויפטריטן. בעיקר וויל איך הערן ווו און ווי אַזוי האָבן זיך זיינע וועגן באַגעגנט מיט די וועגן פון פאַרשטאַרבענעם פּרעזי־דענט יצחק בן־צבי. איך הער וועגן דער ערשטער באַקאַנטשאַפט צווישן זלמן רובאַשאָוו און יצחק שימשעלעוויטש (בן־צבי׳ס פריערדיקער פאַ־מיליע־נאָמען):

— צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט יצחק בן־צבי אין יוני 1906, אויף דער קרייז־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין מינסק. ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט פון אוניווערסיטעט אין קיעוו. פריער, אין 1904, האָט ער געוויילט פיר חדשים אין ארץ־ישראל. אויף דער קאָנפערענץ האָט בן־צבי געהאַלטן דעם הויפּט־רעפעראַט אין רוסיש — און איך, דאַן אַ בחור פון אַ יאָר 16, האָב איבערגעזעצט זיין רעדע אויף העברעיש. נאָכדעם האָבן בן־צבי און ב. באָראָכאָוו געגרינדעט די חודש־שריפט פון דער

פּאַרטיי, „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק". אָבער נאָך דעם דריטן נומער איז ער פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. אַנשטאָט אים האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער „פּאָרוועטס", און ס'איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן דער פאַרלאַג „דער האַמער". אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָט מען מיך משתּף געווען. בן־צבי האָט דאַן געשריבן זיין אַרבעט „די פּילאַ־זאָפיע פון די יידישע וואַנדערונגען" אין רוסיש, האָב איך זי איבערגע־זעצט אויף יידיש. פון יענע טעג אָן איז אונדזער גרויסע פריינטשאַפט נישט איבערגעריסן געוואָרן. אויף מיין וועג צום ערשטן מאָל קיין ארץ־ישראל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דריי טעג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ס'האָט דאַן געוויילט בן־צבי. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין די „סודות" פון לאַנד און מיך אויך באַזאָרגט מיט „אַדרעסן". מיין דעמאָל־טיקע רייזע איבערן לאַנד — איין נאַכט אין ראשון־לציון, נאָכדעם אין עקרון, רחובות און ירושלים — האָט זיך טאַקע געהאַלטן ביי דעם אַדרעסן־פּלאַן פון בן־צבי. און ווען איך בין אין לאַנד געקומען צום צווייטן מאָל איז שוין בן־צבי געווען אַן אָנערקענטער פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישוב.

זלמן שזר פאַרטראַכט זיך. אַן אומעט באַהערשט זיין שטים: דער אָנדענק פון זיין טייערן חבר, פון פאַרשטאָרבענעם נשיא, רודערט אים אויף. אין זיין שטים און אויף זיין פּנים באַמערקסטו סימנים פון גערירט־קייט, וואָס קומט אויך פון באַוווסטזיין, אַז אים איז באַשערט צו זיין דער יורש פון זיין טייערן חבר אויפן כּס־הנשיאות — דער דריטער ישראל־פּרעזידענט נאָך חיים ווייצמאַן און יצחק בן־צבי. זיי ביידע זענען נישט נאָר זיינע פאָרגייער, ער רעכנט זיי אויס צווישן זיינע וועגווייזער, וועלכע האָבן געפורעמט זיין געדאַנקען־וועלט, צוזאַמען מיט באָראָכאָוו, דובנאָוו, פּראָפעסאָר בובער, בערל קאַצנעלסאָן און אַנדערע.

*

די „אַנדערע" — זענען אויך נישט אין אַ קליינער צאָל. אָבער צוויי פון זיי דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן, כאָטש יעדערער פון זיי איז געגאַנגען אין אַן אַנדערן וועג און האָט געהאַט אַ באַזונדערע וועלט. איינער פון זיי איז זשאַן זשאָרעס — דער סאָציאַליסטישער פירער, דער זון פון פראַנקרייך. די אַנדערע איז אונדזער ליריש־אינטימע דיכטערין, די צויבערנדיקע און טראַגיש־צאַרטע רחל.

— זשאָרעס און רחל מאָלן זיך אויס אין מיינע אויגן ווי וויכטיקע ציגל, מיט וועלכע אַ מענטש דאַרף זיך אַרויסהעלפן ווען ער וויל אויפֿשטעלן זיין גייסטיק־זעלישן בנין. זשאָרעס — דער קרעפטיקער רעדנער, דער חוצב־להבות. רחל — די דעליקאַטע דיכטערין, די רואיקע, די ווייטיקנדיקע מיט שטילע ווערטער, די סענטימענטאַלע ביז נשמה־וואָרצלען.

איך זע סמנים פון באַשטעטיקונג אויף זיין פנים. ער דערמאָנט זשאָרעסן מיט ציטער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אים געהערט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויף אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען לשם „מלחמה קעגן מלחמה". אויף יענעם קאָנגרעס זענען אַרויסגעטראָטן געוויס גרויסע און חשובע רעדנער, אָבער אין די אויגן פון יונגן רובאַשאָוו — וואָס האָט אַ „שפרונג" געטאָן פון פרייבורג קיין באַזעל — האָט זיך קיינער נישט געקענט גלייכן צו זשאָרעסן. און כאָטש שזר־רובאַשאָוו האָט נישט פאַרשטאַנען זיין פראַנצויזיש לשון, האָט ער אָבער געפילט זיינע רייד און זייער מהות. מיט יאָרן שפעטער האָט ער געשריבן וועגן יענער רעדע פון זשאָרעסן — „נישט מיטן מויל האָט ער גערעדט, נאָר מיט זיינע בײדע הענט און פיס, מיט זיינע עלנבויגנס און קני און מיט אַלע באַוועגונגען פון זיין קערפער. ער גייט אַרויף און אַראָפּ, ציטערט, וויברירט און פילט אָן דעם חלל פון דער גאַנצער טריבונע. זיינע אַלע ביינער האָבן גערעדט. גערעדט? געשריגן, געוואָרנט, געדראָאט, זיך געשוווירן"...

איך קום דאָ נישט מאַכן קיין פאַראַלעלן. אָבער איך לייען איצט אָט־די שורות און זיי זענען מיר אויס צו זיין ווי געשריבן וועגן זלמן שזר אַלס רעדנער. „כל עצמותי תאמרנה" — דאָס וואָרט איז ווי אָנגעמאָסטן אויף שזרס רעדנער־גאַנג.

און די דיכטערין רחל פאַרשפרייט נאָך אַלץ „אורה הזרוע" (מיט דעם נאָמען האָט שזר אָנגערופן זיינס אַן עסיי וועגן רחל) אין האַרץ פון פרעזידענט. דעם זכרון פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר היט ער אָפּ מיט נישט־אויסשעפּנדיקער עמאָציע. מיט זיינע ווערטער: בעת יענער באַגעגעניש האָט זיך אין האַרצן פאַרוועבט אַ לעגענדע, וואָס איז אָפּגעהיטן ביז אייביק. און אָנשטאָט אויסברייטערן דעם שמועס וועגן רחל, נעמט שזר אַרויס פון איינער אַ פּאָליצע אַ בינטל קליינע ביכעלעך

און מישט זיי מיט גערירטקייט: דאָס זענען רחלס לידער, אין יידיש־איבערזעצונג פון זלמן שזר, וואָס זענען דערשינען אין אַ ריי אויפֿלאַגעס.

*

כ׳האָב נאָך געהאַט אַ גאַנץ פּעקל פראַגן צו שזרן — פון די יאָרן פאַר דער מדינה און פון די מדינה־יאָרן. דער פּרעזידענט איז דאָך געווען דער ערשטער דערציאונגס־מיניסטער און געהאַט דעם כבוד צו ברענגען צו דער כנסת דאָס געזעץ פון אָבליגאַטאָרישער בילדונג; ער איז דאָך נישט איינמאָל דורכגעגאַנגען די גרויסע יידישע צענטערס; ער איז דאָך „אָנגעשטאָפּט" מיט באַלערנדיקע זכרונות. אָבער איך מוז זיך רעכענען מיט זיין „באַלאַדנטן" טאָג־אָרדענונג. לייג איך פאַר אים אָוועק נאָך צוויי „פּונקטן". דער ערשטער — זיין ציַיטונגס־אַרבעט. דער צווייטער איז — ער און חב"ד.

צום ערשטן פּונקט דערציילט מיר שזר וועגן זיין אָנטייל אין „דבר" זינט די ציַיטונג איז געגרינדעט געוואָרן:

— אין יאָר 1925, ווען דער „דבר" האָט זיך געגרינדעט, האָט מיך בערל קאַצנעלסאָן איינגעלאַדנט מיטצואַרבעטן אין דער ציַיטונג, און איך בין איבערגעגאַנגען פון ירושלים קיין תל־אביב. איך האָב „געבראַכן" דעם ערשטן נומער פון „דבר". וואָס פאַראַ אויפרודערונג! 25 יאָר האָב איך געאַרבעט אין דער דאָזיקער ציַיטונג, אָבער דעם ערשטן נומער קען מען נישט פאַרגעסן: ווי איך האָב דאָס אים „אויסגעמאָסטן" און אָנגעצייכנט די אָפּטיילונגען און רובריקן און פאַרגעשלאָגן זייערע נעמען... מיר זענען דעמאָלט געווען פינף־זעקס מענטשן אין דער רעדאַקציע. בערל האָט געשריבן דעם „דבר היום" (לייט־אַרטיקל). ביילינסאָן איז געווען דער ממונה אויף וועלט־פּאָליטיק. טשערטאָק (שרת) — אויף דעם אָריענט, ער האָט געחתמעט מ. קדם. דוד זכאי האָט געשריבן איבער פאַר־שידענע פראַגן. נחום טווערסקי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט עקאָנאָמישע ענינים, הסתדרות, מוניציפּאַליטעטן. אין מיין רשות איז געווען די יידישע וועלט, איך האָב געחתמעט „מאזין" (צוהערער). פון דעמאָלט אָן האָב איך באַדינט אַ ריי פונקציעס אין רעדאַקציע — מיין טעגלעך ברויט אין משך פון אַ האַלבן יובל. נאָך בערלס טויט בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס

הויפּט־רעדאַקטאָר. אַרויס פון דער רעדאַקציע בין איך אין יאָר 1949, ווען כ׳בין נאָמינירט געוואָרן אַלס שר־החינוך.

און איצט וועגן חב״ד. איך פרעג שזרן פון וואַנען נעמט זיך זיין ניגונג צו דער דאָזיקער חסידישער באַוועגונג — גייט דאָך זיין נאָמען אַלס חב״דניק פאַר אים.

— כ׳וועל איך זאָגן: ביז 1949 האָב איך בכלל קיינמאָל נישט געזען קיין רבין, קיין אדמו״ר, און נישט געהאַט קיין באַרירונג מיט אַ וועלכן ס׳איז „הויף״. אמת, אין מיינע פאַרבינדונגען מיט חב״ד שטעקט עפּעס אַ „ביאָלאָגישער״ וואָרצל, אָבער אָט־די „לעגיטימאַציע״ וועט אונדז צוריקפירן אויף עטלעכע דורות צוריק. אָט דאָס בילד אויף דער וואַנט — דאָס איז מיין זיידנס פאָטער — ר׳ שאול גינזבורג. דער זיידע האָט מיר אַמאָל געגעבן דאָס בילד בתורת מתנה. ער, דעם זיידנס פאָטער, איז געווען אַ תלמיד און חסיד פון הרב שניאור זלמן פון ליאַדי, דער בעל ה„תניא״. מ׳האָט דערציילט, אַז דאָס האָט דעם זיידנס פאָטער אויפ־געשטעלט דאָס „שטיבל״ אין מיר — וואָס איז געווען דאָס ערשטע שטיבל אין ליטע — לויט דער אָנווייזונג פון בעל־התניא. דער זיידע פלעגט אויך פאָרן צום רבין. דערמיט שליסט זיך מיין חב״דישע לעגי־טימאַציע. אָבער אין 1949, ווען איך בין אין די דעצידירנדיקע טעג גע־ווען אין לייק־סאַקסעס אַלס מיטגליד פון דער פּאָליטישער דעלעגאַציע, האָט צו מיר טעלעפאָנירט דער דעמאָלטיקער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן. ער האָט געוווּסט, אַז נאָך דער מלחמה האָב איך זיך באַגעגנט אין אייראָפּע מיט חב״דער פּליטים פון רוסלאַנד. כ׳האָב זיך טאַקע שטאַרק אינטערעסירט מיט זייער גורל אין די דעמאָלטיקע טרויעריקע אייראָפּע־וועגן. אין אַ „צעטעלע״ וואָס כ׳האָב געשיקט קיין ארץ־ישראל האָב איך דאָן געבעטן באַזונדערס צו זאָרגן פאַר זייער עליה און אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז לגבי עליה דאַרף מען אַ רוסישן חב״דניק האַלטן גלייך מיט אַ חלוץ. איך בין געקומען צו ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן און אים דערציילט וואָס מיר איז געווען באַוווּסט. ער האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט וועגן די ענינים אין לייק־סאַקסעס. און כ׳האָב אים געזאָגט: מ׳דאַרף האָבן אַ סך רחמים. האָט ער מיר געענטפערט: השם יתברך וועט העלפן! אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע פאַרבינדונגען מיט חב״ד. נאָכדעם האָב איך פאַרגעלייגט דעם רבין דעם פּלאַן פון אויפ־

שטעלן אַ חב״ד־דאָרף אין ישראל. צו חב״ד בין איך פּאַקטיש דערגאַנגען דורך ציוניזם און קאָלאָניזאַציע. נאָכדעם האָב איך זיך פאַרטיפט אין „תניא״ און אַנדערער חסידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם שמועס. יעדע שעה פון זלמן שזר איז „פאַרצעלירט״ אויף באַזוכן און באַגעגענישן — אַ טייערע צייט.

כ׳ווער געוווירע, אַז ער גיט זיך אָפּ אינטענסיוו אויך מיט צוגרייטן אַ נייע אויפלאַגע פון זיין בוך „אור אישים״ („ליכט פון פערזענלעכקייטן״) — די זאַמלונג פון מאָנאָגראַפיעס, וואָס איז פאַרפלאָכטן מיט זיינע פער־זענלעכע זכרונות. אין דער נייער אויפלאַגע פון „אור אישים״ זענען אַריינגעקומען אויך עטלעכע נייע מאָנאָגראַפיעס, צווישן אַנדערע וועגן זיין טייערן פריינט, יצחק בן־צבי, וועמענס כהונה פון נשיא מדינת ישראל איז זלמן שזר גערופן געוואָרן צו פאַרנעמען.



שמואל יוסף עגנון

ביטשאַטש — עולם ומלואו

אויפן ערשטן אויגנבליק קאָן זיך אויסדוכטן, אַז אַ גרויסער טייל פון שמואל יוסף עגנונס דערציילונגען שפּיגלען אָפּ אַן איינגעשרומפּן וועלטל. זייערע האַנדלונגען שפּילן זיך דאָך אָפּ אויף אַ גאַנץ ענגן שטח פון דעם שרייבערס געבורט־שטעטלע אין מזרח־גאַליציע, ביטשאַטש, און איר נאָענטער אומגעבונג. ממילא דוכט זיך אויבערפלעכלעך אויס, אַז עגנונס געשטאַלטן־גאַלעריע איז באַגרענעצט צו אַ באַשטימטער סביבה.

אָבער וואָס טיפער דער לייענער דרינגט אריין אין אָט־דעם שטעטל־דיקן וועלטל, זעט ער ווי אונטער דעם קינסטלערס האַנט צעוואַקסט זיך אַ ברייט־יידישע און אוניווערסאַל־מענטשלעכע פּאַנאָראַמע. דאָס אייגענע, נאָענטע צום האַרצן, היים־שטעטל דינט דאָ ווי אַ ברייטע לייוונט פאַר טיף־דורכגעטראַכטע בילדער און כאַראַקטערן, אויף וועלכע דאָס אָרט האָט נישט — פון פילאָזאָפישן, סאָציאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט — קיין שליטה. עס האָט אויף זיי אויך קיין שליטה נישט דער צייט־אָפּשניט אין וועלכן דער שרייבער האָט איינגעראַמט זיינע דערציילונגען.

די לאָקאַליזאַציע מאַכט די דערציילונג קאָנקרעטער און אויטענטישער. די צייט־קאָנטורן מאַכן זי מער איבערצייגנדיק. אָבער דער לאָקאַלער קאָלאָריט און די באַשטימטע צייט־ראַם, פאַרמינערן אויף קיין האָר נישט דעם אַלגעמיין־יידישן און דעם אַלמענטשלעכן כאַראַקטער פון די האַנד־לונגען און איבערלעבונגען פון עגנונס געשטאַלטן. אויפן פאָן פון ב׳טשאַטש טראָגט עגנון אַרויס די פאַרבאָרגנסטע ניואַנסן און „קנייטשן״ פון דער יידיש־מענטשלעכער נשמה — און אַפילו דורך כלומרשט אַלטמאָדישע פערסאָנאַזשן דערוויזט ער די פּסיכישע אויפטרייסלונגען און גלגולים פון דעם היינטצייטיקן מענטש, פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

ס׳איז טאַקע מערקווירדיק: דער שרייבער וועמענס פיל ווערק לייענען זיך ווי מעשה־ביכלעך אָדער ספורי־יראים, וועמענס שאַפונגען זענען כסדר דורכגעוויקט מיט ספּעציפיש־יידישן שטייגער — דווקא ער איז אָנערקענט אַלס אַ בולטע אַנטפּלעקונג פון מאָדערניזם אין דער העברעישער ליטעראַטור און ווערט אָפט געגליכן צו אַזעלכע אַוואַנגאַר־דיסטן פון דער וועלט־שאַפונג ווי אַלבער קאַמי, זשאַן פּאָל סאַרטער, אַרטור מילער, דזשיימס דזשויס, פראַנץ קאַפקאַ, מאַרסעל פּרוסט... לגבי אַ קינסטלער פון אַזאַ פאַרנעם ווי עגנון איז כלל נישט וואַגיק די פראַגע צי איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אויסגערעכנטע שרייבער. בעסער צו זאָגן: די צייט האָט אויף אים, ווי אויף זיי, געלייגט איר טיפן חותם, און יעדערער פון זיי האָט געבראַכט צום אויסדרוק, אין זיין אייגנאַרטיקן נוסח, דעם מענטשלעכן אומרו און די רעטענישן פון מענטשלעכן קיום. עגנון האָט די צערודערונג פון דער תקופה, די צעשפּליטערטע נשמה פון מענטש, די גאַנצע מאָדערניסטישע מאָטיוואַציע — באַקליידט אין אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישן לבוש. מיט צויבערפולער מייסטערשאַפט האָט ער פאַראייניקט אַ טיפּיש־יידישן „גאַנג״ און „טאָן״ מיט דער אוני־ווערסאַל־מענטשלעכער פּסיכיק און פּראָבלעמאַטיק.

*

איידער מיר וועלן ווייטער אַריינקוקן אין ש״י עגנונס שאַפונגען, לאָמיר איבערבליקן זיין לעבנס־וועג.

ער איז געבוירן געוואָרן תשעה באב תרמ״ח (1888) אין ביטשאַטש, מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער, ר׳ שלום מרדכי הלוי טשאַטשקעס, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער מהרש״א־משפחה, איז געווען אַ סוחר פון פוטערוואַרג, אָבער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות, געשריבן לידער און פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען. די מוטער, אסתר, איז געווען אַ סובטעלע פרוי, וועלכע האָט שטאַרק ליב געהאַט די ראָמאַנטישע דייטשע דיכטונג (שילער). פון דריי ביז ניין יאָר האָט שמואל יוסף געלערנט אין חדרים און דערנאָך ביי זיך טאַטן, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן צו דערלערנען מיט שמואל יוספן דעם רמב״ם (אין שטעטל האָט מען זיך געוועטלט, אַז ר׳ שלום מרדכי גרייט זיין זון צו ווערן אַ רב אין תימן, ווו מען פסקנט הלכות לויט דעם רמב״ם).

פון קינדווייז אָן האָט שמואל יוסף איינגעזאַפּט דעם יידישן גאַליציע־שטייגער. חוץ דאָס גיין אין בתי מדרשים פון ביטשאַטש פלעגט אים דער טאַטע פון צייט צו צייט מיטנעמען אויף זיינע מסחר־נסיעות אין דער סביבה. שוין אַלס ייִנגל האָט ער געשלונגען ספרים פון הלכה און אגדה, ווי אויך וואָכעדיקע ליטעראַטור. צו בר־מצווה האָט ער שוין געקענט דייטש און דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט אויף דייטש געלייענט איז געווען שילערס „רויבער״.

ווען שמואל יוסף איז אַלט געווען ניין יאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לייכטע פערזן אין עברית. אין דער זעלבער צייט, איז ער דער מחבר פון אַ לאַנגער באַלאַדע אין יידיש, וועגן יידישן שטייגער אין זיין אומגעבונג. פון דעמאָלט אָן ביז דעם עלטער פון פופצן יאָר האָט ער געשריבן אַ סך יידישע לידער. זיין ערשט ליד אין עברית „גבור קטן״ („אַ קליינער העלד״) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין קראָקעווער וואָכנבלאַט „המצפה״ אין יאָר 1904.

אין יאָר 1908 (ל״ג בעומר תרס״ה) איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג „עגונות״, אונטער וועלכער ער האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „עגנון״ — דער נאָמען וועלכן דער שרייבער האָט שפּעטער אַדאָפּטירט אויף אייביק. כאָטש אין זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען האָט עגנון ווייט איבערגעשטיגן, אין קריסטאַליזירן די פאָרעם ווי אין רייכקייט פון אינהאַלט, די „עגונות״, איז אָבער דאָרט דאָס „עגנונישע״ שוין געקומען

צו אַ גאַנץ בולטן אויסדרוק — באַזונדערס אין דעם אומעט וואָס איז אויסגעגאָסן אויף דער רואיק־עפּישער באַשרייבונג פון די צווי זיך־ליבנדיקע, וואָס זענען דורך דעם גורל באַשטראָפט געוואָרן נישט צו געפינען איינער דעם אַנדערן.

אין 1909 באַווייזט זיך עגנונס דערציילונג „והיה העקוב למישור", וואָס האָט געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אין דער דעמאָלטיקער העברעישער ליטעראַרישער וועלט און ווערט ביז היינט פאַררעכנט פאַר איינער פון זיינע בעסטע שאַפונגען.

אין יאָר 1913 איז עגנון אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד מיט דער כוונה דאָרט צו ווילן אַ קורצע צייט. דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט צעשטערט זיינע כוונות און ער האָט זיך צוריק־געקערט אין יאָר 1924. דאָ זאָל דערמאָנט ווערן, אַז אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה זענען פאַרניכטעט געוואָרן פיל פון זיינע כתבים, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אוועקגייענדיק פון דער היים — און אַ קורצע צייט פאַר זיין צוריקקער פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל, האָט אַ שריפה אין זיין הויז פאַרניכטעט זיינע אַ רייכע ביבליאָטעק, און איניקע כתבי־יד, צווישן וועלכע עס איז געווען א דערציילונג פון א 60 דרוק־בויגנס, „בצרור החיים" (שוין געווען אָנגעמאָלדן פאַר פובליקירן).

צוריק אין ארץ־ישראל, באַזעצט זיך עגנון אין ירושלים. דאָ איז ווידער, בעת די אומרוען פון תרפ"ט, זיין דירה דעמאָלירט און באַרויבט געוואָרן. נאָך אַ מאָל האָט עגנון פאַרלאָרן אַ רייכע ביכער־זאַמלונג, וויכטיקע מאַטעריאַלן און געוויסע אייגענע כתבי־יד. פון 1930 וווינט ער אין זיין הויז אין ירושלימער קוואַרטאַל „תלפיות", וואָס איז באַרימט געוואָרן ווי עגנונס „בית־היוצר".

*

אַרום עגנונס שאַפונגען האָט זיך שוין צעוואַקסן אַ צעצווייגטע ליטעראַטור פון קאָמענטאַרן און פאַרשונגען. מיר וועלן זיך באַמיען, בעיקר, אַ ביסל צו אילוסטרירן ווי אַזוי דורך דער פּריזמע פון אַ ביטשאַטש ווייזט עגנון ברייטע וועלטלעכע האָריזאָנטן; ווי אַזוי זיינע יידישע געשטאַלטן פאַרקערפּערן אַלמענטשלעכע דראַמעס, ראַנגלענישן, טרוימען,

זעלישע קריזיסן. אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג וועלן אונדזערע אילוסטראַציעס טראָגן נאָר אַ פראַגמענטאַרן כאַראַקטער.

לייענענדיק אַ ריי עגנונס דערציילונגען, וואַרפט זיך אין די אויגן די אויסערלעכע תמימותדיקע קאָנסטרוקציע פון סיפּור־המעשׂה. עס איז אויך באַקאַנט, אַז דער שרייבער איז אַן אָפּגעהיטענער אין מצוות, אַ ייד אַ מאמין. פון דעסטוועגן באַמערקט מען באַלד, אַז זיין שאַפונג איז איבערפולט מיט צווייפל, דורכגעדרונגען מיט פּעסימיזם. מיר באַגעגענען דאָ אָפּט דעם מענטש שטיין פאַר הויכע פּלויטן, דיקע ווענט, בלאָקירטע וועגן. עס בלאָזט דאָ אַן אַ שיעור פאַטאַליזם. דער מענטש מאַלט זיך אויס הילפלאָז, אַ מין שפּילצייג אין די הענט פון כוחות אויף וועלכע ער האָט קיין השפּעה נישט. ער איז בכלל נישט קיין האַר איבער זיך. זיין רצון און זיין זעלבסט־אויסגעקליבענער וועג זענען נישט מער ווי אַן אילוזיע. אין דער אמתן איז ער אַן אָנמעכטיקער אָביעקט.

עס קומט אויף אין זכרון די דערציילונג „ספר תכלית המעשים“. זי באַשטייט, אויסערלעך, פון פאַלקסטימלעכע מעשׂיות, וואָס עס „פּלעכטן“ צווישן זיך עטלעכע חסידים אין באַן, אויפן וועג צו זייערע רביים. דורך די דאָזיקע מעשׂיות קומען אויף שטיקער יידיש לעבן, פּרנסות, מנהגים, יחוס פון משפּחות. מיר געניסן פון פאַרבנרייכע שטייגער־באַשרייבונגען, וועלכע באַשטעטיקן עגנונס רעפּוטאַציע אַלס דעם גרויסן מייסטער פון עפּאָס פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. אָבער, ווען מיר לייגן צו אַן אויפמערקזאַם אויג צו אָט־דעם, דוכט זיך, „אַלטמאָדישן“ געוועב, געפינען מיר אין אים דווקא אַן אולטראַ־מאָדערנעם אינהאַלט־לעכן שטריך. עס ווייזט זיך אַרויס: די פאַרנדיקע חסידים רעדן און רעדן, בינדן און אַסאַציאירן אַ מעשׂה צו אַ מעשׂה — און ביז עגנונס דערציילונג קומט צו ענדע, דערפאָרן זיי נישט צו זייער ציל... אייניקע מאָל האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט נישט אין דעם פאָרויסגעזעענעם אָרט און נישט אין דער פאָרויסגעזעענער צייט. די ליניע איז פאַרפּלייצט געוואָרן און אַ וואַגאָן איז אַראָפּ פון די רעלסן... עפּעס מאַלט זיך דאָ אויס אַן אויפגע־טרייסלטער וועג, וואָס פירט נישט צו קיין באַשטימטן תכלית — אַ וועלט וואָס איז אַראָפּ פון די רעלסן...

די דאָזיקע דערציילונג, ווי פיל אַנדערע, ווייזן, אַז עגנונס רעסטאַוו־ראַציע פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט, איז נישט שטענדיק אויסן דווקא איר

אידעאַליזאַציע. אלנפאַלס, די פאַרגאַנגענע צייטן זענען אויך ווייט געווען פון תמימותדיקער שלימות און פעסטן בטחון. אויך דער נאַיוו־גלויביקער ייד פון מיט עטלעכע דורות צוריק, איז געווען אין געפענגעניש פון דרויסנדיקע קרעפטן, אָדער פון אינערלעך־פאַרבאָרגענע אימפולסן. בכלל, אין מענטשנס לעבן געוועלטיקט דער צופאַל. אין פיל פון עגנונס דערציי־לונגען איז דער העלד אַ פּאַסיווע באַשעפעניש, אַפילו ווען אים דוכט זיך, אַז ער אַליין באַשטימט זיינע גאַנגען און אויפטוען. זיין אַקטיוויטעט איז אַן אָנשטעלערישע. זיין באַלעבאַטעווען איבער דעם אייגענעם ווילן איז אַן אויסטראַכטעניש. די מינדסטע קליניקייטן פירן אים אַראָפּ פון דעם אָנגעצייכנטן וועג.

*

כדי צו זען וואָס פאַר אַ כוח עס האָט דער צופאַל, איז גענוג איבער־צולייענען די קליינינקע דערציילונג „הנרות" („די ליכט") סך־הכל צוויי זייטלעך. דער מחבר הויבט אָן מיט א דערקלערונג, אַז „סוף־סוף האָב איך זיך גענומען צייט צו גיין צום ים". דאָס איז געווען ערב שבת, נאָך די פאַריאָגטע ששת ימי המעשה. ער באַפרייט זיך פון אלע זיינע וואָכעדיקע געשעפטן, נעמט ווייסע וועש און גייט זיך באָדן. די סימבאָליק איז דאָ אַ קלאָרע: דער מענטש איז זיך מתכוון צו „ווייסן", זיך רייניקן, זיך הייליקן. אָבער אויפן וועג צום ים באַגעגנט אים דער ה' חיים אַפּראָפּאָ. ס'איז באַלד וויכטיק צו דעשיפרירן דעם אויסטערלישן פאַמיליע־נאָמען — „אַפּראָפּאָ": ס'הייסט — עפּעס דרך־אגב, צופעליק (אַ פּראָפּאָ). דער דערציילער ווערט דורך דעם ה' אַפּראָפּאָ פאַרשלעפּט ערגעץ־אַנדערש, „אין אַ הויז אין וועלכן איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען". דערווייל האָט זיך ה' אַפּראָפּאָ פון יענעם הויז אָפּגעטראָגן — און דווקא דער דערציילער איז דאָרט געבליבן. ער פאַרעט זיך מיט ליכט, וואָס פאַלן אום אין די לאָמפּן — נישט זיינע קיין זאַך, אָבער פון דעסטוועגן איז ער ממשיך און פרוווט זיי אויסגלייכן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרברענען דעם טיש מיטן טישטעך... צום סוף קומט ער יאָ צום ים, אָבער געפינט נישט קיין אָרט ווו אַוועקלייגן זיין פעקל... נאָכדעם האָט ער זיך דאָך אויסגעטאָן און קלייבט זיך שוין אַריינשפּרינגען אין וואַסער, אָבער האָט מורא אַז ער וועט שפּעטער נישט דערקענען וועלכע ס'איז דאָס ריינע העמד, צי די

וועלכע ער האָט איצט אויסגעטאָן, צי די וועלכע ער האָט מיטגענומען צום איבערבייטן... דערוויל האָט זיך דאָס וואַסער פון ים אָנגעהויבן צו הויבן און האָט פארשווענקט זיינע פיס. איז ער אַרויף אויפן בריק. האָט די בריק אָנגעהויבן ציטערן...

אַ ווײַלע טראַכטסטו: אַ מעשה פון גאָרנישט. באַלד ווערסטו אָבער אָנגעשטעקט מיט אַ קאַפקאַישער אַטמאָספער: אַלץ, כמעט אין יעדער שורה, באַקומט זיך דאָ אַ קאַפּויער, נישט אין איינקלאַנג מיט דעם מענטשנס ווילן. קיין איינע פון זיינע כוונות — אין ווערטלעכן זין און אין דער העכערער משמעות — איז נישט מקוים געוואָרן. נאָך מער: פון דעם גוטן, זויבערן פאַרלאַנג, מיט וועלכע די דערציילונג הויבט זיך אָן — לאָזט זיך גאָר אויס אַ ציטערנדיקע בריק. אויף צווי נאַראַטיווע זייטעלעך — אַזוי פיל אויפטרייסלונגען! און אַלע — אומגעריכטע. זיי שפּילן אַ שפּאַס מיטן מענטש און מאַכן וואָס זיי ווילן מיט אים און מיט זיינע באַגערן.

ס׳איז אין דער דאָזיקער קליינער דערציילונג אָנגעדייט נאָך אַן אילוזיע — די אילוזיע פון אויסבעסערונג־פּרווון. ווי געזאָגט, אין דעם הויז וווּ דער דערציילער איז נישט־וויסנדיק פאַרקראָכן, פּרוּווט ער פאַרריכטן די אויסגעבויגענע ליכט. ווידער — אויבערפלעכלעך — אַן ענין פון גאָרנישט. אָבער מיר זעען, אַז ער איז נישט מצליח. פון זיין מתעסק זיין מיט די ליכט זענען זיי נאָך מער צעקוועטשט און אויסגעקרומט געוואָרן...

אפשר זעען טאַקע אויס הילפלאָז און צוועקלאָז אַלע מענטשלעכע כוונות און פּרווון מתקן־עולם צו זיין? אַלנפאַלס, שווערע טראָפּנס פון סקעפּטיציזם זענען אויסגעשפּרייט אויף די ווערק פון דעם שרייבער, וואָס איז דווקא אַ רעליגיעז־אָפּגעהיטענער ייד. מיר געניסן נישט ביי עגנונען פון באַקוועמער אמונה. פיל פון זיינע העלדן זענען בלאָנדזשענדיקע נשמות, טראַגישע פיגורן. אַמאָל דאַכט זיך, אַז זייער אומגליק איז דאָס זוכן גליק און תכלית — זאַכן, וועלכע זענען גאָרנישט בנמצא, וועלכע זענען קעגנזעצלעך דער מענטשלעכער צערודערטער נאַטור. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין ברעג. די מענטשלעכע שלימות, די האַרמאָניע אין לעבן — זענען נאָר מיראַזשן.

אַזוי שטייען מיר אויך באַצויבערט פאַר דער פענאָמענאַלער קינסט־לערישער קראַפט, מיט וועלכער דווקא דער „ביטשאַטשער" עגנון האָט

קריסטאַליזירט די עלנטקייט פון דעם מאָדערנעם מענטש. אָן אַ שיעור פּירושים זענען שוין געשריבן געוואָרן וועגן עגנונס „תמול־שלשום" („נעכטן־אייערנעכטן"), וועלכע מען קען באַטראַכטן ווי אַ ברייטקאַנווּעדיקן און טיפזיניקן עפּאָס פון דער צווייטער עליה. אָבער אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע איצטיקע פאַרטראַכטונגען ווילן מיר, קודם־כל, אָנווייזן אויף איינעם פון די וויכטיקסטע „פּערסאָנאַזשן" אין דער דאָזיקער דערציילונג: דער גאַסן־הונט בלק. דער הונט איז דאָ אַ מייסטערהאַפטע פאַרקערפּע־רונג פון איינזאַמקייט, פון יתומדיקייט — און געוויס פון היגטישער הכנעה צום גורל. אָבער בלק איז נישט סתם אַן אַלעגאָרישער הונט. ער האָט זיין אייגענע וועלט. אַ וועלט פון רצונות — און אַפילו חלומות. זיי לאָזן זיך אָבער אויס צו גאָרנישט — פּונקט אַזוי ווי די רצונות און חלומות פון יצחק קומער, וועמענס זינלאָזער טויט האָט פאַרחתמעט אַ זינלאָז לעבן...

*

מען מוז וואָרענען דעם לייענער ער זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז מען קען עגנונען לייכט „עטיקעטירן". זיין שאַפונג איז אַ בנין פון פיל פליג־לען און פיל עטאַזשן. אין דעם גאַנצן עגנון זענען פאַראַן גענוג סימנים, וועלכע וועלן באַרעכטיקן זיין דעפיניציע אַלס באַזינגער אָדער דענקמאָל־שטעלער פאַר דער חרוב־געוואָרענער כנסת־ישראל אין גלות, און גענוג סימנים, וועלכע מאַכן אים אָנגעהעריק צו די עקזיסטענציאַליסטישע שטראָ־מען פון דער וועלט־ליטעראַטור. אָט מאָלט ער זיך אויס — אַזוי טעמאַ־טיש ווי שפּראַכלעך — אַלס גאָר קאָנסערוואַטיווער שרייבער, און אָט טרעפן מיר אים אויפן אַוואַנגאַרדיש־דערציילערישן וועג — פאַרטאָן, הויפּטזעכלעך, מיט דעם אונטערבאַוווּסטזיין. עס איז קיין ספק נישט, אַז עגנון לעכצט צו אַ דערהויבענער וועלט, אָבער זיינע וויזיעס פירן אים נישט אַראָפּ פון דעם האַרטן רעאַליסטישן באָדן. און רעאַליזם איז ביי עגנונען, דעם מאָדערניסט, אַ ברייטער באַגריף, פאַר וועלכן דאָס געזעענע, געהערטע און דערפילטע מיט די אָנגענומענע חושים, איז נאָר אַ קליינער ברוכטייל פון דערווירקלעכקייט. עגנונס רעאַליזם איז פאַראַנקערט אַזוי אין די אייבערשטע מעטאַפיזישע שטאָקן פון מענטשלעכן מהות, ווי אין די פאַרבאָרגענע „קעלערן" פון דעם פסיכישן לעבן.

עגנון דער רעאַליסט — אָדער סורעאַליסט — קען זיך נישט דערלויבן צו פורעמען זיינע פּערסאָנאַזשן און בילדער לויט אַן אידעאַליסטישן רעצעפּט. אמת, עס קומט צום אויסדרוק זיין אייגענע בענקעניש און זוכע־ניש פון הייליקייט. אָבער די פראַגע אויף וועלכער עס שטויסט זיך אָן דער קינסטלערישער יושר איז: ווו זענען זיי, די העכערקייט און הייליקייט? עגנון קאַרגט נישט זיינע העלדן קיין גוטן ווילן. אָבער צי דען ריכטעט זיי דער באַוווסטזיניקער ווילן?

האָט זיך טאַקע באַקומען, אַז דווקא דער אַזוי יידיש־המשכדיקער און יידיש־שלימותדיקער שרייבער האָט אויפגעשטעלט אַן אויפגערודערטע יידישע, מענטשלעכע וועלט. דאָס איז נישט קיין סתירה פון עגנונען. דאָס איז די סתירה פון דעם רעאַלן לעבן. וואָס זאָל מען טאָן, ווען די סתירה גופא איז אויך אַן אינטעגראַלער טייל פון דער „גאַנצער" ווירקלעכקייט?

*

עגנון בענקט אָבער און לעכצט. און אויב ביטשאַטש קען ביי אים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעדיום צום אַרויסברענגען די פּסיכישע אויפ־טרייסלונגען פונעם מאָדערנעם מענטש, קען זי געוויס אויך פאַרשטעלן מיט זיך, צייטנווייז, אַ מוסטער פון אַ דערהויבענער, מער שלימותדיקער וועלט, טראָץ פאַרשידענע ריסן און שפּאַלטן, וועלכע עגנון אַליין האָט אין איר בולט געמאַכט.

ש"י עגנון האָט אַמאָל געזאָגט, אַז בעתן לייענען זיינע דער־ציילונגען באַקענט מען זיך מיט אַן עיר ואם בישראל, ביטשאַטש, און ער האָט צוגעגעבן: „די שטאָט, וואָס איך בין דאָרט געבוירן געוואָרן, איז אין מיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ קהילה קדושה מיט יידן, וואָס מיר וועלן זיך נישט שעמען מיט זיי אַנטקעגנצוגיין משיחן".

פאַרבלייבט דאָך אין אונדזער אויפגעטרייסלטער, סקעפּטישער וועלט — דער אויסקוק אויף משיחן. דאָך זענען אין ביטשאַטש פאַרפלאַנצט אייגנשאַפטן, וועלכע זענען איר מכשיר צו די אידעאַלע משיח־צייטן.

גרשון שאַפּמאַן

שטיקער אייגן לעבן אין זיין שאַפן

אַן אַלטער, כמעט אויסגעדראָשענער כלל: ווילסטו דערקענען (און פאַרשטיין) דעם דיכטער, — און נאַטירלעך: דער זעלבער כלל איז חל אויף פּראָזע־שעפער — טאָ גיי אין זיין לאַנד. ביי גרשון שאָפּמאַן, איינער פון די מזרח־וואַנט־שרייבער אין דער העברעישער ליטעראַטור, דער גרויסער מייסטער פון דער קליינער נאָוועלע (אַ היפּשע טייל פון זיינע שאַפונגען זענען מיניאַטורן, געקרוינטע מיט אַן אויבער־קעפּל „אין צוויי־דריי שורות") — קען מען אָנווענדן דעם אויבנדערמאָנטן כלל אויף אַ פאַרקערטן שטייגער: ווילסטו וויסן די לעבנס־געשיכטע פון דעם שרייבער, דאַרפסטו זיך נישט מטריח זיין און לייענען ביאָגראַפיעס; נעם די פינף בענדער פון זיינע דערציילונגען און פאַרצייכענונגען און דו מאַכסט אַדורך מיט אים זיין גאַנצן לעבנס־וועג — פון אָרשע, די שטאָט אין ווייסרוסלאַנד, וווּ ער איז אין יאָר 1880 געבוירן געוואָרן, ביז דעם כרמל־באַרג אין חיפה. לייענסט בלעטל נאָך בלעטל — און דו וואָגלסט מיט שאָפּמאַנען פון איין סטאַציע צו דער אַנדערער, פון לאַנד צו לאַנד. ווייל יעדעס אָרט האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין שריי־

בערס געפילן־קאָמפּלעקס און געדאַנקען־וועלט. יעדע סטאַציע אין שאַפּ־מאַנס וואַגלענישן איז אַ לעבנס־קאַפּיטל, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין שאַפונג.

אַט זענען מיר אין אָרשע און אַט אין דובראָוונע — און מיר קומען, מיטן 14־יאָריקן שאַפּמאַן, קיין וויטעבסק. דאָס איז אונדזער שרייבער, דעמאָלט אַ ישיבה־בחור, געפּרוווט געוואָרן מיטן „עסן טעג" און אויף דער אייגענער הויט געלערנט דעם טייטש פון פּסוק „ועל הארץ תישן". די יאָרן גייען — און לייענענדיק שאַפּמאַנס דערציילונגען געפינען מיר זיך מיט אים צוזאַמען, גאַנצע דריי יאָר, אין די קאַזאַרמעס פון צאַרישן מיליטער אין האַמעל. אין סאַמע אָנהייב פון יאָרהונדערט באַגלייטן מיר דעם „אויס־געדינטן" שרייבער־אָנהייבער קיין וואַרשע, ווען ער האַלט ביי זיך זיינע ערשטע פינף נאָוועלן. דאָס האַרץ קלאַפּט אים אַ ביסל: ווי וועלן זיך אויף זיי אָפּרופן די וואַרשעווער „גרויסע", שרייבער און רעדאַקטאָרן ווי פּרץ, פרישמאַן, נאָמבערג, ש. ל. גאָרדאָן און אַנדערע? האַלטסטו ווייטער שאַפּמאַנס בענדער, ביסטו שוין מיט אים אין גאַליציע, אַהין איז דער שרייבער פאַר־וואַגלט געוואָרן מיטן שטראָם פון פּאָגראָמען־פּליטים פון רוסלאַנד. און אַט מאַכט דער לייענער אַדורך דעם מחברס לעבנס־תקופה אין עסטרייך, ביז דער נאַצישער האַקנקרייץ האָט זיך אָנגעוויקלט, ווי אַ גיפטיקער שלאַנג, אויפן קערפּער פון דער דאָלפוס־שושניג־מדינה. און צום סוף קומען מיר מיט שאַפּמאַנען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

אַ באַלערנדיקע „עקסקורסיע". אויף זיין שטייגער גיט שאַפּמאַן איבער זיינע איבערלעבונגען אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם. ער ווייזט אונדז מענטשלעכע לאַנדשאַפטן און פּסיכאָלאָגישע וועלטן „אויף איין פוס". ווייל ער זיפּט אָפּ די בילדער און געשטאַלטן און שטעלט אָן דאָס אויג און פּע־דער אויף איינער־צוויי, גליך ווי די אַנדערע וואָלטן נאָר געווען אַ פּירוש צו זיי — גיי און דערטראַכט זיך אַליין! ער ברענגט נאָר אַ טראָפּן, וווּ עס שפּיגלט זיך אַ גאַנצער ים.

*

דעם „ים־טראָפּן" ברענגט שאַפּמאַן אַרויס נישט פון זייטיקע באַאָבאַכ־טונג־פּאָזיציעס. נייִן, ער אַליין איז אויסגענעצט געוואָרן אין דעם „וואַסער". כמעט אין אַלע זיינע דערציילונגען און פאַרצייכענונגען דאָמינירט די

פּערזענלעכע סטרונע. אומעטום זענען פּאַרוועבט אויטאָביאָגראַפישע פּעדעם. אין דער באַשרייבונג פון זיינע העלדן אַנטפּלעקט דער מחבר זיך אַליין.

אַפילו ווען שאָפּמאַן באַהאַנדלט אַלגעמיינע און העברעישע ליטעראַטור־פּראָבלעמען, ווען ער זאָגט אַרויס — אין זיינע קריטישע נאָטיצן — מיינונגען וועגן שרייבער און ביכער, זענען זיינע רייד אַ מין פירוש צו זיין אייגענעם געשמאַק און שרייבערישער מאַניער. צייטנווייז דוכט זיך, אַז ער שרייבט וועגן אַנדערע און איז אויסן, קודם־כל, זיך אַליין — זעלבסט־אויסטייטשונג.

געוווג צו דערמאָנען איינציקע נעמען פון שאָפּמאַנס פּאַרערטע פרעמדע שרייבער. אַ באַזונדערס וואַרעמע אָנערקענונג האָט ער פּאַר פּעטער אַלטענבערג, וועמענס ווערק ער האָט אַליין איבערגעזעצט אויף העברעיש און זיי באַגלייט מיט אַ קורצער הקדמה. ביים אָפּשאַצן אַלטענבערגן באַטאָנט ער די „כאַראַקטעריסטישע נעמען" פון זיינע ביכער: „ווי מיינע אויגן זעען", „וואָס דער טאָג טראָגט מיר צו", „דאָס לעבן גופא". באַלד ווערט קלאָר: שאָפּמאַן האָט ליב און שעצט ביי אַלטענבערגן דעם אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט, אָדער ווי ער באַצייכנט עס — די „זעלישע נאַקעטקייט". אין אַלטענבערגס ווערק האָט אים צוגעצויגן דער „ווידוי־עלעמענט", וואָס פאַרוואַנדלט זיי אין „אינטימע נאָטיצן פון זיין טאָג־טעגלעך לעבן, עפּעס ענלעכס צו פּריוואַטע בריוו אָדער טאָגבוך־אויסצוגן". מעג מען טאַקע באַמערקן: שאָפּמאַנס נאָטיצן וועגן אַלטענבערגן זענען אַ שליסל צו פאַרשטיין שאָפּמאַנען נישט ווייניקער ווי אַלטענבערגן. ווייל ביידע ציען זיך צום „נאַקעטן אמת", צו דעם „אַזוי ווי עס איז", צום „רויען שטאָף". שאָפּמאַן באַטאָנט אַפילו מיט אָנערקענונג אַלטענבערגס מנהג „אָנצורופן די גאַס, דאָס קאַפעהויז און דאָס מיידל מיטן פּריוואַטן נאָמען" — אַ מנהג, ביי וועלכן אויך שאָפּמאַן האַלט זיך אין פיל פאַלן.

*

אַן ענלעכער ביישפּיל איז שאָפּמאַנס באַציאונג צו דאָסטאָיעווסקין. אין די ווערק פון אָט דעם גרויסן רוסישן שרייבער זענען אים נאָענט יענע העלדן, וועלכע זענען ווי אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון לעבנס־ים. בכלל האָט שאָפּמאַן ליב דאָסטאָיעווסקין מערער פון אַנדערע שרייבער, ווייל „ער

האָט געזען און געליטן מערער פון זיי". אָבער דאָס וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן איז געגעבן געוואָרן אין זיינע ערשטע ביכער — און דערפאַר זענען זיי, לויט שאַפּמאַנען, די בעסטע פון זיינע ווערק; אין דאָסטאָיעווסקיס שפּעטערדיקע שאַפונגען האָבן אידעישע פאַר־טראַכטונגען און אימפּולסן געירשנט דאָס אָרט פון די אוממיטלבאַרע באַ־טראַכטונגען און איינדרוקן — ממילא האָבן געקינסטלטע באַשעפעענישן פאַרטראָטן די נאַטירלעך־אמתע מענטשן. כאַראַקטעריסטיש, שאַפּמאַן שעצט העכער דעם טאָגבוך פון דאָסטאָיעווסקיס פרוי ווי איר מאַנס שפּעטערדיקע גרויסע ווערק — ווייל שטענדיק איז בעסער דאָס וואָס דאָס אויג זעט פון רעפלעקסן און קאָפּ־מלאכה...

אַפילו לגבי אַזאַ זשעני ווי לעוו טאָלסטאָי, האַלט שאַפּמאַן, אַז די גרויסע פאַנטאַזיע האָט אים מכשיל געווען; דער עצם־פאַקט, וואָס אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק ווי „מלחמה און שלום" איז געבוירן געוואָרן נישט פון אוממיטלבאַרער זעאונג, נאָר אין דער אידיליע־זאַטער יאַסנאַיאַ פּאָליאַ־נאַ — דאָס אַליין איז שוין אַ פעלער... און אין קעגנזאַץ צו „מלחמה און שלום" — די גאַנצע גרויסקייט פון רעמאַרקס „אויפן מערב איז נישטאָ קיין נייעס" באַשטייט דערין, וואָס דאָס איז „נישט קיין שאַפונג, נאָר אַ מעמואַריסטישע אַרבעט"...

דאָס איז טאַקע איינער פון די חשובע „פּאַראַגראַפן" אין שאַפּמאַנס ליטעראַרישן „אני מאמין": וועגן מלחמה דאַרף שרייבן אַ זעלנער, וואָס האָט אין איר אָנטייל גענומען (און דווקא אַ פשוטער זעלנער — און נישט קיין אָפיציר, וועמענס קוק, מעגלעך, איז שוין אַן „אונטערגעקויפטער"); וועגן טורמע־לעבן זאָל שרייבן נאָר דער אַרעסטאַנט; וועגן קאַטאָרגע — דער וועלכער איז איר אויסגעשטאַנען; וועגן לעבן אין שפּיטאָל — ווער ס'האָט זיך דאָרט אין בעט געפּייניקט; וועגן דער אַטמאָספער פון דער קאַזאַרמע — נאָר דער, וועלכער האָט זיך צווישן אירע ווענט יאָרן געוואַל־גערט. ווער עס איז מיט דעם אַלעמען אַליין נישט אויסגעפּרוווט געוואָרן — וועלן אים דער טאַלאַנט און די געבענטשטע פאַנטאַזיע נישט ביישטיין. זיין ליטעראַרישע שאַפונג וועט זיין אַ מין ווויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אַ פּראָפע־סאָרישע, פאָרשערישע. און די לופט מיט וועלכער ס'דאַרף אָטעמען אַ ליטע־ראַריש ווערק איז דער טוריסטישער עלעמענט, דער „אַמונדסענישער, אויפדעקנדיקער יסוד".

יהושע א. גלבוע

*

מיט די אייגענע אויגן... ווי אַליין געזען און איבערגעלעבט... דערפאַר אַטעמען גרויסע טיילן פון גרשון שאַפּמאַנס שאַפונג מיט שטיקנדיקער לופט. פאַרזונקען אין מרה־שחורה, פאַרכאַפּן זיי דעם לייענער מיט אַ נעץ פון געשפּענסטיקע לעבן־שאָטנס. דלות, נויט, אומעט, אַפּהענטיקייט, שרעק, קרענק און טויט — זיי „באַלעבאַטעווען" אין אַ גאַנצער ריי פון שאַפּמאַנס דערציילונגען. פּעסימיזם און יאוש שרייען אַרויס פון זיינע שילדערונגען און פּערסאָנאַזשן, וואָס זענען נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון שרייבערס אָבסער־וואַציעס, נאָר אויך אַ „קינד" פון אייגענע יוגנט־איבערלעבונגען.

לאָמיר נאָר אַכטונג געבן: וויפל מאָל חזרט זיך איבער אין שאַפּמאַנס ערשטע דערציילונגען — טובערקולאָז?! די „טויט־בריהלעך" נעסטיקן אין גוף פון דעם 22־יאָריקן יונה; רפאל איז אַ בחור פון אַ יאָר 18, און מיט זיינע הויז־לעקציעס איז ער דער משפחהס ברויטגעבער, נאָכדעם ווי זיין טאַטע דער מלמד איז אַוועקגעשטאָרבן פון טובערקולאָז; עזרא לעווינסאָנס זיידע איז אַ טובערקולאָזניק; און וועגן וואָס שמועסן די צוזאַמענגעקומענע אין „פרעמדן הויז"? — „וועגן דעם טובערקולאָז־קראַנקן בחור, וואָס וווינט אויף דער זעלבער גאַס און איז היינט אַוועקגעשטאָרבן"...

דער טובערקולאָז־מלאך־המות שניידט דאָ, ווי מיר זעען, אויף רעכטס און אויף לינקס, איז נישט איבערקלייבעריש צווישן יונגע און אַלטע קרבנות. די עיקרדיקע געשפּענסטיקייט באַשטייט דערין, וואָס אָט די מחלה איז דאָ גאָרנישט קיין אורח, נאָר אַ שטענדיקער תושב; אַ געוויינלעכע, אָנגענומענע דערשיינונג, וואָס מאַכט שוין כמעט קיין איינדרוק נישט. און אויב אין דער דערציילונג „אין אַ פרעמד הויז" האָט די מאַמע פון דעם מיידל „כמעט געחלשט" ווען מ'האָט איר געזאָגט וועגן טויט פון טובער־קולאָזנעם בחור, רופט זיך באַלד אָפּ דאָס מיידל: „שאַ, שאַ, אָן התפעלות! — נישט אויף אים שטייט די וועלט און זי וועט אָן אים נישט חרוב ווערן!"....

וויזט אויס, אַז שאַפּמאַנס קינדהייט און יוגנט האָט געשטעקט טיף אין דלות און נויט, וואָס מאַכן מעגלעך אַזאַ „טובערקולאָזנע אַטמאָספער". פון זיינער אַ שאַפונג דערוויסן מיר זיך: אַ דרייצן־יאָריק יינגל איז ער געווען, ווען מ'האָט אים געשיקט זיך אויסלערנען די מלאכה פון שטריק־מאַכעריי, און קודם־כל, פאַרשטייט זיך, דרייען דאָס ראָד ביי די „קאַנאַטניקעס". די

סיבה — גאָר אַ פּשוטע: „די דחקות אין שטוב איז געווען גרויס און דער ענין „תכלית" האָט געשוועבט אין דער לופטן מיטן גאַנצן כוח". דעמאָלט האָט איינער פון די אַרבעטגעבער אַ זאָג געטאָן וועגן דעם בר־מצווה־ייִנגל: „אָ, אָ, ער הוסט שוין ווי אַ גרויסער שטריקלמאַכער"...

ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס יענע יאָרן האָבן אין ייִנגלס האַרץ איבערגעלאָזן אַ געדיכטע ביטערניש — און דער שפּעטערדיקער שרייבער פילט זי צענדליקער יאָרן. ער דערציילט טאַקע, ווי ער ווערט שטענדיק אויפגעציטערט ביי אַ שויפענצטער פון אַ שטריק־קראָם. מיט עכט־שאָפּמאַ־נישער פילזאָגנדיקער לאַקאָנישקייט זאָגט דער מחבר: „מיין 13־טער יאָר, מיט זיין גאַנצן זאַפט, איז אין אָט די שטריק פאַרפלאָכטן".

אָט דער דריקנדיקער דלות איז נישט נאָר גורם פיזישע יסורים, ער שאַפט אויך פסיכישע קאָמפּלעקסן. שאָפּמאַן איז וייט פון אַ וועלכער ס'איז דלות־אידעאַליזאַציע; פון אַנדייטן אויף בני־עניים, וואָס וועלן נאָך אפשר איבעררעשן די וועלט... ניין, די פיזישע אָרעמקייט ביי שאָפּמאַנען דערני־דעריקט אויך דעם מענטשנס גייסט, דערפירט אים צו בטלנותדיקער גריב־לעריי, צו פּוסטע טראַכטענישן: דניאל (אין דער דערציילונג „דער קאָלאָש") איז „געגאַנגען פאַמעלעך און געטראַכט און געחידושט, וואָס אַזעלכע קליי־ניקייטן ווי אַ ביסל אַ צעריסענער קאָלאָש — קענען אַזוי שטאַרק ווירקן אויף דעם מענטשנס גייסט... דו גייסט און פילסט זיך ווי אין עפּעס באַ־שולדיקט"...

*

אמת, אויך אין אָט דער אַטמאָספער פון דחקות און „טויט־בריהלעך" וועבן זיך שטרעבונגען, אָבער שאָפּמאַן לאָזט זיי נישט זיך צעוואַקסן. על־פּי־רוב גייען זיי אויס שנעל, פּונקט ווי ס'וועלקן און פאַלן אַוועק זייערע טרעגער. צווישן די העלדן פון שאָפּמאַנס ערשטע דערציילונגען — באַזונ־דערס צווישן די לערנדיקע ייִנגלעך און מיידלעך — טרעפן מיר אַזעלכע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט „העכערע אידעאַלן" און „טיפערע געדאַנקען", אָבער מערסטנטייל זענען זיי פאַרנעפּלט־פאַרטושטע — אַ געמיש פון „פי־לאָזאָפישער" חקרנות און אויסגאַנגלאָזער אָפּהענטיקייט. איינע פון די שטרעבונגען ביי אָט דער יוגנטלעכער „אינטעליגענץ" איז צו לערנען, דערוואָרבן וויסן, כדי קענען זאָגן עפּעס „אַ וואָרט" די ברידער און שוועס־

טער, אַנוויַיזן „אַ וועג“ פֿאַר די בלאָנדזשענדיקע — אָבער פֿאַר די „אינטע־ליגענטן“ אַליין איז נישט קלאָר דער וועג און זיי האָבן נישט קיין תשובה אויף דעם מאַטערנדיקן „וווּהין?“.

פֿון די פֿאַרנעפּלטע געפֿילן און זוכענישן האָט זיך נאָר איינע קאָנקרע־טיזירט — אַז „פֿון דאַנען“ דאַרף מען זיך אַרויסרייסן. שאַפּמאַן מאָלט זיין קינדער־שטוב: שפּינוועבס, אַ בלאָטיקער קאַרטאָפֿל־באַרג אין איין ווינקל, אַ קליין פֿאַרקאָפּטשעט לעמפּל, אַ מאַמע שטריקט אַ זאָק, שימל, פֿייכטקייט... און דער לייענער שפּירט ממש, ווי דער מחבר וואָלט אים אונטערגעזאָגט: אין אַזעלכע הייזער וואַקסן זיי, די דניאלס און רפֿאלס, וואָס זענען פֿון קינדהייט אָן איינגעשפּאַנט אין דעם פּרנסה־יאָך און אָטעמען די לופֿט פֿון טויט־באַצילן — ביז זיי קומען צו דעם איינציקן אויספֿיר: „אויב איך בין אין אַזאַ שטוב געבוירן געוואָרן, — הערסטו זאָגן איינעם פֿון שאַפּ־מאַנס פּערסאָנאַזשן — האָבן נישט געקענט זיין קיין אַנדערע רעזולטאַטן“. דעם 17־יאָריקן דניאל איז קלאָר: דער דלות אין אַזאַ שטוב איז אַן אומ־פֿאַרמיידלעכער, אַ מין גזר פֿון גורל: „די אָרעמקייט דאָ — זאָגט דניאל — איז אַ טאַטע־מאַמע־ירושה“ און ער פֿאַנטאַזירט: „אַז איך וועל פֿון אַט דער שטוב פּטור ווערן, וועל איך אַלץ האָבן“. טראָגט זיך אין שטוב — אַמאָל שטום און אַמאָל הילכיק — דאָס געשריי: „אַנטלויפֿן פֿון דאַנען!“.

*

די דניאלס און רפֿאלס רייסן זיך פֿון די דערשלאָגענע, פֿינצטערע היי־מען. און ווען זיי קומען שוין אַרויס „אין דרויסן“, איבערצייגן זיי זיך, אַז ס'איז גאָרנישט קיין רויזן־וועג אויסגעשפּרייט פֿאַר זייערע פֿיס.

אין די ווייטערדיקע דערציילונגען אַנטפּלעקט ווידער שאַפּמאַן אַ מיאוסע, שאָטנדיקע, אַכזריותדיקע וועלט. אויך אין זיי דאָמינירן טונקעלע פֿאַרבן. זיי זענען באַפּעלקערט, הויפּטזעכלעך, מיט טרויעריקע, טראַגישע פֿאַרשוינען. אין אָט די דערציילונגען זענען פֿאַרפֿיקסירט שאַפּמאַנס וואָג־לעניש איבער די צאַרישע קאַזאַרמעס, אין גאַליציע און שפּעטער אין עסטרייך, וווּ ער האָט איבערגעלעבט, ווי געזאָגט, די פֿאַרשפּרייטונג פֿון האַקנקרייץ־ראַק.

באַזונדערס קרעפֿטיק איז שאַפּמאַן ביים אַנטפּלעקן יחיד־קלעמענישן אין אַ רעזשים־שטייפֿער מאַסן־ראַם — אין שילדערן אַזעלכע לעבנס־

מקומות, ווו מענטשן ווערן „צופיל דערוואַקסן": שפּיטאָלן, טורמעס, קאַ־זאַרמעס. פון אַזאַ אויסגאַנג־פּונקט איז נישטאָ, צום ביישפּיל, קיין אונטער־שייד צווישן אַ שפּיטאָל און אַ קאַזאַרמע — די זעלבע אוניפאָרמישקייט, איינטאָניקייט. די גרויע קאָליר פון סאָלדאַטן־מונדיר און די שפּיטאָל־ווייס־קייט וואַרפן אָן די זעלבע נשמה־דערשלאָגנקייט: „דער אַלטער פּראָפעסאָר, וואָס שפּאַנט צווישן די בעטן אין דער שפּיץ פון זיינע יונגע אַסיסטענטן — ער איז ממש ווי יענער גענעראַל, וואָס איז בשעתו פאַרבייגעגאַנגען די רייען אין דער באַגלייטונג פון זיינע אָפיצירן"...

גאָר איינדרוקספולע באַשרייבונגען האָט אונדז שאַפמאַן געגעבן פון דעם אומעט, פאַרטעמפּטקייט און נשמה־ליידיקייט אין קאַזאַרמע־לעבן, כאָטש זיי שירעמען זיך מיט אַ דיקער שיכט פון גראָבע און פריילעכע וויצן, שיכרות און צעלאָזנקייט. מיר זעען ממש דעם סאָלדאַטישן פּרעסעריי־קולט (דאָס עסן „ווערט צום סוף פאַרוואַנדלט אין אַ תפילה"), די מחשבה־ראַבאַ־טיזאַציע — און דער עיקר די שוידערלעכע גלייכגילטיקייט פון סאָלדאַט צו זיין אייגענעם גורל, אַפילו לגבי דער פראַגע: מלחמה אָדער נישט־מלחמה?

עס גייען פאַרביי פאַרשידענע טיפּן: וויכינקע־שטילינקע, נעבעכדיקע (דער „קאַליקע" פון דער ראָטע) — און פויסט־לייט, באַפעלערישע „תקי־פים". צווישן זיי פלאָנטערט זיך און שטאַרצט דער ייד־סאָלדאַט. אָבער שאַפמאַנס קאַזאַרמע־ייד איז אויך, מערסטנטייל, פריי פון סענטימענטן, אויך גאַנץ גלייכגילטיק צום אַרום און צו זיך גופא. ער איז — וואָלט איך געזאָגט — „פאַרגויאישט"...

*

ביים באַגעגענען אַזעלכע „סאָלדאַטשינע־יידן" — דאַרף מען מודה זיין — בונטעוועט זיך אַ ביסל די יידישע עמפּינדלעכקייט פונעם לייענער. מיר ווייסן, אַז די מיליטער־פּרשה איז געווען זייער אַן אָנגעווייטיקטע אין אַמאָליקן יידישן גלות־לעבן. די מורא פאַרן „גיין דינען" האָט געשוועבט געשפּענסטיק איבער דעם תחום־המושב. צו דעם פאַרויסגעזעענעם פיזישן פּיין זענען צוגעקומען די „אויסזיכטן": אָפּגעריסן ווערן פון דער משפּחה, עסן טריפות, נישט קענען דאַווענען, זיך וואַלגערן מיט די „ערלים" און אויסהערן זייער ניבול־פּה („די נשמה־בלאָטיקייט און פאַרדאַרבנקייט האָבן

איצט אַראָפּגעוואָרפן יעדן יאָך און אַרויסגעשטעקט אַ צונג צו יעדער באַגרענעצונג און באַצוימונג" — אַזוי כאַראַקטעריזירט שאַפּמאַן אַליין דעם סאָלדאַטסקן ניבול־פּה). חוץ דעם האָט דער יידישער קאַזאַרמע־מענטש געהאַט אויסצושטיין שנאה און שפּאָט פון דער סביבה, און נישט איינמאָל געווען אויסגעשטעלט צום פאָרוואורף פון זיין „אַ פאַרקויפטער". טראָץ דעם אַלעמען אַקלימאַטיזירן זיך שאַפּמאַנס יידן אין דער קאַזאַרמע גאַנץ שנעל און גוט. אַפילו ווען דער איינציקער ייד אין דער ראָטע הערט זיך אָן, פון די ערלים אַרום אים, מעשיות וועגן זייער פאַגראָמעווען, וועגן יידיש בלוט־פאַרגיסונג, וועגן זייער ראַבעווען יידיש האָב־און־גוטס — זעט ער אויס נישט איבעריק געריררט. קאַלטבלוטיק דערציילט איינער, ווי „ער האָט געשטאָכן מיט זיין באַגנעט דאָס יידישע מיידל דאָרט אין הויז", און דער יידישער סאָלדאַט כמו־הערט נאָך קרעכצן און וויי־געשרייען און שויבן־ברעכעריי — אָבער עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אַלע איבערדער־ציילטע גרוילן פירן אים נישט אַרויס פון זיין סאָלדאַטסקן גלייכגעוויכט.

מיר האָבן אַן אַנדערן ביישפּיל, אַ נאָך מער אויפרעגנדיקן פאַר דער יידישער עמפינדלעכקייט. דער יידישער סאָלדאַט אברהם דיכנא שטייט אויף דער וואַך. ער האָט אַ באַפעל: „די זשידעס פון דער שטאָט בשום אופן נישט געבן קיין וואַסער". דוכט זיך, דאָ וועט זיך אַנטפּלעקן אַ רירנ־דיקע מענטשלעך־יידישע דראַמע. אָבער שאַפּמאַנס אברהם דיכנא בלייבט רואיק, ווי אַריינגעוואַקסן אין זיין סביבה. ער איז אַ מוסטערהאַפטער זעל־נער, אַ גוטער שיסער, ער האָט ליב זיין ביקס און שטיוול, וואָס ער פּוצט מיט הנאה — און ער פאַרטרייבט דעם שטאָטישן ייד, וואָס קומט אונטער און בעט זיך מ'זאָל אים לאָזן נעמען אַ ביסל וואַסער, כדי אויפקאָכן דעם סאַמאָוואַר פאַר אַן אָנגעקומענעם גאַסט אין שטוב.

*

אַזוי שטויסן מיר זיך אָן אויף דער שאַפּמאַנישער טענדענץ פאַרצו־שטעלן ברוטאַלע, פאַרגרעבטע, שטיינהאַרציקע פאַרשוינען — און ער איז נישט נוטה צו אַן אויסנאַם־צוגאַנג לגבי יידן. אָט די דאָזיקע טענדענץ ווייזט זיך נישט נאָר אין די קאַזאַרמע־דערציילונגען, נאָר אויך „אין אַרעסט": אין דער טורמע־קאַמער איזדיעקעווען זיך כוליגאַנעס איבער יעדן ניי־אָנגעקומענעם אַרעסטאַנט — און אויב דער „נייער" איז אַ ייד, וועט ער

אַריינכאַפּן אַ טאָפּלטע פּאָרציע פון קלעפּ. און אָט באַגעגענען מיר צווישן די כוליגאַנעס אויך אַ ייד, וואָס שטייט נישט אָפּ פון זיינע קאַמער־חברים אין דער אויפפירונג לגבי דעם ניי־אָנגעקומענעם ייד, האַלטנדיק זיך ביים כלל: „אַ מענטש דאַרף קענען זיך אַקלימאַטיזירן, פּילן די נייע סביבה"...

און פון טורמע — אין שפּיטאָל. שאַפּמאַן באַהאַלט נישט זיין ווידער־געפיל צום ווייכלייביקן ייד, וואָס יאָמערט אין שפּיטאָל, פּונקט ווי ער וואָלט געוועזן דער איין־און־איינציקער וואָס האָט „עפּעס"...

ווייזט אויס, אַז שאַפּמאַן האָט זיך באַמיט, אויף־כוח, אַרויסצורייסן אינערלעכע געראַנגלענישן און שמערצן פון זיינע יידנס הערצער. אין דעם איז אפשר געקומען צום אויסדרוק דעם שרייבערס אַנטלויפן פון דער יידישער „ריסן"־ווירקלעכקייט און פון דער אַמאָליקער העברעישער „ריסן"־ליטעראַטור. אין אָט דעם אַנטלויף האָט ער זיך, „איבערגעבויגן" צום פאַר־האַרטעוועטן, שמערצלאָזן, „גאַנצן" ייד. לייענען מיר דאָך אין שאַפּמאַנס אַ דערציילונג, וואָס עס זאָגט דער יונגער יידישער קריטיקער ברזילי צום גראַפאָמאַן יאַשטשורקאַ: „ביי מיר איז דער עיקר־עיקרים, אין לעבן און אין דער ליטעראַטור — די שלימות. אין דיינע לידער איז דאָ פיל נשמה, אָבער זייער חסרון באַשטייט אין דעם, וואָס סוף־סוף צאַפּלט אין זיי אַ צעריסענע נשמה — און אָט די צעריסנקייט דאַרף מען באַקעמפן ביז זי וועט נעלם ווערן!". אפשר האָט טאַקע שאַפּמאַן, אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג, צוגעאײַלט די פאַרשווינדונג פון דער יידישער „צעריסנקייט"...

*

מיט גרשון שאַפּמאַן האָט זיך אין דער העברעישער ליטעראַטור אַריינ־געריסן, ווי אַ שטורעם־ווינט, אַ וועלט פון בשר־ודם־ליבע, מיט זודיקע עראָטישע גלוסטענישן, מיט קאָכעדיקע ליידנשאַפטן, מיט פּראָסטער און נישט־באַפּוצטער תאווה.

לאָמיר ווידער געדענקען, אַז שאַפּמאַנס ערשטע דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. אין זאַכן שבינוי־לבינה האָט נאָך דאַן אין דער העברעישער שאַפונג געוועלטיקט דער אידעאַ־ליסטיש־פּאַסטאָראַלער מאַפּו־נוסח, אָדער דער מאָראַליזאַטאָריש־שטראָפע־רישער גאָרדאָן־נוסח. אויך די מערהייט רענעסאַנס־שרייבער זענען אין ליבע־מאָטיוון נישט ווייט אַוועק פון אידיליע־שטימונגען און פון סימבאָליש־

אַלעגאָרישער באַרירונג. קען מען זיך פאָרשטעלן ווי עס האָט איבערראַשט דער יונגער שאַפמאַן, וועלכער האָט אין דער העברעישער ליטעראַטור אַריינגעטראָגן שטיקער מגושמדיקעווירקלעכקייט, אין זייער פולער נאַקעט־קייט. אַנשטאָט פאַרחלומטע ליבע־געזאַנגען, מיט זיסלעכער השתפכות־הנפש, האָט שאַפמאַן אַרויסגעפירט אויף דער ליטעראַרישער אַרענע אַ סביבה פון ערדישע רייצענישן, אַ סביבה וווּ עס ווייזן זייערע נישט־געהאַ־מעוואַטע יצרים פראָסט־בלוטיקע מענער און פרויען — אַ סביבה מיט אינטריגעס, פאַרראַט, אַפּנאַרעריי, כיטרע פרויען־געגנג, ברוטאַלע מענער־קראַפט.

מיט שאַפמאַנס דערציילונגען האָט זיך ווי פאַראַנדערשט די לופט אין די העברעישע ליטעראַטור־געצעלטן. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ מין „גוישער" ווינט. שאַפמאַן אַליין האָט געשפּירט, אַז דאָס איז עפּעס „פרעמדס". ווי זאָגט זיך אין דער דערציילונג „באמצע" („אינמיטן") ? — „אירע זאַפטיקע קושן, די קושן פון אַן אַנדער־ראַסיקער טאָכטער, האָבן געגעבן אַ ווייטן און פרעמדן גליק". ווי שאול טשערניכאָווסקי אויף זיין דיכטונג, וואָלט מיט רעכט, יענע צייט, געקאָנט שאַפמאַן זאָגן אויף אַ קענ־טיקן טייל פון זיין פּראָזע: „אַ פרעמדע פלאַנצונג ביסטו ביי מיין פאָלק". נישט צופעליק איז טאַקע שאַפמאַנס ליבהאַרציקע באַציאונג צו טשערני־כאָווסקין, וועמען ער האָט באַצייכנט אַלס „אַ צווייג פון אַ גוטן ידישן שטאַם".

*

שאַפמאַנס דערציילונגען האָבן אויך „נאַקעטיק" געמאַכט דעם יידישן אומשולד־געזעענעם משפחה־לעבן. ער האָט געבראָכן דעם תמימותדיקן גלויבן אין דער הימלישער זויבערקייט פון יידישער ליבע. מיט אים האָט זוכה געווען צו אַ קינסטלערישן „רענעסאַנס" דער „מאַנצביל" אין דעם יידישן מענטש, וואָס פאַרלעצט דעם אַלטן „לא תחמוד"־געבאָט... „פאַרראַט", באַציאונגען מיט אַן אשת־איש — שאַפמאַן איז נישט נוהג צו דראַמאַטיזירן אַזעלכע דערשיינונגען. און אויפן אַלגעמיינעם פאָן פון זיינע געמעלן זענען זיי גאָרנישט אַזוי יוצא־דופנדיק. שאַפמאַן „נאַטוראַליזירט" די אָפּווייכונג פון אָנגענומענע נאָרמעס. ביי אים קערט זיך צוריק דער מאַן אַהיים — און דער לאָקאַטאָר, אין פולשטענדיקער רו, „מיט בהמישער זאַטקייט", גייט

אַריבער פון דעם ווייבס בעט צו זיין סאָפּע (אין דער דערציילונג „שלג נפל״ — „אַ שניי איז געפאַלן״). דאָס ווייב, ווידער, איז אויך נישט אויפ־געוועקט און נישט אויפגעפרעסן דורך איר געוויסן...

שאַפּמאַן האָט נישט נאָר „אַוועקגענומען״ פון דער משפחה איר קדושה. איבער איר טראָגן זיך אויך קלאַנגען, וואָס זאָגן אַן אויפּרייס. לאָמיר נעמען זיין דערציילונג „די מאַמע״, וואָס איז זעלטן אין בילדערישקייט: עמעצער אַ פרעמדער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין האַרצן פון דער פרוי. די איינציקע האָפענונג פון מאַן איז אין איר שוואַנגערשאַפט. „אָט־די געשעעניש — טראַכט ער — וועט קרעפטיקן די קעגנזייטיקע שותפות און פאַרוואַנדלען דאָס לייכטזיניקע קינד אין אַ פרוי, אַ מוטער״. אָבער ס׳קומט דער געבורט און אַנטוישט אכזריות־דיק דעם מאַן: די פרוי איז טאַקע גע־וואָרן אַ מאַמע, אָבער „קעגן די אויגן האָט די גאַנצע צייט זיך געפינקלט עפּעס אַ פייכטער וואַלד, אַ וואַלד נאָך דעם רעגן, מיט מאָך און שוואָמען״...

נאָך מער: „מיט דעם וואָס אַ מענטש נעמט זיך אַ שיינע פרוי, שפּרייט אויס איבער איר זיינע פליגלען און גזלט איר אַוועק פון אַנדערע — איז פאַרבאָרגן אַ גרויסע עוולה״ — און „די הוויה יומטובט״ ווען זיי צעשיידן זיך.

*

שאַפּמאַן — אין גאַליציע. עטלעכע גרויסע העברעישע שרייבער האָבן פון איר ערד געשעפּט מאַטעריאַלן און אינספּיראַציע פאַר זייער שאַפונג. אָבער ס׳איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז אַפילו צוויי נביאים זאָגן נישט נבואה אין איינעם און זעלבן סטיל (אין איין דערציילונג, ריידנדיק וועגן שניידער, זאָגט שאַפּמאַן: „ביי ביידן — דער זעלבער פאָדעם, די זעלבע נאָדל און די זעלבע שער; און דאָך!״...). אַזוי זעען מיר, צום ביישפּיל, ווי אָשר ברש (באַראַש) איז, הויפּטזעכלעך, צוגעשמידט צו דער דינאַמישקייט און גע־שעפּטלעכקייט פון די גאַליציע־יידן (אַפילו זיין שלום׳קע מאַכט כאָטש איינמאָל אין לעבן אַ געשעפט). אַזוי פירט אונדז ש״י עגנון אין אַ וועלט פון חסידות, תפילות און נפלאות. און ווי קוקט שאַפּמאַן אויף גאַליציע? — „זאָלט איר נישט גרינגשעצן דאָס לאַנד פון די דאָזיקע שטריימלעך און פּיאות — אירע שיינע טעכטער זענען מכפּר אויף אַלץ״...

שאַפּמאַן גריבלט זיך אין דער ליבע און ברענגט אַרויס נישט דווקא

איר נשמה־צויבערנדיקן כוח, נאָך אויך איר קראַפט צו רייצן פינצטערע אינסטינקטן, צו וועקן האַס. אַ טייוולאַנישער עלעמענט אין דער ליבע איז נישט איינמאָל גובר איר הומאַנישן אויסקוק: מיטן טויט פון יוליאַן איז דעם אין איר פאַרליבטן יוסף שמידט, לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ: „אַ פעסטע רואיקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע זיינע אברים״...

מענטשלעכער חסד, וואָס איז צעזייט אין אַ ריי פון שאַפּמאַנס דער־ציילונגען, ווערט זייער אָפט ווי אויסגעוועפּט אונטערן דרוק פון אַן אַנאַ־נימער, ברוטאַלער האַנט. מאַנכעס מאָל באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז זיינע העלדן קענען נישט אויסהאַלטן אַ סובטעלע אויפפירונג ביזן סוף... אָט איז דער בלינדער מוזיק־פּראָפעסאָר משה רייך: אַן אַדלמאַן, אינערלעך ווי אויסערלעך — „ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע פּראָפּאָרץ צווישן ווייסן לייב און זויבערן האַרץ״. אָבער אין אַ באַשטימטן מאָמענט „איבעררעאַשט״ דער קינדיש־תמימותדיקער פּראָפעסאָר מיט זיין פּראַקטישקייט: ער רייסט איבער זיינע פאַרבינדונגען מיט אַ בלינד מיידל, כאָטש זיי האָבן זיך הייס געליבט: „איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט פאַר מיר. ווי קען אַזאַ פּרוי פירן די הויז־ווירטשאַפט, ווי קען זי האָדעווען די קינדער? ניין, צוויי בלינדע זענען נישט קיין פּאָר!״...

אין גאַנג פון דער זעלבער דערציילונג פאַרליבט זיך אין בלינדן פּראָפעסאָר זיינס אַ שילערין, רעגינאַ — אַ מיידל פון אַ „גוטער שטוב״. קעגן דעם ווילן פון אירע עלטערן, וואָס האָבן זי געוואָרנט, אַז „אין טאָג פון דיין חופּה וועט זיין אויך דיין לוויה״ — האָט רעגינאַ חתונה געהאַט מיט משה רייך. דוכט זיך, די אַדעליקע ליבע פּראַוועט איר נצחון. אָבער דאָס איז אַן אילוזיע, וואָס דויערט נישט לאַנג. קעגן די נישט־זעענדיקע אויגן פון איר מאַן ווערט זי געפאַנגען אין דער נעץ פון ליאָנקאָן, אַן אַנדע־רער תלמיד פון בלינדן פּראָפעסאָר...

*

אויך די גאַרונג צו אַן „אַנדער וועלט״ איז אין פיל פון שאַפּמאַנס דערציילונגען נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע חטאת־נעורים. דער רעוואָלוציאָנער דניאל קאָראָן וואַלגערט זיך פון טורמע צו טורמע און אין „עטאַפּן״. דאָס זענען טעג פון אויסנאַם־צושטאַנד: אַרעסטן, שיסערייען, תליות. אַ דאַנק דער מסירות־נפש פון זיינע חברים אַנטלויפט קאָראָן פון

טורמע, ראַטעוועט זיך פון עשאַפאָט. די חברים פירן אים אַריבער דורך דער גרענעץ. אין אָנהייב פון דער דערציילונג געפינען מיר, אַלזאָ, אידעאַ־ליזם, גבורה, דערהויבנקייט. אָבער ווען דניאל איז שוין פריי, קייקלט ער זיך באַרג־אַראָפּ. ער גיט זיך אָפּ צו אויסגעלאַסנקייט, ווערט אַריינגעטאָן אין „שאַנסאָנעטקעס" און פאַרנאָגראַפישע בילדער. ער פאַרגעסט נאַטאַשאַן, וואָס האָט זיך מיט אים געזעגנט מיט אַ פאַרשיכורנדיקן קוש. און ווייטער מאָלט זיך שוין דניאל אויס נישט נאָר ווי אַ ניהיליסט, נאָר ממש ווי אַ דעגענעראַט. ווען ער ראַנגלט זיך אין דער קיך מיט דעם טשעכישן דינסט־מיידל ניוניאַ, ברענגט אים דער פאָסטטרעגער אַ קאַרטל פון זיין שוועס־טער, אין וועלכן זי איז אים מודיע, אַז פאַבריקע נאַכט איז אויפגעהאָנגען געוואָרן זייער ברודער (אויך אַ רעוואָלוציאָנער), אָבער דניאל לייגט צונויף דאָס קאַרטל, שטעקט עס אַריין אין טאַש — און איז ממשיך זיין געראַנגל מיט ניוניאַן...

אויך אַ ריי דערציילונגען וואָס זייער שטאָף איז גענומען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שאָפמאַן אָנגעפילט מיט סעקסועלע יצרים. ווען „דער גרויסער סערף, וואָס האָט זיך צעפאָכעט איבער די זכרים, האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אמונה" — זעט שאָפמאַן גאָר בולט די געזונטע פרויען און אויסגעוואַקסענע מיידלעך, ווי זיי קוקן מיט גלוסטנדיקע אויגן צו די יונגע יינגלעך... אפילו אין דער נאַכט פון כל־נדרי פאַרגעסן נישט, חלילה, שאָפמאַנס בחורים, אַז די מיידלעך זענען איצט אַליין אין די הייזער...

*

שוין אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט שאָפמאַן פאַרפלאַנצט אין גאָרטן פון דער העברעישער ליטעראַטור „פרעמדע" (פאַר זיין דעמאָל־טיקן מאָראַליש־קינסטלערישן קלימאַט) געוויקסן און זיי איינגעשאָפט „בירגער־רעכט". אָן מוסרידיק־אַלעגאָרישע מאָנטעלעך האָט ער אונדז געגעבן דאָס געדרייטע „מיאָדאָוואַ"־געסל, מיט איר משונהדיקער, שווע־רער און ציענדיקער לופט. נישט רויטלענדיק זיך האָט ער אין אונדזער ליטעראַטור אַוועקגעשטעלט די הייזלעך מיט די „רויטע לעמפלעך".

ס'איז שווער צו זאָגן, אַז דאָס „מיאָדאָוואַ"־געסל האָט אין דער יידישער הוויה פון יענער צייט געשפּילט אַזאַ „בכבודיק" אָרט, ווי שאָפמאַן האָט עס אויסגעטיילט. געוויס האָבן זיך דאָן געפונען אויף דער יידישער גאַס

אַזעלכע סנאָפּירס, וואָס זענען צעפּרעסן געוואָרן פון תאווה און געפונען איר „שטילונג" אין שאַנד־הויז. דאָך זענען זיי נישט געווען די טיפּישע פאַרשטייער פון דור, וואָס האָט זיך געריסן פון די שטיקנדיקע שטעטל־צוימען.

אָבער דער פאַרדינסט פון שאָפּמאַנען באַשטייט אין געבן אַן אָפענע איינטריט־קאַרטע פאַר נייע טעמעס און מאָטיוון, נייע טיפּן און לעבנס־שטיקער אין דער פּוריטאַניזירטער העברעיִשער ליטעראַטור־וועלט. ס'זעט אויס, אַז דער שרייבער אַליין איז ווי אַנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ תאווה אַראָפּצונידערן אין די „געסלעך" און אין די מענטשלעכע תהומות — און פון דאָרטן אַרויפטראָגן אויפן פּאַפּיר צאַפּלענדיקע, ברויזנדיקע (כאָטש צייטנווייז שטיקנדיקע)ווירקלעכקייט־בילדער, מיט וועלכע די העברעיִשע „אַריסטאָקראַטישע" ליטעראַטור האָט נאָך דאַן מורא געהאָט צו האָבן אַ מגע־ומשא. און ווער נאָך ווי שאָפּמאַן האָט יענע צייט געמאָלן מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם די „מאַטראָנע" מיט די „טעכטער", דעם באַלעבאָס פון „הייזל", די צופעליקע געסט און די שטענדיקע „ליבהאָבער", די שלעגער, פאַרשידענע אַלפאָנסן און „פאַרמיטלער"? די ריחות און ליכט, די שעפּ־טשערייען און קוויטשערייען, די קולות און קללות, די קושן און ביסן — ווער נאָך ווי שאָפּמאַן האָט אין יענער צייט אַזוי רעאַליסטיש אויפגעוויקלט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור די שטיקעניש און פינצטערניש, שמוץ און אומעט, גרויל און ווייטיק פון דעם „געסל"?

שאָפּמאַן האָט מייסטערהאַפט אויסגעלייגט דעם ביטערן גורל פון איינער, מאַנקע, וואָס איז אין שפּיטאָל אוועקגעשטאָרבן פון אַ פּוס־בריקע פון איינעם, דעמב, — „איינער פון די געוויקסן פון אָט־דעם געסל, איינער פון יענע סטראַשידלע־מענטשן, וואָס זענען אין אַלע פּרטים ענלעך צו שטשורעס". דער לייענער איז געריִרט פון מאַנקעס סוף. אָבער שאָפּמאַן מאָלט די אַטמאָספער פון דעם געסל מיט אַ מין רואיקייט, אַפילו ווי עפּעס אַ סטאַבילער און אייביקער סדר־עולם, וואָס לאָזט זיך נישט טוישן. ווי זאָגט ער? „און אויף איר אָרט (פון דער געטויטער מאַנקע) איז געקומען אַן אַנדערע, וועמענס נאָמען איז אויך געווען מאַנקע"....

*

ווייזט אויס, אַז די סאָציאַלע וואָרצלדיקע פעלערן פון דער געזעלשאַפט זענען נישט קיין צענטראַלער פּונקט אין שאָפּמאַנס שאַפונג. דאָ און דאָרט

באַמערקסטו אַ געוויסע סימפּאַטיע צו די פאַרשטאָט־איינוווינער, אָבער זי קומט צום אויסדרוק דורך־אגבדיק, פון אַ זייטן־קוק: „אין די פאַרשטעט געפינען זיך עפּעס שטענדיק אַזעלכע בעלי־מומ״, גיט זיך שאַפּמאַן אַ זאָג אין זיין מיניאַטור „דער קליינער קאַפּ״.

דאָך רוקט זיך אַמאָל אַרויס אין „צוויי־דריי שורות״ דער סאָציאַלער אומרעכט מיט זייער גאַנצער האַרבקייט. „די פרעסערישקייט פון די לעבן־באַרויבטע און שטאָט־דערשטיקטע, די מערדערלעכע פרעסערישקייט וואָס ווערט קיינמאָל נישט זאַט, איז באַפּאַלן דאָס שיינע באַשעפעניש, דעם פעלד־געוויקס, האָט געזויגן זיין מאַרך אָן אויפהער, געמאָגט און געפּאַ־דערט מיט תאווהדיקער חוצפה: נאָך!״ („העניע״). אָבער עס זעט אויס, אַז דער עצם־פּראַכט פון אָט־דער שיינער העניע האָט זי געבראַכט, אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן, אין שאַנדהויז. און פון דאָרט איז נישטאָ קיין אויס־וועג. דער גורל פון די געסל־מיידלעך איז ווי אַ פאַרחתמעטער: „דער עיקר־טעם פון לעבן איז שוין אַוועקגערויבט און צעטראָטן געוואָרן מיט די פיס פון המון און פעבל, און אָט די אַלע לויפענישן און זוכענישן זענען אויס ווי שוואַכע, תכליתלאָזע גוף־צאַפּלענישן נאָכדעם ווי עס איז שוין אָפּגעהאַקט דער קאָפּ״.

שאַפּמאַן האָט געשענקט אונדזער ליטעראַטור אַ ברייטע גאַלעריע פון נישטיקע לעבנס: איינזאַמע מענטשן, פאַרלאָזענע, קראַנקע, אַלטע בחורים, פאַרשטויסענע. צו זיי האָט ער צוגעגעבן אַ ריי האַרצלאָזע בריות. מיר זעען די לעבן־באַרויבטע אויף די בענק אין גאַס און אין גאָרטן — בענק „וועלכע דערמאָנען איצט די באַשולדיקונג־באַנק אין בית־דין״. אַן אויסזיכטלאָזע וועלט, אָבער זי איז אַן אַלטע־באַקאַנטע דערשיינונג: „אייגנטלעך איז די מענטשלעכע געשיכטע נישט מער ווי אַ היסטאָריע פון חובות. דורך אַלע דורות ווערט נישט איינגעשוויגן דאָס געשריי: דער מאָנער איז געקומען נעמען״.

*

געטריי זיין מעמואַריסטישן גאַנג איז שאַפּמאַן אין אַ ריי דערציילונגען וואָס שילדערן דאָס לעבן פון פּליטים ((וואָס זענען אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד קיין גאַליציע, צו זוכן שוץ פון פּאָג־ראָמען, און שפּעטערע מלחמה־פּליטים). דער מענטש וואָס איז אויסגעריסן

פון זיין באָדן מאָלט זיך פאַר אונדז אויס מיט זיין פולן טראַגיזם און גאַנצער נידערגעפאַלנקייט. מיר אָטעמען די לופט פון טויט, יתומדיקייט, עלנט, פיין, היימלאָזיקייט. פליטים ראַנגלען זיך פאַר אַ ביסן ברויט, חנפנען זיך צו באַאַמטע פון הילפס־קאָמיטעטן, פאַרלירן זייער מענטשלעך געשטאַלט. מיר באַגעגענען געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אַמאָל אַרויסגעוויזן פיל מוט אין קאַמף, און איצט האָבן זיי נישט קיין כוח צו אַרבעטן. מיר זעען ווי מענטשן געווינען זיך צו צו זייער שנאָרערישן מצב — ביז ס׳נעמט זיי אַרום אַ פחד פאַר דעם „אויסברוך" פון שלום...

אויך אָט די דאָזיקע ווירקלעכקייט אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם לייענער ווי אַ פאַרחתמטער, אויסגאַנגלאָזער קרייז. אַ דעקאַדענטישער עלעמענט קומט צו אַ בולטן אויסדרוק אין דעם סוף וואָס האָט געטראָפן בראָניען. זי איז דערשטיקט געוואָרן פון קוילן־רויך אין איר צימער אין דער זעלבער צייט ווען איר ברודער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויפן הויף פון דער טורמע (בראָניע איז דווקא אַ האַרציקע נשמה. ווען אירע חברים באַהאַנד־לען, פון „פּרינציפּיעלן" שטאַנדפּונקט, צי מ׳זאָל מל־זיין דאָס קינד, וואָס זי האָט געבוירן פון ראָמאַנענקאָ, פרעגט זי מיט מענטשלעכער פשטות: „אָבער ווי קען מען? ס׳וועט דאָך אים ווי טאָן"). און וואָס איז געווען דער סוף פון דניאל קאַראַן, וועלכער איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן? נאָך אַלע זיינע וואַגלענישן און גלגולים האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

אַ פאַרחתמטער, אויסגאַנגלאָזער קרייז... אָט דערציילט שאַפּמאַן וועגן צוויי חברים, וואָס נאָך פינף יאָר פון הייראַט־לעבן — „מידע, אַנטוישטע" — באַגעגענען זיי זיך ווידער און לאָזן זיך פונדאַסניי אַוועק צו דעם אונדז שוין באַקאַנטן מיאַדאָוואַ־געסל: „יאָ, זיי זענען אַהין געגאַנגען, זאָלן די פיינשמעקער זאָגן וואָס זיי וועלן זאָגן". אָבער די צוויי פריינט האָבן שוין אין געסל נישט געפונען דאָס געגאַרטע הייזל — „און זיי האָבן זיך צוריק־געקערט אין דער פוסטער וועלט".

די וועלט־פוסטקייט איז נישט קיין פריוואַטע „קאַמעראַלע" איבערלע־בעניש. עפּעס אַן אַפּגרונטיקער, „אוניווערסאַלער" יאוש קוקט אַרויס פון גאַנצן אַרום. מיר נעמען די מיניאַטור „עס עלטערט זיך די אַלוועלט", וועמענס נאָמען אַליין זאָגט שוין עדות אויף איר אינהאַלט. מיר האָבן דאָ אַן אַפּאָקאַליפּטיש פאַרויסזאָגן וועגן דעם גורל וואָס דערוואַרט דעם באַשאַף: „אַ סוף צו אַלץ, צו אַלץ"! שאַפּמאַן מאָלט דעם עתיד: „דער וויין, דער וויין

פון די אויסגעדאַרטע ווײַנשטאָקן, וועט וואַסערדיק זײַן, בלײַכקײט און מאָ־גערקײט וועלן אַרויסקוקן פון יעדן ווינקל, די פּנימער פון די מיידלעך ווי פּנימער פון זקנות"...

אין אַן אַנדער אָרט ((דערציילונג „די קראָען") ברענגט שאָפּמאַן אַרויס די פאַרויסבאַשטימונג און טעם'לאָזיקײט פון אונדזער לעבן: אייגנטלעך, „פאַראורטײלטע צום טויט אַרעסטאַנטן זענען מיר אַלע; צום טויט פאַר־משפּטע אַרעסטאַנטן, וואָס די אויספירונג פון אורטײל איז צוליב וועלכע ס'איז טעכנישע סיבות אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַגרענעצטער צײַט".

אין אַ שפּעטערדיקער תּקופה האָט שאָפּמאַן אָנגעשריבן אַ מיניאַטור פון זיבן שורות, „אַ בית־עולם אויפן באַרג־שיפּוע", ווו ער האָט ווי באַ־שטעטיקט דעם יאוש־עלעמענט אין זײַן שאַפונג: „דער אײַנדרוק איז, ווי אַלע דאָ באַהאַלטענע האָבן מיט זייערע לעצטע כּוחות געקלעטערט צום באַרג־שפּיץ, אָבער דער אומגעזעענער שונא האָט זיי אַוועקגעהרגעט אינ־מיטן קלעטערן".

*

טראָץ די געדיכטע שאַטנס און טונקעלע פאַרבן אין שאָפּמאַנס דער־ציילונגען, זענען זיי נישט אידעענלאָז. פיל פון זיי לייענען זיך ווי קורצע פילאָזאָפישע עסייען, ווו דער מחבר באַלײַכט דעם מהות פון מענטש. שאָפּמאַן אַליין ווײַזט אָן, אַז „אַ וועלכע ס'איז פילאָזאָפישע אידעע מוז פאַרבינדן די דערציילונג, פון איר אָנהייב ביז צום סוף; אַן אידעע, וואָס רייסט אויף אַ פענצטערל צו נײַע האָריזאָנטן... אַן דער אידעע זינקען מיר אין דעם מיסט פון אונדזער ווירקלעכקײט".

אָבער ווי באַהויכט שאָפּמאַן זאָל נישט זײַן מיט אַן אידעע, שטייט ער מיט ביידע פיס אין דער ווירקלעכקײט — מעג זי זײַן ווי בלאַטיק און מיסטיק. דאָס רעאַלע לעבן איז דער מלאך פון זײַן שאַפונג — און ער קען זיך נישט טראָגן אויף די פליגל פון וויזיע און דמיון. ער שטייט אויף דער נאַקעטער־דאָרנדיקער ערד פון אַ זינדיקער וועלט — און קען נישט שוועבן אין די עולמות עליונים און זיך שפּילן אין חלומות. ער אַליין האָט איבער־געלעבט גרויליקייטן, און ער האָט נישט געהאַט קיין פּחד נאָכאַמאָל דורכ־צומאַכן אַ ליטעראַרישע טבילה אין מענטשלעכע אָפּגרונטן. אַ מענטש־שרײַבער, וואָס האָט זיך געבריט אין לעבנס־קעסל — איז אים פרעמד

ליטעראַרישע פײנשמעקערישקײט, װאָס װײכט אָפּ פון שמוץ. ער װיל נישט פאַרצוקערן דאָס שלעכטס, און אוודאי איז אים דערווידער די סאַכאַריניִשע באַזיסונג פון מענטשלעכע יסורים.

מ׳קען אפשר טענהן, אַז אַ גרויסער טייל פון שאַפּמאַנס פערסאָנאַזשן זענען נישט כאַראַקטעריסטיש, און אַ היפּש ביסל פון זײנע בילדער טראָגן דעם צייכן פון עפּיזאָדישקייט. אָבער גוטע קונסט ווערט נישט געמאָסטן דווקא מיט איר „שפּיגלדיקייט" פון גאַנצן דור. שאַפּמאַנס טאַלאַנט האָט טאַקע אויפגעבליצט בעיקר אין אַנטפּלעקן די זייטיקע וועגן פון לעבן, די פאַרגעסענע, פאַרשטויסענע ווינקעלעך פון דער ווירקלעכקייט — די פאַר־באָרגענע „קנייטשן" און נישט דעם אָפּענעם, גלאַטן אויבערפלאַך.

מיט דער צייט, ווען שאַפּמאַן האָט אויסגעלייגט זיינע ליטעראַרישע איינשטעלונגען אין קורצע נאָטיצן (ווו עס איז אויך קענטיק אַ ווידוי־עלעמענט), האָט עס אויסגעזען, אַז ער זוכט זיך צו „רעהאַביליטירן" פאַר זיין דביקות אין ראַנד־טעמעס און „זייטיקע" טיפן, מערסטנטייל טונקל־באַפאַרבטע, נישט אַרומכאַפּנדיק דעם גאַנצן, ברייטן פעלד פון לעבן. ער האָט נישט ליב — דערציילט ער אונדז — די „שאַרף־אויגיקע", ווייל „נישט אין זעאונג איז דער סוד פון יצירה, נאָר אין נישט־זעאונג". ער ווייזט אָן אויף דער בלינדקייט פון האָמער און אויף דער טויבקייט פון בעטהאָווען אַלס באַווייז, אַז גאונות און אומשטערבלעכקייט דרינגען נישט אַרויס פון אַ טאָטאַלער ראיה און טאָטאַלער שמיעה...

*

מען דאַרף אָנווייזן, אַז אין דעם ים פון יאוש, רשעות און דערשלאָגנ־קייט פון דער שאַפּמאַנישער שאַפונג — שטאַרצן אַרויס אויך אינזלען פון צוטרוי צום מענטש און אמונה אין מענטשן־גוטס. די דערציילונג „לפנים בישראל" („אַמאָל ביי יידן") איז דורכגעדרונגען מיט ליריזם און איז אויסגעוויקט מיט רחמים אויף „יענער וועלט" (יידישער) אין וועלט" (גוישער), וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן בדרך נס: „רויבער האָבן געלויערט הינטער אונדזער וואַנט — און דערפער, דערפער אַרום. די גרויסע האָבן טאַקע נישט מורא געהאַט און האָבן אָפּגעלאַכט פון די קליינע און זייער פחד; אָבער, אַז די קליינע זענען געוועזן גערעכטער פון די גרויסע און אַז זיי האָבן ריכטיק געפילט — דאָס איז דאָך באַשטעטיקט געוואָרן אין אחרית הימים".

מיר נעמען שאַפּמאַנס מיניאַטור „דער קאַלכער״ און מיר זעען ווי זיין האַרץ איז כמעין המתגבר פון אָפּטימיזם, אמונה אין לעבן און מענטש. עס הילכט דאָ אַ מין אַפּלייקענונג פון פריערדיקע שאַפּמאַנישע טענער: „דער קאַלכער קראַצט אָפּ דעם אַלטן טינק פון די ווענט צוזאַמען מיט די צרות״. קאָמפּליצירונגען, קרענק, קיום־געראַנגלענישן, זעלבסטמאָרדן? — „גייט צום קאַלכער, ליידנדיקע״...

עס מערקט זיך אויך אַ נייער קוק אויף ליבע, אויף מאַן־און־ווייב־באַציאונגען, אויף משפּחה־לעבן. מיר הערן דעם זעלבן שאַפּמאַן זאָגן: „גיט אָפּ כבוד יעדן געהייראַטן און יעדן קינדער־טאַטן!״ און נאָך: „איצט איז אַלץ, אַלץ אַנדערש! אַ מלחמה אין דער וועלט, למשל, איז נישט קיין ענין פון פלירט אַרום אַ קאַרביד־לאָמפּ, נאָר עפּעס שרעקלעכס, זייער שרעקלעכס״. און כאָטש אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג („אויגן און טייכן״) וואַרפט זיך אַריין דער דניעפּער־מאַן אין דעם דונאַי, פילן מיר דאָ אַן אַנדערע אַטמאָספער — אַ גאַרונג צו משפּחה־סטאַבילקייט, צו „מענטש־לעכער צייטיקער שיינקייט״.

*

אין שאַפּמאַנס ארץ־ישראל־תקופה קרעפטיקן זיך די אָפּטימיסטישע שטימונגען. עס ווערט שטאַרק געענדערט די געוויינלעך געמאָלענע מענטשלעכע פּאַנאָראַמע. עס אַנטפּלעקט זיך אַ מער שטראַלנדיקע וועלט. עס הילכן אָפּ מער בטחונדיקע טענער.

גאָר אַנדערע זענען די בענק אין דעם קיילעכדיקן סקווער אַרום דער סאַזשלקע, אין דער יידישער ברעג־שטאָט. עס מאַטערט שוין נישט די וואַנדערונגען־פּאַסיע. דער דאָזיקער סקווער־קרייז האָט געמאַכט אַ סוף צו די וואָגלענישן און יאָגט אָן אַן אַנדערע שטימונג: פון דער־וואַקסנקייט — און בעיקר זיכערקייט. די תלמידים דאָ — „פריילעכע, לוסטיקע, ווי די תלמידים־שקצים אין אויסלאַנד״. דו ביסט אָנגעגאָסן מיט נחת אונטער די דאָזיקע הימלען — די „תנ״ך־הימלען״. דער מענטש האָט דאָ נישט פאַרמיסטיקט די נאַטור, ווי אין עסטרייך, וווּ „די שיינע לאַנד־שאַפט האָט בולט געמאַכט דעם פאַרקויטיקטן מענטש״ — די פאַר־גרעבטע, מגושמדיקע מומע, וואָס אַלע אירע חושים זענען געווען פאַרזונקען אין אירע געשטאָפּטע חזירים... דאָ האָבן זיך נאַטור און מענטש פאַראיי־ניקט אין איין האַרמאָניע.

אמת, אויך דאָ, אונטער די „תנ״ך־הימלען״, קעגנאיבער דער ים־בלויקייט, זענען פאַראַן מיאוסקייטן און עוולות. אָט דער בעטלער, וואָס שטרעקט אויס די האַנט מיט אַן „עקלדיקער גראַציע״: אין זיינע קראַנק־האַפטיקע אויגן שפּיגלט זיך די גאַנצע דורותדיקע קבצנים־הוויה... דאָס איז אַ מין „לעצטער עבר־איבערבלייבעניש אין הארץ פון דער נייער שטאָט״. אָבער ער ווערט פאַרזונקען אין דער קאַכעניש פון פרישן לעבן אַרום. אָט איז דאָס „שוויץ־באַד נוסח־מענדעלע״ אין צפת, וווּ די צייט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן; אָט איז דער שוסטער־זקן, וואָס קען קיין נייע שיך נישט מאַכן, נאָר אויסריכטן און פאַרלאַטען אַלטע — אָבער דאָס אַלץ קען נישט פאַרהאַלטן דעם נייעם, קרעפטיקן וווקס: „אַזוי, ווען מיר גראָבן קאַרטאָפל אין פעלד, שטויסן מיר זיך פּלוצלינג אָן אויף דעם צעקנייטשטן זריעה־קאַרטאָפל — די מאַמע״.

מאַנכעס מאָל טרעפן מיר אויך אין שאַפמאַנס ארץ־ישראלדיקער שאַפונג רעצידיוון פון פריערדיקן נוסח. „פאַרוואָס האָט איר מיך אַרויסגעבראַכט?״ — הערן מיר די אָנקלאַגע פון פיר־יאָריקן עמוס אויף זיינע עלטערן. און דורך אַן אימאַזשיסטישער אַסאָציאַציע וויזט אָן דער שרייבער אויף אַ געבורט מיט דער הילף פון אַ צווענגל: „מיט אַ צווענגל... על כרחו האָט מען אים אַרויסגעפירט צו דער לופט פון דער וועלט״. אָבער עס דאָמינירט דאָ כסדר אַ געבאָט: „מען טאָר נישט באַגיין קיין זעלבסט־מאָרד — און געענדיקט״.

אַ נייע לעבנס־פרייד פולסירט כמעט אין אַלע שאַפמאַנס מיניאַטורן. ווי אַ פרייהייט־פאַרשיכורטער שפרייזט ער אויף דער יידישער ערד. און דער געצוימטער שרייבער האַלט נישט פאַר נייטיק אויסצובאַהאַלטן זיין אויפרודערונג: „וואַרפט אַראָפּ אייערע שיך פון די פיס — און באָרועסע שפּירט דעם באָדן!... בייגט זיך אָן און קושט די ערד, שעמט זיך נישט. יינגלעך האָבן פאַר איר זייערע לעבנס אָוועקגעגעבן. קושט זי, קושט — פאַר איר, אין סאָמער זויבערקייט זייערער, זענען מיידלעך געפאַלן — — און טרערן פון קינדער־באַרויבטע, צאַרטע און פאַרוויטיקטע מאַמעס, האָבן באַנעצט אירע גרודעס. דאָס איז אדמת־קודש — וואַרפט אַראָפּ אייערע שיך פון די פיס!״.

ווען עס ווערט געגעבן אַ נייער טעם צום לעבן — ענדערט זיך די גאַנצע ראיה. מיר זענען עדות פון אַ פאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג, אַז אַ

שרייבער וואָס האָט געזאָגט אין זיין יוגנט — „הבל הבלים", זאָגט אין זיין דערוואַקסנקייט און רייפן עלטער — „שיר השירים"...

און אין אַ נייעם ליכט זעט שאַפּמאַן אויך פאַרגאַנגענע טעג. טראָץ דער ביטערניש אין האַרצן, צעפּינקלען זיך זכרונות און לאַנדשאַפטן פון קינד־הייט־ און יוגנט־יאָרן. ווייל פון יעדן חורבן — „איין וואָנט פאַרבלייבט". מיט וואַרעמקייט און צאַרטקייט קערט ער זיך צום בית־מדרש און צו די מלמדים, צו די ימים־נוראים, צום בעל־תפילה. אויך צום פעלדפּעבל כאַריטאָנאָוו, אונטער וועמענס באַפעל שאַפּמאַן האָט געדינט אין האָמעל, ציען זיך האַרציק זיינע זכרונות אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: ווען די סמירנאָווס און קוזניעצאָווס האָבן געבלוטיקט אין קאַמף קעגן דעם נאַצי־טייוול, האָבן זיי זיך אַלע געוויזן „אין אַ נייעם ליכט — אַלע זענען געווען נאָענטע, ליבע, האַרציקע".

*

שאַפּמאַנס לעצטע סטאַציע פאַר זיין קומען קיין ארץ־ישראל איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, עסטרייך. דאָרט האָט ער בייגעוווינט די פאַר־שפרייטונג פון האַקנקרייץ. קומענדיק צו זיין לעצטן ברעג, האָט דער שרייבער מיטגעבראַכט אַ מין „געזונטע", שטאַלצע שנאה צו די צוררי־ישראל פון אַלע דורות. ער פאַראַכט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים נישט נאָר די נאַצישע פעסט־געשטאַלטן, נאָר ער האָט אויך יידישע באַוואָרענישן, צום ביישפּיל, צו דער פּוילישער ליטעראַטור. זיין אָפּשאַצונג איז ווי אַן אינסטינקטיווע רעאַקציע צו „דער־אַ מאַסן־שנאה און בכיוונדיקע אמת־פעלשונג אין באַצוג צום ייד" (אין דער פּוילישער ליטעראַטור). אין ריי־מאַנטס „פּויערים" לאַנגווייליקט אַלץ שאַפּמאַנען: „אַ פּויליש דאָרף — רשעות, גיפט און פאַן יעזוס — און דיין דמיון קלאַמערט זיך אין דער שטיל אין דעם איינציקן ייד אויפן אָרט, וואָס טראָץ דעם מחברס האָס צו אים, איז ער דאָ אָן ספק די אײדלסטע נשמה".

צו אַ טיפן אויסדרוק קומען שאַפּמאַנס נאַציאָנאַלע געפילן אין זיין מיניאַטור „געהאָנגענע". ער ווענדט זיך צו צוויי יידן־קאָמוניסטן אין אונ־גאַרן, וואָס ווען די שטיק־פעטליע איז שוין געווען פאַרוואָרפן אויף זייער האַלדז, האָבן זיי אויסגעשריגן „זאָל לעבן דאָס קאָמוניסטישע אונגאַרן!": „אָבער, מיינע טייערע ברידער, וואָס ווילן נישט זיין מיינע ברידער —

אויך דאָס קאָמוניסטישע אונגאַרן וועט אייך נישט איבעריק ליב האָבן. איר רייסט זיך אויסלייזן וועלטן, וואָס האַסן אייך; וואָס האָסן אייך נאָך דער גאולה, נישט ווינציקער ווי פאַר איר. איר האָט נישט קיין פאָטערלאַנד! — האָט זייער טרעפלעך באַצייכנט דער טריבונאַל־פּאַרזיצער. די מאַדיאַרן־ערד, וווּ איר זענט באַגראָבן געוואָרן קעגן איר ווילן, עקלט זיך מיט אייך. אייער נאַטירלעכער מצב איז געווען נאָר אין יענע צוויי שרעקלעכע שעהן, ווען איר זענט געהאָנגען צווישן הימל און ערד. ווייל געהאָנגענע־אָפּהענגיקע זענט איר, מיינע הייליקע ברידער, וואָס ווילן נישט זיין מיינע ברידער״.

*

ס׳איז ממש פריידיק אַריינצוקוקן אין די מיניאַטורן, וואָס גרשון שאַפּמאַן האָט געשריבן אין זיינע זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. דעם שרייבערס שאַרפע אויג איז נישט פאַרנעפּלט געוואָרן. ער שטעלט אַן זיין אויג אויף אַ „קליינינקייט״, וואָס צעוואַקסט זיך — עמאָציאָנעל און פּסיכאָלאָגיש — צו דער מדרגה פון אַ סימבאָל.

אָט אַ צען־שורהדיקע באַשרייבונג פון אַן עלטערן באַזוכער אין אַ מיליטערישער געווער־אויסשטעלונג. ענדלעך האָט ער אָפּגעקערט זיינע אויגן פון די קוילנוואַרפער, עראָפּלאַנען, באָמבעס — און „זיך צוגעבויגן צו דער שטייג פון די ווייסע טויבן, די טויבן פון דער מיליטערישער פּאָסט, און האָט אויף זיי געקוקט און געקוקט — ישעיהו בן אמוץ?״.

דוכט זיך, אַ צופעליקע אויג־אויפכאַפּונג. אָבער, ערשטנס, דאַרף באַטאָנט ווערן די שאַפּמאַנישע לאַקאָנישקייט פון דער שילדערונג, די אויסערגעוויינלעכע שפּראַך־שפּאָרזאַמקייט. ווי זיין שטייגער איז, האָט שאַפּמאַן זיין בינטל ווערטער נישט פאַרשווענדט, נאָר עס אינגאַנצן צוגעשטעלט צום עיקר: צו דעם אַן־ברירהדיקן קעגנזאַץ צווישן טויב און קוילנוואַרפער. האָט טאַקע, מיט רעכט, יעקב פּיכמאַן אָנגעוויזן, אַז שאַפּמאַן איז „קודם־כל דער מענטש פון סעלעקציע — אַ קינסטלער, וואָס האָט דעם כוח צו פאַרציכטן אויף טויזנט זאַכן און אויף טויזנט פאַרבן — פאַר איין זאַך, פאַר איין פאַרב. דאָס איז דער סוד פון זיין קורצקייט, דאָס איז דער סוד פון זיין גאַנצער עסטעטיק״. און נאָך זאָגט פּיכמאַן: שאַפּמאַן „וואַרפט אָפּ, אָן רחמנות, נישט נאָר וואָס איז באַשיימפּערלעך איבעריק, נאָר אויך אַלץ, וואָס מען קען זיך אָן אים באַגיין. ער פּסלט יעדן נייטראַלן מאַטעריאַל״.

*

עס גלוסט זיך צו שליסן מיט אַ שאַפּמאַן־מיניאַטור פון די לעצטע יאָרן, וואָס ציילט אייניקע שורות: „וועגן אַן אויסטערלישן פאַל, וואָס האָט ערגעצווו געטראָפן, האָבן געמאָלדן די צייטונגען: יעגערס האָבן אויפגעדעקט אַ קינד, אַ געפאַנגענעם דורך וועלף, וואָס האָבן אים אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען מיט זייערע וועלפעלעך. שוין גענוג וואָרענען וועגן דער חיה אין מענטש; מען דאַרף צולייגן האַרץ צום מענטש אין דער חיה“.

עס שיינט, אַז שאַפּמאַן האָט אַליין די דאָזיקע עצה אַדאָפּטירט. ער, וואָס האָט אַזוי אָפט און בולט געמאַכט די חיהשע אינסטינקטן, וואָס שטעקן אין מענטש און רעגירן מיט דער געזעלשאַפט, האָט אין דער חיהשער וועלט אָנגעהויבן אַלץ מערער צו זוכן — און געפינען — דעם מענטש.

אשר ברש

לעכצענישן — קעגנאיבער דער האַנט פון גורל...

אין די לעצטע יאָרן פון דעם לעבן פון אשר ברש (באַראַש) — און געווען זענען עס מיינע ערשטע יאָרן אין ישראל — איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אים איייניקע מאָל. גלוסט זיך, קודם־כל ברענגען אַ בינטל פּערזענלעכע איינדרוקן און איבערלעבונגען.

אשר ברשס פּערזענלעכער „איך" האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין איינקלאַנג מיט זיין קינסטלערישן „איך", ווי ער מאָלט זיך אויס פון זיינע ווערק: פאַרשטענדעניש און רעספּעקט צו יעדן מענטש; אַ רעזער־וואַר פון שיינע מידות, כאָטש נישט קיין רעקלאַמירטע; אַ שטאַרקער דראַנג צו שיינקייט און האַרמאָניע אין לעבן; אַ פּערזענלעכע מיטלעבונג מיט דעם גורל פון זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן.

פון זיין הויז אויף מענדעלע־גאַס נומער 15 (תל־אביב), ביסטו נישט אַרויסגעגאַנגען מיט קיין ליידיקע הענט. ער האָט דעם באַזוכער „פאַרזאָרגט" מיט אַ שיחת־חולין און אים „מיטגעגעבן", אַלס אָנדענק, זיין אָפּענעם, ליכטיקן פּנים־אויסדרוק.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען איינעם א שמועס מיט ברשן, וואָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט ליטעראַטור־פּראָבלעמען, וועלכן איך קען אָבער נישט פאַרגעסן. געווען איז עס אין אַ צייט פון אַ צעהיצטן וואַל־

קאַמף אין ישראל, ווען די געמיטער זענען געווען אויפגערייצט און די לופט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט קעגנזייטיקן פּאַרטיי־האַס. ער האָט אויפגעמישט אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע לעגענדעס און האָט פּאַר מיר פּאָרגעלייגט אַן אָפּשניט, אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן אַן עצה וואָס אַ געוויסער גלח האָט געגעבן זיין יידן־פּרעסערישן קיסר: זאָל דער קיסר די יידן איזאָלירן אין זייער אָפּרו־טאָג און זיי באַפעלן אויסצוווילן עלטסטע צווישן זיך. וועלן זיי דאַן טויטן איינער דעם אַנדערן... און אַזאַ איז געווען דעם גלחס פּירוש אויף דעם תורה־פאַרבאָט צו צינדן פייער אום שבת: געמיינט האָט דער פּסוק דעם פייער פון ברידער־שנאה, ווייל אַ פונק פון האַס וואָס צעפלאַקערט זיך אין דעם אָפּרו־טאָג, ווען די יידן זענען בטל פון אַרבעט, קען זיך צעשפּרייטן און חרוב מאַכן זייער וועלט... דער גלח — האָט ברש טרויעריק אַ זאָג געגעבן — האָט זיך נישט אינגאַנצן טועה געווען אין זיין אָפּשאַצונג...

*

אשר ברש האָט פאַרמאָגט די סגולה מקרב צו זיין מענטשן און זיי צוגעבן מוט. באַציאונגען צווישן שרייבער און זייערע רעדאַקטאָרן זענען אַ פּיקאַנטער אָפּשניט אין אונדזער ליטעראַטור־לעבן. עס זענען באַקאַנט שטרענגע רעדאַקטאָרן, כמעט „רשעים", וועלכע זענען פעיק געווען צו צעשטערן אילוזיעס נישט נאָר ביי אָנהייבער, נאָר אויך אָפּהאַקן די פליגל פון שוין־דערוויזענע טאַלאַנטן. דאַקעגן זענען פאַראַן ווייכהאַרציקע רעדאַקטאָרן, וואָס מיט זייער גוטסקייט זענען זיי פעיק צו פאַרפלאַנצן אַליין־איינרעדענישן ביי גאַנץ־בולטע גראַפאָמאַנען... דוד פרישמאַן האָט געקענט אַוועקקוילען אַ שרייבער־אָנהייבער מיט איין סאַרקאַסטיש וואָרט. דאַקעגן חיים נחמן ביאַליקן האָט זלמן שניאור אָנגערופן: „שר המסכים", צוליב זיין נייגונג צו דערמוטיקן אָנהייבער (רעדנדיק וועגן די „הסכמות", וואָס ביאַליק האָט געגעבן, האָט אים שניאור באַשריבן: „אַ ווייכהאַרציקער רבי, וואָס טיילט רחמים־בריוולעך פאַר שטעטל־נשרפים און פאַרביטערטע עגונות"). ברש האָט געפונען דעם גאָלדענעם מיטן. ער האָט זיך נישט געוואָרפן מיט קאָמפּלימענטן, אָבער ער האָט זיך אויך אָפּגעהיטן פון פאַראורטיילן. ער האָט זיך נוהג געווען צו געבן „קרעדיט", נישט אויסבאַהאַלטנדיק זיינע באַוואָרענישן. ער איז געבליבן טריי צו זיינע פאַראַפראַזע־ווערטער: „יעדער יידישער שרייבער האָט אַ מלאך, וועלכער קלאַפּט אויף

זיין קאָפּ: וואָקס נישט! אָבער טראָץ אַלעמען: האָב מוט, שרייבער, און גלויב אין דיינע אָנשטרענגונגען!".

ברש איז אויך געבליבן טריי דער „דעקלאַראַציע" פון דעם זשורנאַל „הדים" („אָפּקלאַנגען"), וועלכן ער און יעקב ראַבינאָוויטש האָבן אין יאָר 1922 אָנגעהויבן אַרויסגעבן. עס זאָגט זיך דאָרט אין ערשטן העפט: „פאַר אונדז גילט נישט קיין יחוס פון נעמען, נאָר יחוס פון ווערטער... די טיר איז אָפן פאַר יעדן מענטש. מיר פאַרלאַנגען נאָר ריינע, ציכטיקע און אמתע רייד".

ציכטיקייט און אמת האָבן דאָמינירט אין ברשס ליטעראַרישער שאַפונג. די זעלבע ווערטן האָבן געוועלטיקט אין זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען און אויפפירונג. זייער טרעפלעך האָט זיך וועגן ברשן, אין אַ הספד־נאָטיץ, אויסגעדריקט אברהם קריב: „אַ שרייבער אַ מושלם איז אפשר נישט אַזוי אַ יקר־המציאות ווי אַ מענטש אַ מושלם — און אשר ברש איז געווען אַן עקזעמפּלאַר פון אַזאַ מין סאָרט מענטש".

אשר ברש האָט אויסגעהויכט זיין נשמה (אין 1952, אין עלטער פון 63 יאָר) ביי זיין שרייב־טיש, אין דער געזעלשאַפט פון זיינע ביכער, כתבי־יד, קאָרעקטור־בויגנס — אין סאַמע פיבער פון זיין ארבעט. ער האָט נאָך געשפּרודלט מיט פּלענער, אַזוי פּערזענלעך־שאַפערישע ווי קולטור־געזעלשאַפטלעכע. ווי איינער פון אונדזערע בולטע קינסטלער, איז ער אויך געווען פון די קענטיקע זיילן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן בנין פון לאַנד. ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו אַ ריי קולטורעלע אויפטוען און אינסטי־טוציעס. געניסנדיק פון צוטרוי און אַכטונג, איז ער יאָרן־לאַנג געווען דער פאָרזיצער פון העברעישן שרייבער־פאַראיין. איינער פון די לעצטע פּרוכטן פון זיין טעטיקייט איז דער ביאָ־ביבליאָגראַפישער אינסטיטוט „גנזים", וועלכער איז נאָך זיין טויט אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען.

*

די געשטאַלטן פון זיינע ווערק האָט ברש נישט נאָר געמאָלן מיט גרויס טאַלאַנט, ער האָט זיי אויך אויסגעווייטיקט מיט זיין גאַנץ וועזן. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־דער באַהויפּטונג וויל איך איבערדערציילן אַ שמועס מיטן שרייבער וועגן איינער פון זיינע נאָוועלן: „אַ ייד האָט זיך אַרויס־געדרייט פון אַ צרה".

צו אָט־דער נאָוועלע וועל איך זיך נאָך אומקערן. דערווייל וויל איך

אַנמערקן, אַז אין איר קומט צום אויסדרוק ברשס עסטעטישער געשמאַק — דאָס לעכצן צו שיינקייט, ריינקייט, האַרמאָניע — און אַן עקל־געפּיל צו שמוץ, טומל, אומאָרדענונג. און מיר געפינען דאָרט אַ פּלאַסטישע באַשרייבונג פון אויסערלעכער מיאוסקייט, וואָס האָט באַהערשט דעם גוט פון פּוילישן גלח באַניפּאַצי מאַרקאָווסקי, נאָכדעם ווי ער האָט אים פּאַרקויפט — צוליבן פאַרפּלאָנטערן זיך אין חובות — ר׳ מאַנעלען, אַ ייד וואָס האָט פריער אַליין נישט אָנגעטאָפּט קיין מטבע און איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געשעפטס־מענטש. אָט זענען אייניקע דעטאַלן פון דער דאָזיקער באַשרייבונג: דער מלמד שנייצט אויס די נאָז דורכן פענצטער פון פּאַלאַץ מיט אַ „תרועה גדולה״; מיטן אָנקום פון די נייע בעלי־בתים אין פּריצס הויף, ווערן באַלד אָנגעצויגן שטריק און ס׳הויבן זיך אָן צו הוידען וועש־שטיקער אין דעם ווינט; די פּרוי שייערט שוין די טעפּ פון קיך מיט זאַמד און שטיינדעלעך, וואָס זענען אויסגעשפּרייט אויף די שטעגלעך; איינער פון די קינדער בלאָזט און טרומייטערט מיט אַ גערגעלע פון אַ געשאָכ־טענעם עוף; און נטע, דער „פּראַקטישער״ פאַרוואַלטער, פרעגט גאַנץ נאַיוו: „ווי קען מען פירן אַווירטשאַפט אָן טומל?״...

דער לייענער שפּירט, אַז ברש האָט מיטלייד צום פּריץ־גלח, וואָס האָט שווער איבערגעלעבט נישט נאָר דעם פאַקט וואָס ער איז אַ יורד געוואָרן, נאָר אויך די פאַרלוירענע שיינקייט פון דעם גוט (אין וועלכן עס איז פאַר אים אָפּגעזונדערט געוואָרן אַ וווינונג) — און צום סוף האָט באַניפּאַצי מאַרקאָווסקי נישט אויסגעהאַלטן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַגלייטן ברשן — אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן — פון זיין הויז אויף מענדעלע־גאַס ביז דעם בית־ביאַליק. אין גאַנג פון דעם שמועס האָב איך אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז זיין שילדערונג פון דעם אָפּגעקויפטן הויף איז ממש „אַן אַנטיסעמיטישע״... ברש האָט זיך פאַרהאַלטן, אַ ווײַלע געשוויגן, און נאָכדעם, מיט אַן ערנסטן און שמייכלענדיקן פּנים צוגלייך, אַ זאָג געגעבן: „וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דעם הויף — ממש אַ שרעק!״... איך האָב אים אָנגעקוקט און געשפּירט, ווי אין אָט־דער מינוט זעט ער פונדאָסניי יענעם הויף — מיט אַלע זיינע ווענגלעך און שטעגלעך, הייזער און מענטשן.

נאָר אַן אמתער שרייבער קען אַזוי איבערלעבן די סצענעס און געשטאַלטן, וועלכע ער פורעמט מיט זיין פּעדער.

יהושע א. גלבוע

*

אין איינעם פון די בענדער פון אשר ברשס געזאַמלטע שריפטן איז דאָ אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וואָס אַנטהאַלט זיינע אַרויסזאָגונגען, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, וועגן שרייבער, ביכער, קולטור־ און ליטע־ראַטור־פּראָבלעמען. פאַר דעם באַהאַנדלען זיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען איז כדאַי אַ ביסל זיך אָפּשטעלן אויף זיין אַרויסזאָגונגען. און קודם־כל דאַרף מען אָפּמערקן ברשס אויסמיידן פּאַטעטישע אויסדרוקן און הויכע פראַזן. זאָגט ער דאָך אַליין: „אַ מענטש וואָס רעדט מיט אַ צו־הויכן קול, הערט נישט די שטים פון זיין האַרץ"...

אַ טייל פון ברשס מיינונגען און באַמערקונגען זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין אַ מין טאָגבוך, וועלכן ער האָט אָנגערופן „פון מיין העפט". מעגלעך, אַז נישט אַלץ וואָס איז דאָרט פאַרשריבן איז געווען אויסגערעכנט צום פּובליקירן. טייל פאַרצייכענונגען טראָגן אַן אינטימען כאַראַקטער און מאַכן דעם איינדרוק פון „אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן" פאַר זיך אַליין. אַנדערע זעען אויס ווי דאָס פאַרפיקסירן אַן אונטערגעקומענעם רעפלעקס, וועלכער האָט שפּעטער געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן עטיוד צו גרעסערע קינסטלערישע בילדער. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, דערוויל האָבן מיר באַקומען שנירלעך פון מיניאַטור־שאַפונגען, פון וועלכע עס פינקלען שיינע פּערל.

כאָטש ברשס אָפּהאַנדלונגען צייכענען זיך אויס מיט אַן אַנאַליטישן צוגאַנג, שטערט עס אים נישט צו רעדן אָפּטמאָל מיט אַ סענטימענטאַלער שפּראַך וועגן געשטאַלטן, וועלכע זענען אים באַזונדער נאָענט און טייער. און הערנדיק ברשן וועגן אַנדערע שרייבער, דערקענסטו נישט איינמאָל זיין אייגענעם וועג.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז אים נישט צום האַרצן יהודה לייב גאָרדאָן — „מיט זיין שווערן האַמער, וואָס פאַרטויבט די אויערן; מיט זיין שפּראַך, וואָס האָט אין זיך דעם טומל פון אַ טראָמפּייט און נישט דעם שטילן אָפּקלאַנג פון אַ פידל; מיט זיין משל, וואָס איז שאַרף, אָבער גאַנץ אָפט מגושמדיק, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן"... ס'איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס י. ל. פּרץ האָט גערעדט מער צו ברשס האַרץ ווי מענדעלע, ווייל ווי ער זאָל נישט הויכהאַלטן מענדעלעס סקולפּטאָריש־שניצערישע פעיקייטן, איז אים טייערער דער שרייבער, וואָס האָט אַנטפּלעקט די צאַפּלענדיקע, זיך־

פאַרמירנדיקע נשמה, פון דעם שרייבער, וואָס האָט טאַלאַנטפול געמאָלן דאָס אויסקריסטאַליזירנדיקע לעבן. האָט דאָך ברש אַליין, אין זיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען, אַריינגעקוקט טיף אין די „הינטער־קוליסן" פון לעבן, שענקענדיק פיל אויפמערקזאַמקייט צו די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיינע העלדנס נשמה.

*

ברש האָט געפאָדערט פון שרייבער פיל מידות. גאָר באַזונדערס האָט ער אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אינערלעכן אמת. אָבער קודם־כל האָט ער פאַרלאַנגט פון שרייבער אַ גאָר פשוטע, עלעמענטאַרע זאַך: זיי זאָלן קענען שרייבן... ניין, ס'איז גאָרנישט קיין וויץ. לאָמיר ציטירן ברשן: „...אַמאָל פלעגן שרייבער אַליין שלייפן די זאַכן, וואָס זיי האָבן געשריבן, און נישט געשיקט אין דער רעדאַקציע כל־זמן זיי האָבן אַליין נישט אַריינגעלייגט וואָס מער אין זייער אַרבעט. היינט, אָדער זיי דינגען אַ סטיל־באַאַרבעטער, אָדער זיי פאַרלאָזן זיך אויפן רעדאַקטאָר"... און אין אַנדערע נאָטיצן וועגן זעלבן ענין זאָגט ברש: „אַ שרייבער, ווי יעדער אַנדערער פאַכמאַן, באַדייט קודם־כל אַ מענטש, וואָס קען די מלאכה פון שרייבן. און ביי אונדז האָבן זיך אַזוי פאַרמערט די מענטשן, וואָס קענען נישט דעם אלף־בית פון דער מלאכה, אַז עס דוכט זיך, דאָס זיי זענען די מערהייט שרייבער פון אונדזער צייט. מ'דאַרף פאַרבאָטן, לפחות אויף צען יאָר, די רעדאַגירונגס־אַרבעט. אפשר וועלן די דאָזיקע בעלי־תאווה זיך דערזען אַזוי ווי זיי זענען — און זייער תאווה וועט שוואַכער ווערן, אָדער זיי וועלן אופגעצווינגען ווערן אַליין זיך פלייסן אויף זייער אַרבעט".

געוויס, ברש האָט פאַרלאַנגט פונעם שרייבער שעפערישע פאַנטאַזיע, האַרץ־אמת, באַפליגלטע אינספּיראַציע. אָבער פריער פון אַלץ האָט ער געפאָדערט פון זיי די קענטעניש אויסצובאַקן ווי געהעריק דאָס דאָזיקע ברויט — און צוטראָגן אַ ציכטיקן פּראָדוקט.

ער האָט נישט סימפּאַטיזירט מיט דער „אויף־צו־להכעיס"־קריטיק. אָבער ער האָט שאַרף געטאַדלט די „שלומפּעריי" אין דער ליטעראַרישער אַרבעט. זיין גאַנצער, אַזוי עטישער ווי עסטעטישער ווערן, האָט זיך גע־בונטעוועט קעגן די „טאַנדעטניקעס" — און זיי האָט ער געווידמעט אַ שפּיזיקן אַפאָריזם: „פאַראַן מענטשן וואָס זייערע מלבושים מאַכן תמיד

דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אין זיי געשלאָפן אין בעט — און אַזאַ איינ־דרוק מאַכן אויך מאַנכע שריפטשטעלער מיט זייער שרייבן"...

*

אשר ברש איז באַקאַנט אין אונדזער ליטעראַטור, בעיקר ווי אַ פּראָזאַיקער. ער האָט אָבער אויך פון צייט צו צייט געשריבן לידער. אין איינעם אַ ליד זאָגט ער: „אונטער דעם שווונג פון מיין פעדער גייען אַדורך שווער־גורלדיקע מענטשן". די דאָזיקע ווערטער זענען אַ געוויסער שליסל צו זיין דערציילערישער שאַפונג.

אין אַריינפיר־שורות צו זיינע „בילדער פון דער ברויערײ" — ווען די דאָזיקע דערציילונג האָט זיך געדרוקט צום ערשטן מאָל — גיט ער אַן אָנדייטונג אויף: „מי, ליידן, לעבן און טויט, וואָס זענען אַריינגעטאָן אין דער פאַרגרעבטער האַנט פון גורל". אין דעם דאָזיקן אַריינפיר „פאַרענט־פערט זיך" ברש פאַרן עובר זיין אויף די כללים פון קינסטלערישער דיס־טאַנץ. ווייל טראָץ זיין צוזאָג „נישט צו זיין סענטימענטאַל", קאָן ער נישט אויסבאַהאַלטן זיין סוביעקטיווע אויפרודערונג. ער ציט טאַקע אָן אויף די שטילע מאָלונגען אַ דין הייטל פון חסד און באַגלייט די געשילדערטע כאַראַקטערן און געשעענישן מיט טרערן און רחמים, ווי ער איז זיך אַליין „מודה". אַזוי האָט ער געשענקט די קרבנות פון דער „פאַרגרעבטער האַנט פון גורל" נישט נאָר זיין שאַרף אויג, נאָר אויך זיין מיטפילנדיק האַרץ. און אויב ער האָט דערמיט אונטערגעזינדיקט קעגן דעם אָנגענומענעם רעאַליזם, איז דאָך (אין ברשס לשון) דער קונסט־מלאך אַ נאָכגיביקער...

*

כאָטש די „בילדער פון דער ברויערײ" זענען, אויסערלעך, באַגרענעצט צו אַ לאָקאַלן אַקציע־קרייז — איז די דאָזיקע דערציילונג אַ ברייט קאָנ־ווענדיקע עפּאָפּייע, ווו עס שפּילט זיך אָפּ אַ שטיק יידיש לעבן אין גאַליציע, אין דער צוזאַמענטרעף־צייט פון דעם פאַבריקן און דעם איצטיקן יאָרהונ־דערט. מיר באַקענען זיך דאָ מיט אַ ברייטער גאַלעריע פון טיפּן, מערסטנ־טייל געשעפטלעך־דינאַמישע, וואָס זענען אויס פעסט פאַרוואָרצלט אין אַ סטאַבילן לעבנס־סדר. דער ברויערײ־שטח ברויזט מיט ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט און סוחרישן משא־ומתן. דאָס איז אַ פּרנסה־קוואַל פאַר דער גאַנצער סביבה. אָבער טראָץ דעם גאַנצן טומל פון פּראָדוקציע און האַנדל, איז די דאָזיקע ברויערײ נישט בלויז געשעפטלעכע וואָכעדיקייט.

די צענטראַלע פיגור איז דאָ חנה אבערדאַם. אַ וווּנדערבאַרע גע־שטאַלט — אַ סימבאָל פון שלימות. זי איז אַן אשת־חיל, שפּרודלט מיט ענערגיע און סוחרישן שכל — און גלייכצייטיק פול מיט פרויען־חן, אַן אידעאַלע מוטער (און באָבע). זי פירט מיט אַ זיכערער האַנט דאָס גאַנצע געשעפט — נאָך דעם משונהדיקן מיסטעריעזן טויט, וואָס האָט פּריצייטיק געטראָפן איר מאַן, ר׳ שלומקע, וועלכער האָט כל ימיו זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט לערנען, זייענדיק אויף קעסט ביי אירע רייכע עלטערן. ווען איר מאַן האָט געלעבט — דערציילט מאַדאַם אבערדאַם — איז ער געווען אין אירע אויגן „ווי אַ געטלעכער מענטש, וועמען איך בין געווען באַויפטראַגט צו באַדינען”. איר גאַנץ לעבן — זאָגט זי — איז אָפּהענגיק געווען פון דעם האַרץ־נאָגנדיקן תורה־ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שלומקעס צימער. הכלל, זי, די רייכע טאָכטער, האָט געשעצט און געליבט איר מאַן, דעם קדוש (אויף וועמען אַנדערע הויז־מענטשן האָבן אַ מאָל געקוקט ווי אויף אַ בטלן), מיט איר גאַנצער נשמה.

אָבער איין אומגליק אין שטוב האָט געיאָגט דאָס אַנדערע. דעם טאַטנס געשעפטן זענען שלעכט אַוועק און האָבן געליטן אַ קראַך. שלומקע, דער צדיק, איז אַוועקגעשטאָרבן. מיט פינף יאָר שפּעטער איז אויך גע־שטאָרבן דער פאָטער. די יונגע אַלמנה איז פאַרבליבן מיט דער אַלטער מאַמען און מיט דעם קליינעם טעכטערל, ברכהלע, וועמען זי האָט באַדאַרפט אויסהאַלטן. זי האָט געפּרוּווט זיך פאַרנעמען מיט קליינינקע עסקים, אָבער קיין ברכה האָט זי אין זיי נישט געפונען. באַשליסט זי דאַן נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבן מיט אַ באַלעבאַטיש־פאַרמעגלעכן מענטש, מעג ער אַפילו זיין אַ פאַרעלטערטער, כדי אין זיין הויז צו געפינען רו פאַר זיך און פאַר איר טאָכטער.

אָבער מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט חנה געהאַט נאָך אַ כוונה — אַ העכערע, אַ גייסטיקע. עס ווערט קלאָר, אַז דער שאָטן פון איר פאַר־שטאָרבענעם שלומקע, דער הייליקער צדיק, שוועבט איבער אירע טעג און נעכט. אין די פאַרבאָרגענישן פון איר נשמה איז זי נאָך געווען מיט אים — און דורך דעם באַנייטן משפּחה־לעבן האָט זי געהאָפט צו באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַשעפטיקן מיט תפילה און צדקה, כדי זי זאָל נישט דאַרפן באַגעגענען איר מאַן דעם צדיק אויף יענער וועלט מיט ליידיקע הענט. ווייל אַלע יאָרן נאָך זיין טויט דוכט זיך איר, אַז זי איז אים

נישט ראוי געווען און זי איז מחויב זיך מתקן צו זיין מיט מעשים טובים.

מ׳האָט זי פאַרשדכנט צו ר׳ נפתלי צבי אבערדאם — אַן אַלמן אַן קינדער. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר חשבון איז געווען אַ מקח־טעות. ר׳ נפתלי צבי איז נישט געווען קיין וואַזשנער סוחר און בכלל נישט קיין גרויסער „צעלייגער". פון דעסטוועגן האָט חנה אַנגעגו־מען דעם דין און נישט געזינדיקט מיט איר מויל. איר צווייטער מאַן איז, אמת, גאַר נישט געווען צוגעפּאַסט צו אירע כוונות און געשמאַק, — נישט מאַטעריעל און נישט גייסטיק — אָבער זי האָט אים רעספּעקטירט, ווי עס דאַרף זיך פירן אַ כשרע יידישע טאָכטער. זי איז אָבער געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז איר באַשערט פון הימל אַליין צו זאָרגן אויף פּרנסה — און נישט נאָר פּרנסה פאַר דעם גוף, נאָר אויך פאַר דער נשמה: פאַר דער מעגלעכקייט צו טאָן צדקה, וואָס אָן דעם איז איר לעבן נישט קיין לעבן.

און דאַן האָבן זיך ביי מאַדאַם אבערדאם געעפנט קוואַלן פון ענערגיע. מיט דער צייט איז זי געפאָרן צום בעלזער צדיק (איר טאַטע איז געווען פון זיינע מקורבים) און ער האָט איר געעצהט צו נעמען אין אַרענדע די פאַרלאָזענע ברויעריי פון שטעטל. זי האָט אַזוי געטאָן — און זי איז געוואָרן, ווי געזאָגט, די גאַנצע געשעפט־פירערין.

*

דער נאָמען פון דער מאַדאַם חנה אבערדאם האָט זיך צעקלונגען איבער דער גאַנצער סביבה, הן צוליב איר דערפאָלגרייכער טיכטיקייט און הן צוליב איר ברייטער האַנט פאַר צדקה און הכנסת אורחים. קאַראַוואַנען פון קבצנים, גבאיטעס, כל מיני געסט און סתם גוטע יידן האָבן געשטראָמט צו איר הויז — דאָרט געגעסן, געטרונקען, גענעכטיקט און גענאָסן פון איר קאַסע. און די קאַסע האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעליידיקט.

אַזוי זעען מיר ווי מאַדאַם אבערדאמס עולם־הזה איז געווען געקניפּט מיט איר עולם־הבא. די שטאַרקע טרייבקראַפט פון איר געשעפטלעכער טעטיקייט איז געווען אינספּירירט פון דער באַמיאונג זיך צו דערהייבן צו דער מדרגה פון איר פאַרשטאָרבענעם שלומקע, וועמענס געשטאַלט — אַזוי האָט זיך איר געדוכט — שפּיגלט זיך אין דער געשטאַלט פון זייער טאָכטער ברכהלע, וואָס איז אויך געווען אַ מין מלאכדיק באַשעפעניש, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע פון אַנדערע וועלטן...

אָבער דער שטן לויערט אויפן בלײַענדיקן הויז און לאָזט ווידער אויף

אים אַראָפּ זיך אכזריותדיקע האַנט. נאָך 37 יאָר פון אַרענדע ווערט די מאַדאַם אבערדאם אַרויסגעריסן פון דער ברויערײ. דער פּריץ האָט צוגענומען אַ נײעם אַגענט, אַ געוויסן פּאַן לאַסוטי, און ער האָט פון איר צוגענומען די אַרענדע מיט דער הילף פון צוויי „שיינע יידן"...

דאָס איז אַן אומגליק. אין אים ווערט ווי אַנגעדייט, אַז די גאַנצע פּאַטריאַרכאַלע ווירטשאַפטלעכע סטאַבילקייט, וואָס איז אַזוי שלימותדיק געווען פאַרקערפּערט אין מאַדאַם אבערדאמס פירונג און הערשאַפט אײבער דער ברויערײ, איז כלל וכלל נישט געווען קיין זיכערע. דער קראַך איז געקומען פּלוצלינג — און מאַדאַם אבערדאמס וועלט מיט אַ מאָל חרוב געוואָרן. און פון דעם באַגרענעצטן קרייז אַרום דער ברויערײ פון מאַדאַם אבערדאַם, הערט דער לייענער אַ מין פּאַרויסזען פון חורבן אין אַ פיל ברייטערן אומפאַנג.

די מאָס פון מאַדאַם אַבערדאַמס יסורים ווערן איבערפולט מיטן טויט פון איר באַליבט ברכהלע, ווען דאָס אייניקל שלומקע (וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון זיידן, דעם צדיק), וויל נישט זיין ביי דער מאַמעס לוויה און ער אַנטלויפט — דער לייענער פילט אַ מין פּראָטעסט פון יאושדיקן פּראָטעסט — אין דעם וויסן, שנייאיקן וואַלד, צו דער „גרויסער און ריינער שטילשווייגעניש" (פון דאָרט האָט מען אים געבראַכט כמעט אַ פאַרפרוירענעם).

ס'איז כדאי אָפּצומערקן די שטאַלצע און יחוסדיקע אויפפירונג פון מאַדאַם אבערדאם בעת די איבערגעלעבטע אומגליקן. נאָכן פאַרטריבן ווערן פון דער ברויערײ און נאָכן טויט פון ברכהלען און איר צווייטן מאַן ר' נפתלי צבי, האָט זי קודם כל געזאָרגט אַוועקצושטעלן שיינע מצבות אויף די קברים פון אירע פרישע מתים — „פאַר דעם צוועק האָט זי אָפּגעהיטן אַ באַזונדערע געלט־סומע". און באַלד האָט זי אָנגעהויבן צו זוכן עפּעס אַ פּרנסה: „זי קען נישט רוען, און כל זמן די פיס טראָגן מוז זי פאַרדינען אויף איר ברויט. זי וויל נישט זיין פון וועמען עס איז אָפּהענגיק, אַפילו נישט פון אירע קינדער, כל־זמן זי קען אַליין אַריינטראָגן כאָטש איין פּרוטה".

אין די „בילדער פון דער ברויערײ" האָט ברש אויסגעמאָלן אַ וועלט פון אונטערנעמונג און משא־ומתן, אַ וועלט וואָס טומלט און קאָכט. אָבער עס באַגלייט זיי כסדר אַ ריח פון אונטערגאַנג. ביי דער גאַנצער געשעפט־

לעכקייט באַגלייט דעם לייענער אַן אַפּאָקאַליפּטיש פּאַרגעפיל. און צום סוף פון דער דערציילונג חלומט מאַדאַם אַבערדאַם, אַז דאָס בעט פון שלומקע דעם אייניקל איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ פייער — פּונקט ווי אין דער לעצטער נאַכט פון דעם לעבן פון איר מאַן שלומקע, האָט זי אין חלום געזען זיין בעט אין פלאַמען.

*

איצט, אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים. אָשר ברש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 אין שטעטל לאַפּאַטין, נישט ווייט פון בראָד אין מזרח־גאַליציע. ער איז געוואַקסן אין אַ פאַרמעגלעך הויז, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט תורה מיט דרך־ארץ, חסידישע טראַדיציע מיט השכלה־גייסט. מען קען זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ גליקלעכע קינדהייט און געוואַקסן פון אַ האַרמאָנישער דערציאונג. אין איינעם מיט יידיש וויסן איז ער אין זיין יוגנט געווען נאָענט צו דער פוילישער און דייטשער קולטור. דעם טאַטנס הויז האָט געהאַט פיל מגע־ומשא מיט דער שכנותדיקער סביבה און ער אַליין איז געשטאַנען אין אַ לעבהאַפטיקן קאָנטאַקט מיט קינדער פון די אַנדערע פעלקער.

צו 16 יאָר איז ער געקומען קיין לעמבערג. דאָרט באַקענט ער זיך מיט ברענערן און שאָפּמאַנען, וועלכע האָבן אים דערמוטיקט צו ליטעראַרישער שאַפונג. אַ צייט איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס לערער און אַרומגעוואַנדערט איבער גאַליציע, דערוועדבנדיק ברייטע קענטעניש פונעם דאָרטיקן לעבן. אין יאָר 1914 — אַלט זייענדיק 25 יאָר — איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל, וואָס ער האָט שוין נישט פאַרלאָזן ביז זיין טויט אין יאָר 1952.

מיט אויטאָביאָגראַפישע פּעדעם איז פאַרוועבט זיין סעריע נאָוועלן „די רודאָרפער קאַפּיטלען" און „די רודאָרפער דערציילונגען", ווו מיר געפינען פּלאַסטישע שילדערונגען פון גאַליציאַנישע לאַנדשאַפטן — אַזוי זייער נאַטור ווי זייערע מענטשן. אין די לעבנס־קאַפּיטלען פון יעקב רודאָרפער האָט ברש אַריינגעלייגט, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט — אַ „פּאַרציע פון סימפּאַטיע". רודאָרפער וואַנדערט און קוקט אַרום זיך. ער זוכט עפּעס, אָבער ער איז ווייט פון ניהיליסטישע פּאָזיציעס אָדער פון האָר־שפּאַלטעריי. רודאָרפער איז געווען פּשוט באַשאַנקען מיט „אַן אויג צום גוטן". זיין לעבנס־לוסט איז געצוימט, קאָנטראָלירט און היט אָפּ דעם

אינערלעכן גלייכגעוויכט. דער אַזוי־צו־זאָגן „באַלאַנסירטער" רודאָרפער איז אימשטאַנד צו נעמען פון לעבן וואָס עס גיט...

צום סוף פון די דאָזיקע „קאַפּיטלען" פאַלט אָבער רודאָרפער אַריין אין אַרעסט. ס'איז דער אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס האָט אים אָפּגעגליקט פון דאָרטן אַרויסצוקומען — און דאָן הערט ער דאָס געקלאַפּ פון סאָלדאַטן־מאַרשן, מיט זייערע פערד און אַרטילעריע און אַמוניציע־וועגענער. עשאַלאָנען שלעפּן זיך צו דער גרענעץ — אַנטקעגן דעם שונא. אין זיין דמיון מאָלט זיך רודאָרפער אויס ווי „די דאָזיקע שטילע וועלט שטייט אויף רערן, וואָס זענען אָנגעפּילט מיט פייער־פּולווער". פאַר זיינע אויגן גייען אַדורך בילדער און געשעענישן פון זיין אייגן לעבן. „און יוען זיי זענען אַלע פאַרביי, איז געבליבן אַ פּוסטער חלל. האָט זיך דאָן אין אים זייער געשטאַרקט דער באַוווּסטזיין פון איינזאַמקייט". ער פרעגט זיך אַליין: „ווער מען האָב איך נאָך דאָ, יעקב רודאָרפער, אַ מענטש אָן אַ שטאַנד, אָן אַ טאַטן און מאַמען, אָן אַ גואל, אָן אַ חבר, אָן אַ באַדן — אין אָט דער שטוינענדיקער וועלט, וואָס חלומט אַ געשפּענסטיקן חלום, און אַזוי חלומנדיק — פאַרלאַדנט מען זי, אין געהיים, כדי אַרויפצופירן אויפן עשאַפאָט? צי וועל איך אויך אַרויפגיין (אויפן עשאַפאָט) צוזאַמען מיט איר? פאַר ווער מענס וועגן? צוליב וואָס?"...

און מיט די לעצטע ווערטער פון די „קאַפּיטלען" ווערט אָנגעדייט דאָס אַוועקגיין פון יעקב רודאָרפער קיין ארץ־ישראל (זאָל ווידער דער־מאָנט ווערן, אַז ברש האָט עולה געווען אין יאָר 1914): „זיי געזעגנט, דאָס לעבן וואָס האָט פאַרלוירן זיין טעם!"...

*

די ערשטע נאָוועלע פון די „רודאָרפער דערציילונגען" (וואָס דער מחבר האָט אויך אָנגערופן „אין שאָטן פון גוטע מענטשן"), איז „האַפּט". ברש דערציילט דאָרט וועגן דער הויקערדיקער האַפּטערין האַנטשי, וואָס „אין מיין קינדהייט האָט זי אַ יאָר צייט געוווינט אין אונדזער הויז און האָט אַריינגעהאַפּטן מיין ווייכינקע נשמה אין איר אויסטערלישער וועלט".

דאָס כאַראַקטעריסטישע איז דאָ, ערשטנס, די קינדערישע נייגונג אַריינצודרינגען אין דער וועלט פון דער אומגליקלעכער האַפּטערין; אַן אַריינדרינגען, וואָס דערגייט צום פולן אידענטיפיצירן זיך מיט האַנטשין — מיט איר וועלט, אירע שטריכן, יסורים — און אַפילו מיט געוויסע אירע

משונהדיקע וויזיעס. אַזוי האָט זיך דאָס נייך־יאָריקע יינגל פאַרבונדן נישט נאָר מיט דער האַפטערין, נאָר אויך מיט דער עסטרייכישער קייזערין, — אַן אידעאַלע געשטאַלט, וואָס האַנטשי האָט זי, דורך האַלוצינאַציע, „אַדאָפּ־טירט" אַלס איר אייגענע שוועסטער; דאָס יינגל (ער רופט זיך אין דער דערציילונג יעקב — געמיינט יעקב רודאָרפער) איז געוואָרן אַ „קליינער ברודער" פון ביידן — די הויקערין און די קייזערין...

מען פילט, אַז דאָס יינגל לעכצט נאָך אינערלעכער שיינקייט, וואָס קאָמפּענסירט פאַר דעם פאַרקריפּלטן גוף. ער ווערט פאַרכאַפּט פון אַ נשמה־אויסשטראַלונג. האַנטשי, אַ טראַגיש געשטאַלט, איז גלייכצייטיק אַ פאַרקערפּערונג פון אַ פּאָעטישער טרוימערישער וועלט. אויך יעקב איז באַצויבערט מיט דער מיסטעריעזער וועלט פון דער האַפּטערין.

מען דאַרף אָבער אָנווייזן אויף נאָך איין עלעמענט אין דער צוציאונגס־קראַפט פון דער האַפטערין לגבי דעם יינגל — דעם מחבר. ברש מאָלט מיט פיל פּרטים האַנטשיס צימער, וואָס איז געווען מלא חן און האַרמאָניע — אַ מין עסטעטישע שלימות. דאָס קליינע אָרעמע צימערל איז אונטער האַנטשיס האַנט געוואָרן „אַ שפּילצייג־פּושקעלע און נישט קיין צימער" — נישט צו דערקענען ממש. דער אויוון איז אָפּגעצוימט געוואָרן מיט אַ שיינעם פאַרהאַנג. אויף די פענצטער — בלומענטעפּלעך. אין צווי ווינק־לען — גרויסע בלומענטעפּ: אין איינעם אַ גרינע קאַרליק־פּאַלמע און אין דעם צווייטן אַ פּרעכטיקער שפּאַראַגן, וואָס פלעכט זיך אויף אַ רויט־געפאַרבט לייטערל. נאָך פאַרשידענע פּאַפּיר־בלימעלעך, טישטעכלעך, ביל־דער, אַ קליינע ביכער־פּאָליצע און כל מיני מיניאַטורקעס גיבן דעם צי־מער אַ געשמאַקן אויסזען און אַן אינטימע וואַרעמקייט.

אין אָט דער שיינקייט און ציכטיקייט זענען האַרמאָניש איינגעגלידערט האַנטשיס האַנט־פעיקייטן. אָט ווי עס דערציילט דער מחבר: „אין מיין קינדהייט האָב איך געהאַט געדולד צו שטיין אָדער זיצן שעהן, און שווייגנ־דיק זיך צוקוקן צו פאַרשידענע מלאכה־טוער. און איצט, ווען האַנטשי איז געקומען וווינען ביי אונדז אין שטוב, איז מיין אויפמערקזאַמקייט אָפּ־געלענקט געוואָרן פון אַלע אַנדערע פאַכלייט און איך פלעג באַזוכן איר צימער, ווען עס זענען דאָרט קיין קליענטן נישט געווען. מיט איר דערלוי־בעניש פלעג איך זיך אַוועקזעצן אויף דעם פרייען שטול און זיך איינקוקן אין אירע פינגער, אַ ביסל קרומע אָבער דינינקע און וונדערבאַר־דורכ־

זיכטיקע, ווי זיי באַוועגן זיך פלינק און מיט חן איבער דעם שטיקל שטאָף, זייד, סאַמעט, אָדער גוטע פלאַקסענע לייוונט, ווי די פינגער גייען אַרונטער און גייען אַרויס — און צויבער־שיינקייט אין אַ שלל פון פאַרבן וואַקסט אונטער זיי אויס...״

מיר האָבן אין „האַפט״ אַ בולטע אילוסטראַציע פון ברשס טאָפּלטער לעכצונג: צו אויסערלעכער און אינערלעכער שיינקייט.

*

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ ריי אַנדערע נאָוועלן פון אשר ברש (ס׳ווילט זיך אָבער דערמאָנען זיין סעריע היסטאָרישע דערציילונגען, וואָס פאַרדינען אַ באַזונדערע ברייטע אָפּהאַנדלונג), וועל איך זיך צום שלוס אומקערן צו דער שוין דערמאָנטער דערציילונג „אַ ייד האָט זיך פון אַ צרה אַרויסגעדרייט״, ווייל דווקא אין איר — אין דער בייסיקער באַשריי־בונג וועגן דער מיאוסקייט, וואָס די נייע יידישע באַלעבאַטים האָבן גורם געווען דעם פריצס הויף — מערקט זיך אויך ברשס בענקשאַפט און נייגונג צו אַ האַרמאָניע צווישן עסטעטיק און עטיק. די אויסערלעך אויסגעפּוצטע וועלט פון באַניפּאַצי מאַרקאָווסקי לאָקט טאַקע דעם מחבר און ער באַדויערט איר אויפטרייסלונג דורך דער יידישער משפחה, וואָס האָט פאַר אַזעלכע „נאַרישקייטן״ נישט געהאַט קיין חוש. אָבער מיט דער יידן־„אינ־וואַזיע״ אין הויף און אין פריצישן פּאַלאַץ זענען אַהער אַריינגעדרונגען אויך העכערע עלעמענטן — עפּעס אַן אויבערשטע ריינקייט. אין דעם קאַלט־פאַרגליווערטן הויף איז אָנגעקומען היימישע, וואַרעמע קדושה. אמת, ר׳ מאַנעלע איז נישט קיין איבעריק גרויסער עסטעט... דערצו איז ער נישט קיין קליינער שלימזל אין געשעפטס־ענינים. אָבער ער פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקע גרויסקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער דביקות צו טאָן צדקה, תפילה און לערנען תורה. אוודאי איז אַ שאָד די אויסערלעכע פאַר־שוווּנדענע שיינקייט, אָבער ר׳ מאַנעלעס וועלט — אַ פולע מיט תמימות און בטחון — באַזיצט איר אייגענע שלימות, פּראַכט און רייץ.

אשר ברש — אַזוי ווייזן אַ ריי זיינע דערציילונגען — האָט גע־לעכצט, אַזוי אין קינסטלערישן זין ווי אין געזעלשאַפטלעכן, צו אַ האַר־מאָנישער וועלט, ווו דער עסטעטישער און דער עטישער יסוד לעבן נישט איינער אויפן חשבון פון דעם אַנדערן.

חיים הזז

„בקץ הימים״ — גאולה־טרוים

„בקולר אחד״ (אין איין תליה־פּעטליע) פון חיים הזז איז אָן ספק אַ קינסטלעריש־בעלעטריסטיש ווערק, וואָס דער מחבר האָט געשריבן לויט אַן אינערלעך דערציילערישער לאָגיק, נישט צוימענדיק זיין שאַפערישע פאַנטאַזיע, כאָטש דער שטאָף פון דער דערציילונג איז גענומען פון אויטענטישע פּאַסירונגען און איז באַזירט אויף קאָנקרעט־ביאָגראַפישע עלעמענטן. הזז האָט זיך נישט געלאָזט פון דעם אויטענטיש־ביאָגראַפישן שטאָף באַהערשן, אָבער ער האָט אויך, זעט אויס, נישט געוואָלט פון אים זיך דערווייטערן. אַזוי סינטעזירן זיך דאָ בולטע „הזזישע״ קונסט־מידות מיט גליענדיק־צאַפּלדיקער ווירקלעכקייט פון דעם נאָענטן עבר.

דער סיפור־המעשה איז אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטיזם — אַזוי אין זיין אָריגינעל היסטאָרישער ווערסיע, ווי אין הזזס נאַראַטיווער קאָנסטרוקציע. עס האַנדלט זיך וועגן צוויי צום טויט פאַרמשפטע אַסירי־מלכות, יונגע אונטערערדישע קעמפערס, איינער פון אצ״ל און דער אַנדערער פון לח״י.ביידע האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן פרווו זיי צו איבערצייגן, אַז זיי זאָלן בעטן אַמנעסטיע, ווייל זיי האָבן פרינציפּיעל נישט אָנערקענט דאָס

רעכט פון דער בריטישער מאַכט זיי צו משפּטן. און ביידע האָבן אַליינ־האַנטיק זיך אויפגעריסן — מיט דורכגעשמוגלטע גראַנאַטן — אין טורמע־קאַמער, כדי נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון בריטישן תּלין.

די צווישנצייט וואָס טיילט אָפּ דעם טויט־אורטייל אויף די צוויי נאַציאָנאַלע פרייהייט־קעמפערס פון זייער זעלבסטמאָרד־אַקט — דאָס איז די קאַנווע, אויף וועלכער הזז בויט זיין קינסטלערישן בנין און וועבט אויס זיין פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגיש געוועב. די שעהן פון ערב־טויט — פינקטלעכער: פון ערב באַוווסטזיניקן טויט — זענען פאַר די בחורים שעהן פון אינטענסיווע, טיפע איבערלעבונגען, פון אָנגעשטרענגטע עמאָציעס, פון שפּאַנענדיקע אינערלעכע ראַנגלענישן. מיט די דאָזיקע ערב־טויט־שעהן פון זיינע העלדן האָט זיך חיים הזז פאַרמאָסטן. פון זיי האָט ער אויסגעקנאָטן אַ קינסטלערישע ווירקלעכקייט, וועלכע איז נישט אין גאַנצן אויספאַנטאַזירט.

דער סוף פון דער דערציילונג איז כמעט אידענטיש מיט דער אויטענטישער פּאַסירונג. די צוויי צום טויט פאַרמשפּטע אונטערערדישע קעמפערס האָבן געפּלאַנט צו וואַרפן דעם גראַנאַט אויף די בריטישע תּפיסה־לייט וואָס וועלן זיי קומען נעמען צו דער תּליה, כדי אומצוקומען צוזאַמען מיטן שונא, אין גייסט פון „תּמות נפשי עם פּלשתּים". אָבער דער רבֿ, וואָס איז צו זיי געבראַכט געוואָרן ערבֿ דער עקזעקוציע, האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל קומען, צו זיין מיט זיי אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן. זיי האָבן געפּרוווט אים אָפּרעדן דערפון, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזן. האָבן זיי דעריבער געביטן דעם פּלאַן און אויפגעריסן זיך אַליין אין תּפיסה־קאַמער. אָבער הזז האָט דאָ נישט אַרויסגעבראַכט קיין כראָניק. מיר האָבן דאָ פאַר זיך די וועלט פון מנחם האַלפּערין (פון אצ"ל) און אליהו מזרחי (פון לח"י), ווי זי פאַרמירט זיך דורך הזזס שאַפערישער וויזיע און אַרכיטעקטאָניק, און נישט ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון מאיר פיינשטיינס (אצ"ל) און משה באַרזאַניס (לח"י) לעצטן וועג.

*

העלדנשטאָף קאָן לייכט פאַרפירן אַ שרייבער און ברענגען אים צו פּאַטעטישער איבערטרייבונג, באַזונדערס ווען דער שטאָף איז גענומען

פון בלוטיקן נאַציאָנאַלן געראַנגל אין דעם נישט ווייטן עבר. דאַרף מען, ערשטנס, קאָנסטאַטירן, אַז הזז איז פאַרבליבן אין די קינסטלערישע דימענסיעס, הגם ער איז נישט גלייכגילטיק צו די געמאָלטע געשטאַלטן און זיין דערציילונג איז אָנגעלאָדן מיטן פיבער פון קאַמף קעגן דעם פרעמדהערשער און צעווייטיקט פון דער דעמאָלטיקער בירגער־צעשפּלי־טערונג אין ארץ־ישראלדיקן יישוב.

אויף אַ נאַראַטיוו־דעסקריפּטיוון אופן שיינען אויף אין בקולר אחד די געשטאַלטן פון ביידע קעמפערס — מנחם האַלפּערין פון אצ״ל און אליהו מזרחי פון לח״י. אין פאַרלויף פון זייערע לעצטע טעג, אין שאָטן פון דער תליה, וואַקסט בהדרגהדיק פאַר אונדזערע אויגן זייער אינערלעכע גרויסקייט; זייער אייבערשטקייט לגבי די פאַרשטייערס פון דער פרעמד־מאַכט מאָלט זיך אויס מיט אומבאַשטרייטלעכער זיכערקייט.

שוין אויף די ערשטע זייטלעך באַקענען מיר זיך מיט אומגע־ווינטלעכע כאַראַקטערן: „זייערע משפחה־קרובים האָבן זיך געבעטן ביי זיי אָנצוגעבן אַ בקשה אויף אַמנעסטיע צום הויך־קאָמיסאַר — און האָבן נישט געפּועלט. דער סוף ווי דער אָנהייב. צו ערשט האָבן זיי נישט אָנערקענט די פרעמדע מאַכט און זיין געריכט און צום סוף האָבן זיי נישט געוואָלט בעטן ביי איר רחמים״.

אָבער די דאָזיקע אַריינפיר־שורות ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטער ראַם, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט קאָנפליקטן און טיפע איבערלעבונגען. די צום טויט פאַרמשפּטע אין זייערע רויטע מלבושים שטאַרקן איינער דעם אַנדערן. זייער גבורה טרעט דווקא דאָ, אין טויט־קאַמער, אַרויס נאָך מער בולט. דער לייענער ווערט איבערגענומען מיט זייער זיכערקייט אין דער גערעכטיקייט פון זייערע מעשים און מיט דער באַוווסטזיניקייט פון זייער איצטיקער האַלטונג.

זיי היטן איצטער אָפּ דעם נאַציאָנאַלן כבוד אין זייערע באַציאונגען מיט די טורמע־היטערס — די וועלכע דאַרפן „זאָרגן פאַר אונדזער לעבן און אונדזער טויט״. זיי שטעלן זיך נישט אויף ווען דער טורמעהויפּט קומט אַריין אין זייער קאַמער. און ער קומט דווקא אָפּט. זיי באַציען זיך צו אים מיט שנאה. זיי פּרוּוון אויסטייטשן זיין אָפטן אַריינקומען: אפשר וויל ער זיי זען אין צושטאַנד פון שרעק, אפשר איז ער אַליין פאַרפאָלגט פון פחד... און עס קומט דער אויספיר: „דאָ, ביים שוועל פון טויטקאַמער,

האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַ הערשער. דאָ געוועלטיקט שוין עמעצער אַנדערש״.

הזז איז קאָנצענטרירט אויף דער פּאָר מנחם—אליהו. אָבער דאָ ברייטערט זיך כסדר אויס דער פּערסאָנאַזשן־קרייז. שוין דורך די שמועסן צווישן די צוויי פּאַרמשפּטע באַקענען מיר זיך מיט זייערע משפּחות. יעל, דאָס באַליבטע מיידל פון מנחם, ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פון דער דערציילונג. עס שליסט זיך אָן אין דער דערציילונג דער רב פון די אסירי ציון. ס׳קומט דער אַדוואָקאַט, מיט זיין אַרגומענטאַציע־קראַפט, אָבער — ער שטויסט זיך אָן אויף זייער אַנטשלאָסנקייט. אויך זייטיקע טיפּן, נישט אָנגעהעריקע צו דער טיף־שפּאַנענדיקער דראַמע, קומען אַריין אין דער דערציילונג. אָט איז דער אַראַבישער טורמע־וועכטער אבו־יוסף, מיט זיינע עקזאָטישע געניג און משלימדיקע רייד — אַ שטיק אָריענט־פּאָלקלאָר. און אָט איז דער ייד־אַרעסטאַנט שפּיטאַלניק, וואָס „זיצט אָפּ״ אַן אורטייל פאַר אַ מאָרד־פאַרברעכן צוליב אַ פאַמיליע־סכסוך — אַ קרימינעלע נישטיקייט אין פאַרגלייך מיט מנחמס און אליהוס הייליקער און אינהאַלט־פולער „פאַרברעכערישקייט״.

*

די צוויי בחורים־קעמפערס בויען זיך אויס אַן אייגענע וועלט — אַ רחבותדיקע וועלט אין די ד׳־אמות פון דער תּפיסה; אַ וועלט אַ פרייע, נישט געקוקט אויף די קייטן; אַ וועלט וואָס איז אומבאַגרענעצט אין צייט, כאָטש די טעג זייערע זענען געציילטע. זיי לעבן אין דער ווירקלעכקייט וואָס איז מחוץ די תּפיסה־מויערן. דאָס לעבן זייערס דריקט זיך אויס דאָ, בעיקר, אין דער פאָרעם פון צווישן זיך־שמועסן: „וואָס זיי האָט געפעלט אין מעשים, האָבן זיי דערגאַנצט מיט זכרונות, מיט בענקשאַפט, מיט באַטראַכטונגען און ברייטן אויסשמועסן־זיך״. בעת די שמועסן פילן זיי זיך ווי אויף דער פריי. זיי טרינקען דעם הימל און די זון, הערן די קולות פון גאַס און נערן די אויגן מיט בלומען און גרינס... די קעמפערס אַנאַליזירן די לאַגע, טוישן זיך מיט מיינונגען, טיילן זיך מיט נקמה־וויזיע. און אין דער זעלבער צייט פאַנטאַזירן זיי וועגן דער נאַטור, צערייִדן זיך וועגן כלערליי ארץ־ישראל־פייגל, שפּילן זיך קינדעריש „און די טורמע — לא היה ולא נברא״.

זייערע שמועסן האָבן אַ צענטראַלע טעמע: די נאַציאָנאַלע פרייהייט. קאָנקרעט — דער אָנגעווייטיקטער ענין פון ברידער־שנאה, מסירה און מיטאַרבעט פון אָפיציעלע יישוב־אינסטאַנצן מיט דער פרעמדער מאַכט קעגן די „פורשים", קעגן „טעראָר". די זעלבע טעמע באַקומט אין די דיאַ־לאָגן פון די צוויי אַרעסטירטע אויך אַ ברייטערע, היסטאָריאָזאָפישע באַ־לייכטונג און איז נוגע דעם פּראָבלעם פון גאולה — אַ פּראָבלעם וואָס איז פאַראַנקערט אין אַ ריי שאַפונגען פון חיים הזז.

דער לייענער שפּירט דעם טעם פון פאַרביטערונג. פון אַקטועלן אויסגאַנגפּונקט: „ווי איז צו דער חרפה! נישט נאָר די ענגלענדער האָבן אויף אונדז אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, נאָר אויך דער יישוב". און פון היסטאָרישן אויסבליק — ווי זאָגט מנחם? „אַ פאָלק וואָס האָט מזלזל געווען אין דאָס טייערסטע און הייליקסטע: אין זיין שפּראַך, זיין לאַנד. אַ פאָלק וואָס האָט געשאָפן דעם גלות פון זיין אייגענעם ווילן. שוין אין די צייטן פון בית־שני זענען מיר געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט: אין אַלעקסאַנדריע, אין די שטעט פון גריכנלאַנד און סיריע, אין רוים, אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח. ווען נישט דאָס, וואָלט דאָס קריסטנטום זיך נישט צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אין קיין פאַל נישט. ס'וואָלט נישט געקומען אַזאַ טיפּ ווי פּאַולוס. דורך דעם גלות איז דאָס קריסטנטום באַשאַפן געוואָרן. דאָס איז וואָס מיר האָבן פאַרדינט".

*

די דערציילונג „בקולר אחד" איז אָנגעזאַפּט מיט דראַמאַטיזם, וואָס זיין הויכפּונקט איז דער געראַנגל אַרום דער פראַגע: אפשר דאַך פּרווון ראַטע־ווען דאָס לעבן דורך בעטן אַמנעסטיע? די דאָזיקע ראַנגלענישן שפּילן זיך אָפּ אין אָנבליק פון טאַטע־מאַמע, נאָענטע און טייערע, אָדער מענטשן, וואָס ריידן — מיט פיל שכל און האַרץ — אין זייער נאָמען. מיר זעען די צוויי בחורים אונטערן שווערן דרוק פון די אַרומיקע. אין האַרץ פון די גבורים שפּילט זיך אָפּ אַ שווערע מלחמה צווישן לעבנסלוסט און אומ־פשרהדיקע פּרינציפּן.

מנחם באַמיט זיך צו אַנטלויפן פון טראַכטענישן, אָבער די טראַכטענישן „זענען אַליין געקומען און אים אָנגעגריפן". ער דערמאָנט זיך אין דער מאַמען, וואָס איז צו אים געקומען און ביטער געוויינט ער זאָל בעטן רחמים

און זיך ראַטעווען פון דער תליה. און אַזוי די געליבטע יעל, וואָס האָט זיך געבעטן ער זאָל, פאַר איר, נישט שטאַרבן. דער דראַמאַטישער געראַנגל פאַרטיפט זיך דווקא דערפאַר, ווייל דער ענין פון לעבן און טויט איז שוין נוגע נישט נאָר אים אַליין, נאָר אויך זיינע נאָענטע. אויב ער האָט דאָס רעכט נישט רחמנות צו האָבן אויף זיך — צי מעג ער זיין אכזריותדיק צו זיי? און אפשר איז דאָס בכלל פוסטע גאווה צו ווענען ווערן אַ נאַציאָנאַלער העלד? אויב אַזוי איז עס דאָך נאָר לפנימדיקע גבורה. און אפשר — דורך דעם וואָס ער לאָזט זיך נישט דערנידעריקן פאַרן שונא, פירט ער זיך אויף גאווהדיק? און צי מעגן זיי, בכלל, אַזוי באַגיין „זעלבסטמאָרד"? און צי דען וועט זיי דאָס פאָלק געדענקען? „דאָס פאָלק — טראַכט מנחם — וועט אים נישט געדענקען, פונקט ווי עס האָט נישט געדענקט קיין גרעסערע און בעסערע פון אים. און אויב אַפילו מען וועט אים יאָ געדענקען, וואָס האָט ער דערפון?"

אַ מאַמעס האַרץ ברעכט זיך, דאָס געליבטע מיידל וויינט, דער ברודער בעט זיך, דער אַדוואָקאַט ברענגט אַ שפע פון אַרגומענטן, אַפילו דער רב פון די אַסירי ציון — מיט זיין פאָטערלעכער, טיף־וויטיקדיקער ליב־שאַפט — וואָלט געוועג צופרידן וועג זיי ראַטעווען אַפּ זייערע לעבנס. און עס עגבערן זיי אַליין די ספיקות: צי האָבן זיי — פון נאַציאָנאַלן, פון מאָראַ־לישן, אָדער פשוט מענטשלעכן שטאַנדפונקט, אַנגענומען דעם ריכטיקן באַשלוס? די טיילן, וואָס דערציילן וועגן אָט דעם נשמה־געראַנגל מיט דער סביבה און מיט זיך אַליין, זענען די שטאַרקסטע אין בוך.

*

נאָכן איבערלייענען „בקולר אחד" בין איך געקומען צו חיים הזז אין ירושלים, כדי מיט אים אַליין זיך דורכצושמועסן וועגן זיין ווערק. האָט דאָך דאָס בוך מיט זיין טעמאַטיק אַ היפש ביסל איבערראַשט די ליטעראַ־רישע און געזעלשאַפטלעכע עפנטלעכקייט. זענען דאָך די ענינים, וואָס ווערן באַרירט אין בוך, בשעתם געווען — און זענען נאָך היינט — פּאָלי־טישע שטרייטפונקטן. איך האָב געפרעגט הזזן וואָס האָט אים באַוועגט צו שרייבן דאָס בוך. איך האָב אויך געוואָלט וויסן אויף וויפל האָט די אויטענטיק אים געדינט אַלס קינסטלערישער יניקה־קוואַל.

הזז האָט געענטפערט אויספירלעך:

— אויטענטיק? געוויס, ס׳איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז צוויי בחורים זענען פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און זיי האָבן זיך אַליין אויפֿגעריסן אין טורמע. פֿון אָט דער פֿאַסירונג קומט מײַן גאַנצע אָנרעגונג צו שרייבן „בקולר אחד". אָבער ביי מיר זענען די צוויי בחורים גאַנץ אַנדערע ווי עס זענען געווען אין דערווירקלעכקייט פֿיינשטיין און באַרזאַני. איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיק זיי גייסטיק־אינטעלעקטועל צו באַרייכערן. פֿאַרשטייט זיך, אין די גרענעצן פֿון וואָרשיינלעכקייט, פֿון באַגלויביקייט. אַפֿילו מנחם, דער אינטעליגענטערער, איז אַ בחור, וועלכער האָט נישט באַוויזן צו לערנען. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן גאָר פֿרי אין קאַמף. על אחת כמה וכמה — אליהו. דאָך קומען זיי אַרויס ווי רייפֿע מענטשן און פֿולשטענדיק באַוווסטזיניקע...

איך דערמאָן די שמועסן וואָס עס פֿירן צווישן זיך די צוויי פֿאַר־משפּטע. ערשטנס: די הויכע מדרגה פֿון אינטעליגענץ; צווייטנס: דאָס עצם באַהאַנדלען גאַנץ אַבסטראַקטע פּראָבלעמען, און דאָס ערב דער עקזעקוציע. צי איז עס — פֿרעג איך — רעאַליסטיש־באַגלייביק?

— שמועסן איבער אַזעלכע ענינים אין טורמע — זאָגט הזז — זענען אַ דערשיינונג וואָס איז געבונדן מיט דער ווירקלעכקייט. די בחורים שטייען פֿאַרן סוף, נאָך דעם ווי זיי האָבן זייערס געטאָן. עס בעט זיך צו געבן אַ זינען זייערע אויפֿטוען און זייער לעצטן באַשלוס. דאָס איז דאָך נישט קיין סתם איבערלעבונג. הינטער דעם איז דאָ יידישע געשיכטע, יידישער גורל, און דאָס איז אַ גאַנצער קנופּ פֿון ענינים, וואָס וויקלט זיך כסדר פֿונאַנדער. ס׳איז דאָך נישט סתם טויט, נאָר קידוש־השם. כדי צו גיין אַנטקעגן דעם טויט מיט אָפֿענע אויגן, מוז מען פֿילן די משמעות, דעם טעם פֿון דעם געבראַכטן קרבן, זיין ווערט און זינען.

הזז האָט די קדושים־העלדן אינטעלעקטועל־גייסטיק באַרייכערט, אָבער דאָס הייסט נישט — זאָגט ער — אַז ער האָט זיי אויסגעמאָלט ווי אויסער־אָרדנטלעכע טיפּן.

— זייער מקור איז אַ יידיש הויז. און אַזעלכע בחורים קאָנען זיך טרעפֿן — און האָבן זיך געטראָפֿן — אין אַ סך יידישע הייזער, אין יעדן אָרט, ביי אַן ענלעכער סיטואַציע: אין ארץ־ישראל, ווי אין רוסלאַנד און ליטע; אין דעם היינטיקן דור, ווי אין פֿריערדיקע און צוקונפֿטיקע דורות; זיי קאָנען אויפֿקומען אין אַ סביבה פֿון תלמידי־חכמים און אין אַ סביבה

פון פשוטע יידן. מנחם און אליהו זענען נישט קיין יוצאי דופן. זיי פּאַסן זיך אַריין אין אַ פּילפּאַרביקער קידוש־השם־גאַלעריע.

וואָס שייך די אויסגעדריקטע שאַרפע טענות פון מנחם און אליהו קעגן די יישוב־אינסטאַנצן, זאָגט הזז, אַז אין דעם פּרט ריידן זיי ווי פּאַרטייַ־מענטשן. די ביטערע פּאָלעמישע שטעלן ברענגען אַרויס אָפּקלאַנגען פון יענער צייט. אָבער היינט צו טאָג איז דער פּאָלעמישער כאַראַקטער אַ שפּאָר ביסל פאַרווישט. כמעט דאָס גאַנצע פאָלק אידענטיפיצירט זיך מיט זייער קידוש־השם און קיינער לייקנט נישט זייער העלדישקייט. הזז האַלט, אַז דער עצם־פאַקט וואָס זיין בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ הסתדרות־פאַרלאַג און ווערט פאַרשפּרייט דורך דער הסתדרות־צייטונג „דבר", ווייזט אויף דער וויטאַליטעט און אויף די גרויסע מאָראַלישע כוחות וואָס זענען פאַרבאָרגן אין פאָלק.

*

אין אונדזער ווייטערדיקן שמועס ווערט באַרירט די פראַגע פון ווירקלעכקייט און דמיון אין דער ליטעראַרישער שאַפונג. ווי שפּיגלען זיך אָפּ אָט די עלעמענטן אין הזזס שאַפונג?

— בדרך כלל — זאָגט הזז — שטייען מיינע פּיס שטענדיק אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט. אין מיין שאַפונג זענען נישטאָ קיין פאַנטאַסטישע זאַכן. אַפילו יעיש (דער העלד פון בוך מיטן זעלבן נאָמען — אַ בוך פון לעבן פון די תימנער יידן), וואָס גייט אַרויף אין הימל — אויך דאָס איז נישט אין גאַנצן דמיון. ווייל אויך דער הימל איז פאַר יעישן — רעאַליטעט. ס'איז אַ רעאַליטעט, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם פאָלקס־באַנעם. מיט אַנדערע ווערטער: אויך פאַנטאַזיע קאָן זיין רעאַליזם. דאַקעגן קאָן אַמאָל אַ קאָנקרעט־געזעענע זאַך נישט זיין אידענטיש — אין דער קונסט — מיט רעאַליזם. ווייל געוויינלעכע ווירקלעכקייט האָט גרענעצן — די גרענעצן פון די חושים פון אַ דורכשניטלעכן מענטש. אָבער ווען אַ קינסטלער הייבט זיך אָן צו באַשעפטיקן מיט אַן אָביעקט פון דער ווירקלעכקייט, אַנטפּלעקן זיך אַ סך דערשיינונגען, אָפט קאָמפּליצירטע, און ער דאַרף זיך אין זיי אַריינטירן, כדי צו געשטאַלטיקן די ווירקלעכקייט לויט זיין אייגענער זעונג אין גייסטיקן און אידעישן זינען. אַזוי אַנטדעקט דער קינסטלער גאָר נייע כאַראַקטערן, נייע מענטשלעכע געפילן און באַציאונגען — ער דרינגט אַריין אין גאָר נייע וועלטן.

איך דערמאָן הזז, אַז אייניקע פון זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען וואָס זענען אַריין אין זיין בוך „חגורת מזלות״, זענען נאָך שטיקער ווירקלעכקייט. פרעג איך אים צי פעלט נישט אין אַזעלכע שאַפונגען די נייטיקע פּערס־פּעקטיוו?

— איך ווייס נישט — ענטפערט ער — ווער שטעלט דאָס אַוועק די כללים פאַר ליטעראַרישער שאַפונג. געוויס איז לייכטער צו שרייבן וועגן אַ לעבן וואָס האָט זיך שוין אויסגעקריסטאַליזירט. אָבער מיר לעבן אין אַ צעשטורעמטן דור, פול מיט אויפטרייסלונגען — און אויב מיר ווילן וואַרטן אויף „פּערספּעקטיוו״, דאַרפן מיר צעברעכן אונדזערע פעדערס, ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן. בכלל האָבן פיל גרויסע שרייבערס, ווי טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, דווקא געשריבן „אויף דער הייסער מינוט״ — פון דער סאַמע קאָכעניש פון לעבן... און אַ קליינער שרייבער — קיין גרויס ווערק וועט ער נישט אַרויסברענגען, אַפילו אויב ער וועט וואַרטן 100 יאָר אויף דער „אָפּקילונג״ פון די געשעענישן. די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור איז היינט צו טאָג אין אַ פיבערדיקן צושטאַנד, אַזוי ווי דאָס לעבן גופא. ס'איז נישט דאָס 19־טע יאָרהונדערט, ווען ס'האָט זיך געשריבן אין מעסי־קייט און שטילשטאַנד, ווען אַפילו מלחמות זענען געווען קליינע, לאָקאַלע. דעמאָלט האָט געקאָנט אויפקומען דער ראָמאַן מיט זיין „העפּי־ענד״. היינט זענען מיר ווייט פון אַזעלכע אידילישע צייטן. אָבער נאָך אַמאָל דאַרף מען זאָגן: ס'זענען נישטאָ קיין פעסטגעזעצטע כללים אין דער ליטעראַרישער שאַפונג. יעדער שרייבער שאַפט זיך זיינע כללים. אויך רעפּאָרטאַזש־ און פובליציסטיק־עלעמענטן זענען אין דער ליטעראַרישער קונסט נישט פּסול. נישט זיי אַליין זענען ווערטיק אָדער אומווערטיק. זייער ווערט איז אָפּהענ־גיק פון דעם שרייבערס וויזיע און טאַלאַנט.

*

הזז גייט איבער צו דער פראַגע פון גרויסע און קליינע כאַראַקטערן אין דער ליטעראַרישער שאַפונג. לויט זיין מיינונג, האָבן די פּרוּוון אין דער וועלט־ליטעראַטור צו פאַרמירן און אויסמאָלן גרויסע היסטאָרישע געשטאַלטן, מערסטנטייל, זיך נישט איינגעגעבן. היינט זוכט די ליטעראַטור, איבערהויפּט, דעם קליינעם מענטש. אייגנטלעך, אין אים איז פאַרבאָרגן די מענטשלעכע גרויסקייט — און ממילא איז ער אַ צוגעפּאַסטער אָביעקט

פאַר אַן אמתן קינסטלער. ווידער — זאָגט הזז — שטייען מיר פאַר דער זעלבער פראַגע: נישט די גרויס פון פערסאָנאַזש דעצידירט, נאָר ווער עס מאָלט אים און ווי אַזוי.

אין גאַנג פון שמועס פרעג איך הזז זיין מיינונג וועגן די באַציאונגען צווישן דער ליטעראַטור־וועלט און דעם אַקטועלן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך דערמאָן אים, אין שייכות מיט אָט דער פראַגע, עטלעכע זיינע עפנטלעכע פאַרטראַגן אויף דער טעמע, וואָס לאָזט זיך דעפינירן ווי „די ליטעראַטור פון פאָלק".

— איך האַלט — פאָרמולירט הזז זיין שטעלונג — אַז ס'איז געווּנטשן פאַר דער ליטעראַטור צו לעבן איר אייגן לעבן און נישט אַנגאַזשירן זיך אין ציבור־ענינים. ווייל ליטעראַטור גופא איז אַ גרויס מלכות וואָס קאָן אַרומנעמען פיל קרייזן און ענינים. אָבער אויך דאָ דאַרף מען נישט אָננעמען קיין אייזערנע געזעצן. אַלץ איז געבונדן מיטן מצב פון פאָלק און איז אָפּהענגיק פון דעם דור. ס'איז פאַראַן אַ מצב און ס'איז פאַראַן אַ דור, ווען דער שרייבער איז מחויב זיך טיף אַריינלאָזן אין די לויפנדיקע געשעענישן. אָבער עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס לגבי זיי איז אַ מצווה פאַר דער ליטעראַטור צו שווייגן. ליטעראַטור איז זייער אַ שאַרף כלי־זין און מען דאַרף מיט אים זיין זייער אָפּגעהיט. דערפאַר טאַקע האָב איך לאַנגע יאָרן געשוויגן און נישט אָנגערירט אין דער ליטעראַרישער שאַפונג אַנגעווייטיקטע פּאָלעמישע פראַגן; געוועןן אויך זאַכן, וואָס כ'האָב אָנגעהויבן צו באַרירן און זיי איבערגעלאָזן אין מיטן. איך מיין, אַז היינט לעבן מיר אין אַ צייט ווען די ליטעראַטור דאַרף זיין אַ שותף צו דער טאָג־טעגלעכקייט. אויב זי איז דאָס נישט — איז עס אַן אַרעמקייט־צייגעניש פאַרביידן: דאָס באַווייזט, אַז דער ציבור קאָן זיך אויסלעבן מחוץ דער ליטעראַטור, און די ליטעראַטור איז נישט ביכולת אויפצונעמען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן.

*

מיר גייען אַריבער צו הזזס ביכער־וועלט און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי „היושבת בגנים" און „יעיש" — ווערק, אין וועלכע ער האָט פאַר אונדז אַנטדעקט דאָס אָריענט־יידנטום. איך פרעג אים ווי האָט ער, דער מזרח־אייראָפּעישער ייד, געפונען זיין וועג צו די מזרח־עדות און אַזוי קינסטלעריש אַריינגעדרונגען אין זייער שטייגער־לעבן.

הזז קלערט אויף דעם ענין גאַנץ פשוט: ווי נאָר ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, אַפילו שוין אויפן וועג קיין ארץ־ישראל (איך דערמאָן זיך אין זיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל־פּעריאָד), האָט ער געזען און תופס געווען, אַז דאָס יידנטום פון פוילן, ליטע, רוסלאַנד — איז נאָך נישט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דאָס איז געווען זיין נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע מסקנה. צי האָט זיך פון דאַנען גענומען און דערנערט אויך די קינסטלערישע גראַוויטאַציע צו דער וועלט פון מזרח־יידנטום? — דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, חיים הזז זעט אַלע זיינע ווערק ווי אַן איינהייט. ס'איז אַ קייט וואָס ציט זיך פון די ערשטע רעוואָלוציע־דער־ציילונגען — דורך די תימנישע און די לכיש־דערציילונגען — ביז „בקולר אחד". און מיר קענען אַליין אָנווייזן אויף דעם איינהייט־סימן: עס איז דער ישראל־קיום אין דער וועלט, וואָס איז באַלויכטן מיט קידוש־השם, וואָס באַוועגט זיך צווישן די צוויי פּאָליוסן פון אומקום און אויפקום, צווישן בקץ־הימים און גאולה.

יצחק למדן

אַ צווייט מאָל וועט מסדה נישט פאַלן...

יצחק למדנס ליד איז, הויפּטזעכלעך, דאָס ליד פון יידישן גורל און פון יידישן ייחוד. דער דיכטער איז ווייט געווען פון אַן „אתה־בחרתנו״־אויפ־פאַסונג, אָבער ווי עס זאָלן נישט זיין דאָס פאָלק און זיין גורל — פוןביידן קענסטו זיך נישט אָפּרייסן. אַזוי מערקט זיך אין למדנס שאַפונג אַ געוו׳יסע נאָענטקייט צו דער איינשטעלונג פון אחד־העם וועגן אַ מין „ביאָלאָגישער״ פאַרבינדונג פון ייד צו זיין שטאַם — אַן אָן־ברירהדיקע פאַרקניפּונג, וואָס לאָזט זיך נישט אויפקניפּן.

ענלעך שטעלט זיך פאָר למדנס אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער גאולה. אייגנטלעך איז עס נישט קיין פראַגע פון פרייען אויסוואַל, ווייל קיין אַנדערע ברירה איז גאָר נישטאָ. פונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך פון פאָלק און פון זיין גורל צו אַנטלויפן, אַזוי עקזיסטירט אַ „צוואַנג״ מיט־צומאַכן דעם פּראָצעס פון זיין דערלייזונג. אַפילו די קאָכעדיק־גליִענדיקע פּאָעמע „מסדה״, למדנס ערשטלינג־בוך וואָס איז פאַרבליבן די קרוין פון זיין שאַפונג — איז אין תוך גענומען דורכגעוויקט מיט אין־ברירה. די פּאָעמע איז אָנגעזעטיקט מיט התלהבות, אָבער די שטאַרקע טרייבקראַפט

צום קריכן אויפן דאָזיקן פעלזיקן מויער פון דער פעסטונג — איז דאָך דער טיפער אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעשפּרייט ביי איר צו פוסנס. אויב דער אַלטערנאַטיוו צו דער פולער פרייהייט איז אונטערגאַנג — הייסט עס, פּאַקטיש, אַז קיין אַלטערנאַטיוו איז נישטאָ. די גאולה איז דאָ ווי אַ גזר־דין: על כורחך לעבסטו און על כורחך וועסטו דערלייזט. דאָס פּאָלק האָט במילא נישט קיין שום וועג פאַר זיך — חוץ דעם איין און איינציקן וועג, וואָס פירט צו די הייכן פון „מסדה".

אָבער דער דיכטער האָט פאַרלאַנגט צו פאַרוואַנדלען דעם גזר דין אין אַ דערהויבענעם אידעאַל — צו מאַכן פון דער נויטווענדיקייט אַן אַקט פון רצון. אַזוי וועט געגעבן ווערן אַ טיפע משמעות צו אונדזער קיום־קאַמף און דער דאַרנדיקער „צוואַנג"־וועג וועט באַצירט ווערן מיט טרוים און באַוווּסטזיין.

*

דעם מערקווירדיקן סינטעז פון אַזעלכע קעגנגעזעצטע יסודות ווי גזירה און רצון — האָט למדן אריבערגעטראָגן אויף זיין גאַנצן שאַפונגס־גאַנג. ער איז געוואָרן דער געפאַנגענער פון יידישן טרויער, פון וועלכן נישט ער קען און נישט ער וויל זיך באַפרייען. פיל פון זיינע לידער דריקן טאַקע אויס אַ באַזונדער כפל־געפיל לגבי דער שליחות פון זיין שאַפונג: זי איז אַן אויפגעצוווּנגענע און פרייוויליקע צו גלייך.

גאָר בולט איז אָט דער דואַליסטישער צוגאַנג קענטיק אין למדנס „האַרץ־אויסגוסן פון ירמיהו פאַר זיין גאָט". ס׳איז קיין ספק נישט, אַז מיטן מויל פון נביא רעדט זיך דאָ אַראָפּ פון האַרץ דער דיכטער אַליין. ער הייבט אָן מיט דער טענה: „מיט וואָס בין איך שולדיק, גאָט, וואָס דווקא מיר, דעם נישטיקן פון ענוות, האָסטו אויסגעקליבן צו טראָגן דיין וואָרט, ווי עס טראָגט אַ גערודפטער־פאַרוווּנדעטער הירש טיף־טיף אין זיין פלייש די פייל־און־בויגן, וואָס זיינע יעגערס־פאַרפאָלגער האָבן אין אים אַריינגעזעצט?". ווייטער ווערט קלאָר, אַז דער נביא און גאָטס וויזיע־וואָרט זענען געוואָרן איינס — „ווי אַ קעמל און זיין הויקער". די משא דריקט — און דער נביא (דיכטער) בעט זיך אַנטלאַסטונג: סתם אַרומגיין אונטער די הימלען, נאָכקוקן די בלאָנדזשענדיקע וואָלקנס און שטערן... אָבער צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר וואָס ירמיהו קען

זיך נישט באַפרייען פון דער שליחות־לאַסט — ער וויל עס אויך נישט: „וואָער וועט מיך אַוועקלאָזן ווייט פון דאַנען?!... דו וועסט נישט לאָזן, גאָט, איך ווייס! און ווען אַפילו דו וואָלסט געלאָזן — ווייס איך דאָך אויך דאָס: איך וועל נישט לאָזן! ווייל פון וואָס עס גלוסט מיך צו אַנטלויפן, וואָס איך האָב אומדערטרעגלעך פיינט — דאָס האָב איך אויך ליב ביז משוגעת...״

און למדנס לידער באַגעגענען מיר אָפט „משא״, „לאַסט״. און ער האָט אָט די אויפגאַבע־באַגריפן פאַרטיפט ביזן גיין „אין אַ דרייפּאַכיקן שפּאַן״, ווי עס רופט זיך זיין צוויייט לידער־בוך. אָט איז ער דער דרייפּאַכיקער שפּאַן:

צו שלעפּן מיטן גאַנצן גוף און מיט אַלע אָנגעשטרענגטע נערוון
די שווערע קייט פון אברהם־יצחק־יעקב;
צו קייקלען אָן אָנטבלויזט האַרץ, ווי אַ נישט געריפּטע ראָד,
אויף שטיינדלעך דאָ און אויף צעקרימטע וועגן;
און טראָגן אונטער דעם צעגליטן, ווייטאָקדיקן אָרעם
— ווי מען טראָגט אַ שאָף וואָס האָט קיין טשערעדע און פּאַשע —
די יידישע מגילה —
אויב אָט די דאָזיקע דריי זאַכן האָסטו צוגעטיילט מיר, גורל,
מיט וואָס פאַר אַ שווערקייט האָסטו מיך נאָך געקענט באַלאָדן?

(פון עברית: מרדכי יאָפע)

*

מיט דעם גזירהדיק־רצונדיקן שליחות־געפיל האָט למדן נישט צעטיילט זיין דיכטערישן גנאָד אויף פיל געביטן און זשאַנערן. ער איז געגאַנגען זיין שטעכיקן וועג און האָט פאַרציכטעט אויף באַבלימלטע שטעגן. פיל קריטיקער האָבן טאַקע אָנגעוויזן אויף דער איינליניעקייט פון זיין שאַפונג. שלמה גראָדזענסקי האָט אים דעפינירט אַלס „מאָנאָליטישן דיכטער״. אברהם שאנן האָט באַטאָנט למדנס פאַרקנעכטונג צו אַן „אידעיִשן מאָניזם״. ב. י. מיכלי (אָנדייטנדיק צו „מסדה״) זאָגט, אַז דער דיכטער האָט אָנערקענט נאָר איין און איינציקן ציל: אָפּצוהיטן מיט אַלע וואָךכוחות אונדזער לעצטע פעסטונג. און ש״י פּנואלי האַלט, אַז למדן געהערט

צו יענער קאַטעגאָריע פון דיכטער, וואָס זייערע אַלע לידער זענען נישט מער ווי איין ליד און זייערע אַלע ביכער זענען נאָר איין בוך...

דער „מסדה"־דיכטער האָט זיך באַוווסטזיניק אָפּגעזאָגט פון כלערליי רייצנדיקע פאַרבן און קלאַנגען, פאָרמען און מאָטיוון, וואָס וואָלטן אים געקענט פאַרפירן פון זיין מיסיע־געהייליקטן, פּאָעטישן דרך המלך. פון זיין דיכטונג, ווי פון דער שאַפונג פון אַנדערע, האָט ער געפאָדערט, קודם־כל, זי זאָל זיין געשטעמפּלט מיט ווייטיקלעכע צייכנס פון אמת־זוכענישן און דערהויבונג־לעכצונגען. דוכט זיך, שורות וואָס למדן האָט אָנגעשריבן יועגן ב. פּאָמעראַנץ (דער העברעיִשער דיכטער פון פּוילן, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין דער מלחמה־בראָך) קענען אויסגעטייטשט אויך ווי זיין אייגענער שאַפערישער „אני מאמין": ווייל „זיין דיכטונג (פּאָמעראַנצס) איז דורכגעזאַפּט מיט דערהויבענעם מאָראַל — אַ פּעדאַנ־טישע און אַסקעטישע דיכטונג, וואָס לאָזט זיך נישט איינרעדן פון קיין שום פאַרבלענדערישע זעונגען און שטימונגען, אויב זיי זענען נישט באַזירט אויף גוטס".

*

יצחק למדן האָט זיך פולשטענדיק פאַרקנסט צום פּיין און צו דער גאולה־וויזיע פון פאָלק. ער האָט זיך מיט זיי צונויפגעגאָסן. מיר זעען אים ווי אַ געבונדענעם אויפן מזבח פון אַ מין „מאָנאָ־מוזע".

אָבער אויך צו אָט דעם „מזבח" קומט אָן למדן נאָך אַ שווערן אינער־לעכן געראַנגל. דער דיכטער האָט געדאַרפט באַזיגן פאַרשידענע נייגונגען און לאָקענישן. דאָס ווערט, בעיקר, קלאָר פון דער סעריע, וואָס דער דיכטער האָט אָנגערופן „מיינע לידער פון יענער זייט בלאַט". זיין לעצט ליד „פּגישה" („אַ באַגעגעניש" — פון דער זעלבער סעריע), איז אַ טראַ־גיש־לירישער דאָקומענט, וואָס אַנטפּלעקט די דראַמע וואָס האָט זיך אָפּ־געשפּילט יאָרן לאַנג אין דיכטערס האַרץ. אין איינער אַ שטילער מינוט האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער זיין „געהיים־ברונעם" און דאָרט איז פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעלאָפן זיין געזיכט — אַזאַ „ווי דו ביסט געווען אַמאָל, צום אָנהייב געווען, אַזאַ, ווי האָסט געוואָלט זיין און ס'איז דיר ביז היינט מער נישט געגעבן געוואָרן". דאָס איז אַ פריידיקע, צעשפּילטע, צעזונגענע, באַגרינטע, צויבער־זוכנדיקע געשטאַלט. אָבער איצט שטעלט זיך שוין פאַר

די יעניקע געשטאַלט בלויז ווי אַ מיראַזש — אַ קאָנטראַסט צו דער רעאַלער געשטאַלט, וואָס איז אָנגעבויגן איבער דעם ברונעם: „אָ, דו־איך, וויטער, פאַרגעסענער, ווי ביסטו דאָ מגולגל געוואָרן אין דער־אָ פאַרסאַזשעטער געשטאַלט — אַ געשטאַלט פון אַ שמיד, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין בלאָז־זאַק, אַ שקלאַף פון זיין קאָוואַדלע און האַמער! ווער האָט דיך אויסגעריסן פון צעזונגענע פעלדער און דיך געבונדן אין דעם טונקעלן, מאָנאָטאָנעם קלאַפּ־קלאַפּ?... ווער האָט דיך אַראָפּגעשליידערט פון די האָריזאָנטן־אָפענע בערג־אַקסלען אין די טורמע־קעלערן פון דור?... ווי האָסטו פאַרטוישט טויזנט ליבעס, צעשפּילטע אויף אַלע באַגערונג־פליטן, אויף איין ביטערער און בייזער ליבע — אַ פאַרביסענער ביז שנאה, וואָס איז פון איר זיבן מאָל שטאַרקער?!”.

*

איך די לידער „פון יענער זייט בלאַט” דערקענען מיר יצחק למדן „אין פּאַטענץ” — ווי ער וואָלט געקענט זיין און ווי ס׳האָט אים נישט איין מאָל געצויגן צו זיין: אַ דיכטער פון גענוס און שמייכל, פון בלומען און שטערן, פון קליינינקע בענקשאַפטן און פון יוגנטלעכע רייצענישן, פון פאַרחלומטע בין־השמשותן און יחידיש־לירישער השתפכות־הנפש. אַפילו ווען ער שטייגט אַרויף אין דעם סקאָרפּיאָנען־שטעג („במעלה העקרבים”, דער נאָמען פון זיינס אַ לידער־בוך) לאָקן פאַרגעסונג־רייצן: ס׳גלוסט זיך אים ווידער זיך צו באַצויבערן פון דער וועלט מיט דער ערשטער באַצויבערונג, „ווי איך וואָלט ביז איצט נאָך גאָר נישט געווען”. אָבער די אַלע באַגערן און וווּנדערלעכקייטן — אָדער זייערע אָפּהילכן — קענען אים איצט אַרומרינגלען נאָר ווי זיך אומקערנדיקע „פאַרשטויסענע פּליטים”: יענץ האַרץ־אויסדערוויילטע ליד, דער נאמן פון דיכטערס סוד, איז שוין לאַנג אַנטשוויגן — ער איז „אויפן עשאַפאָט פון דור געקעפּט געוואָרן”.

יאָ, דאָס האַרץ־נאָגנדיקע געזיכט אין דעם „געהיים־ברונעם” יאָגט אָן „שמעטערלינג”־שטימונגען, אָבער דער דיכטער לאָזט זיך נישט פאַנגען אין זייער נעץ. ווייל ס׳איז אים באַשטימט, על פּי גזירה און על פּי רצון, פון אַן אַנדערן ברונעם כסדר צו שעפּן — כאָטש פון צייט צו צייט בונטעוועט זיך די נשמה: „צוליב וואָס האָסטו מיך, גאָט, אַזוי געשטראָפט, איך זאָל טאָג און נאַכט שעפּן פון אונדזער פאַרשאָלטענעם און פינצטערן

גורל־ברונעם? קוק זיך צו: צי בין איך דען נישט געגליכן צו יענעם פויגל, וואָס האָט מיט זיין נעבעכדיקן שנאָבל דעם ים געוואָלט אויס־שעפּן?״...

און דו דערמאָנסט זיך: „אַ הייליקער וואַסער־שעפּער״ — אַזוי האָט דער שרייבער ישורון קשת אָנגערופן יצחק למדן נאָך זיין טויט...

*

מיר האָבן דערציילט וועגן „האָרץ־אויסגוס פון ירמיהו פאַר זיין גאָט״. נאָך צוויי תנ״ך־געשטאַלטן האָבן חשובע כאַראַקטעריסטישע „פּאָזיציעס״ אין למדנס דיכטונג.

איינע איז די געשטאַלט פון יעקב אבינו — און זי האָט אַ שייכות, אַסאָציאַטיוו, מיט די מאָטיוון „פון יענער זייט בלאָט״. יעקב איז דאָך אויך אַרויסגעגאַנגען — „אַ שטימונג־פּריידיקער און לייכט־שפּאַנענדי־קער״ — פון זיין טאַטנס הויז צו זוכן ליבע. אָבער דער צעזונגענער וועג האָט געדויערט נאָר ביז צו דעם חלום פון לייטער, וואָס זיין שפּיץ גרייכט צום הימל. פון דאַן אָן איז יעקב געוואָרן „אַ מיסיע־געפּאַנגענער און אַ געשמידטער צו גאָטס וואָרט״.

די אַנדערע תנ״ך־געשטאַלט, וואָס למדן האָט „אַדאַפּטירט״ (קלאָר: כדי דורך איר זיך זעלבסט רעפּרעזענטירן), איז פון יונה הנביא. „יונה אַנטלויפט פון זיין גאָט״ (אַזוי רופט זיך למדנס אַ ליד), אָבער זיין פּרוּוו איז פון פאָרויס פאַראורטיילט אויף אַ דורכפאַל. ווי אַזוי וועט דער נביא פון גאָט אַנטלויפן, ווען גאָט הויזט ביי אים אין האַרץ — „צי וועט אַ מענטש אַנטלויפן פון זיין שאָטן, צי קען אַ בוים באַפעלן זיינע וואָרצלען: לאָזט מיך אָפּ?״... יונהס אַנטלויף פון גאָט איז טאַקע אַן עסקייפּיסטישע שוואַכקייט — אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן פון זיך גופא, אָבער דאָס איז אַ תכלית־לאָזער אויפטו: אויף זיבן און זיבעציק וועגן וועט דער מענטש אַנטלויפן פון זיך אַליין — און אויף איין וועג וועט ער צוריק קומען...

*

פון זיין מאָניסטישן אויסגאַנג־פּונקט איז למדן פיל מאָל געקומען צו דער דערשייַנונג פון יידישער אָפּפערווויליקייט אויף וועלט־מזבחות. מיר הערן זיין וואָרט וועגן יידן, וועלכע זענען גרייט צו מאַכן פון זייערע

לעצטע לייבהעמדער — פאַנען פון וועלט־איבערקערענישן, פון מענטש־הייט־דערלייזונג. דער דיכטער לאָזט הערן אַ „ביטערן קדיש" נאָך „ברי־דער, וואָס הענגען אויף זייערע קעפּ, ווי גלאָקן אויף די תליות פון אַלע פעלקער און אויף די געבעטהייזער פון אַלע צייטן". דער געקלאַנג פון אָט די „גלאָקן־קעפּ" צווישן חלפים און עשאַפּאָטן האָט נישט קיין טעם און האָט נישט קיין צוועק...

דאָס איז נישט קיין פּאַראײנפּאַכטע פּאַראַכטונג צום אוניווערסאַלן אידעאַליזם. אויך דאָ קומט צום אויסדרוק למדנס דואַליסטישער צוגאַנג, פון וואַנעט עס דרינגט אָבער ווידער אַרויס דער נאַציאָנאַל־מאָניסטישער פּרינציפּ. הערן מיר פון למדנס ליד „וואָס איך האָב ליב און פיינט": „איך האָב ליב אונדזערע שטענדיק אויסגעשטרעקטע הענט צו יעדער מענטשן־משא, זי אָנצולאָדן אויף זיך און טראָגן צו אָפּרו־לאַנדשאַפטן, אָבער איך האָס זיי ווען זיי הענגען אומבאַוועגלעך, ווי טרוקענע אָפּגעהאַקטע בוים־צווייגן, איבער אונדזער שווערער משא. איך האָב ליב אונדזער זוכנדיקן, צעשטורעמטן גייסט, וואָס יעדער הימל איז אים צו נידעריק און יעדער רוים איז אים צו ענג, וואָס ווערט אומרואיק געשליידערט צווישן צייטן און געטער, אָבער איך פאַראַכט אים ווען יעדער פרעמדער רינשטאָק איז אים אַ בעסער געלעגער פון אונדזער גרויסער מיסטעריע־טיפעניש".

*

דער מאָטיוו פון געפאַנגענע דורך וועלט־פאַנען חזרט זיך עטלעכע מאָל איבער אין למדנס גרויסער פּאָעמע „מסדה". דער דיכטער האָט זיי אויך איינגעשלאָסן אין כלל פון די ברידער, וואָס קלאַמערן זיך אין דער לעצטער פעסטונג און פאַר וועמען ער טוט תפילה:

צו די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פרעמדע תליות און דערגרייכט
די וואַנט פון פעסטונג —
מאָך, גאָט, אַז זייער טריט זאָל זיך נישט אויסגליטשן, זיי זאָלן נישט
חלילה פאַלן —
ווייל זיי שטרויכלען נאָך און זענען נאָך פאַרמאַטערט.
צו די, פאַר וועמען פינצטער זענען אַלע זונען אין די זיבן הימלען
פון דער וועלט שוין,

יהושע א. גלבוע

הענג אויף, דערבאַרעמדיקער גאָט, די לעצטע זון אין הימל פון מסדה;
ווייל אויב ס׳וועט פינצטער זיין פאַר זיי אויך די זון, ווו נאָך וועלן
זיי זיך פאַרט אַהינטאָן?
צו די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויקלט פון די פאַנען־ווינדלעך ביי
שבעים אומות און געקומען נאַקעט,
גיב, גאָט, איין העמד זיי, וואָס זאָל וואַרעמען און באַדעקן
זייער נאַקעטקייט, געפלאָגט פון פיבער...

(פון עברית: מרדכי יאָפע)

עס איז שווער צו קלאַסיפיצירן „מסדה״: צו וועלכן זשאַנער, צו וועל־כער פאָרעם איז די דאָזיקע שאַפונג צוגעהעריק? מיר האָבן פאַר זיך אַ געפלעכט פון מאָטיוון און אויסדרוק־מיטלען. דאָ איז צעיובלטער געזאַנג און דאָ קלאָג־ליד. עס איז שטילע תפילה און הילכיקער אויסגעשריי. עס איז עפּישע, רואיקע באַשרייבונג און עס איז וווּלקאַנישער אויסבראָך. פילאָזאָפישע שטילע פאַרטראַכטונגען טוישן זיך מיט רעטאָריק־שפע. עס איז צאַרטער יחידישער ווידוי און דערביי ברענענדיקער טריבונע־רוף.

ס׳איז קלאָר, אַז „מסדה״ איז אויפגעקומען פון די טיפענישן פון דיכטערס פערזענלעכע איבערלעבונגען. יצחק למדן (געבוירן אין יאָר 1899) האָט פולע רייפקייט דערגרייכט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער וואַלינער בחור — אַ זון פון אַ פרומען טאַטן (ווערט אייניקע מאָל דערמאָנט אין למדנס שאַפונג — איינגעוויקלט אין טלית) — פאַרוואָגלט, צוזאַמען מיט זיין ברודער משה, קיין דרום־רוסלאַנד. דאָרט איז אים אַנטקעגן געקומען די רוסישע רעוואָלוציע — ס׳איז אויסגעב־בראָכן דער בירגער־קריג. אין דער־אַ צייט פון וועלט־שטורעם און פאַנען־פלאַטערונג האָט פאַר זיינע אויגן געפלייצט בלוט פון פאַגראָמירטע יידן. אין אוקראַינע איז אויך דער ברודער משה אומגעקומען פון אַ מערדער־לעכער האַנט און איז נישט געקומען צו קבר־ישראל. דער דיכטער אַליין איז בדרך נס געראַטעוועט געוואָרן און איז נאָך אַ שווערןליידנס־וועג געקומען אין יאָר 1920 קיין ארץ־ישראל.

למדנס יחידישע איבערלעבונגען זענען אַ שטיק גורל פון זיין דור — און ביים דיכטער פאַרטיפן זיי זיך און וואַקסן אויס צו דימענסיעס פון דורות־גורל און דורות־קייט, וואָס ווערן סימבאָליזירט אין דער מסדה־פעסטונג:

העברעישער ביכער־שאַנק

ניִשט צעריסן איז די קייט נאָך,
ס׳ציט זיך אַלץ די קייט און ציט זיך
פון די עלטערן צו קינדער,
פון אַ שייטער צו אַ שייטער
ציט זיך אַלץ די קייט און ציט זיך.

ניִשט צעריסן איז די קייט נאָך,
ס׳ציט זיך אַלץ די קייט און ציט זיך
פון די נעכט פון שמחת־תורה
ביז די פרייד־נעכט פון מסדה
ציט זיך אַלץ די קייט און ציט זיך.

ס׳האָבן עלטערן געטאַנצט דאָרט:
איין האַנט אויף דעם צווייטנס פּלייצע,
צווייטע האַלט אַ ספר־תורה —
מיט דעם פאָלקס־יאָך, פול מיט ליבשאַפט,
האָבן עלטערן געטאַנצט דאָרט.

אַט אַזוי אויך טאַנצן מיר דאָ:
איין האַנט שטאַרקט דעם קרייז — די צווייטע
גלעט דעם ווײ פון דורות־דויער
— איין גרויס בוך פון פּיין און טרויער —
אַט אַזוי אויך טאַנצן מיר דאָ.

(פון עברית: מרדכי יאָפּע)

מיט וויטיקלעכער וויִזיע האָט למדן פאַרקניפּט דעם גורל פון איצ־טיקן דור מיט דער גורלדיקער שלאַכט ביי דער לעצטער פעסטונג פון יהודה, ווו אַ טויזנט באַלאַגערטע יידישע קעמפער האָבן זיך עקשנותדיק פאַרטיידיקט קעגן די רוימער — ביז זיי האָבן, אַנערקענענדיק ענדגילטיק די אויסזיכטלאָזיקייט פון זייער ווידערשטאַנד, געטויט איינער דעם אַנ־דערן (מיט זייערע פרויען און קינדער), כדי ניִשט אַריינצופאַלן לעבעדיק אין דעם שונאס הענט. אַזוי ווי דעמאָלט, ביי מסדה, איז ניִשט פאַראַן גע־

וועז קיין פשרה צווישן די מחנות — אַזוי זעט אויך דער דיכטער אַ קאָמפּראָמיסלאָזן גערּאַנגל ביי דער היינטצייטיקער „מסדה". נישטאָ וווהין צוריקצוגיין: „דאָ איז די גרענעץ. פון דאַנען ווייטער זיינען קיין גרענעצן נישטאָ". דערפאַר וועט זיך דאָ אָפּשפּילן די אַנטשיידנדיקע שלאַכט מיט דעם דורותדיקן גורל:

אויף פעלזענע לוחות עס קריצן פאַרביסענע נעגל
די בשורה פון טרייסט.
דעם גורל פון דורות, דעם שונא אַנטקעגן,
האָט אַ ברוסט זיך בונטאַריש געשטעלט:
„גענוג!
איך אָדער דו ביי דער מאַכט!
דאָ וועט דאָס לעצטע וואָרט זאָגן די שלאַכט".

(פון עברית: משה באַסאָק)

*

למדנס „מסדה" איז געוואָרן אַ האַרץ־אייגנטום פון געבלוטיקטן דור, וואָס איז צו זיין פריהייט־טורעם געגאַנגען. די פּאָעמע האָט זיך געדרוקט אין פיל אויפלאַגעס. אָבער דער דיכטער, דערציילט מען, האָט נישט געוואָלט מאַכן אין איר קיין ענדערונגען און אויסבעסערונגען, אפילו ווען ער האָט אַנערקענט, אַז זיי זענען נייטיק פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט: „מסדה", האָט ער געפילט, געהערט שוין נישט צו אים, נאָר צום כלל.

און ווען מען לייענט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל די דאָזיקע ברויזנדיקע שאַפונג, מאָלט זיך אויס דער היינטצייטיקער, סימבאָלישער „מסדה"־מויער נאָך מאַיעסטעטיש־אימהדיקער פון דער אַמאָליקער פעסטונג־וואַנט — טיפער און גרויזאַמער איז היינט אויך דער אָפּגרונט צו פוסנס פונעם מויער. דערפאַר פאַרכאַפּן די ווערטער, מיט וועלכע דער דיכטער מאַכט באַשווערן די יידישע הענט: „אַרומצואַרעמען דעם מסדה־מויער, אַרומצואַרעמען און נישט אויפהערן". און ווייל דאָס איז ווידער די לעצטע וואַנט — ווערן מיר דורכגעדרונגען מיטן אַנטשלאָסענעם, פּלאַקעדיקן רוף: „אַ צווייט מאָל וועט מסדה נישט פאַלן!"...

פראָפ׳ דב סדן

ברייטע גרענעצן פון אונדזער קולטור

צי איז דען מעגלעך אָנצוווייזן אויף איין עיקרדיקן לעבנס־ווערק פון דב סדן? פון דעם ערשטן אויגנבליק זעען מיר אים דאָך אונטער דעם צייכן פון צעשטרייאונג: זיינע ליטעראַרישע באַשעפטיקונגען זענען פונאַנדערגעשפּרייט איבער אָן אַ שיעור קעגנשטאַנדן; זיינע אינטעלעקטועלע אינטערעסן און קולטור־אויפטוען זענען צעברעקלט אין כלערליי ריכטונגען. דוכט זיך, אַז סדנס פאַרנעם כאַראַקטעריזירט זיך גוט מיט זיינע צענדליקער ברייטע אַריינפירן צו פאַרשידנאַרטיקע — אין הינזיכט פון ספּעציפישער טעמאַטיק — ביכער און געזאַמלטע ווערק. ער איז טאַקע אָנגענומען אַלס פענאָמען, וואָס איז אַריינגעטאָן אין שאַפונגס־אַנטפּלעקונגען מכל המינים — אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, וואָס ברענגט אַליין אַרויס כסדר אַ צעצווייגטע און פילפאַרביקע גייסט־פּראָדוקציע.

ס'איז אָבער פאַראַן אַ צענטער פאַר אָט דער צעשטרייאונג. די גרויסע און צעוואָרפענע סדנישע שפע איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם אייגנאַרטיקן פענאָמען, נאָר פאַרמאָגט אויך אידעישע לאָגיק. אַוודאי, דער גוואַלדיקער זכרון, די וויסן־אָנגעזעטיקטקייט, די בן־ביתדיקייט אין אַ ריי געביטן — זיי ליגן אַרויף אויף דב סדן אַ חותם פון אַן אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג, פון אַ געוויסער נישט געוויינלעכער איינמאָליקייט. עס

זעט אָבער אויס, אַז די דאָזיקע פּראַקטישע שעפערישע פּילזייטיקייט ציט איר יניקה אויך פון אַ צענטראַלער טעאָרעטישער אויפפאַסונג.

דב סדן טענהט, אַז די ליטעראַטור פון פאָלק ישראל איז אַ פּ ל ו ר א ־ ל ע ליטעראַטור, און אירע געביט־גרענעצן אין די לעצטע דורות זענען פיל ברייטער פון די, וועלכע זענען איר „באַשטעטיקט״ געוואָרן דורך אַ ריי פאָרשער. מיט פעסטער אַנאַליטישער אַרגומענטאַציע, און נישט אָן עמאָציע, ווייזט ער אָן אויף דער אומבאַגרינדעטער איינשרומפּונג, וועלכע איז מיט אייגענע הענט אָנגעוואָרפן געוואָרן אונדזער ליטעראַטור: מיר האָבן אין איר אויסגעטיילט אַ בכורהדיק אָרט פאַר דער השכלה און פון איר עלימינירט צוויי אַנדערע קולטור־שטראָמען — חסידות און מתנגדות, וועלכע האָבן פאַר דער נאַציאָנאַלער שאַפונג נישט קיין קלענערע פאַר־דינסטן פון דער השכלה. אויפן גרונט פון אַ פּראַגראַמאַטישן סעקולערן צוגאַנג, האָבן מיר משלים געווען מיט דער פאַרמינערונג פון אונדזער קולטורעלער געשטאַלט, אויף אַ מהלך פון צוויי הונדערט יאָר. עס האָט ביי אונדז געהערשט (און עס הערשט נאָך) דאָס, וואָס דב סדן רופט אָן אַ „דיספּראָפּאָרציאָנעלע אָפּשאַצונג״ פון גאַנצע שאַפונגס־בלאָקן און עס איז גאַראַנטירט געוואָרן אַ מאָנאָפּאָל־פּאָזיציע פאַר איין פליגל. די דאָזיקע „סעלעקציע״ איז זינדיק לגבי דעם היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן אמת און גלייכצייטיק האָט זי אונדז פאַראָרעמט. די פעלשונגען און שאָדנס פון דער דאָזיקער „סעלעקציע״ שפּיגלען זיך אָפּ אַפילו אויף איינעם אַזאַ ביישפּיל: נאָר די סעקולערע טיילן פון רמח״לס (ר׳ משה חיים לוצאַטו) שאַפונג האָבן זוכה געווען איינגעגלידערט צו ווערן אין דעם איינגעביר־גערטן חשבון פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור — און נישט חלילה זיינע ווערק אויפן געביט פון קבלה און מוסר...

*

סדן אָנערקענט נישט פאַר דער השכלה די רעכט צו רעפּרעזענטירן „דאָס נייע״ אין יידישן לעבן — אין קעגנזאַץ צו חסידות און מתנגדות, וועלכע זענען, כביכול, נאָר אַ המשך פון „דעם אַלטן״. ער האַלט, אַז אַלע דריי שטרעמונגען — און נישט נאָר די סעקולאַרע השכלה — זענען געווען אַ יידישער היסטאָרישער אָפּרוף אויף די מאָדערנע צייטן, מיט זייערע פּראָבלעמען און אויפטרייסלונגען. ממילא געהערן צו דער נייער העברעי־

שער ליטעראַטור נישט נאָר די „וועלטלעכע" שאַפונגען, נאָר אויך כלערליי סאָקראַלע ווערק פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר. עס געהערן צו איר אָרגאַניש — רבנישע און חסידישע ליטעראַטור, שאַפונגען פון מוסר און קבלה.

אָבער דב סדן פאָדערט נישט נאָר גלייכבאַרעכטיקונג פאַר „דריי־שטראָמיקייט" אין אונדזער נייער ליטעראַטור, נאָר אויך די אויסברייטע־רונג פון אונדזער קולטור־לעגיטימאַציע אין שפּראַכלעכן זין. פּונקט אַזוי ווי ער טרעט אַרויס קעגן דער עלימינירונג פון געוויסע טיילן פון „אַלעם, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין אונדזער שפּראַך אין די לעצטע דורות", אַזוי איז ער נישט משלים מיט דעם „אָפּוואַרפן פון טעריטאָריעס" אין אונדזער קולטור־חשבון. לויט דער דאָזיקער אויפפאַסונג איז די נייע העברעישע ליטעראַטור נאָר איין באַשטאַנדטייל פון דעם נאַציאָנאַלן לי־טעראַטור־פאַרמעגן. דאָ קומען מיר צו דער סדנישער קאָנצעפּציע פון „דריישפּראַכיקייט". לויט איר, שטייט דער בנין פון דער יידן־ליטעראַטור אויף דריי שפּראַכלעכע יסודות: דאָס אייביקע העברעיש; יידיש, וואָס איז געוואָרן די שפּראַך פון וואָרט און שריפט פאַר גרויסע טיילן פון פאָלק; פרעמדע שפּראַכן, אין וועלכע יידן האָבן געבראַכט שאַפונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידישע ענינים, אָדער זענען געווענדט צו אַ יידישן לייענער־עולם (לאָמיר קלאָר מאַכן דעם לעצטן יסוד: סדן אונטערשיידט צווישן פרעמדער ליטעראַטור און יידישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אין פרעמ־דע שפּראַכן). ווידער דאַרף באַטאָנט ווערן: דב סדן זעט די דריישפּראַ־כיקייט ווי אַן אָביעקטיווע היסטאָרישע רעאַלקייט, וועלכע קען נישט פאַרלייקנט ווערן — און עס ליגט גלייכצייטיק אין אונדזער נאַציאָנאַלן אינטערעס נישט אָפּצוזאָגן זיך פון איר; פאַרוואָס זאָלן מיר אַליין פאַר־שמעלערן אונדזער קולטור־געשטאַלט?

די „טאָטאַלע" אויפפאַסונג פון דב סדן ברייטערט זיך ווייטער אויס אין היסטאָרישע און געאָגראַפישע ריכטונגען. ער זוכט די אינטעגראַציע פון דער יידן־ירושה פון אַלע צייטן און פון אַלע ערטער אין אונדזער קולטור־יחוס. ער פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן האַלטן אין אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין די גאַנצע מאַפּע פון דער יידישער קולטור — אַזוי טערי־טאָריאַל ווי אין הינזיכט פון עפּאָכעס.

יהושע א. גלבוע

*

אין דער דאָזיקער פּילפּאַרביקער און ווערטן־רייכער מאַפּע איז קענטיק דאָס בכבודיקע אָרט פון דער יידיש־שאַפונג, וואָס איז אַ גרויסער צווייג פון אונדזער קולטור (כאָטש ווייט נישט — באַמערקט סדן — צוגלייך מיטן תלמוד בבלי, ווי אַנדערע איבערטרייבן אין זייער פעסטשטעלונג). אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער איינשטעלונג איז טאַקע נישט קיין צופאַל, וואָס דב סדן גיט זיך באַזונדערס אָפּ מיט דער „שוועסטער־ליטעראַטור" אין יידיש. ער האָט געווידמעט אַ ריי אַרבעטן און ער שטייט בראש פון דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט. פאַר דעם דאָזיקן צוזאַמענבונד פון סדנס פערזענלעכער באַשעפטיקונג מיט זיינע גרונט־אַנשויאונגען זענען טאַקע באַלערנדיק און אילוסטראַטיוו זיינע ווערטער בעת דער דערעפענונג פון דער יידיש־קאַטעדרע. ער האָט דאַן אָנגעוויזן אויף דער משונהדיקער טענדענץ איבערצוהיפּערן איבער גאַנצע גרודעס אין אונדזער געשיכטע — אַ טענדענץ, וואָס איין מאָל פאַרלאַנגט זי אַריבערבלעטערן גמרא, אַן אַנדערש מאָל אַרויסוואַרפן קבלה, און ווידער אַ מאָל אָפּמעקן חסידות... אָבער דאָס געמיינזאַמע פאַר אַלע איבערהיפּערס איז דער פּרווו צו פאַרלייקענען אונדזער געשיכטע, אָדער זיך איינאַרדענען אַ באַקוועמערע געשיכטע... אויך דער פאַרלאַנג אַריבערצושפּרינגען יידיש, געהערט צו די דאָזיקע פּרוּוון, אָבער אין די אויגן פון אַ וויסנשאַפטסמאַן איז עס פשוט אַן אָנגריף אויפן אמת.

געטריי זיינע גרונט־אידעען, וויל דב סדן זען מדינת ישראל, אין קולטורעלן באַגריף, ווי אַ צונויפזאַמלערין און אָפּהיטערין פון אונדזערע דורותדיקע און איבער דער גאַנצער וועלט צעשאָטענע אוצרות. זי דאַרף פאַרקערפּערן דעם „כל הנחלים הולכים אל הים". דאָס איז דער אמתער באַטייט און טעם פון גייסטיקן פּלוראַליזם: אָבסאָרבירן פיל שטראָמען און ריכטונגען, וועלכע שפּייזן זיך, אייגנטלעך, פון געמיינזאַמע קוואַלן. אין דעם דאָזיקן כוללדיקן אוצר דאַרף מען נישט אויסטיילן פּריווילעגיעס און מען דאַרף נישט אָנווייזן אויף צווייטראַנגיקע עלעמענטן. דאָ אינטעגרירן זיך דרשות פון מגידים מיט מאָדערנער בעלעטריסטיק. דאָ זענען גלייכבאַרעכטיקט אַלע שבטים פון פאָלק (דערפאַר איז אומבאַרעכטיקט און צוועקלאָז אַרויסצונעמען פון חשבון פון דער נייער העברעיִשער ליטע־

ראַטור, למשל, דעםביישטייער פון אַלטן ארץ־ישראלדיקן ישוב, אָדער שאַפונגען פון אַ ריי אָריענטאַלע עדות).

הכלל, מיט זיין סינטעזירנדיקער אויפפאַסונג איז דב סדן אַן אויס־ברייטערער פון אונדזערע קולטור־גרענעצן. די דאָזיקע אויסברייטערונג איז ער אויסן אויך מיט זיינע שפּראַך־פאָרשונגען. ער באַמיט זיך צו געבן דעם היינטצייטיקן העברעיִשן לשון אַ גרעסערן צוטריט צו פאַרשידנאַר־טיקע — צו מאָל אַ ביסל אָפּגעשטויסענע — שפּראַכלעכע פלאַסטן, כדי מיט זיי זיך צו באַרייכערן.

*

דאָ וועלן מיר זיך צוריקקערן צו דער אָנגעוויִזענער, ביים אָנהייב, פאַרבינדונג צווישן דב סדנס פונאַנדערגעשפּרייטער ליטעראַרישער שפּע און זיינע גרונט־אידעען. ווער עס האַלט ביי אַזאַ טאָטאַלער אויפפאַסונג פון אונדזער ליטעראַטור, זאָגט זיך נישט אָפּ פון פּערזענלעכער פאַראינטערע־סירונג מיט יעדער שיכט און אַנטפּלעקונג אין איר; אדרבא, ער קולטי־ווירט זיי אַלע, איז זיי אַלעמען מקרב. אַזוי זעט אונדז אויס דב סדן ווי ער טראָגט פּעק פון פאַרשידנאַרטיקע מאַטעריאַלן און קעגנשטאַנדן אין אונדזער נאַציאָנאַלן קולטור־אוצר. נאָך מער: מיט דער כוללדיקער ליטע־ראַטור־אויפפאַסונג, וואָס איז באַזירט אויף אַן אידעיִש־היסטאָרישן יסוד, איז אויך פאַרקניפּט דב סדנס צוגאַנג צו גרויסע און קליינעביימער אין דעם ליטעראַטור־וואַלד. געוויס, דער פּראַכט פון וואַלד זענען די גרויסע ביימער, אָבער אַלס גאַנצקייט איז זיין קיום פאַרבונדן מיט כלערליי ביימ־לעך, קוסטעס און גראָזן. דעריבער שענקט סדן טיפע אויפמערקזאַמקייט יעדן געוויקס, וואָס גיט צו אַ ביסל קאָלאָריט צום ברייט־פאַרצווייגטן וואַלד...

און ווער ווייס, אפשר איז פאַראַן אויך אַ פּערזענלעכער פּסיכאָלאָגי־שער פאַן פאַר דב סדנס ליטעראַטור־קאָנצעפּציע. מיר מיינען, פּשוט, דעם פאַקט, וואָס אַ מענטש מיט אַזאַ ברייטער ערודיציע, אַן אָנגעפּראָפּטער „שייער" — „קען זיך דערלויבן" אַ טאָטאַלע אויפפאַסונג פון אונדזער ליטעראַטור און אַריינעמען אין איר אַן אַ שיעור שיכטן און שאַטירונגען, דורות און שפּראַכלעכע אַנטפּלעקונגען. סדנס נישט באַנוגענען זיך מיט מינימאַלע ליטעראַטור־גרענעצן נעמט זיך אפשר פון זיין פּריוואַטער איי־

גנטימערישקייט פון אַ נישט־געמאָסטענעם קולטורעלן האָב־און־גוטס...
(עס דערמאָנט זיך וואָס דב סדן האָט אַ מאָל געזאָגט צו יעקב פאַטן,
וועלכער האָט באַוווּנדערט זיין בקיאות און זכרון: „מיין פּראָבלעם איז
נישט ווי אַזוי צו געדענקען, נאָר ווי אַזוי צו פאַרגעסן דאָס וואָס מען
מעג נישט געדענקען").

*

איצט וועלן מיר קורץ איבערבליקן דב סדנס לעבנס־געשיכטע און
שאַפונגס־וועג.

דב סדן (פּריװאַטיקער פאַמיליע־נאָמען: שטאָק) איז געבוירן געוואָרן
אין בראָד, מזרח־גאַליציע, אין יאָר 1902. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע
דערציִאונג, ווי אויך געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע (פריער אין בראָד
און דערנאָך אין לעמבערג). זיין ערשטע שאַפונג איז געווען אַ בוך לידער,
„צלילים" (קלאַנגען), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1921 אין פשעמישל.
געווען צווישן די גרינדער און צענטראַלע טוער פון דער „החלוץ"־באַוועגונג
אין גאַליציע. קיין ארץ־ישראל איז ער געקומען סוף 1925. געאַרבעט
אַלס רעדאַקציע־מיטגליד פון „דבר", רעדאַגירט אַ ריי זשורנאַלן און
זאַמלביכער. אין יאָר 1950 איז ער צוגעשטאַנען צום לערער־פּערסאָנאַל
פון העברעיִשן אוניווערסיטעט (פּראָפעסאָר פאַר העברעיִשער און יידישער
ליטעראַטור). אַ מיטגליד פון דער העברעישער שפּראַך־אַקאַדעמיע און
דער ישראלדיקער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע (ווען מען רעכנט אויס דב
סדנס וויסנשאַפטלעכע לעגיטימאַציעס, איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן,
אַז ער איז צו זיינע הויכע אַקאַדעמישע ראַנגעס נישט דערגאַנגען מיטן
וועגן פון רעגולערע לימודים — און עס שווימט אויף אין זכרון זיינס אַ שפּאַס
וועגן זיך אַליין, אַז די ערשטע אוניווערסיטעט־לעקציע, וואָס ער האָט
אין זיין לעבן געהערט, איז געווען זיין אייגענע לעקציע...).

נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן סדנס היימשטאָט בראָד, און איר סביבה.
זעט אויס, אַז זיי האָבן איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין זיין געשטאַלט.
דאָס איז אַ סביבה פון אייגנאַרטיקער חסידות — אַ למדנישע, אַ חקרנדיקע.
סדן האָט אַ מאָל אָנגעוויזן אויף דעם טאָפּלדיקן אויסקוק פון ר' יודל חסיד
(ש"י עגנונס העלד פון דער זעלבער סביבה), וועלכער קען נישט שטעלן
קיין טריט נישט זאָגנדיק קיין דברי־תורה. בראָדער חסידות האָט פאַראיי־

ניקט דביקות מיט אַנאַליטיק. די דאָזיקע יסודות האַרמאָניזירן זיך אויך אין דבס סדנס פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן.

דב סדן איז אַ פּיינער מעמואַריסט — און זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן (בעיקר טאָקע אין דער היים־סביבה) האָט ער געווידמעט עטלעכע ביכער. דאָ איז די אויטענטישקייט באַקליידט אין אַ בעלעטריסטישן לבוש. דער מחבר האַלט זיך כסדר ביי די עכטע פּאַסירונגען, אָבער זיי זענען באַהויכט הן מיט פּאָעטישער שטימונג, הן מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק און הן מיט געדאַנקלעכער חריפות.

די אויסרעכענונג פון דב סדנס אַרבעטן און אויפטוען וועט פאַרנע־מען פיל אָרט. מיר ווילן נאָך דערמאָנען אייניקע קעגנשטאַנדן פון זיינע באַשעפטיקונגען (חוץ ליטעראַטור־פאָרשונג): שפּראַך־פאָרשער, ביאָגראַף, איבערזעצער, רעדאַקטאָר, פּובליציסט, פאָלקלאָריסט. מען קען אים אָנ־רופן „אַמבאַסאַדאָר" פון יידיש אין דער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט אַ מאָל געמאַכט אַ חשבון, אַז די צאָל צייטונגען און זשורנאַלן אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט איז אַרום הונדערט, און די צאָל פּסעוו־דאָנימען מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט איז אַרום זעכציק... און עס גלוסט זיך צו פאַרצייכענען דעם באַזונדערן סדנישן כוח און חן אין אַ שיחת חולין: סדן בעל־פּה איז טאָקע אַ שם־דבר.

*

מיר ווילן זיך דאָ אַ ביסל ברייטער אָפּשטעלן אויף אַ באַזונדערן צווייג אין דעם סדן־בוים: זאַמלונג און פאָרשונג פון פאָלקלאָר. לאָמיר אָט דעם צווייג באַטראַכטן דורך סדנס „ראָזשינקעס" און „ניסלעך".

דאָס זענען נישט קיין נעמען פון קינדערישע מעשהלעך אָדער וויג־לידלעך. „אַ שיסל ראָזשינקעס" און „אַ שיסל ניסלעך" זענען צוויי ביכער, וואָס אין יעדן איינעם האָט סדן צונויפגעזאַמלט טויזנט און איין וויצן (סדן האָט עפּעס ליב צוגעבן אַן איינס צו קיילעכדיקע ציפערן — אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט אין דעם אָפּקלייב פון יוסף אָפּאַטאָשוס דער־ציילונגען אין זיין איבערזעצונג אויף עברית: הונדערט און איינע). די דאָזיקע צוויי זאַמלונגען זענען אפשר נאָר אַן אָנהייב פון אַ גרויסער יידישער הומאָר־ענציקלאָפּעדיע, וועלכע סדן פּלאַנירט.

אָבער מ׳דאַרף באַלד באַמערקן, אַז דער אויסדרוק „זאַמלונג" קען

דאָ אָפּנאַרן. אמת, קודם־כל זענען אין די „שיסלען״ אַריינגעלייגט געוואָרן גלייכוועַרטלעך און אַנעקדאָטן, קלאַסיפיצירט און סאָרטירט אין 15 אָפּ־טיילן, בעיקר לויט די קרייזן אין וועלכע זיי זענען אויפגעקומען (צדיקים, חסידים, משכילים, שרייבער, כלל־טוער אאַ״וו). אָבער דאָס איז נישט נאָר אַן אַרבעט פון אַ געניטן קאָלעקציאָנער און איבערדערציילער, נאָר אַן אַרומנעמענדיקע פאָרש־אַרבעט. סדן, אויף זיין שטייגער, פּרוּווט אויך אויפן געביט פון הומאָר זיך צו דערגרונטעווען צו טיפע וואָרצלען — צו דער אָפּשטאַמונג פון די וויצן און גלייכוועַרטלעך און צו זייערע גלגולים. אונטער יעדן אַנעקדאָט בויט ער אויף אַ גאַנצן בנין: זיינע היסטאָרישע יניקה־קוואַלן, זיין „מעטריקע״ און גענעאַלאָגיע, זיין טייטש און מיין, באַ־טייט פון ווערטער־שפּילן און זייערע אַנאַלאָגישע אויסדרוקן אין אַנדערע שפּראַכן. אַ גאַנצע מענגע פון פראַגן — פאַר וואָס, ווען און ווו — הענגט סדן אָן אויף יעדן וויץ, וועלכער ווערט אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט אין אַ קליינער זעלבשטענדיקער שטודיע.

אַריינקוקנדיק אין די צוויי „שיסלען״־זאַמלונגען ווערט טאַקע קלאָר, אַז סדנס באַמערקונגען צו די געבראַכטע וויצן פאַרנעמען דאָרט נישט ווינציקער פּלאַץ ווי די וויצן גופא.

סדן פירט אונדז איבער גאַנצע לאַבירינטן פון יידישן פאָלקלאָר — פון ווייטע דורות ביז די וויצן און גלייכוועַרטלעך, וועלכע קומען אויף יעדן טאָג אויף די וועגן פון ישראל, אין כנסת און אין קאַפעהויז „כסית״... אַזוי אַרום האָט ער נישט נאָר אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די אַר־בעטן פון פריִערדיקע פאָלקלאָריסטן און הומאָר־קאָלעקציאָנערן (ווי מ. ליפסאָן, אלתר דרויאַנאָוו, אפרים דאַווידזאָן און אַנד.), נאָר אויך געצויגן אָט דעם חנפולן פאָלקס־פאָדעם ביז די לויפנדיקע טעג. דערביי האָלט ער זיך ביים כלל: „האומר דברים בשם אומרו מביא גאולה לעולם״. אומעטום דערציילט ער פון וועמען ער האָט דעם וויץ געהערט (טאַקע „באזני שמעתי״ — פון וועמען ער האָט עס פערזענלעך געהערט, חוץ אין ווייניק פאַלן ווי, למשל, ווען דער וויץ־דערציילער האָט געוואָלט פאַרבלייבן אַנאָנים, אָדער ווען דער וויץ איז גאָר אַ גאַנגבאַרער און האָט שוין פון לאַנג פאַרלוירן זיין „פאָטער״).

סדן האָט אויפן ליטעראַטור־טיש אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר „שיסלען״ מיט געשמאַקע פּרוכטן און רייצנדיקע מטעמים: אַנעקדאָטן, אַפאָריזמען,

משלים, פּאַרגלייכן, פּאַראַפראַזעס, דרוק־פעלערן, ווערטער־שפּילן, עם־הארצישע פסוקים־פאַרדרייענישן, אַריינזאָגענישן... דאָס זענען בענדער, וועלכע קענען אינטערעסירן דעם וויסנשאַפטלער־פאָלקלאָריסט צוגלייך מיט דעם מענטש, וועלכער וויל נאָר הנאהדיק לאַכן פון אַ גוטן וויץ און אַ שאַרפזיניק ווערטל. אין די דאָזיקע אוצרות פון פאָלקס־חכמה איז דאָ „סחורה" פאַר די, וואָס ווילן זיך חקרנען — צוזאַמען מיט סדנען — פון וואַנען נעמט זיך, למשל, אַזאַ אויסדרוק ווי „אַ צדיק אין פעלץ", און פאַר די וואָס זוכן פשוט אַ לייכטן פאַרבייסעכץ; פאַר די וואָס באַמיִען זיך — אויפן סמך פון פאָלקלאָר — צו דערלערנען געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און דערשיינונגען אין אַ געוויסער תקופה, און פאַר די, וועלכע קוויקן זיך אָנקוקנדיק כל מיני גרויסע מענטשן — עסקנים, שרייבער, פירער — אין שטעקשיך און פּיזשאַמעס...

*

נישט איין מאָל „מאַסקירט זיך" אַ בעלעטריסט אין דער געשטאַלט פון זיינעם אַ ליטעראַרישן העלד. און אפשר טרעפט, אַז אויך אַן עסייאיסט און ליטעראַטור־פאָרשער „פאַרשטעלט זיך" דורך דעם אָביעקט פון זיין אָפּהאַנדלונג, אָדער באַצייכנט אים מיט שטריכן, וועלכע שפּיגלען אָפּ זיין אייגענע פּערזענלעכקייט. עס דוכט זיך, אַז עפּעס אַזוינס געפינט מען אין דעם אַריינפיר־עסיי פון דב סדן צו אַ זאַמלונג אַרבעטן פון שמואל ניגער, וואָס איז דערשינען אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג („הביקורת ובעיר־תיה" — „קריטיק און אירע פּראָבלעמען"). דב סדן שטעלט זיך דאָרט אָפּ אויפן מענטש (ניגער), וועלכער האָט געשריבן וועגן טויזנטער חיבורים, וועגן הונדערטער מחברים; וועלכער האָט זיך געהאַלטן ווי מחויב צו לייענען די גאַנצע ליטעראַטור (אין דעם פאַל האַנדלט זיך וועגן יידיש־ליטעראַטור) ממש אויף אַ טאָטאַלן אופן; וועלכער פלעגט שטענדיק זיצן — לויט איינער אַ באַשרייבונג — צווישן צוויי בערגלעך ביכער: אַ בערגל פון רעכטס — ביכער צום לייענען, אַ בערגל פון לינקס — ביכער נאָכן איבערלייענען... די דאָזיקע סימנים דערמאָנען אויך דב סדנען אַליין — דעם מתמיד און געטרייען בויער פון אונדזער ליטעראַטור.

אברהם קריב

קטיגור און זינגער

אברהם קריב איז אין דער היינטצייטיקער העברעישער ליטעראַטור נישט נאָר אַ באַוווּסטער שעפערישער נאָמען. קריב איז — אַ פּראָגראַם, אַ פּאַן. ער פערזאָניפיצירט אַ יידישע גייסטיק־מאָראַלישע וועלט־אַנשויאונג. כמעט יעדע איינע פון זיינע ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן שטעלט מיט זיך פאָר אַן „אני מאמין", וואָס ווערט דעם לייענער צוגעטראָגן מיט אַ גליענדיקן אָטעם פון אַ מאָנער און פריידיקער — פון אַ מוכיח־בשער.

זינט דעם מלחמה־בראָך שטייט קריב אין אַן אומברחמנותדיקן קאַמף מיט אַ ריי גדולים פון דער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט זיך אונטער־גענומען „אַראָפּזעצן פון טראָן" אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי מענדעלע, ברע־נער און פרישמאַן. איינמאָל האָט ער זיך פאַר מיר אויסגעדריקט: „איך בין אין קאָנפליקט כמעט מיט דעם גאַנצן העברעישן ביכער־שאַנק במשך די לעצטע הונדערט יאָר".

און קריב אַליין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנפליקט־אָביעקט. זיינע שיטות און מיינונגען, טענות און שטראָף־רייד זענען אַ פּאָפּולערע טעמע פאַר לײדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. אָבער די אַזוי הייסע אָנהענגער פון קריבס קאָנצעפּציעס, ווי די שאַרפע קעגנער — אַלע זענען פאַראייניקט אין אָפּשאַצן זיין וויטיקלעכע אויפריכטיקייט און טיפע־אינערלעכע איבער־צייגונג, וועלכע זענען די טרייב־קראַפט פון זיינע קריטישע אַרויסזאָגונגען.

*

עטלעכע פּרטים פון אברהם קריבס לעבנס־געשיכטע:

זיין פריערדיקער פאַמיליע־נאָמען איז געווען — קריוואָרוטשקאָ. ער איז דער לעצטער פון דער העברעישער שרייבער־פמליה אין ראָטנפאַרבאַנד, וועמען עס איז געלונגען צו קומען קיין ארץ־ישראל ערשט אין יאָר 1935.

אַ קינד פון סלאָבאָדקע — די יידישקייט־באַרימטע שטאָט פון דער ליטווישער קאָווגע: דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900. זיין ערשטע דערציאונג האָט ער באַקומען אין די חדרים און אין די ישיבות פון סלאָבאָדקע, טעלז און מיר. שפּעטער געלערנט אין העברעישן לערער־סעמינאַר אין אָדעס. דערנאָך פאַרענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, פאַקולטעט פון מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפטן (1929).

טראָץ די ספּעציפיש־סאָוויעטישע פאַרהעלטענישן איז קריב פאַרבליבן איינער פון די פאַנאַטישע עברית־נאמנים אויף דער רוסישער ערד. אין באַדינגונגען פון אונטערערד און סכנת־נפשות איז ער געווען טעטיק אין פאַרשפּרייטן דאָס פאַרבאָטענע העברעישע וואָרט. זיין העברעיש־שאַפונג, בעיקר אין דיכטונג, האָט קריב־קריוואָרוטשקאָ אָנגעהויבן זייענדיק אַ סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט — און ער האָט אָנטיילגענומען אין דעם העברעישן זאַמלבוך „בראשית", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע (און זיך געדרוקט אין בערלין...) אין יאָר 1926.

אין די ארץ־ישראל־יאָרן האָט זיך קריבס שאַפערישקייט צעצווייגט: דיכטונג, קריטיק, איבערזעצונג און רעדאַקטאָרישע אַרבעט. זיינע לידער זענען צונויפגעזאַמלט אין בוך „קול ובת־קול". די קריטיק־אָפּהאַנדלונגען פאַרנעמען עטלעכע ביכלעך.

אַ חשובן אָרט אין קריבס ליטעראַרישער טעטיקייט פאַרנעמט די

העברעישע שאַפונג אין ראַטנפאַרבאַנד. ער היט טריי אָפּ דעם אָנדענק פון זיינע פאַרפאָלגטע און ליקווידירטע חברים — די שומרי־החומות פון העברעיש אין סאָוויעטישן לאַנד — און האָט געבראַכט צום דרוק זייערע אָפּגעראַטעוועטע כתבים. באַזונדער באַקאַנט איז דאָס בוך „הענף הגדוע" („דער אָפּגעהאַקטער צווייג"), וואָס אַנטהאַלט די שאַפונגען פון די דיכטער חיים לענסקי און אלישע ראַדין, באַגלייטע מיט קריבס אָפּ־האַנדלונגען.

*

אָבער קריב איז געוואָרן אַ „באַגריף", בעיקר, בזכות זיין צעשמעטערנדיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער נייער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס איר טאָטאַלער קטיגור.

די הויפּט־באַשולדיקונג, וואָס ער האָט געשלידערט אין פנים פון אייניקע ליטעראַטור־„אָבות", איז: זיי האָבן געגעבן אַן אויסגעקרומטן שפּיגל פון יידישע געשטאַלטן און פון יידישן לעבן. קריב האָט, פשוט, פאַרגעוואָרפן אַ ריי השכלה־ און רענעסאַנס־גדולים מאַזאָכיסטישן זעלבסטהאַס, און נאָך פשוטער — שנאת־ישראל. דעם גרעסטן „חלק" האָבן פון קריבס שטראָף־בייטש באַקומען מענדעלע, ברענער און פרישמאַן — אַלע דריי פון דער מזרח־וואַנט...

אין זיין קאַמף קעגן אָט־די ליטעראַטור־זיילן ווייס נישט קריב קיין מידקייט און קיין פשרה. ווי זאָגט ער אין דער הקדמה צו דער סעריע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געווידמעט פרישמאַנען? „דער אמת איז זיך נישט נוהג צו גיין אויף די שפּיץ פינגער, ס'זאָלן נישט אָפּהילכן זיינע טריט. און ער פאַרנויגט זיך נישט אויס מורא, ס'זאָל חס־ושלום נישט אָנגערירט ווערן דער כסא־הכבוד פון אַן אָנגענומענעם שקר. דער אמת ציט אויך נישט אָן קיין זיידענע הענטשקעס, ווען ער טוט דאָס וואָס ער איז מחויב צו טאָן..."

טיף איבערצייגט אין זיין אמת טוט טאַקע קריב די מלאכה פון געטער־צעשטערונג נישט מיט האַלב־דיבור און גרייפט אָן זיינע „קרבנות" נישט מיט קיין „זיידענע הענטשקעס". אין זיינע אַרויסטרעטונגען הערשט אַ הויכע טעמפּעראַטור, אַ פייערדיקער פּאַטאָס.

אָבער טראָץ דער פערזענלעכער אימפּולסיוויטעט, לאָזט קריב נישט

אַרויס פון האַנט די מאָסן פון לאָגיק. זיין עקסטאַז פאַרטראָגט אים נישט ווייט פון דער פאַקטן־באַזע. ער איז בייסיק און סאַרקאַסטיש, ער קאָכט און פיבערט, אָבער גלייכצייטיק גייט ער טראָט־ביי־טראָט אין די טעקסטן פון די „באַשולדיקטע״, כדי זייערע זינד באַווייזן „שוואַרץ אויף ווייס״. דער ווײַ־געשריי פון אַ צעבלוטיקט האַרץ איז כסדר געשטאַרקט מיט טעקסטועלע הוכחות, מיט אויספּירלעכער־געדולדיקער אַרגומענטירונג.

עטלעכע שורות פון קריבס בוך „עטרה ליושנה״ זענען אַ גוטער שליסל צו זיין גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט. קריב וואַרפט פאָר דער נייער העברעישער ליטעראַטור, אַז —

„זי איז געקומען אויף דער וועלט נישט מיט דער שליחות אויפצו־דעקן אונדזער אור־הגנוז... פאַרקערט, די הויפּט־שליחות, וואָס די ליטעראַטור האָט אויף זיך גענומען, איז געווען צו דערווייזן, אַז אַלעס אייגנאַרטיקעס ביי אונדז האָט אַ חסרון... די מערהייט פון אונדזערע דערציילער האָבן זיך געפליסט צו באַווייזן דאָס שלעכטע און פעלערהאַפטע אין פאָלק — און פאַרבאָרגן פון אונדזערע אויגן און פון זייערע אייגענע אויגן די קלאָרקייט און גאַנצקייט פון דער פאָלקס־נשמה... זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שאָטן אויף אַ שאָטן, ביז צום פאַרדעקן אינגאַנצן אַלץ וואָס איז אין אונדזער לעבנס־שטייגער געווען באַליכטן פון אַ פאַרבאָרגענעם וואונדערבאַרן מקור״...

אַזוי זעט קריב אין די אָנגענומענסטע פיגורן פון אונדזער ליטע־ראַטור, פון דער השכלה־עפּאָכע ווי פון דער רענעסאַנס־צייט, נאָר פאַרקרימער פון דעם יידישן פּרצוף, פעלשער פון דער יידישער ווירק־לעכקייט, פאַרשוועכער פון דער קדושה אין יידישן לעבן. ער גיסט פּעך און שוועבל אויף זייערע קעפּ. אין מענדעלעס, ברענערס און פרישמאַנס ווערק געפינט נישט קריב כמעט קיין ליכט־פּונקטן, נאָר שאָטנס, גיפט און שנאה צו יידישקייט. און אין נאָמען פון די אָפּגעשפּאָטע טאָטע־מאַמעס, וועלכע זענען שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן, האָט ער זיך געשטעלט פאָדערן אַ רעוויזיע אין גאַנצן גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור.

*

פון וואַנען שעפּט קריב דעם מוט און די קאָמפּעטענץ אַזוי טאָטאַל צו נעגירן אָנגענומענע אויטאָריטעטן און רעווידירן איינגעבירגערטע

באַגריפן? האָבן דאָך דורות שטאַלצירט מיט אַ ליטעראַרישער ירושה, פון וועלכער קריב מאַכט איצט אַש און בלאָטע...

אַ פייער פון אהבת־ישראל האָט זיך צעפלאַקערט אין קריבס האַרץ מיט די בלוט־טייכן, וואָס האָבן פאַרפלייצט דאָס פאָלק אין דער גרויליקער מלחמה־צייט. ער זאָגט אַליין, אַז ער איז נישט צוגעגאַנגען צו זיין ליטעראַרישער קריטיק־אַרבעט מיט די איינגעפירטע מעטאָדן און כללים, נאָר האָט אין אַלץ אַריינגעקוקט פון אַן אינערלעכן חשבון־הנפש, וואָס האָט אים דערפירט זיך אָפּצורעכענען מיט „גדולים", ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרדייען זייערע זעלבסט־באַשמוצונג־גאַנגען.

דער „זיידע", מענדעלע, איז אין קריבס אויגן נישט מער ווי דער אור־פאָטער פון משכילישער בלינדער שנאה צו יידן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט נאָר אין חוזק מאַכן פון אונדזערע צרות און יסורים. ביי אים, ווי ביי אַנדערע, איז פאַרלעצט געוואָרן נישט נאָר די מידת־הרחמים, נאָר אויך די מידת־הדין: זיי זענען ממש „פאַלשע עדות" פון יידישן לעבן און שטייגער. זיי האָבן זיך פאַרכליניעט מיט בייסנדיקער סאַטירע אויף כנסת־ישראל און מיט מאזאכיסטישער הנאה געמאָלן איר „צביעות"...

קריב האָט דערפילט אַ הייליקן חוב צו „רעהאַביליטירן" די באַשפּיגענע פאַרגאַנגענע דורות. פאַרקלעמט פון דעם מלחמה־חורבן איז ער געוואָרן אַ מליץ־יושר אויף פאַר דעם גלות־לעבן מיט צענדליקער יאָרן און יובלות צוריק — אַ לעבן, אין וועלכן עס זענען געוואַקסן צדיקים, מקדשי־השם און ברייטהאַרציקע אוהבי־ישראל; אַ לעבן, וואָס איז געווען באַחנט מיט כלערליי מעלות טובות — הייליק, זויבער, שיין, ערלעך...

אויף אָט־דעם וועג קומט קריב אויך צו אַ רעוויזיע פון דער טראַדיציע־רייכער „שלילת־הגלות"־קאָנצעפּציע, וואָס אויף איר גרונט איז אויסגעוואַקסן — אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אין דער ליטע־ראַטור און אין ארץ־ישראל — אַ חוזק־צוגאַנג צום יידישן גלות־מענטש און צום יידישן גלות־לעבן. זאָגט קריב: „לאָמיר נישט דערלאָזן, אַז די שלילת־הגלות און די שנאת־הגלות זאָלן זיך פאַרשפּרייטן... דער גלות אַליין, וואָס איז טיף ווי אַן אָפּגרונט, לאָזט זיך נישט אָפּמעקן און דאַרף נישט אָפּגעמעקט ווערן פון אונדזערע הערצער. אַ טראַגישער גורל איז נישט קיין שאַנדפלעק, וואָס מען שיילט אָפּ און מען וואַרפט אַוועק אויף דער ערד... לאָמיר נישט אָפּשפּאָטן פון תהומידיקן טראַגיזם, וואָס אונדזער

יידישער גורל האָט אונדז געשענקט, און לאָמיר אים נישט באַהאַנדלען נאָר ווי אַ קללה". קריב ווייזט אויך אָן, אַז דער גאַנצער כביכולדיקער בונט פון דער השכלה־ און רענעסאַנס־ליטעראַטור קעגן גלות איז אייגנטלעך נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי אַ בונט קעגן יידן און יידישקייט גופא — און „עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס די וועלכע דערציען זיך אין גייסט פון אַזאַ ליטעראַטור ווערן פאַרוואַנדלט אין בפירושדיקע שונאי־ישראל, און עס איז זיי באַקוועמער זיך אַנצורופן כנענים ווי יידן".

*

קריבס ערשטער „רעוויזיע"־ביכל האָט זיך אָנגערופן מיטן פּסוק „אדברה וירווח לי" („איך וועל זיך אַראָפּרעדן, וועט מיר גרינגער ווערן"). ער האָט זיינע ווייַ־געשרייען פיל מאָל געלאָזט הערן, און נישט איינמאָל האָבן זיי אויפגערודערט די ישראלדיקע ליטעראַרישע וועלט.

נאָכן אויסהערן קריבס האַרבן פּסק־דין, וואָס פּסלט פּולקאָם אַ ריי מזרח־וואַנט־פיגורן, האָבן געוויסע קריטיקער אים פאָרגעוואָרפן, אַז פון פיל אהבת־ישראל און רחמים אויף יידן — האָט ער זיך אַליין דערקייקלט צו שנאה און צו אויסראָטונג־לוסט פון גאַנצע שיכטן און תקופות אין דער העברעישער ליטעראַטור. מ'האָט אָנגעוויזן, אַז אין זיין ווייטיק און צאָרן האָט קריב פאַרלאָרן די לאָגישע, ניכטערע אָפּשאַצונג־מאָסן; אַז ער האָט די שאַפונג פון מענדעלע, ברענער און פרישמאַן איינזייטיק באַלויכטן, זיך נישט וויסנדיק מאַכן פון זייער רחמימדיקן צוגאַנג בעת שילדערן פיל זייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט. מ'האָט קריבן אויך באַשולדיקט אין באַנייען אָן „אתה־בחרתנו"־צוגאַנג, וואָס שמעקט מיט שאָוויניזם; אין באַגייטער אַפּאָלאָגעטיק פון גלות־שטייגער און אין שטעטל־אידעאַליזאַציע, וואָס פאַרמאַכן די אויגן אויף קראַנקהאַפטע דערשיינונגען אין דער גלות־ווירקלעכקייט.

מענדעלע — האָבן קריבס קריטיקער אָנגעוויזן — האָט מיט האַרציקייט געשילדערט די יידישע ימים־טובים, געמאָלן פיל יידישע געשטאַלטן, און ווייניק האָבן אַזוי געוויטיקט די יידישע צרות ווי ברענער. אָבער ווען אַ דאָקטאָר אַנטפּלעקט אַכזריותדיק די פעלערן אין חולהס גוף, הייסט עס דען, אַז ער איז גלייכגילטיק צו זיינע ליידן? זעט מען

דאָך, — האָבן קריבס קריטיקער ווייטער אויסגעפירט — אַז דאָס נייע לעבן אין ארץ־ישראל, ווו עס אַנטפּלעקט זיך פיל יידישע מסירות־נפש — איז געפורעמט געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף די ווערק פון די מכלומרשטע „שונאי־ישראל"...

אָבער אַפילו ווען מ'וועט אָננעמען, אַז קריב האָט אַ ביסל איבער־טריבן אין זיין טאָטאַלן אָנגריף אויף אַ ריי גרויסע שרייבער, אַז ער האָט עטוואָס איבערגעכאַפּט די מאָס מיט אַנווענדן היינטצייטיקע שטימונגען צו ליטעראַטור־דערשיינונגען פון מיט יובלות צוריק — דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז זיין „רעוויזיע"־פאָדערונג איז געווען אַ געשריי־בעתו און האָט געהאַט אַ נוצלעכע ווירקונג. ער האָט מיטגעהאָלפן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער נויטיקייט פון אַ נייעם צוגאַנג אין דער ליטעראַטור און אין די ליטעראַטור־לימודים צום יידישן פאַרגאַנגענעם גלות־לעבן, כדי דער יונגער דור זאָל זיך באַקענען מיט אונדזער פאַרשניטענעם קיום נישט דורך סאַטירישע ברילן, נאָר דורך אַ האַרציקער און רעספּעקטירנ־דיקער פּריזמע.

*

איינע פון אברהם קריבס לעצטע שאַפונגען איז „ליטא מכורתי" („מיין היימלאַנד ליטע").

פון ערשטן אַריינבליק אין אָט דער שאַפונג שפּירט מען, אַז זי איז דעם מחבר גאָר נאָענט, אינטים־טייער, און באַלד אַנטפּלעקט זיך אויך אַ שלל פון געפילן און געדאַנקען. דאָס איז קריבס געזאַנג צום קוואַל, וואָס האָט אים מאָראַליש און גייסטיק דערנערט אין די יוגנט־יאָרן — און דאָס איז אויך אַ סאָציאָלאָגישער אַנאַליז פון די וואָרצלען און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט דעם יידישן ליטע־פּענאָמען. ביי דער באַשרייבונג פון ליטעס שטייגער־דערשיינונגען, הערן מיר קריבס הימן צו יידישקייט.

אין דעם פאָרוואָרט, פּרווט דער מחבר „זיך פאַרענטפערן" פאַר דער אונטערגענומענער באַשרייבונג. כ'וויל אים דאָ ברענגען — זאָל ער רעדן פאַר זיך:

„פון מרחקים־פון־יאָרן טויכט אויף פאַר מיר מיין פאַרשניטן הימלאַנד, און איר שטומער בליק איז געווענדעט צו מיר, ווי ער וואָלט פון מיר געמאָנט: לאָז מיך נישט פאַרגיין אין פאַרגעסנקייט.

„נישט קיין געשיכטע־שרייבער בין איך און צו די מאָלערס פון דער פאַרשווונדענער וועלט געהער איך נישט. נאָר בלויז אָפּגעהאַקטע שטריכן, עפּעס פון דעם און עפּעס פון דעם — דאָס וועט מיין האַנט בייטראָגן. און אויב מינוטנוויז וועט די האַנט אַ ציטער טאָן פונעם באַריר מיטן אַמאָל, זאָל אויך דער ציטער אירער פאַרבלייבן אויפן פּאַפּיר".*)

איז טאַקע אין אַלע שורות קענטיק דעם מחברס ציטער — זיין גערירטקייט, ווען ער מאָלט ליטעס לעבנס־שטיקער און באַהאַנדלט זייער מהות. ער באַהאַלט נישט זיין עמאָציע און באַוונדערונג. אָבער ביי דער גאַנצער צעזונגענער עקסטאַז הערשט אין חיבור די לאָגיק. אויך דאָ ציייגט קריב זיין אַרגומענטאַציע־כוח, וועלכער איז אָנגעוואָרעמט מיטן פייער פון אייגענער איבערצייגונג, מיט „אש בעצמותיך".

ליטע איז געווען אַ גאָר־באַזונדערע „פאָרמאַציע" אין יידנטום. קריב באַמיט זיך צו געפינען אַן אַנאַלאָגיע צווישן איר און דער אָרומיקער לאַנדשאַפט, „וואָס נייגט אַ ביסל צו אומעט". דאָס איז אַן אָרעם לאַנד, און אויך אירע מענטשן האָבן זיך צו רייכקייט נישט געריסן: „פרנסה ברווח — דאָס איז געווען אַ מדרגה, צו וועלכער עס איז דערגאַנגען בלויז אַ באַשרענקטער שיכט. אָבער אויך פרנסה־בצימצום האָט זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסן". קריב באַטאָנט, אַז די מערהייט ליטווישע יידן זענען געווען אַרבעטס־מענטשן: „דאָס ערלעכע לעבן פון די דאָזיקע יידן דאָרט איז נישט אָנגעקומען לייכט. מיט שווייס איז זיי אָנגעקומען דאָס שטיקל ברויט און זיי האָבן פאַר דעם געגעבן אַ דאַנק און אַ לויב דעם אייבערשטן". ס׳זענען געווען, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרמעגלעכע יידן אין ליטע, אָבער דער יידישער קיבוץ איז געווען, הויפּטזעכלעך, „אַ שבט פון אָרעמקייט".

* געבראַכט פון דער יידיש־איבערזעצונג פון אליעזר רובינשטיין, אין דער צוויי־שפּראַכיקער אויסגאַבע פון פאַרלאַג „המנורה".

יהושע א. גלבוע

אַזאַ איז געווען דער עקאָנאָמיש־מאַטעריעלער אויסבליק פון אונדזער ליטע־שבט. אָבער ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין אייגנאַרטיקן גייסטיקן פּרצוף. קריב האָט זיין ליטע־היים פאַרלאָזט בעת דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זי איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון צאַרישן רוסלאַנד. אָבער ליטע איז געווען „מער אַ קעניגרייך פון שולחן־ערוך ווי אַ קעניגרייך פון צאַר ניקאָליי״.

דאָס גאַנצע יידיש לעבן אין ליטע — און נישט נאָר אין רעליגיעז־גייסטיקן תחום — האָט זיך געפירט, דע־פאַקטאָ, אויטאָנאָם: מ׳איז, פשוט, נישט אָנגעקומען צו נישט־יידן און צו מלוכהשע אינסטאַנצן. און „מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַפילו דער נאַטורגאַנג, דער גאַנצער סדר פון דער וועלט, פירט זיך לויטן יידישן לוח״. דאָ קאָנפראָנטירט טאַקע דער מחבר די יידישע ימים־טובים מיטן נאַטורגאַנג — און ווייטער דערוויזט ער, אַז „נישט בלויז דאָס יאָר האָט זיך פאַנאַנדער־געטיילט לויטן יידישן לעבנס־סדר. אויך דער טאָג האָט פאַרמאָגט אַ מין אייגענעם יידישן זייגער״: די שעה פון שחרית־דאַווענען, די שעה צווישן מנחה און מעריב, א. ד. גל.

אויף אָט־דעם אייגנאַרטיקן „זייגער״ און זיין טיף־יידישער משמעות שטעלט זיך קריב אָפּ אַ ביסל ברייטער. אין דער וועלט איז אָנגענומען, אַז אויף דער נאַכט צעשפּילן זיך ביי מענטשן די פינצטערע יצרים: מ׳מאַכט אַוועק דעם טאָג מיט א „ביטערן טראָפּן״, מיט רייץ־פאַרגעניגנס פון עקראַן, אין קאָרטן־שפּיל... אָבער דער ייד איז אין בין־השמשות נישט געגאַנגען זוכן און באַזעטיקן דעם יצר־הרע. פאַר אים איז די אָנקומענדיקע נאַכט־שעה דווקא געווען אַ שעה פון אַ „גייסטיקער טבילה״. אין שול אָדער אין בית־מדרש איז ער געגאַנגען. „צום אָוונט איז דער ייד געשטיגן, איז אין אים נתעלה געוואָרן״. דער פאַרנאַכט, דער אָוונט, איז פאַר אים געווען אַ צייט פון אָנפילן־זיך, פון אָנלאָדונג און נישט פון אויסלאָדונג. ער האָט זיך צוריקגעקערט אין שטוב נישט אַ מער אָנגעטרונקענער, אַ מער אויפגערייצטער, נאָר אַ מער געלייטערטער, „מער בעל־נשמה״.

און פונקט אַזוי ווי דער טאָג, יידישלעך, גייט אַרויף צו דער נאַכט — אַזוי שטייגן אַרויף די טעג פון דער וואָך צו דער שבת־מלכות. און די וואָכן און חדשים שטייגן אויך, אַלץ העכער און העכער, ביז די הויכקייטן פון די ימים־נוראים מיט זייער נשמה־דערהויבנקייט און נשמה־ריינקונג...

„דאָס קלענסטע און באַשיידנסטע ספרל אונדזערס, — פירט אויס קריב — דער לוח, איז דער נשמה־ספר פון אונדזער פאָלק!״.

*

היינטיקע צייטן איז נישטאָ קיין באַזונדער חידוש אין דער בילדונג־פאַרפליכטונג פאַר קינדער. אָבער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אין רוסלאַנד אַזאַ מין לימוד־חובה איינגעפירט ביי זיך נאָר די דיסקרי־מינירטע יידישע מינדערהייט. קריב שילדערט ווי די ליטווישע יידן האָבן זיך געצויגן צו תורה — „איבער אָט דעם יידישן קיבוץ האָט געשוועבט דער נביאישער אידעאַל: „וכל בניך למודי ה׳״. אַלע האָבן דאָרט געלערנט, תורה ליב געהאַט, מיט תורה זיך געגרויסט, תורה־קענער געשעצט.

רעדנדיק וועגן „פּראַכט און גלאַנץ פון ליטע״ — אירע ישיבות — „גנבעט אַריין״ קריב אַ שטיקל „פּאָלעמיק״ מיט ביאַליקס בית־מדרש־לידער, אין וועלכע דער דיכטער האָט געשילדערט די כביכול־אומגליק־לעכע נפשות, וואָס ווערן פריצייטיק פאַרעלטערט אין די ד׳ אמות פון דער ישיבה. קריב פּרווט דערוויזן, אַז די ליטע־ישיבות האָבן נישט דערשטיקט די יוגנטלעכקייט פון זייערע בחורים, נאָר בלויז איר געגעבן אַן ערנסטע ריכטונג. נאָך מער: אין די לימודים האָבן די ליטווישע ישיבה־בחורים געפונען אַן עולם־הזה־הנאה — און כלל וכלל נישט אויסגעזען ווי „נשמות פאַרשניטענע, שטילע, פאַרקלעמטע״.

אין דעם קליינעם ביכל שטעלט זיך קריב אויך אָפּ אויף דער באַרימטער ליטווישער מתנגדות און טייטשט אויס פאַרוואָס האָט זיך דאָ נישט איינגעוואָרצלט די חסידות מיט איר רעליגיעז־באַהעמישן שטייגער... אַ היפּש אָרט איז געווידמעט דער מוסר־באַוועגונג, וואָס ליטע איז געווען איר וויגעלע און פאַנאַנדערוווקס־שטח. דער מחבר באַדויערט, וואָס די מוסר־באַוועגונג, אירע שיטות און פּערזענלעכקייטן, זענען נאָך כמעט אַן אומבאַוווסט לאַנד. אויך די ליטווישע מגידות ווערט דורך קריבן אויפמערקזאַם באַלויכטן.

אברהם קריב באַשרייבט און באַהאַנדלט זיין היימלאַנד ליטע מיט פיל וויסן און אַנאַליטישער טיפקייט. אָבער עס הערשט דאָ כסדר אַן

עמאָציאָנעל־געריירטער טאָן. עס איז דורכאויס ליריש־עלעגישער געזאַנג ביי זכרונות־גערויש. און די ציטערדיקע האַנט, וואָס איז דערמאָנט אין פאָרוואָרט, האָט אַזוי פאַרחתמעט דאָס הימן־און־דענקמאָל־ביכל:

„מיין האַרץ וויינט אין מיר ווען איך דערמאָן זיך אין דיר, מיין הימלאַנד ליטע...״

אורי צבי גרינבערג

ווייטיקדיקע זעאונג פון „דריטן אויג"

570 יאָר פאַר אונדזער צייט־רעכענונג איז אין טעאָס, קליין־אַזיע, געבוירן געוואָרן דער גריכישער לירישער דיכטער אַנאַקרעאָן, וועלכער האָט דער וועלט געלאָזן אַ ירושה פון פאַרביקע ליבע־ און ווייַן־לידער. אַנאַקרעאָן איז געווען שטאַרק באַליבט ביי זיינע מיטצייטלער. די איינוווינער פון טעאָס האָבן זיין געשטאַלט אויסגעפורעמט אויף מטבעות און וואַזעס. אויפן אַקראָפּאָליס פון אַטען איז לכבוד אים אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל. די השפעה פון אַנאַקרעאָן האָט זיך געמערקט דורות־לאַנג — פון זיין צייט, דורך דער רענעסאַנס־עפּאָכע, ביז דער מאָדערנער איירא־פּעישער דיכטונג. און אין באַוווסטזיין פון די שפּעטערדיקע דורות האָט זיך איינגעבירגערט די פאַרשטעלונג וועגן דעם אַלטציייטיקן אַנאַקרעאָן, אַז ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון לעבנס־לוסט, אַנגעזעטיקט מיט ליבע און באַפרידיקונג.

ווען אורי צבי גרינבערג וואָלט געווען אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק — וואָלט ער פאַרמאָגט די געהעריקע אייגנשאַפטן צו ווערן איינער פון

אַנאַקרעאָנס נאָכפּאָלגער. אָבער דעם אַנאַקרעאָן פון אונדזער צייט, דעם אַנאַקרעאָן מיט יידישע אויגן און יידיש בלוט, איז נישט באַשערט זיך צו זעטיקן מיט די זיסקייטן פון דער וועלט. רופט זיך טאַקע איינער פון אורי צבי גרינבערגס לידער־ביכער מיט דעם פּיל־זאָגנדיקן נאָמען: „אַנאַקרעאָן אויפן פּאָלוס פון אומעט".

די אַנאַקרעאָנישע עלעמענטן זענען פון אורי צבי גרינבערגס פּאָעטישן וועזן אַרויסגעריסן געוואָרן אין די פריסטע עטאַפּן פון זיין באַוווּסטזיניקן לעבן און ליטעראַרישער שאַפונג. ער האָט טיף־נשמהדיק איבערגעלעבט די גרוילן פון ערשטן וועלטקריג. גאָר באַזונדער איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די טויט־סצענעס, וועלכע ער האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט אַלס פּראָנט־זעלנער פון דער עסטרייכישער אַרמיי, אין אַ שלאַכט אויף די ברעגן פון טייך סאַווע. אין „אַנאַקרעאָן אויפן פּאָלוס פון אומעט" שילדערט דער דיכטער יענעם אומזיניקן טויט־שניט, אין וועלכן „ברידער זעלנער" זענען געפאַלן אויף די אייזערנע פּאַרצוימונגען און טויטערהייט געבריקעוועט מיט זייערע פיס אין דער הייך קעגן די הימלען: „און איך וועל שוין אין מיין לעבן קיין מאָל נישט וויינען אַזאַ געוויין ווי יענעם, וועלכן איך האָב געוויינט אויף די וואַסערן פון דער סאַוואַ".

אָבער דאָס דאָזיקע פּאַרויסזאָגן פון דיכטער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אילוזיע. אין פאַרגלייך מיט די גרוילן פון די שפּעטערדיקע יאָרן זענען דאָך די טויט־סצענעס אויף די וואַסערן פון דער סאַוואַ געווען אַ נישטיק שפּילעכל. וואָס ווייטער איז אַלץ גרינגטלעכער באַזייטיקט געוואָרן פון אורי צבי גרינבערגס דיכטונג יעדער שפּור פון אַנאַקרעאָנישע שטימונגען — און פון זיין פּעדער האָבן שוין כמעט קיין מאָל מער נישט געטריפט קיין ווייַן און קיין קושן, נאָר ברענענדיקער צאָרן און גיפטיקער ווייטיק.

ער אַליין האָט זיך באַצייכנט ווי אַ „פּיטן פון אומקום", וואָס איז נישט גענייגט צו ליבע־געזאַנגען. נאָך מער, אַזאַ זינגער דערוואַרט אויך נישט קיין דאַנקבאַרע ליבשאַפט פון זיינע צוהערער: „פאַראַכטעט מיך, ברידער מיינע, פאַראַכטעט מיך — דעם פּאָעט־פון־אומקום... יעדער מענטש אין מיין שבט קען מיך ביים נאָמען: דער וואָס ברענט און ווערט פאַרברענט, דער אויפרעגער און דערצערנער. נישט קיין גוטער, פריידיק־

שאַלנדיקער גאָט האָט מיך געשיקט פון אָלימפּ־שפּיץ, אָדער פון אַ רויזן־גאָרטן, כדי צו זיין דאָ אַ נביא פון אייער שמחה. ווען איך גיי אַדורך אייער גאַס — עפנט פענצטער און גיסט אויף מיר קויט און מיסט. ווייל אַ היילונג צו אייער ווונד וועל איך פון גאָט נישט ברענגען און פלאַנץ־בוימל וועל איך אויף אייער וויטיקדיקן פליש נישט טריפן... איך — ביטערניש אין מיין מויל. שוועבל און זאַלץ... איך קען נישט אַרויסשלעפּן אַ לאַכנדיקן פיש פון די בלוט־אַזיערעס... איך קען נישט, איך ווייס נישט ווי אַזוי איינצוטונקען מיין פעדער אין צויבערס״.

*

נישט מיט אַ מאָל האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אורי צבי גרינבערגס פּאָעטישער „איך״, ווי ער איז מיטן גאַנג פון די יאָרן באַקאַנט געוואָרן אין דער ליטעראַרישער וועלט. אָבער שטופנווייז האָט זיך זיין דיכטונג אויסגעקריסטאַליזירט אין איינקלאַנג מיט דעם „אני מאמין״, וועלכן ער האָט פאָרמולירט אין דער בראָשור „צו די ניין און ניינציק״, וועלכע איז דערשינען אין יאָר 1928. ער בונטעוועט זיך דאָרט — איינער פון הונ־דערט — קעגן די אָנגענומענע באַגריפן און נייגונגען אין אונדזער שאַ־פונג: „קעמט מיין ליד מיט אייזערנע קאַמען און איך וועל נישט אָפּלאָזן די פראַגע: ווי אַזוי שרייבט אַ יידישער דיכטער סאָנעטן און אידיליעס? פּעטראַרקע — יאָ. לאַנגפעלאָ — יאָ. אַ יידישער דיכטער — ניין!... קינסטלערישע סטרוקטור צוליב סתם קונסט, ווען מיר לעבן אַ צעשניטן לעבן, מיטן גרויל פון צייטן, מיט דער טראַגישער רייכקייט פון זכרונות וואָס שטעכן ווי שפּיזן... — מיר און אַ ליטעראַרישער מעכאַניזם ווי ביי אַלע פעלקער? ניין... אין אונדזערע גערעכענישן לעבן פינצטערע טור־מעס, שריפות און עשאַפאָטן... צי קען מען דאָס אויסדריקן אין אַ סאָנעט?... און אין אַן אידיליע — געוויס נישט!״

אורי צבי גרינבערג איז כסדר געבליבן טריי דער דאָזיקער פּראָגראַ־מאַטיש־ליטעראַרישער דערקלערונג. מיט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער, אין 1957, אין שייכות מיטן באַלוינען אים מיט דער ישראל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, האָט ער דערמאָנט (אין אַ געשפּרעך מיט אַ צייטונג־קאָרעס־פּאָנדענט) דעם אַמאָליקן „מאַניפעסט״ און זיך אויסגעדריקט, אַז נאָך פאַר זשדאַנאָוון און אַן די פולמאַכטן פון אַ קאָמיסאַר, האָט ער פעסטגע־

זעצט „די ליטעראַטור־געזעצגעבונג פון אונדזער יידישער רעוואָלוציע״. דער דיכטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אויספירן אַ באַשטעלונג מצד אַ פּאַרטיי אָדער אַ רעזשים, נאָר וועגן דינען געהאָרכזאַם דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין גאַנג פון איר פאַרווירק־לעכונג. אויך פרויען־צאַרטקייט און נאַטור־שיינקייט „באַשטעלן״ נישט ביים דיכטער קיין געזאַנגען — און פונקט אַזוי נייטיקט זיך נישט דער אמתער דיכטער אין קיין באַשטעלונג מצד אונדזער רעוואָלוציע.

אורי צבי גרינבערג האַלט, אַז דאָס בעסטע אין ליד איז דווקא נישט דאָס אילוזאָרישע און פאַנטאַסטישע, נאָר דער גרויסער און קאָנקרעטער אמת — אמת אָן באַפּוצונג, ווי מערדערלעך ער זאָל נישט זיין. דאָס ליד דאַרף דינען „אַ געזעלשאַפטלעכע, קאָנקרעטע, ערדישע אידעע״. דער־פאַר האָט דער דיכטער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די איינשטעלונג פון „קונסט פאַר קונסט״. ער מעלדעט אָפן: „איך בין נישט קיין זינגער לשם געזאַנג״. ער האָט זיך מתנזר געווען פון נאַטור־דיכטונג: „זינג נישט פון הימל־שיינקייט; רעד פון מענטשן וואָס לעבן אויף דער ערד״. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פרויען־ און ליבע־מאָטיוון (ס׳האַנדלט זיך וועגן זייער, אַזוי צו זאָגן, אויטאָנאָמען ליטעראַרישן קיום). ער האָט אַפילו נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו שמערצן און ראַנגלענישן פון יחיד: „וואָס קען נאָך דער יחיד אין אַ ספר דערציילן? — איוב האָט שוין אים מקדים געווען״. דאַקעגן האָט אורי צבי גרינבערג זיין גאַנצע פּאָעטישע קראַפט און די שיינקייט פון דער „פעלזיקער״ שפּראַך איינגעשפּאַנט אין צילבאַוווסטער דיכטונג, וואָס טראָגט קלאָרע פאָדערונגען און באַשולדיקונ־גען, וואָס פאַרמאָגט אידעיִשן פּאַטאָס און קאָנקרעטע מוסר השכלען — אַ דיכטונג, וואָס איז קאָנצענטרירט אין איין אָביעקט: כנסת ישראל.

*

כנסת־ישראל איז נישט קיין שמאָלער, באַגרענעצטער באַגריף. ער נעמט אַרום דעם תהומיקן צער, די פּיין און טייכן בלוט פון דורות, די הימלישע הייכן פון אונדזער שטאַם, די גרויסקייט פון אונדזער געשיכט־לעכן אורשפּרונג, די לעכצונג צו גדולה, די מלכות־ און משיח־וויזיע און דעם ווידערגעבורט פון דער אומהס פראַכט. דאָס באַזינגען די כנסת־ישראל איז דעריבער אָנגעפילט מיט לעכצענישן. אָבער דאָס זענען נישט די

קליינינקע לעכצענישן, וואָס ציִען יניקה פון מענטשלעכע שוואַכקייטן, נאָר רייסן זיך צו הויכע ספערן, צו אייבערשטע שיינען — ווייט־העכער פון די ביימער־קרוינען אין וואַלד, ווייט־העכער פון דאָרט ווו עס גרייכט אַ פויגל מיט פונאַנדערגעשפרייטע פליגלען...

אַ גרויסער טייל פון אורי צבי גרינבערגס לידער איז טאַקע דורכגעדרונגען מיט קעגנזעצלעכער שפּאַנונג צווישן די קליינלעכע, יחידישע ווי פאָלקישע, גלוסטענישן און לעכצענישן און די אמתע הויכקייטן. די שיינקייט פון די הויכן איז פאַר דעם דיכטער נישט קיין אויסטראַכטעניש, נאָר אַ מין קאָנקרעטער קעגנשטאַנד. אָבער כדי אָט־די שיינקייט, אָט־די „צווייטע ווירקלעכקייט" צו זען און אינטים איבערצולעבן, דאַרף דער מענטש — ווי דער דיכטער זאָגט עדות אויף זיך — זיין באַשאָנקען מיט „אַ דריט אויג". דאָס „דריטע אויג" קוקט טיף אין דעם היסטאָרישן מהות פון דער אומה, איז באַזונדער עמפינדלעך אויף איר קעגנוואַרטיקער נידערגעפאַלנקייט און פאַרזינקעניש אין טאָג־קליינקייטן — און זי קוקט אויך טיף־גלייביק אין דעם עתיד. דערביי טרעפט, אַז אין דעם דיכטער נעסטעט דאָס באַוווּסטזיין פון זיין פערזענלעכן ריס מיט דער לויפנדיקער צייט — און ער שפירט זיך אָדער ווי אַ פרי־געקומענער, אָדער ווי אַ פאַרשפּעטיקטער:

איך בין צו פרי געקומען. איך בין געקומען אָנזאָגן וועגן אַ גרויסן דור.
איך פאַראַכט מיין קליינעם דור, וואָס שטייט אָן שום שיינקייט.
— — — — — — — — — — —
איך האָב זיך זייער פאַרשפּעטיקט מיט מיין קומען,
איך האָב געדאַרפט זיין אין דער צייט פון בית המקדש
אַ משורר און אַ נביא.

(פון עברית: מרדכי יאָפּע)

צו פרי געקומען אָדער זיך פאַרשפּעטיקט — ווי עס זאָל נישט זיין, אורי צבי גרינבערג איז אַ דיכטער מיט אַ מיסיע־לאַסט, אַ באַלאָדענער מיט מאָנונגען, וועלכע נעמען זיך אַזוי פון שטאַרקן פאַרפילן לגבי דעם לויערנדיקן חורבן אויף כנסת־ישראל, ווי פון אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען ווען דער חורבן האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון

פאָלק. אַזאַ דיכטער קען נישט שטיקן זיין ווייטיק אין „לידלעך“ און אין קאָנווענציאָנעלע פּאָעטישע פאָרמען. האָט אורי צבי גרינבערג פאַר זיין פּיין געפונען אייגנאַרטיקע אויסדרוקן. ריכטיקער: די צייט־אויפטרייס־לונגען האָבן געקרעפטיקט און געבראַכט אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין שוין קודם־איינגעשטעלטער „אַנדערשקייט“, ווי ער אַליין האָט אויף איר אָנגעוויזן: „צי איז מעגלעך, אַז אַ יידישער דיכטער זאָל אַ לויב־געזאַנג זינגען צום זון־פאַרגאַנג און זאָל זיין אויסדרוק נישט אויסרייסן ווי אַ שטיק לעבעדיק פלייש פון זיין לייב, כדי מיט אים אויסצודריקן דעם אמת פון כנסת־ישראל?! אַ יידישער דיכטער — צי זאָל ער זינגען מיט אַ רוימישן יאַמב? איז דאָך אונדזער טרערן־טראָפּן שווער ווי אַ גלאָבוס. ברייטע פּערזן, געשטרויכלטע פערזן — געגליכענע צו די וועגן פון ישראל אין דער וועלט... אונדזערע ווערטער פון ארץ־ישראל אין העברעיש — דומי־דום־קוילן זאָלן זיי זיין צו די אומות־העולם“.

דער דיכטער, וועמען „גאָט האָט פאַרשאָלטן מיט איבעריקע חושים און זעעוודיקייט“, האָט טאַקע זיין תוכחה אויסגעגאָסן בעיקר אין ברייטע, נישט־געצוימטע פערזן (וועלכע דערמאָנען דעם נוסח פון אַמעריקאַנער וואָלט וויטמאַן). דער ווולקאַן פאַרטראָגט נישט קיין עסטעטישע העמונגען און פּרעציזע פאָרעם־אָפּגעהיטנקייט. ווען אונדזער גאַנץ וועזן איז איין „גרויס געשריי אין דער וועלט“ — נאָך וואָס זיך לאָזן דיסציפּלינירן דורך אויסגעקליגלטע סטרוקטורן און אויסגעהנדלטע סטראָפן? זיי זענען נישט צוגעפּאַסט צו ווערטער ווי דינאַמיט, לייב־ברומען, דונערדיקער שטורעם; צום ליד, וואָס איז אַ שופר־שאַל, אַ פייער, אַ האַמער, אַ שווערד — עפּיטעטן, מיט וועלכע אורי צבי גרינבערג אַליין האָט זיין פּאָעטיש וואָרט באַצייכנט. דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך נישט געקענט אונטערוואַרפן אָנגענומענע וואָגן און מאָסן, ווייל עס האָט זיך געריסן פון אַ צעבלוטיקט מויל: „מיין מויל — אַן אָפענע ווונד“.

*

צי איז שטענדיק אורי צבי גרינבערגס מויל געווען אַזאַ „אָפענע ווונד“? דאָ איז דאָס אָרט פון איבערבליקן זיין לעבנס־וועג און זיין שאַפונגס־גאַנג.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1896 אין ביאַלאָקאַמען, אַ שטעט־

טעלע ביי זלאָטשעוו אין מזרח־גאַליציע. מען דאַרף באַלד דערמאָנען זיין גרויסן חסידישן יחוס — אַ ביאָגראַפישער פּרט, וועלכער האָט פילמאָליקע אויסדרוקן אין זיין שאַפונג: פון טאַטנס צד שטאַמט ער פון ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, און פון דער מאַמעס צד — פון ר׳ אורי, דער „שרף״ פון סטרעליץ. ווען אורי צבי איז אַלט געווען אַנדערטהאַלבן יאָר, האָט די משפחה זיך איבערגעטראָגן קיין לעמבערג. ער וואַקסט אין אַ רעליגיעזער אַטמאָספער, און ביז 19 יאָר אַפילו געווען געקליידט אין חסידישן מזרח־גאַליצישן נוסח.

שוין צו 16 יאָר הייבן זיך אָן דרוקן אורי צבי גרינבערגס ערשטע יידישע און העברעיִשע לידער. זיי באַווייזן זיך אין אַ ריי זשורנאַלן: אין „יידישער אַרבייטער״, „סנונית״, „השלוח״, „העולם״, „רביבים״, „הפועל הצעיר״, „אחדות״. אין יאָר 1915 איז דערשינען אורי צבי גרינבערגס ערשטער בוך אויף יידיש: „ערגעץ אויף פעלדער״.

ווי שוין דערמאָנט געפינען מיר דעם דיכטער אַלס עסטרייכישן סאָלדאַט אויפן פראָנט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער אַנטלויפט פון דאָרט און באַהאַלט זיך אויס אין לעמבערג. דאָרט האָט ער בייגעוווינט דעם פּאָגראָם פון די פּאָליאַקן אויף יידן אין יאָר 1918, וועלכער האָט אין זיין זכרון איבערגעלאָזן שטאַרקע שפּורן.

אין יאָר 1919 דערשיינט אין לעמבערג אורי צבי גרינבערגס בוך „אין צייטנס רויש״, און אין 1920 (אויך אין לעמבערג) זיין „קריג אויף דער ערד״.

די „שטורעם־און־דראַנג״־נייגונגען, וואָס האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַהערשט אַ ריי יידישע שרייבער — האָבן אין אורי צבי גרינבערגס בונטאַרישער נאַטור געפונען אַ גינסטיקן באָדן. אַן אויפגעטרייסלטער פון די קריגס־איבערלעבונגען און פון אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, איז ער אין יאָר 1920 געקומען קיין וואַרשע און געזוכט נייע קינסטלערישע אויסדרוקן פאַר די ווייטיקן און ראַנגלענישן פון זיך אַליין און פון גאַנצן דור.

אין אַט דער צייט, בערך, שפּילט זיך ביי אים שוין אָפּ אַ „ויתרוצצו״ צווישן צוויי טענדענצן. פון איין זייט לאָקט אים נאָך דער „קרישטאָלענער געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון די וויִסע הייזלעך, אין דער שטילקייט פון גרינס־גערטנער...״; עס צויבערן אים „טיפע, רואיקע, סאַמעטענע הימלען,

מיט דער זיסקייט פון זייערע נעכט״. אָבער פון דער צווייטער זייט ווערט ער געפּלאָגט פון די טרערן און בלוט, וואָס האָבן פאַרפּלייצט זיינע וועגן אין די לעצטע יאָרן; ער טראָגט אין זיך דעם חורבן און יאוש פון דעם מאָדערנעם מענטש — און עס הייבט זיך אָן געשטאַלטיקן דער אַנדערער אורי צבי גרינבערג — דער דיכטער פון צאָרן און אויפברויז.

אין וואַרשע דרוקט זיך אורי צבי גרינבערגס „מעפּיסטאָ״, וואָס איז ווי אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע רופט זיך קעגנצושטעלן דער הערשאַפט פון דעם שטן — די כוחות פון דעגענעראַציע און מאָראַלישער פאַרדאַרבונג, וואָס ווירקן אין דעם נייעם דור. די דאָזיקע פּאָעמע מאַכט איר מחבר מיט אַ מאָל שטאַרק באַרימט, זי דרוקט זיך אין עטלעכע אויסגאַבן און רופט אַרויס לעבהאַפטיקע אָפּקלאַנגען.

דאָן געפינען מיר אורי צבי גרינבערגן אין דער „כאַליאַסטרע״־גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען פּרץ מאַרקיש; און אין וואַרשע האָט אורי צבי גרינבערג אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם אַוואַנגאַרדישן חודש־זשורנאַל „אַלבאַטראָס״ — די טריבונע פון יידישע עקספּרעסיאָניסטן.

דער נאָמען גופא פון דעם דאָזיקן זשורנאַל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען און נייגונגען פון דעם יונגן אורי צבי גרינבערג. דער אַלבאַטראָס איז אַ גרויסער ים־פויגל, וועמענס עיקרדיקע אייגנאַרט באַשטייט אין די פליגלען: ווען זיי זענען פונאַנדערגעשפּרייט, אין פלי, פאַרנעמען זיי ביז גאַנצע פיר מעטער... טאָג און נאַכט פליט דער אַלבאַטראָס איבערן ים, ווייט פון ברעג — און ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן וואַסער נאָר צו רויב־באַשפּייזונג־צוועקן. עס זענען פאַראַן אַלבאַטראָסן פון פאַרשידענע קאָלירן און קאָמבינאַציעס פון פאַרבן. הכלל, אַ גראַציעזע, מאָלערישע געשטאַלט. איז טאָקע דער אַלבאַטראָס באַליבט ביי ים־מענטשן. אַ ריי לעגענדעס, ווי אויך איינרעדענישן, זענען מיט אָט דעם ים־פויגל פאַרבונדן. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האָט אים באַזונגען שאַרל באָדלער (אַ „משפחה־קרוב״ פון דעם אַלבאַטראָס, דעם שטורעם־פויגל, האָט מאַקסים גאָרקי באַזונגען).

דעם אַלבאַטראָס האָט אורי צבי גרינבערג אויסגעקליבן אַלס נאָמען־סימבאָל פון זיין זשורנאַל, וואָס האָט זיך געריסן אין אומגעצוימטע שטרעקעס, וואָס האָט געשטרעבט ברייט פונאַנדערצושפּרייטן די פליגלען...

דער „אַלבאַטראָס״ איז דורך דער פּוילישער מאַכט גערודפט געוואָרן.

זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם יידישן אָרגאַן „פאַר דעם נייעם דיכטער־ און קינסטלער־אויסדרוק“, און באַזונדערס די „יעזוס־לעסטע־רונג“, וואָס זיין רעדאַקטאָר האָט זיך דערלויבט. נאָך אַ צוויי יאָר אין וואַרשע טראָגט זיך אורי צבי גרינבערג מיט זיין „אַלבאַטראָס“ אַריבער קיין בערלין. ער גייט ווייטער זיין עקספרעסיאָניסטישן וועג, וואָס דאַרף אַרויסברענגען „דאָס גרויזאַמע אינעם ליד, דאָס כאַאָטישע אינעם בילד, דאָס אויפגעשריי פונעם בלוט“.

זיינע אידעיש־קינסטלערישע זוכענישן ווערן פאַרגעזעצט אין אַ נאָך העכערער שפאַנונג. אָבער אין יענער צייט הייבט זיך אָן פאַרבייטן דער ברייט־מענטשלעכער וועלטיק פונעם דיכטער אויף אַ ספּעציפיש־יידישן וועלטיק, מיט אַ פאַרשאַרפטער אינטואיציע שפירט ער, אַז אייראָפּע איז נישט מער ווי אַ שטיף־מוטער פאַר דעם יידישן מענטש. די דאָזיקע אינ־טואיציע ווערט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ קאַטעגאָ־רישן באַוווסטזיין — אַפילו אין אַ האַס צו אייראָפּע מיט איר פאַלשקייט, צביעות און אכזריות, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין אורי צבי גרינבערגס קרוינווערק „רחובות הנהר“, אויף וועלכן מיר וועלן ווייטער זיך ברייטער אָפּשטעלן.

*

אַזוי האָט דער דיכטער שוין קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט זיין „דריט אויג“, איינגעזען די פוילקייט פון אייראָפּע און איר קו־מענדיקן אונטערגאַנג „צווישן די יעזוס־קלויסטערס“. די תשובה צו „איי־ראָפּעס אונטערגאַנג“ אין דיכטערס אינטואיציע איז געווען — ארץ־ישראל: „אַ קלאַנג האָט זיך צו מיר דערטראָגן מיטן וואַנדערנדיקן ווינט — עס איז צו מיין מזרח די צייט געקומען“.

איז טאַקע דאָס יאָר 1924, דאָס יאָר פון אורי צבי גרינבערגס עליה קיין ארץ־ישראל, אַ גרויסער ווענדפּונקט אין זיין לעבן און שאַפן. אָבער עס איז נישט געווען קיין סוף־פּסוק אין זיין אידעיש־פּאָעטישער גע־שטאַלטיקונג.

ער ווערט אַ פאַרברענטער חלוץ און כמעט פאַרוואַנדלט אין אַן ארץ־ישראלדיקן „מאַיאַקאָווסקי“, דערקלערנדיק זיך פאַר אַ פּראָלעטאַרישן

דיכטער: „פּראָלעטאַריער אין ישראל האָבן מיך געדופן זיין זייער זינגער, און ווי זיי פון מאַרמאָר אויסהאַקן אַן אויסדרוק פאַר זייער לעבן״.

אורי צבי גרינבערגס רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס האָט דאָ אין לאַנד געפונען אַן אייגענע, יידישע קאָוואַדלע („סדן״ האָט אויך געהייסן אַ נייע שריפטלעכע טריבונע, וועלכע ער האָט געגרינדעט און פון וועלכער עס זענען דערשינען 4 העפטן). די געוועזענע כאַליאַסטריש־אַנאַרכיסטישע שטימונגען האָבן אין ארץ־ישראל געפונען אַ נייעם אָנשפּאַר: אורי צבי גרינבערג האָט באַזונגען די „סעקטע פון באַרוועסע אין מדבר״ — די חלוצים מיט זייערע ווייטיקן און טרוימען, וואָס זינגען מיטן אָקער דעם „ניגון פון הייליקן ברויט״.

אין ארץ־ישראל צעפלאַקערט זיך אויך דעם דיכטערס ליבע צום העברעיִשן לשון און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גלייִענדיקער מאַניסטישער אמונה: „די שפּראַך פון מיינע לידער איז די בלוט־שפּראַך פון מיין וואַנדערנדיקן שטאַם״.

זיין צוגעבונדנקייט צום לאַנד ווערט אַ ברית־קודש, וואָס פרעגט זיך נישט אויף תכלית — אַ הייליקער בונד, וואָס האָט נישט קיין פאַרגלייך אין דער וועלט: „ווי נאָך האָט מען ליב אַ פאַרזשאַווערט מלכות מיט אייביקער ליבע? ווו הערט מען זיך צו צום געיאָמער פון שאַקאַלן מיט גרויס רחמים?״.

אָבער די צעשטורעמטע נשמה פון דעם דיכטער האָט זיך נישט געקענט באַנוגענען מיטן „יש״. ער האָט פאַרברענט די בריקן מיטן גלותדיקן נעכטן, אָבער דער ארץ־ישראלדיקער אויסגעטרוימטער היינט, האָט אים אָנגעהויבן ווייזן אַן אַנדערן, אַנטוישנדיקן פּנים. ער האָט אין לאַנד נישט געפונען די אַנטשעדיקונג פאַר אונדזערע טרערן און בלוט במשך פון דורות. די ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט האָט זיך אים נישט אויסגעוויזן ווי די געהעריקע פאַרקערפּערונג פון יידישקייט, אין וועמענס נאָמען „מען האָט מיך אַזוי ווייטיקן געמאַכט אויפן אַכטן טאָג״...

דאָס געפיל פון אומרו און אומצופרידנקייט ווערט פאַרשאַרפט אין רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אין יאָר 1929. אורי צבי גרינבערג דערווייטערט זיך פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. עס הייבט זיך אָן די רעוויזיאָניסטישע תקופה פון זיין פּאָליטישער און דיכטערישער טעטיקייט. ער גיט אָוועק זיין פען דער אידעע פון מלכות־ישראל. ער

שטורעמט אויף די אָנגענומענע מנהיגים, טאַדלט זיי ווי פאַררעטער, רופט זיי „סנבלטים״. ער דערקלערט „קריג״ דעם ישוב, מיט זיין פירערשאַפט און אויפפירונג.

דער דאָזיקער גלגול אין דיכטערס וועג איז פאַרקערפערט, בעיקר, אין זיין „ספר הקטרוג והאמונה״. אַ גרויסער טייל פון די לידער אין אָט דעם בוך טראָגן אַ פּאַמפלעטישן כאַראַקטער, אָבער זיי זענען אויסגע־וויקט אין הייליקן צאָרן. דער דיכטער גיסט פעך און שוועבל אויף די קעפּ פון די זאָרגלאָזע אין ציון, וואָס איז פאַרשקלאַפט צו פרעמדע; אויף די וואָס פוילן אינעם גציעג נאָך באַקוועמלעכקייטן, און וואָס האָבן די גאולה־וויזיע אויסגעביטן אויף רענדלעך פון ווילטאָג:

בײנאַכט שפּילן די קאַפּעטן און ס׳טאַנצן זכרים און נקבות,
און זכרים און נקבות שפּאַצירן געאָרעמט אין די גאַסן;
און די פּוסטע און פּאַסנע מײלער זענען באַשעפטיקט
מיט לעקן און פּלאַפּלען און רויכערן —
אין גאַנצן זיך מאַכן פאַרגעסן אין יעדער סכנה.

(פון עברית: מרדכי יאָפע)

דער דיכטער זעט אַ געשטיקט און צעבלוטיקט פאָלק אין די „לאַפּעס פון קריסטנטום און ציינער פון איסלאַם״ — דאָס פאָלק, וואָס זיין „גרוי־סער שכל״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּעדלערישן שכל, וועלכער האָט אויף דער מלכות־שוועל אָפּגעשטויסן דעם אָנקומענדיקן משיח...

דאָס איז געווען אורי צבי גרינבערגס גרויסע פּאָעטישע מרידה: „די צייט האָט אַריינגעגאָסן בלוט אין מיינע אויגן, מיינע הענט, אין מיין פּען — — — און גאָט איז מיין עדות, אַז נישט טינט איז מיין ליד, נאָר בלוט פאַר בלוט״.

פאַרשטענדלעך, דער פּאָליטישער קענצייכן פון די לידער, וואָס זענען אַריין אין „ספר הקטרוג והאמונה״, האָט זיי געמאַכט קאָנטראָווערסאַל מער ווי געוויינלעך. עס איז אָבער אוממעגלעך צו קוועסטיאָנירן זייער עכטן ווול־קאַנישן פּאַטאָס. די שורות קאָכן און בריען דאָס לייב, און דער לייענער ווערט דורכגעדרונגען מיט דעם ברויזנדיקן דיכטערישן פייער. כאַראַקטעריסטיש איז אַ פּאָעטישער אָפּרוף אויף אָט דעם פייער, פון אורי צבי גרינבערגס יוגנט־חבר, מלך ראַוויטש. אין ראַוויטשעס ליד, „פאַרטאָג־תפילה אויפן

יהושע א. גלבוע

ים — פאַר יידישע פּאָעטן" (געשריבן אויפן אינדישן אָקעאַן אין יאָר 1935), איז איינער אַ פראַגמענט געווידמעט אורי צבי גרינבערגן:

און פאַר אורי צבי גרינבערגן בעט איך דיך, גאָט;
אין זיינע אָדערן שטראָמט דאָך נישט זיין אייגן בלוט,
נייערט טרערן מיט בלוט געמישט, פון געשאָכטענע פון יידישע פּאָגראָמען,
שטראָמען
דורך זיינע אָדערן, אָנגעצויגענע אויף זיינע דאַרע הענט, ווי שטריק,
גאָט — טו אַ בליק,
ווי דער פּאָעט
וואַנדלט איבער דער וועלט, ווי אַ געפּייניקטער פון מדבר־היץ,
וואָס האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אַ ריס געטאָן פון בעט
פון לעצטן צער.
בלוט, טרערן און פייער־געקנעט
זענען די רייד, וואָס שיסן ווי שטיקער פלאַמען אין ווינט
פון דעם ברענענדיקן סנה
פון זיין אייביק רויטהאָריקן קאָפּ.
גאָט — איך בעט דיך,
דערהער אים, דערזע —
אַ דיכטער פון אַ צער־צעשניטן פאָלק
רעדט צו דיר אַרויס פון זיין סנה...

*

דער „דיכטער פון אַ צער־צעשניטן פאָלק" האָט נאָך דעם חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אויסגעשריגן פון זיך אַן אימהדיקע קינה אויפן אויסגעשאָכטענעם פאָלק. זיין „רחובות הנהר" הילכט ווי אַ היינט־צייטיקע „איכה".

דו לייענסט „רחובות הנהר" און עס פאַרפאַלגן דיך די גרויזאַמע קאָשמאַר־סצענעס פון אונטער דעם נאַצישן מעסער. דו טובלסט זיך אין אַ טייך פון בלוט. אורי צבי גרינבערג האָט דאָ פאַר אונדז, מיט פּאָעטישע שליסלען, ברייט צעעפנט די טויערן פון גהינום אין וועלכן אַ גאַנץ פאָלק

איז אַריינגעשליידערט געוואָרן. ציִ דו ווילסט, ציִ דו ווילסט נישט — דו מוזסט דאָ האַלטן אָפן די אויגן און זיך צוקוקן צו דער גרויזאַמער שחיטה.

די ערשטע דערשיינונג, וואָס בעט זיך אָפּמערקן ביים באַהאַנדלען „רחובות הנהר": אורי צבי גרינבערג ווייזט זיך דאָ נישט אַרויס ווי אַ קטיגור־שטראָפער פון יידן, ווי מיר האָבן אים דערקענט אין די פריערדיקע שאַפונגען, נאָר כמעט זיין גאַנצע תוכחה איז געווענדט קעגן די אומות העולם. דאָס איז אַ בריִענדיק־שוועבלדיקער „שפוך חמתך" אויף דער גאַנצער רוצחישער וועלט, און אַ רחמימדיק־יאָמערדיק באַזינגען פון דער פאַרשניטענער אומה. עס חזרן זיך דאָ איבער די אויסדרוקן „מיינע שיינע יידן", „די וואַרעמע יידן", „די ניגונדיקע יידן"...

אָבער דאָס זענען אויסדרוקן, וועלכע זענען נישט נאָר געבוירן גע־וואָרן פון צער אויף דער אויסגעשאָכטענער עדה. דאָס איז אַ קלאָרער באַוווסטזיין, אַז קיין אומה אין דער וועלט — ווי „פאָרגעשריטן" זי זאָל זיך אונדז נישט אויסדאַכטן — קען זיך מיט דעם קרבנות־פאָלק נישט פאַרגלייכן אין פיינקייט און שיינקייט.

אורי צבי גרינבערג גיסט זיין תוכחה נישט נאָר אויף די קעפּ פון די נאַצישע תלינים. ער זעט בפירוש די גאַנצע נישט־יידישע וועלט ווי אַ מיטשולדיקע אין אונדזער חורבן. נאָך מער: מיר און „זיי" זענען ווי פון אייביק און אויף אייביק צוויי קעגנגעזעצטע וועלטן, צווישן וועלכע עס טיילט אָפּ אַ טיפער תהום. און פונקט אַזוי ווי די פאַרשידנקייט איז אייביק, אַזוי איז אייביק די שנאה צווישן אונדז. היטלער איז אייגנטלעך נישט מער ווי די „פאַרפולקאָמונג פון דער רשעות פון זיבעציק פיינטלעכע פעלקער". דער „גוי" איז דער זעלבער פון דורי דורות. ער האָט נישט געביטן זיין געשטאַלט זינט דעם אויוון אין אור־כשדים ביז די אומקום־אויוונס אין דעם היינטיקן דור. עס איז איין דורותדיקע פיינטלעכע קייט: מצרים, עמלק, פלשתים, בבל, אשור, גריכן, טיטוס, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און דייטש־לאַנד. עס איז איינער און דער זעלבער „גוי"־שונא, אין וועלכן עס האָט אַריינגעשטראָמט אויך דער סלאַווישער גיפט — איין רשעות־טייך צווישן וואָלגע און רהיין...

וואָס פאַראייניקט אָט די גוישע וועלט אין דיכטערס אויפפאַסונג?

— „די וועלט פון די גויים איז אַ חיהדיקער נאַכט־וואַלד און זיי זענען אין אים די ווילד־חיות". זייער גאַנצער בלוט־וועזן, זייער אורשפּרינגלעכ־

קייט איז אַ חיהשע — און זיי וועלן נישט אויפהערן צו זיין דאָס וואָס זיי זענען אין תוך, אַפילו ווען זיי בייטן לשונות, קליידונג, כלים. טראָץ דעם, וואָס זיי גייען נישט אויף פיר און זענען זיך נוהג מיט אַ „סטיל" — זיי קומען פון געדיכטן אורוואַלד. די וואַלדיק־ווילדיק חיהשע נאַטור וועלן נישט אויסבעסערן — נישט קיין בעטהאָווען און נישט קיין שעקס־פיר, נישט קיין רעמבראַנדט און נישט קיין קאַנט. ווי ביי אַ וואַלד־חיה וועט שטענדיק זייער גוף זיך צעפלאַקערן, ווען צו זייערע נאַזלעכער וועט דערגיין דער ריח פון אַ קרבן, דער אַראָמאַט פון רויב.

קענגן זיי שטייען מיר, יידן. מיר אַלע — קעגן זיי אַלעמען: „צוויי מיני מענטשן זענען דאָ אין דער וועלט: נימולים — ערלים". נישטאָ צווישן אונדז קיין באַריר־פונקטן. עס איז גאָר קיין צופאַל נישט, אַז מיר האָבן דער וועלט געלערנט, אַז אונדזער אורפאָטער איז געווען אַ מענטש אין דער געשטאַלט פון גאָט — און ביי די גויים איז אויפגעקומען אַ לערער, וואָס האָט זיי געלערנט, אַז דער אורפאָטער פון מענטשן איז געווען אַ מאַלפע...

*

אורי צבי גרינבערג ציט ווייטער די ליניע פון אונדזער אויבערשט־קייט און זאָגט: די גויים זענען גאָרנישט ווערט געווען מיר זאָלן צווישן זיי וווינען, אַז אויף זייער ערד זאָלן מיר „טל" און „גשם" דאַווענען. ווי האָבן מיר גאָר געקענט לעבן צווישן זיי ביז דעם טאָג פון דער הריגה? ווי האָט עס געקענט זיין, אַז צווישן די גויים זענען אַרומגעגאַנגען די געטלעכע יידן מיט זייערע אויסגעלייטערטע גופים, אין וועלכע עס איז נישטאָ קיין טראָפן בלוט פון חזיר, קראָליק, פערד, קאַץ און אַנדערן טמאדיקן עוף?

דער גויישער פּרצוף איז אַלזאָ נישט קיין נייע אַנטפּלעקונג אין אורי צבי גרינבערגס אויפפאַסונג. ממילא זעט ער נישט דעם נאַציזם ווי אַ יוצא־דופנדיקן ליקוי־מאורות. פאַרקערט: דאָס איז אין זיינע אויגן אַ מין נאַטירלעכער, קאָנסעקווענטער אויסדרוק פון דער גוישקייט־קריסט־לעכקייט. די שחיטה האָט דעם דאָזיקן פּרצוף נאָר בולט געמאַכט. די גויים זענען אַלע יאָרן געווען איינגעוויקלט אין שאָלעכצן. יעדע פאַרבן־שפּיל און יעדער קונסט־קלאַנג זענען געווען בלויז אַ צודעק — אַ מאַסקע פון דער חיה און פון דעם רויב־פויגל.

אָבער די מאָסקע האָט אונדז פאַרנאַרט. אין דעם געדיכטן גויישן וואַלד האָבן מיר זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון זייערע פייגל. מיר זענען אין חלום געזעסן צופוסנס פון בעטהאָווען און זיך באַגעגנט מיט רעמ־בראַנדטן, זיך צוגעזעצט דורשטיק צו טרינקען פון קאַנטן, און אַפילו צום טראָן פון בודהאַ און צו כינעזישע טעמפּלען זיך דערשלאָגן. מיר האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די בעסטע גויישע לידער און „קולטור״־וווּנדער זענען נישט מער ווי אַ דעקמאַנטל פון דער חיה.

היינט קענען מיר מער נישט חלומען. דער גאַנצער גויישער וואַלד האָט אונדז מיט זיינע פייערן אַרומגעכאַפּט. די גלאָקן פון אַלע קריסטן האָבן אונדז אויפגעריסן פון זיסן שלאָף און טרוים. איצט קענען מיר זיי גוט און ווייסן, אַז צווישן אונדז און זיי קען נישט זיין קיין שום שותפות. אונדזער חטא קעגנאיבער זיי איז אונדזער עצם קיום, אונדזער יידיש בלוט, אונדזער יידישער מהות, וועלכע זיי וועלן קיין מאָל נישט קענען פאַרטראָגן.

הכלל, צוויי קעגנגעזעצטע מינים, — געמלטע און ערלים — צווישן וועלכע עס קען קיין פאַרשטענדיקונג און שלום נישט זיין, סיידן זיי וועלן אַמאָל, אין ווייט־שפּעטיקע דורות, אויסרייניקן, אויסגיסן זייער גוייש, חיהש בלוט אין אַ מין אוניווערסאַלער מילה־צערעמאָניע און זיך דורכ־דרינגען מיט דער הייליקייט פון יידישן ניגון, יידישע לעכצענישן...

*

ביז יענער אחרית־הימימדיקער גויים־טהרה, געפינען מיר ביי אורי צבי גרינבערגן אַ פאַראַכטונג צו יעדן פּרווו אונטערצושיידן צווישן איינע און אַנדערע גויים. מיר האָבן די גוטע פעלקער פון אייראָפּע נישט באַ־געגנט און מיר וועלן זיי קיין מאָל נישט זען. ווען דער נאַצישער שטן וואָלט נישט מלחמה געהאַלטן מיט אַנדערע פעלקער און אונדז אומגע־בראַכט — וואָלט זיך אים קיין שום גוייש פאָלק נישט קעגנגעשטעלט. זיי וואָלטן אַלע געזעסן אויפן גלעזל און אונדזער געוויין וואָלט אויף אַ האָר נישט פאַרשטערט זייער שמחה. ווייל איינער און דער זעלבער איז דער ברונעם פון וועלכן זיי האָבן אַלע געטרונקען און טרינקען נאָך היינט — פון איינער און דער זעלבער ברוסט האָבן זיי אַלע געזויגן.

עס איז לעכערלעך, ווייזט אויף דער דיכטער, צו גלייבן, אַז די גויים

שעמען זיך מיט דעם וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן די יידן, אָדער זיי לעבן איבער צער און חרטה. דעריבער צווייפלט אַמאָל דער דיכטער — איינ־צייטיק מיט דעם תוכחה־־אויסגוס אויפן קאָפּ פון דער מערדערלעכער וועלט — צי איז דאָ אַ טעם אין שעלטן די רוצחים: ווען האָט אַ קללה אָנגערירט, אַפילו מיט דער לייכטקייט פון אַ שפּליטערל, דעם רוקן פון אַ געזונטן שונא, וואָס איז פאַרפלייצט מיט רויב־פרייד און אָנגעשיכורט מיט בלוט? אונדזער וואָרט וועט נישט בייסן דאָס פלייש פון גוי, ווער"ס פנים און האַרץ זענען פאַרפאַנצערט.

ווי שוין דערמאָנט, פאַר דער וועלט פון די גויים, מיט זייער רשעות און זינד, איז גאָר נישטאָ קיין תקנה — חוץ איינע: זיי זאָלן אויפהערן זיין גויים. און ס'איז נאָך ווינציק זיי זאָלן דאָס טריפהנע בלוט פון זייער ראַסע־אָפּשטאַם מיט דער מילה אויסגיסן; זיי דאַרפן זיך איינבעטן אין קהל ישראל, גיין מיט יידן אין אַלע זייערע וועגן און טיילן זייער גורל. נאָך מער, דעם גוי וואָס וועט גרייט זיין פולשטענדיק אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך זיין גוישקייט, וועט דער דיכטער זאָגן: דו, וואָס ביסט ספּעציאַליזירט מיטן שווערד פון דורי־דורות — הייליק זי, די שווערד, דאָס מאָל מיטן בלוט פון דיינע ברידער, מיינע מערדער... טראָג זי, די שווערד, אין טאָג פון דער הייליקער מלחמה צווישן גוי און ייד, ביז מיר וועלן ביידע קומען צום שער־הכבוד אין ירושלים און מיר וועלן זינגען לויב צו אונדזער גאָט און צו אונדזער ראַסע און נישט אָנטשוויגן ווערן...

ליידער, זעט דער דיכטער, אַז יידן אַליין לעבן נישט איבער דאָס יידישקייט מיט אַלע חושים. נאָך היינט, טראָגן די מיליאָנען געשאָכטענע, וואָס ליגן צווישן אונדז און די אומות־העולם, ציען זיך מאַנכע יידן צו דער גוישער לאַנדשאַפט. באַטאָנט ער ווידער: ווערעם נעסטיקן אין די שיינע עפּל און קאַרשן פון אייראָפּע־גייסט; אויף אַלע דענקמעלער פון די גויים, אין יעדן מאַרמאָרענעם טרעפּל פון זייערע מוזייען, אין זייער יעדן קונסט־בילד, איז צוגעקלעפּט אונדזער בלוט — און מיר דאַרפן זיך פון זיי אָפּ־שאָקלען.

*

דאָס פאָלקס־אומגליק איז אַזוי שוידערלעך, אַז עס איז פאַר אים נישטאָ קיין מאָס פון טרייסט. אָבער אפשר אַ ברעקל באַלוינונג וועט

זיך — לויט דעם דיכטערס אויפפאַסונג — געפינען אין דער אויסניכטער־רונג פון „גוישקייט", וואָס האָט אונדז אַנגעשטעקט, און אין דעם באַ־שטעטיקטן באַוווסטזיין, אַז מיר, יידן, זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק — אויסדערוויילט נישט צו יסורים און שחיטות, נאָר צו מאַכט און האַרשאַפט („אדנות"): „נישטאָ קיין זויבערערע פון יידן פאַר מאַכט, נישטאָ קיין שענערע פון זיי אין דער וועלט! נישטאָ קיין מער אַדעליקע, טיפערע, ניגונדיקע, גבורהדיקע און שיינענדיקע פון זיי צווישן די פעלקער! קיינער איז מער פון זיי נישט ראוי צו טראָגן אויפן קאָפּ די קרוין פון מלכות אין דער וועלט".

אַזוי האָט אורי צבי גרינבערג איכהדיק אויסגעקלאָגט אונדזער נייעם חורבן — און מיט זיין וואָרט האָט ער ביז וויטן עקסטרעמיזם אויסגע־לייגט די אויבערשטקייט פון אונדזער פאָלק. זיין גאַנצע שאַפונג איז אַ צילגעווענדטע און אַנגעזעטיקטע מיט אידעיִש־נאַציאָנאַלער תכליתדיקייט. ער האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַ „ליטעראַטור פון טאַלאַנטן" און פאַדערט פון דער שאַפונג צו זיין פולקאָם איינגעשפּאַנט אין וואָגן פון „מענטש־פאָלק" און „פאָלק־מדינה". אָבער נישט געקוקט אויף דער אָפענער טענדענציעזער צוועקמעסיקייט פון זיין ליד, און טראָץ דעם, וואָס זיין שאַפונג אַנערקענט נישט קיין פּאָעטישע פאָרמען־געזעצמעסי־קייט — רייסן זיך די פייער־צונגען פון זיין קאָכעדיקן נשמה־קעסל — אין אַ קלאַנגפולן, פאַרבנרייכן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן ריטעם.

שמעון האַלקין

שירה פון שכל און פרעג-צייכנס

ס׳איז נישט לייכט פעסטצושטעלן ווו ס׳איז דער שווערפונקט פון שמעון האַלקינס שעפערישער פערזענלעכקייט. אין איר איז פאַראייניקט אַן אייגנאַרטיקער דיכטער און דערציילער, אַ מייסטערהאַפטער איבערזעצער (צווישן אַנדערע פון שעקספיר, מעטערלינק און וואָלט וויטמאַן), אַ ליטעראַטור־פאָרשער. און ס׳זעט אויס, אַז אַלע זיינע שעפערישע אייגנשאַפטן האָט האַלקין „איינגעשפאַנט" אין זיין פעדאַגאָגיש־אַקאַדעמישן באַרוף. זינט 1949 איז האַלקין פראָפעסאָר פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, און פאַר זיינע צענדליקער תלמידים — צווישן זיי אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון יונגע דיכטער, דערציילער און קריטיקער — איז ער טאַקע דער גאָר בכבודיקער לערער.

אַ ריי תלמידים האָבן פון זייער „רבין" איבערגענומען דעם ערנסטן אַקאַדעמישן צוגאַנג און אַנאַליטישן מעטאָד, אינאיינעם מיט דער וואַרעמער צוגעבונדנקייט צו ליטעראַרישע „אָביעקטן". דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ווען ס׳איז געפייערט געוואָרן האַלקינס 60־יאָריקער

יובילײ (אין יאָר 1959) האָבן אין די אָפּהאַנדלונגען איבער דעם יובילאַר פאַרנומען די תּלמידים אַ באַזונדער אָרט. זײענדיק אין אַ לעבהאַפטיקן קאָנטאַקט מיטן שרײבער־פּראָפעסאָר, האָבן זײערע זכרונות און אָפּשאַצונגען צוגעגעבן אינטערעסאַנטע און מערקווירדיקע שטריכן בײם כאַראַקטעריזירן זײן פאַרברײטע געשטאַלט. ס׳איז אַ באַלערנדיקער פאַקט, אַז זײערע אַרויסזאָגונגען האָבן זיך מערסטנטײל קאָנצענטרירט אויף דער פראַגע: „וואָס האָט אונדז האַלקין געגעבן?״

אײנער פון די תּלמידים, דן מירון, שוין אַלײן אַן אָנגעזעענער ליטעראַטור־פאָרשער, געדענקט גוט זײנע אוניווערסיטעט־שעהן מיט דעם פּראָפעסאָר האַלקין. אויף זײנע ליטעראַטור־לעקציעס האָט שטענדיק געהערשט אַן אומדערמידלעכע שטרעבונג צו פּינקטלעכע אויסדרוקן, וואָס זאָלן פולשטענדיק „דעקן״ דעם געדאַנק; צו גענויער דעפיניציע פון דער באַהאַנדלטער ליטעראַרישער דערשײנונג. אָבער בײ אָט דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער האַרבקײט — האָט דערצײלט מירון — איז האַלקינס לעקציע געווען דורכגעזאַפּט מיט „דערהויבנדיקן פּאַטאָס״. דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגעוויזן, אין אַ היפּשער מאָס, „טעמפּעראַמענט פון אַ טריבון״. אַזוי איז אין האַלקינס ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישער אַרבעט געקומען צום אויסדרוק „אַן אײגנאַרטיקער זיווג צווישן אויפריכטיקער רעטאָריק און פּינקטלעכן אַנאַליז״.

אַן אַנדער תּלמיד, יהודה עמיחי, אַלײן שוין אַ באַקאַנטער דיכטער, האָט געבראַכט רירנדיקע דערינערונגען פון וועלכע עס האָט זיך אויך געהערט אַן עטוואָס־אינטימער „ווידוי״ וועגן זיך און זײן דור: „איך געהער צו אַ קאַפּויער־דור, וואָס זײן לעבנס־סדר האָט זיך בײ אים איבערגעקערט: הגנה, פאַראַנטוואָרטלעכקײט, בריטיש מיליטער, פּלמ״ח און באַפרײאונגס־קריג. דערנאָך דאָס אויפשטעלן אַ משפּחה און אַ שטוב — און פּלוצלינג דאָס ברעכן אַ לעבנס־ראַם, וואָס מיר האָבן שוין געהאַלטן פאַר סטאַביל... צי וועט מיר דען מײן ווײב נאָך צוגרײטן סענדוויטשן און באַגלײטן ביז דעם טויער פון טעראַ־סאַנטאַ?״ (טעראַ־סאַנטאַ — אײנער פון די אוניווערסיטעט־בנינים). אָבער פון אָט־די אינערלעכע ספיקות און ראַנגלענישן האָט דער פּראָפעסאָר־דיכטער שמעון האַלקין אַרויסגעראַטעוועט דעם תּלמיד־דיכטער. עמיחי דערצײלט ווי אַזוי ער האָט אײנמאָל, נאָך אַ „סעמינאַר״, אָפּגעוואַרט ביז אַלע „נודניקעס״, וואָס האָבן זיך

שטענדיק געזאַמלט אַרום דעם פּראָפעסאָר, וועלן זיך צעגיין און ער וועט קענען זיין מיט אים אויג־אויף־אויג: „היינט בין איך זיכער — אַזוי האָט עמיחי דערציילט — אַז האַלקין האָט אין מיין פּנים דערקענט, אַז אין מיין הינטערשטער קעשענע געפינען זיך נערוועז־צונויפגעקנוילטע פּאַפּיר־בייגעלעך, און אויף זיי טעקסטן מיט ניקוד... אַזוי איז טאַקע געווען. דאַן האָט זיך געבראָכן דאָס אייז...״

ס׳איז כדאי אויך צו ברענגען פון די זכרונות פון האַלקינס אַן אַמעריקאַנער תלמיד. דער העברעישער שרייבער ראובן וואַלענראָד האָט דערציילט וועגן האַלקינס לעקציעס אין די צוואַנציקער יאָרן, אין ניו־יאָרקער לערער־סעמינאַר פון „תרבות״: „דער יונגער לערער, וואָס איז געווען אין זעלבן עלטער וואָס איך, איז געשטאַנען פאַר דער שול־קלאַס אַן ערנסטער, אַ פּייערלעכער און שפּאַנונגספולער״. נאָך די לעקציעס פלעגן אים אַרומרינגלען די תלמידים, צווישן זיי אַפילו עלטערע פון דעם לערער אַליין: „יענע שמועסן נאָך דעם שול־קלונג זענען געווען ווי סעמינאַרן, וואָס האָבן מקרב געווען די תלמידים צו האַלקינען. יעדן איינעם פון אונדז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אים און נאָר אים מיינט דער פּרעלעגענט מיט זיינע גוטע רייד; צו אים און נאָר צו אים שמייכלט ער מיט זיין קלוגן און דערנענטערנדיקן שמייכל״. און נאָך צענדליקער יאָרן רופט אויס וואַלענראָד: „זיי געבענטשט, טייערער האַלקין, פאַר דיין זיין אַ לערער און פריינט צו די בלאָנדזשענדיקע און אָנשפּאַר־זוכנדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אין זייער איינזאַמער און פּיינפולער יוגנט צו דיר געווענדט. „גרינע״ זענען זיי געווען אין לאַנד, און דאָס גרויסע אַמעריקע איז אין זייערע אויגן געווען נאָר דאָס פאַבריק־ווינקל, ווו זיי האָבן געאַרבעט, אָדער די קליינע קראָם וואָס זיי האָבן אויפגערוימט... און דיין שמועס מיט זיי, פאַר און נאָך דער לעקציע און ווען זיי פלעגן דיך באַגלייטן צו דער אונטערבאַן, פלעגט ווייכער מאַכן דעם צאַרן פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג... און ווי גרויס איז געווען די דערוואַכונג פון די תלמידים, וואָס דו האָסט פאַרגעלייענט פאַר דער קלאַס פראַגמענטן פון זייערע חברים און פאַרויסגעזען פאַר זיי אַ שרייבער־קרוין״...

דאָ איז געוווּנטשן צוצוגעבן, אַז האַלקין איז נישט בלויז אַ מין „סנדק״ פאַר אַ גאַנצע ריי שרייבער. ער האָט זיי אויך אַריינגענומען אין זיין אַקאַדעמישן לימודים־פּראָגראַם. פון איין זייט האָט ער מיט זיינע

תלמידים געגרייכט צו מוסר־ספרים, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער שוין „פאַרכאַפּט" שאַפונגען פון נתן אַלטערמאַן, ס. יזהר און משה שמיר...

*

מיר וועלן ברענגען אַ בינטל פּרטים פון האַלקינס לעבנס־וועג. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין אַ שטעטעלע פון מאָהילעווער גובערניע (ווייסרוסלאַנד). דער דיכטער־פּראָפעסאָר האָט אָפט דערמאָנט די שטאַרקע השפעה פון זיין פאָטער אויף דער געשטאַלטיקונג פון זיין „איך". דער פאָטער איז געווען אַ גוטער לערער. אין זיין „חדר" האָבן געלערנט „בעסערע קינדער" פון רייכע היימען. אָבער שמעון אַליין האָט געלערנט אין אַן אַנדער „חדר" כדי נישט צו פאַרנעמען אַ בעסער־באַצאָלטן אָרט... פון דעסטוועגן האָט ער ביים טאַטן געלערנט ביחידות — און פון אים האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך נאָך צוויי גייסטיקע „שפייזן": חב"דישע חסידות און חיבת־ציון.

ווען שמעון האַלקין איז געווען אין אַכטן לעבנס־יאָר האָט די משפחה זיך איבערגעטראָגן אין אַ גרעסערע שטאָט פון דער זעלבער מאָהילעווער גובערניע. דאָרט האָט דאָס ייִנגל געלערנט ביים רב פון שטאָט — און „וואָכעדיקע" לימודים האָט ער געלערנט ביי אַ פּריוואַטן לערער, אינאיינעם מיט קאָרעספּאָנדענץ־קורסן פון דייטש, פראַנצויזיש און לאַטייניש.

אין יאָר 1914 האָט די משפחה עמיגרירט קיין אַמעריקע. שמעון האַל־קין האָט שוין געהאַט אַ היפּשן „באַגאַזש" פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. אָבער נאָר דאַן, צו 15 יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן זיין סיסטעמאַטישע בילדונג — אין קאָלעדזש און אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ. אין די ווייטערדיקע יאָרן איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס לערער אין ניו־יאָרק און אין דער זעלבער צייט זיך דערוואָרבן אַ ליטעראַרישן נאָמען.

אין יאָר 1932 קומט האַלקין קיין ארץ־ישראל. אַרבעטנדיק אַלס לערער אין אַ תל־אביבער גימנאַזיע, זעצט ער גלייכצייטיק פאָר זיין ליטע־ראַרישע טעטיקייט. אין 1939 קערט ער זיך צוריק קיין אַמעריקע, וווּ ער שטודירט ווייטער און ווערט שפּעטער פּראָפעסאָר פון העברעישער ליטעראַטור אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פון ניו־יאָרק.

אין 1949 האָט זיך האַלקין, מיט דער משפחה, באַזעצט אין ישראל

און, ווי געזאָגט, פאַרנומען די קאַטעדרע פאַר נייער העברעישער ליטע־ראַטור אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

*

וועגן זיינע פריסטע דערציילונגען און לידער (זיין ערשט ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1917 אין דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „התורן", דעמאָלט רעדאַגירט דורך י. ד. בערקאָוויטש), האָט שמעון האַלקין אַליין זיך אויסגעדריקט, אַז אין זיי האָבן זיך געמערקט פילאָזאָ־פיש־ראָמאַנטישע און טיילמאָל אַפילו מיסטישע נייגונגען. דאָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם צוזאַמענטרעף אין האַלקינס גייסטיקער וועלט מיט די עלעמענטן פון קבלה און חב"דער חסידות, וואָס זענען ביי אים געווען פאַרפלאַנצט נאָך פון דער היים, צוזאַמען מיט דעם פּאַנטעיס־טיש־רעליגיעזן יסוד פון דער וועלטלעכער ראָמאַנטישער ליטעראַטור, באַזונדערס אונטער דער השפעה פון דער ענגלישער ראָמאַנטישער דיכטונג.

האַלקינס דיכטונג האָט זיך פון צייט צו צייט וואַריאירט און באַרייכערט מיט מאָטיוון און אויסדרוק־מיטלען. אָבער ס'איז אין איר כסדר בולט די טעמע פון די גאָט־זוכענישן פון מאָדערנעם מענטש, ריכטיקער — פון דעם חלל וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם היינטצייטיקן דור צוליבן פאַרלוסט פון אמונה. און דאָ טרעפן מיר אַ מין קעגנזייטיקע לעכ־צעניש פון מענטש און גאָט.ביידע זענען איינזאַם. ביידע לעבן אין אומרו און דערוואַרטונג. ביידע ווילן אויסגעלייזט ווערן פון שטומעניש. דעם מענטש גלוסט זיך צו געטלעכן אָפּשיין — און גאָט בעט זיך אויסגעדריקט צו ווערן דורך דעם מענטש...

אייביקע זוכענישן, אייביקע לעכצענישן. דער וועג איז אַן אומענד־לעכער, ווי ס'איז אומדערגאַנצט דער מענטש אַליין. זאָגט דאָך האַלקין אין איינעם אַ ליד: „ס'איז פאַרטיק געוואָרן די גאַנצע וועלט־מלאכה אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט זי פאַרענדיקט... אָבער נישט גאַנץ איז נאָך דער מענטש אויף דער ערד, און לאַנג און געפּענטעט איז דער וועג אויף וועלכן ער גייט".

אָט־די ווערטער זענען פון דעם לידער־בוך מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען — „אויפן אינזל". אַהין, צו אָט דעם אינזל, וואָס דערהייבט זיך

פון דעם שטורעמדיקן אָקעאַן, שלאָגט אָן דער גאָט־דאָרשטיקער מענטש. דאָרט וואַרט אפשר אויך גאָט אויף באַרירונג און אויסדרוק. ווייל אינמיטן פון דער קאָכעדיקער וועלט זענען מענטש און גאָט עלנט ווי דער אינזל, שטום ווי די פעלזן...

עס דערמאָנט זיך טאַקע האַלקינס לידער־סעריע „צווישן פעלזן”. דאָרט — ווי אין אַנדערע לידער — טראָגט זיך, צווישן אַנדערן, אַ טראַגישער געזאַנג פון וועלט־צעפאַלונג און וועלט־אונטערגאַנג. עס שיינט אַרויס אַ געשפּענסטיקע שיינקייט פון סוף פון דעם באַשאַף, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער נאָר פאַרגליווערטע פעלזן... אין אַזעלכע שורות פייערט די אויסוועגלאָזיקייט איר נצחון. די פאַרצווייפלונג איז אַ שלימותדיקע. ערגעץ ווו אין אַ ליד הערן מיר אַ כמו־דיאַלאָג־פאַרלאַנג און אויסגעשריי פון גאָט און מענטש: אויפגעהערט ווערן! אין נאָך אַ ליד אַנטלויפט דער מענטש פון זיך אַליין קיין תרשיש. ער איז שוין „פאַרווייטיקט פון דעם אַנטלויפן פון ווייטיק”, מיד אַפילו פון זוכן דעם אויפהער...

טיפער, דריקנדיקער פעסימיזם. געדיכטער יאוש און אימה, מיט וועלכע דער מענטש ראַנגלט זיך. אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — אין די יסורים און צאַפּלענישן, אין די זוכענישן און ווייטיקן איז אויך פאַרבאָרגן דער טעם פון לעבן. דאָ קומט צו הילף די פּאָעטישע אינספּיראַציע, וועלכע קאָמפּענסירט דעם מענטש מיט דעם עצם פּרווו אויסצודריקן דעם ווייטיק. ס׳קומט אויך אונטער דער באַוווסטזיין, אַז קיין שלימותדיק־אידעאַלע וועלט איז נישט בנמצא — און אפשר איז אַ תכלית זיך צו טרייסטן מיט די אייביקע דראַנגען, מיט די קיינמאָל נישט־אָנגעזעטיקטע לעכצעניש...

*

פו די אויבן־אָנגעוואָרפענע פאַרטראַכטונגען, וואָס קומען אויף אין גאַנג פון אַ ריי לידער פון שמעון האַלקין, מאָלט זיך שוין אויס, דוכט זיך, זיין קאָמפּליצירטע שאַפערישע געשטאַלט. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דיכטונג, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט קעגנזאַצן, מיט אינערלעכע צוזאַמענשטויסן, מיט ספיקות און רעטענישן. דאָס איז אַ פילשטאָקיקע דיכטונג, וואָס פירט פון דער געוויינלעכער חושים־וועלט צו מעטאַפיזישע הויכן און רוחניותדיקע ספערן.

אַט־דער גאַנג איז קענטיק אויך אין האַלקינס ליבע־מאָטיוון. עס שפּילן אין זיי אַ ראָל ביאָלאָגישע עלעמענטן, עראָטישע תאווה, בשר־ודם־יצרים. אָבער די אומבאַפרידיקונג איז ווי אַ פּערמאַנענטע באַגלייטערין פון דער באַפרידיקונג, און די ליבע־באַגערן גיבן נישט קיין פאַרגעסונג, נאָר ווערן אויסגעמישט מיט אַן אינערלעכן גייסטיקן אומרו, מיט בענקשאַפטן און זוכענישן פון קדושה אין דער ליבע גופא.

אין האַלקינס דיכטונג זענען מיר אַרומגערינגלט מיט פראַגע־צייכנס, מיט מענטשלעכע ראַנגלענישן, מיט וועלט־צער. און דער דיכטער פּרווט נישט פון זיי צו אַנטלויפן. אין דעם צעשטורעמטן אָקעאַן פון לעבנס־סתירות לאָזט ער שווימען זיין זוכנדיק שיפל.

און דער דיכטער ווייס, אַז די זוכענישן פירן נישט דווקא צו געפינעניש און אַז קיין זיכערער אַזיל איז נישט בנמצא. עס וועט זיך אויך קיינמאָל מן הסתם, נישט שטילן דער נשמה־דורשט. אַנטלויפט דאָך יונה פון גאָט, וואָס אַנשטאָט אַנטרינקען מאַכט ער נאָך מער דאָרשטיק... פונדעסטוועגן געפינט דער דיכטער — ס׳הייסט דער מענטש — די באַפרידיקונג אין אַט־דעם וועזן פון פלאָנטערנישן, מאַטערנישן און סתירות. ער לעבט זיך אויס אין אַ קיינמאָל נישט־געבראָכענעם לעבנס־הונגער...

*

האַלקינס לידער פאַרמאָגן רייכע בילדער. זיי ווירקן מיט פאַרב און קלאַנג — מיט עסטעטישער שיינקייט. עס זענען אין זיי דאָ באַצויבערנדיקע נאַטור־געמעלן. אָבער אין תוך גענומען איז דאָס אַן אינטעלעקטועלראַציאָנעלע דיכטונג, מיט אַן אויסגעשפּראָכענער נטיה צו פילאָזאָפישע פאַרטראַכטונגען — אַ דיכטונג, וואָס „זינגט״ די פּראָבלעמאַטיק פון מענטש. באַזונדער וואַכזאַם און פילבאַר איז האַלקין צו די פּראָבלעמען פון מענטש אין דער צעררודערטער מאָדערנער וועלט — אַן אמונה־באַרויבטער מענטש אין אַ וועלט וואָס זינקט אין שקר און שרעק, אכזריות און אונטערגאַנג־געשפּענסט.

די מאַטערנדיקע פראַגע־צייכנס האָבן געוויס אַרומגערינגלט האַלקינס פּאָעטיש שיפל, ווען עס האָט זיך געלאָזט אויף די אימהדיקע וואַסערן פון דעם יידישן מלחמה־חורבן. לאָמיר דאָ ברענגען אַ פראַגמענט פון זיין שירה אויף דער חורבן־טעמע:

העברעישער ביכער־שאַנק

דאָס בלוט אויף וועגן צו דער אימהדיקער חורבה, וואָס דערמאָנט
אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַ יידיש שטעטל דאָ, וועט אויך דיין בלוט
פאַרצערן —
און וועסט געריניקט ווערן. און דאָס פייער וואָס צעעסט דעם
האָריזאָנט,
וועט דיר דיין רוקנביין פאַרברענען — און אַן אויסגעלייזטער
וועסטו ווערן.
נישט דו שריי: „אין דיין בלוט וועסטו, ישראל, לעבן!״ נישט
צעשאָל דעם ליגן.
נישט דו זאָג: „„ס׳וועט דער אייביקער פאַרגיטיקן זיין פאָלק און
לאַנד!״
אַ סוף צו זוכן גאָט, און מיט זיין בלענדן־שפיל: „ווו בין איך?״
זיך באַטריגן.
אַ סוף צו דעם מיראַזש: „ווי גאָט האָט ליב זיין פאָלק און בלוט
ביינאַנד!״
איך וועל נישט פאַרשן אייער ליפּ וואָס מורמלט תהלים בלאָס־
פאַרבראָכן,
נישט פרעגן, וואָס איר שלאָגט זיך אויפן האַרצן ווידוי אַן געוויין
אַנטקעגן קעל פון קוילנוואָרפער און משחיתים וואָס מיט אייזנס
פּאָכען
אין אַ בעריאָזע־וועלדל. לאָזט מיך אָבער דאָ מיט אייך פאַרגיין.
זאָל אָפּגעשייערט ווערן באַלד די זינד, וואָס כ׳לעב נאָך, ווען איר
זייט נישטאָ שוין,
און דער פאַרברעך: אַן אייך אויף אויסלייז וואַרטן, זאָל ווערן
אויסגעלאָשן.

(פון עברית: מרדכי יאָפע)

אַזוי האָט האַלקין קרעפטיק אויסגעשריגן דעם ווייטיק פון פאַר־גאָסענעם בלוט. אָבער דער עיקר־כוח, דוכט זיך, איז פאַרבאָרגן אין די פיינפולע שאלות וואָס ער שטעלט צו גאָט: „ווי זאָל איך פון דער פינצטערניש צו ליכט דיין זיין נאָך ווייטער טראָגן, ווען ס׳איז געוואָרן מיר די שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט צו שאַנד?״

יהושע א. גלבוע

*

די עלעמענטן וואָס דאָמינירן אין האַלקינס דיכטונג זענען אויך די הויפּט־פּאַרב פון זיינע פּראָזע־ווערק. אין „יחיאל ההגרי" און „עד משבר" געפינען מיר אַן ענלעכע שפּאַנונג פון קעגנזאַצן, געראַנגלעניש פון מאָדערנעם מענטש (און בעיקר ייד), גאָט־זוכעניש פון אַ דור וואָס האָט פאַרלוירן די אמונה־תמימות, לעכצעניש נאָך קדושה אין דער גרויער וואָכעדיקייט פון לעבן, פיל נשמה־ריסן און אינערלעכע פּייניקונגען, אַ סך נערוועזקייט און אומרו, אַן אַ שיעור בלאָנדזשעניש און פראַגע־צייכנס.

האַלקינס פּראָזע נויטיקט זיך אין אַ באַזונדערער אָפּהאַנדלונג. דאָ זאָל נאָר געזאָגט ווערן, אַז זי דערגאַנצט אויף אַ פּאַבולאַרישן שטייגער האַלקינס דראַנג אויפצודעקן די זעעלישע טיפענישן און די גייסטיק־פּסיכאָלאָגישע צעשפּליטערונגען פון דעם היינטצייטיקן מענטש. אַזוי זענען זיינע דערציילונגען, אין גרונט גענומען, אַ געוועב פון קאָמפּלי־צירטע אַקציעס און פאַרטראַכטונגען.

אין איינעם אַן עסיי האָט האַלקין אַנגעוויזן אויף צוויי קאַטעגאָריעס פון פּאָעזיע: שירה פון האַרץ און שירה פון שכל. די ערשטע איז, איבערהויפּט, אַ פּאָעזיע פון מענטש־קינד, וואָס האָט מורא פאַר ווייטיקן. די צווייטע דאַקעגן איז אַ פּאָעזיע פון רייף־דערוואַקסענעם מענטש, וואָס געפינט אַפילו אַ פּאַרציע פרייד אינעם פּיין. מען קען דרייסט פעסטשטעלן, אַז האַלקינס שירה — טראָץ איר עמאָציאָנעלן רייכטום — געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. און דאָס קען געזאָגט ווערן אויך אויף זיינע פּראָזע־ווערק, זיין גאַנצע שאַפונג איז, אין תוך גענומען, אַ ראַציאָנעלע, וואָס קוקט אין די תהומות פון לעבן און אין מענטשלעכן פּיין מיט אָפענע אויגן.

יעקב פיכמאַן

דעראַבערונגען אַן דונערן און בליצן

יעקב פיכמאַן שטאַמט פון בעסאַראַביע, ווּ ער איז אין יאָר 1881 געבוירן געוואָרן אין שטעטל בעלץ, אויף די ברעגן פון ריאוט — אַ צופלוס פון טייך פרוט. דער חותם פון דער דאָזיקער פעטער ערד, פון דער גרינער רחבות און פון די פלאַכע סטעפּן — האָט זיך געלייגט אויף זיין שאַפונג. עס טוישן זיך אין איר די לאַנדשאַפטן, ווי עס האָבן זיך געביטן די וווין־מקומות פון דיכטער, אָבער עפּעס שוועבט כסדר איבער זיין ליד דער „אומעט פון אַ געבענטשטער ערד", וועלכן ער האָט געטראָגן מיט זיך פון זיין קינדער־היימלאַנד.

עס האַנדלט זיך נישט בלויז אין דער השפעה פון דער בעסאַראַבער אומגעבונג אויף דעם דיכטערס אויפנעמען פון דער נאַטור, נאָר אין דער געשטאַלטונג פון זיין גאַנצן ליטעראַרישן „איך". פיכמאַן איז אין זיין גאַנץ וועזן אַ שרייבער פון האַרמאָניע און שלימות — ווייט פון יעדן פאַנאַטיזם און עקסטרעמיזם. אין איינעם אַ ליד זאָגט ער: „איך בין אויסגעוואַקסן פון שויס פון אַ גנאָדיקער ערד — ס'איז מיין נשמה פון אייביק פרעמד יעדער האַס". און נישט נאָר שנאה האָט זיך מיט אים נישט געקענט זיווגן. ס'האָט

זיך צו אים נישט באהאַפּטן קיין בונטאַרישקייט. זיין פּערזענלעכער כאַראַק־טער, ווי זיין שאַפונגס־וועג זענען נישט :עווען שפּיציק און שטעכיק, נאָר אויסגעשפּרייט ווי אַ ברייטער, קלאָרער האָריזאָנט. אַ פּאַרקערפּערונג פון רואיקייט און מעסיקייט.

נישט קיין גאָט־זוכענישן און נישט קיין וועלט־שמערצן באַצייכענען זיין שאַפונג, נאָר בעיקר די הנאה פון גאָטס שיינע וועלטן. ער האָט געהאַט פיל רעספּעקט צו אַ ריי השכלה־שרייבער, אָבער אַליין איז ער געווען יווייט פון זייער שטראָפּעריי־מאָנעריי. ער האָט געשעצט הויך ביאַליקן און ברענערן, אָבער זיין וואָרט איז נישט דאָס וואָרט פון דעם ביאַליקישן צאָרן און נישט פון דעם ברענערישן ווייטיק. ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור אין איינעם מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע פון קעמפּערישע רענעסאַנס־שרייבער, אָבער האָט זיך אויסגעטיילט פון זיי מיט דער אָפּוועזנהייט פון באַשולדי־קונגס־לוסט. טרעפלעך האָט זיך לאה גאָלדבערג אויסגעדריקט: „נישט מיט קיין דונערן און בליצן האָט פיכמאַן דעראָבערט זיין פעלד־ראַנד" („פעלד־ראַנד" — „פאת שדה" — הייסט פיכמאַנס אַ לידער־ציקל). פאַרקערט, ער האָט זיין בכבודיקן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור פאַרנומען מיט ווייכע קלאַנגען און האַלב־טענער.

*

ביי פיכמאַנען מערקט זיך אַ געזונטער, קערנדיקער, עטוואָס „פויערי־שער" צוגאַנג צום לעבן, באַפּאַרבט מיט אַ ביסל נאָגנדיקער עצבות פון דעם אויסגעצויגענעם סטעפּ... זעט אויס, אַז די אייגנשאַפטן האָט ער געירשנט פון טאַטע־מאַמע. אין ליד „אַ שטוב אויפן ריאוט" שילדערט ער זיינע עלטערן. דער טאַטע — „אַ סטעפּ־מענטש, אַ ברייט־ביינערדיקער און פעסטער... געבענטשט מיט אַ ליכטיק פנים און אַ שעת־רצון, אָבער זיין בלוט האָט עפּעס אומעטיקס פאַרבאָרגן", און די מאַמע — „אַ ווייכע, הויך־געשטאַלטיקע, אַ פרעמדע צו דער שטאָט, אַן עטוואָס אומעטיקע און שוויַיגנדיקע"...

דאָס איז דער משפחה־מקור. ווען מיר ברייטערן אויס דעם בליק, כדי „אָנצוטאַפּן" יידיש־געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען אין פיכמאַנס שאַפערישן גאַנג, קאָן אַלס גוטער וועג־וויַיזער דינען די באַשרייבונג פון קריטיקער ב. י. מיכלי: „בעסאַראַביע האָט אויסגעהאָדעוועט פשוטע יידן, קרעפטיקע

און האַרציקע, פּראַצע־ליבנדיקע און לעבנס־גלוסטיקע. דער צער פון דעם באַשאַף האָט נישט געדריקט זייער נשמה, און אויף „שכינתא בגלותא" האָבן זיי קיין סך נישט געיאָמערט. אירע בחורים האָבן נישט פאַרשווענדעט זייערע כוחות ביי „פאַרוועלקטע פאַרמעטן" און האָבן נישט זוכה געווען צו קיין קרוין פון „מתמידים". זיי זענען געווען ווייט פון „מעשה־מרכבה", אַזוי אין ענינים צווישן מענטש און גאָט ווי צווישן מענטש און מענטש. דער השכלה־שטורעם האָט זיי נישט אויפגעטרייסלט און נישט צעשפּליטערט. די מלחמת־קודש צווישן חסידים און מתנגדים האָט זייער רו און פרידן נישט דערשיטערט. און צו וואָס דאַרפן זיי אַבסטראַקטע נאַטור־לעכצעניש, וועלכע וועלן אַמאָל ווען־עס־איז ווערן אַ יש? זיי האָבן דאָך אין שויס פון דער נאַטור געלעבט און טאָג־טעגלעך פון איר גוטס און זיסקייט פאַרזוכט, ביז זיי האָבן זי שוין כמעט נישט געפילט. ס׳איז דאָך באַקאַנט דעם מענטשנס טבע: ער קען ליב האָבן דעם יש, אָבער נישט בענקען צו אים".

אפשר איז פּיכמאַנס געלאַסנקייט און רואיקייט אַ פּראָדוקט פון וואָלטאָג אין דער קינדער־היים, אין יוגנט־יאָרן? ניין. ליידן האָבן אים נישט אויסגעמיטן, אָבער ער האָט זיי גובר געווען אָן טרומייטערס און זיי האָבן זיין נשמה נישט פאַרוואונדעט. די האַרבעווירקלעכקייט האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן די אַזוי־באַקאַנטע אין אונדזער ליטעראַטור נשמה־ראַנגלעניש, אָדער „ריסן" און צוזאַמענשטויסן צווישן „שכל און געפיל"...

זיינע יוגנט־יאָרן זענען באַצייכנט מיט ענלעכע איבערלעבענישן, וועלכע עס האָבן אַדורכגעמאַכט צענדליקער אַנדערע שרייבער פון זיין דור — עס יוערט שטיקנדיק אין שטעטל, מען רייסט זיך צו דער ברייטער וועלט, מען איז דורשטיק נאָך וויסן, מ׳שפּרייט אויס פליגלען, מ׳פאַרלאָזט די היים, מ׳פּייניקט זיך און מ׳הונגערט־צו פון צייט צו צייט...

מחוץ פון דער היים איז פּיכמאַן געווען אַ בעקער־יינגל, אַ באַהעלפער אין אַ קראָם, אַ קעלנער, אַ פורמאַן, אַ טרעגער — און אַ שטיקל צייט אַפילו אַ באַגלייטער פון אַ וואַנדערנדיקן קאָטערינשטשיק... מיר טרעפן אים אויך אַלס מלמד אין אַ דאָרף — און צווישן איין מלאכה און דער צווייטער, האָט ער, ווי אַנדערע מיטצייטלער, אַריינגעכאַפּט אַ ביסל רוסיש און דייטש, זיך באַקענט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, געפּרווט אָנשרייבן

אַ ליד... פאַרשטייט זיך, ווען אומקערן זיך אין שטעטל בעלץ, האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זיין...

*

פיכמאַן האָט זיך ערשטנס דערשלאָגן קיין קישיניעוו, אָבער געצויבערט האָט בעיקר אָדעס — די נגידישע שטאָט אויף די ברעגן פון שוואַרצן ים, דער טויער צו דער וועלט און צוגלייך די מעטראָפּאָליע פון דער דעמאָל־טיקער העברעישער ליטעראַרישער שאַפונג.

אין יאָר 1901 קומט ער טאַקע אָן קיין אָדעס און דערנענטערט זיך צום שרייבער־קרייז, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום ח. נ. ביאַליק. דאָן האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן זיינע ערשטע לידער. נאָך אַ צוויי יאָר אין אָדעס קומען וואַרשע, ווילנע, גראָדנע, ווידער אָדעס און ווידער וואַרשע. ער ווערט איינגעלאַדן דורך דעם לערער־פאַריין אין ארץ־ישראל צו קומען און רעדאַגירן דעם מאָנאַטשריפט „מולדת״. נאָך צוויי יאָר אין לאַנד (1912־1914) געפינען מיר אים אין דייטשלאַנד, רוסלאַנד און פוילן — און אין יאָר 1925 האָט ער זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין ארץ־ישראל.

פון אַלע מקומות צווישן וועלכע פיכמאַן איז נע־ונד געווען האָבן אים, בעיקר, צוויי אָנגעשטעקט מיט זייער אייגנאַרטיקייט. אָדעס און וואַרשע. אָדעס, מיט איר מענדעלע, ביאַליק און אחד העם, מיט איר אַריסטאָקראַ־טישער ליטעראַרישער אַטמאָספער, איז אין זיינע אויגן געווען דער קלאַסישער מוסטער. דאַקעגן איז וואַרשע געווען דער קאָכעדיקער קעסל פון פאָלקסטימלעכקייט, פון אויפברויז. די שרייבער אין וואַרשע — פרץ, בעל־מחשבות, נאָמבערג און אַנדערע — האָבן זיך ווי געטראָגן און געוויגט אויפן טויזנטער־קעפּיקן יידישן עולם. אָדעס האָט אויף וואַרשע געקוקט „פון אויבן אַראָפּ״, מיט אַ יחסנישן קוק. די וואַרשעווער ליטעראַטור איז איר אויסגעקומען „זשורנאַליסטיש״. פיכמאַן דריקט אָבער אויס די מיינונג, אַז ביאַליק אַליין, צום ביישפּיל, וואָלט נישט דערגאַנגען צו זיינע פאָלקס־לידער אָן דער „באַפרייענדיקער השפעה״ פון וואַרשע.

צוויי באַזונדערע ביכער האָט פיכמאַן געווידמעט די שרייבער פון אָדעס און זייער נוסח — און די שרייבער פון וואַרשע און זייער נוסח. זעט אויס, ער אַליין האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס גוטע פוןביידע ספערן: די אָדעסער „אַריסטאָקראַטישע״ מאַניערן און די וואַרשעווער אינטימקייט. ער

דערציילט אונדז טאַקע ווי אין אַנהויב פון דעם יאָרהונדערט האָט ער פּאַרלאָזן אָדעס, — די טייערע שטאָט, וועלכער ער „האָט ליב געהאַט אין דער זעלבער מאָס ווי ער האָט פאַר איר מורא געהאַט" — און אויסגעשטיגן אויפן וואָקזאַל ביים ווייסל. און דאָ, אין וואַרשע, איז ער נישט געווען אויפגערודערט פון פּחד און דערוואַרטונג, ווי מיט עטלעכע יאָר פריער אָנקומענדיק קיין אָדעס. וואַרשע איז געווען די שטאָט פון דער „יונגער העברעישער ליטעראַטור", וועלכע האָט אין דעם ליטעראַרישן מתחיל איינגעפלאַנצט בטחון. אין פאַרגלייך מיט דער עטוואָס־קאַלטער „רבנישער" אָדעס, האָט וואַרשע אויסגעזען „חסידיש", לופטיק, זינגענדיק...

אָבער פיכמאַן פילט דאַנקבאַרקייט אויך צו דער אָדעסער שול. אין קעגנזאַץ צו דער וואַרשעווער אימפּולסיוויקייט, האָט אָדעס געלערנט דיסציפּלין, שטרענגן געבוי, סאָלידע אָרדענונג, נישט־איילעניש. אמת, זאָגט פיכמאַן, „די איבערגעטריבענע סאָלידקייט האָט טייל מאָל געשטיקט, אויפגערעגט, אָבער נאָך אַ שטיקל צייט פלעגן מיר זיך אַרומזען און אָפּשאַצן די דאָזיקע קאַלטקייט, ווי אַ גייסטיקע דעראָבערונג, ווי אַ זעלבסטדערציאונג און זעלבסטהיילונג, וואָס צווינגט אונדז אויפצוהאַלטן אַזאַ שטרענגע דיעטע"...

*

אַ שיינעם אָרט האָט יעקב פיכמאַן פאַרנומען אין אונדזער ליטעראַטור מיט זיין לירישער דיכטונג, וועלכע צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט נאַטור־בילדער. צו דער נאַטור איז ער צוגעגאַנגען הן ווי אַ רעאַליסטישער מאָלער און הן ווי אַ ראָמאַנטיקער, ביי וועלכן דער פּייזאַזש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מעדיום צום אַרויסברענגען די אייגענע פאַרטראַכטונגען און שטימונגען. ווי זאָגט ער אין איינעם אַ ליד? — „אין דער נאַכט־שוואַרץ בין איך געוווינט זיך איינהאָרכן צו דער שטילשווייגעניש פון אַ בוים אַזוי ווי צו מייך נשמה".

פיכמאַן רעדט זיך אויס דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַרשידענע לאַנדשאַפטן. און די לאַנדשאַפטן זענען נישט דווקא אַנטפּלעקטע בילדער. זיי זענען אויך — סוד און רעטעניש. אין אַ געוויסן ליד ווייזט טאַקע אָן דער דיכטער, אַז די משיכה צו פּייזאַזש איז אַ משיכה צו דעראָבערונג פון פאַרבאָרגענע וווּנדער און צו באַנייאונג פון געזעענע וועלטן. נאַטור איז, אַלזאָ, פאַר אים פיל מער פון די אָפענע פּאַנאָראַמעס. זי ווערט אַ שותף צו זייך אינערלעכן שמועס.

אין פיכמאַנס נאַטור־לידער איבערוועגט אַן עצבותדיקע פאַרטראַכטקייט, אַן עלעגישע שטימונג. זיי נייגן זיך צו חצות און שקיעה, צום „האַרבסט־אָנפאַנג" און „אלול־וואָלקנס"... ווי שוין אָנגעדייט, די דאָזיקע בין־השמשות־אַטמאָספערע איז אַ פרוכט פון דעם אומעט אויף די ריאוט־ברעגן, וועלכן דער דיכטער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין די קינדער־יאָרן. שטאַרק קענטיק איז אויך דעם דיכטערס צוציאונג צום ים און זיינע סודות. דאָס איז וואַרשיינלעך דער פּראָדוקט פון אַ לעבן, וואָס איז רייף געוואָרן אויף די ברעגן פון שוואַרצן ים (אָדעס) און געקומען צו שאַפערישער אינטענסיוו̇קייט אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים (תל־אביב). און אפשר אַנטשפּרעכט עס זיין „קאָסמאָפּאָליטישער" נאַטור־ליבע, זיין היימאַט־געפיל לגבי יעדער לאַנדשאַפט. האָט ער דאָך זיך אַליין פאַרגליכן צו אַ זעגל־שיפל, וואָס איז געווענדעט צו אַלע לאַנדשאַפטן.

אָבער דער פּייזאַזשן־„קאָסמאָפּאָליט" האָט מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפט דעראָבערט די ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפט. זיין ליד האָט זיך וווּנדערבאַר פאַראַנקערט אין די נאַטור־דערשיינונגען פון לאַנד. און ער האָט זיי פאַראייגנט דווקא נישט מיט אַ פּאַטעטיש־נאַציאָנאַלן צוגאַנג. נישט דורך אידעאַליסטישער חיבת־ציון, נאָר אויף אַ פערזענלעך־אינטימען שטייגער, ווי זיי וואָלטן געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון זיין פריערדיקער לעבנס־פּאַנאָראַמע.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט פיכמאַן געמאַכט אַ באַלערנדיקע אויפקלערונג (אין אַ שמועס־אינטערוויו מיט גליה ירדני): „מיין באַהעפטונג מיט דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט איז געווען דער אָנהויב פון מיין פאַרוואָרצלען זיך אין פאַטערלאַנד... מיין אָבסאָרבירונג פון דער נאַטור האָט בכלל דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג. די ברייטקייט פון סטעפּ און זיין זיסן אומעט האָב איך אויפגענומען פון די בעסאַראַבער פעלדער — מיין היימאַט־לאַנדשאַפט. דעם שיין פון ים און זיין שטאַרקן אָטעם האָט מיר אָנגעטרונקען דער ים אין אָדעס („די ים־אידיליעס"). אָבער די שטיל־שווייגעניש פון די בערג און דעם מאַיעסטעט פון זייערע זעונגען האָט מיר געשענקט ארץ־ישראל. דער ים און ארץ־ישראל האָבן מיך אויסגעהיילט פון מיין יוגנט־מעלאַנכאָליע. זיי האָבן פון מיר געמאַכט אַ געזונטערן מענטש, אַ מער שלימותדיקן ייד. פון זינט איך בין געקומען אין לאַנד, איז פאַר מיר ווי אַנטפּלעקט געוואָרן מיין נשמה־סוד. איך בין אַרויס פון

נעפּל און מיין וועלט איז געוואָרן לויטער". און פיכמאַן האָט דאָן אָנגעוויזן אויף זיין פּאָעמע „רות", ווו די גיורת דריקט אויס דאָס גליק פון איר פאַרוואָרצלען זיך אין נייעם לאַנד, וואָס איז געוואָרן איר היימאַט: „דאָרט — זאָגט פיכמאַן — האָב איך, פּאַקטיש, דערציילט מיין אייגענעם וידוי". ס'איז טאַקע געווונטשן צו ברענגען אַ פראַגמענט פון דער דאָזיקער פּאָעמע — די ווערטער פון רות:

אויף אָט די שטילע ריינע פעלדער לייכט און זיכער טרעט איך,
ווי אויף דעם גוטן באָדן פון אַ הייליק געבורטס־לאַנד,
פון יענעם טאָג, ווען ס'האָט מיין שטערן מיך דערפירט ביז דאַנען.
ווי ליבלעך איז די נאַכט צעשפּרייט אויף זיי מיט אירע פליגלען!
מיין אויג באַטראַכט דאָ גערן יעדן פלאַנץ און פעלז און גליבע,
ווי פירן וואָלט אַ גוטע טרייע האַנט מיך. כ'בין נישט לאַנג דאָ,
און פּונקט ווי זריעה וואָס די קעלט האָט זי נאָך נישט געשעדיקט,
האָט מיך דאָס פרעמדע לאַנד אין זיך געטריי אַריינגענומען.
און יעדער ריר פון מיינע פיס וואָס טרעטן אויף דער ערד —
אַ בונד אַ הייליקער מיט אָט דעם נייעם היימלאַנד,
אַזוי ווי אַלץ וואָס כ'האָב געקענט און האָב געליבט פריער,
פון מיין צעשיינטער קינדהייט אָן ביז היינט — האָט נאָר געוווּנקען
צו דעם געבענטשטן לאַנד, וווּ כ'האָב געפונען מיין נשמה
און פון זיין שטילקייט האָט גאָטס פּנים פאַר מיר אויפגעלויכטן.
און כ'האָב שוין מער נישט מורא פאַר דער גרויזאַמקייט פון גורל,
און כ'שרעק זיך מער נישט פאַר די פּלאָגן פון די שלעכטע געטער —
דאָ איז געוואָרן מיין נשמה רואיק, זיכער, גלייביק.
דאָ האָט זי אַלץ פאַרגעסן און עס איז איר אַזוי גוט געוואָרן.
אָ, גוטע ערד, באַרואיק מיך און ווי מיין האַרץ צעבלי זיך
אויף דיינע פעלדער פול מיט ווייסע בלימלעך, וואָס באַווייזן
אַז גאָט האָט די יתומים פון דער וועלט נאָך נישט פאַרגעסן.
צעבלי זיך, שטילע ערד, וואָס לאַנגזאַם טראָגסטו אין דיין שויס מיך
און כ'ווייס גאָר נישט וווהין — און איך וועל אַלע מאָל געדענקען
אויף אַל די שטעגן פון דער נאַכט דיין גרויס גענאָד און ליבשאַפט.

(פון עברית: מרדכי יאַפע)

יהושע א. גלבוע

*

יעקב פיכמאַן אַלס ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. וועגן זיין גאַנג אין אָט־דעם פעלד איז פאַראַן אַן עדות אין דעם, וואָס ער אַליין זאָגט וועגן די אייגנשאַפטן מיט וועלכע עס דאַרף זיין באַשאָנקען דער ליטעראַטור־קריטיקער: ער קען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך נישט באַגייך, אָן „פאַכמענישקייט", אָבער גלייכצייטיק איז וויכטיק ער זאָל נאָכפאָלגן יעדע ליטעראַטור־אַנטפּלעקונג „מיט האַרץ־געריכטקייט און האַרץ־גלוסטעניש": ס'איז געוווּנטשן, אַז די אָפּשאַצונג פון ווערק זאָל זיין „איינציייטיק אַ פּראָדוקט פון ליבע און אַ פּראָדוקט פון באַהאַוונטקייט".

דערפאַר האַלט נישט פיכמאַן אַלס די עיקר־אויפגאַבע פון קריטיקער צו טאַדלען ליטעראַרישן אָפּפאַל, אָדער צו דעמאַסקירן גראַפאָמאַנען. מיר נויטיקן זיך, קודם־כל, אין אַ קאָנסטרוקטיווער־פּאָזיטיוויסטישער קריטיק. וועלכע זאָל קולטיווירן די תאווה צו שיינס און גוטס. אָנשטאָט אָנצווייזן אויף שלעכטע און ביליקע קופּלעטן, איז גלייכער צו ברענגען דעם לייענער צו גוטע לידער. ווייל אויך די הויך־קוואַליטאַטיווע שאַפונג מאַכט זיך נישט אַליין דעם וועג צום פּובליקום, נאָר נויטיקט זיך אין אַטמאָספער און סוגעסטיע. ווען דער קריטיקער וועט וואַרפן זיין ליכט אויף די גוטע זאַנגען, וועט ער ממילא דערווייטערן דעם לייענער פון די ווילד־גראָזן.

פיכמאַנס קריטישע עסייען זענען נישט געשריבן אין אַ קאַלטער, טרוקענער שפּראַך פון אורטיילן. דער אַנאַליז איז טאַקע באַגלייט מיט דער דערמאָנטער „האַרץ־געריכטקייט". זיינע אָפּהאַנדלונגען זענען אויסגעמישט מיט פּערזענלעכע זכרונות — און א היפּשער טייל פון זיי טראָגט אַ לירישע באַפאַרבונג. ס'קומט דאַן אויף אין זכרון אַ וואָרט פון גרויסן רוסישן קריטיקער וויסאַריאָן ביעלינסקי, בעת ער האָט באַהאַנדלט פּושקינס שאַפונג: „איך באַדויער, וואָס איך בין פון דער נאַטור נישט באַשאָנקען מיט פּאָעזיע־גאָב, ווייל עס זענען דאָ דערשיינונגען וועגן וועלכע עס איז אַ חטא צו רעדן מיט דער שפּראַך פון מעסיקער פּראָזע". פיכמאַן־דער־דיכטער האָט טאַקע וועגן אַ ריי דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַטור גערעדט מיט דער שפּראַך פון פּאָעזיע...

אַזוי דערציילט פיכמאַן מיט השתפכות־נפש וועגן ביכער, וועלכע האָבן אים געפאַנגען אין די יאָרן פון קינדהייט און יוגנט. דאַן טרעפט, אַז דער לייענער ווערט אַריבערגעטראָגן, דורך דעם באַהאַנדלטן בוך, אין דער

וועלט פון זיין אַפּשאַצער. אין צענטער פון אונדזער פּאַראינטערעסירונג שטייט שוין, צום ביישפּיל, דער יונגער פּיכמאַן, דער בחור־„עקסטערן", אַ געבויגענער אונטער דער לאַסט פון לאַטיין און סלאַוויש, אַ פּאַרזונקענער אין מרה־שחורה, ביז עס פאַלט אים צופעליק אין האַנט אַריין דאַניעל דיפאָס „ראָבינזאָן קרוזאָ", דיקענסעס „דייוויד קאָפּערפילד" און אַנדערע ביכער — און „אויף אַ ווײַלע האָט פון אונדז אַפּגעלאָזט די שווערע לעבנס־האַנט און ס׳האָט אונדז אַנגערירט אַ גוט קינדהייט־ווינטל, אַנגערירט און געהיילט, אַנגערירט און באַרואיקט"; לייענענדיק אַזעלכע דערציילונגען פלעגט דער בחור לאָכן צו זיך אַליין, „ווי עס לאַכט אַ מענטש וואָס דערוואַכט פון אַ געשפּענסטיקן חלום און געפינט איבער זיין קאָפּ שטילע נאַכט־שטערן"...

*

פּיכמאַנס באַליבטער קריטיק־זשאַנער איז דער עסיי. ער האַלט, אַז „דער עסיי אין דער קריטיק, לויט זיין פאָרעם און אינהאַלט, איז געגליכן צו דער ליריק אין דער שיינער ליטעראַטור... פרייגעלאָזן און פּטור פון פיל פליכטן... אַ „פרייער חיבור" — אַ זאַך וואָס הויבט זיך אָן אינמיטן, וואָס האָט נישט קיין חוב פון אַן אָנהויב און נישט קיין חוב פון אַ סיום"... דער עסיי דערלויבט זיך דעריבער נישט איינצוזען פיל זאַכן.

אָבער פּיכמאַן האָט זיך באמת אין זיינע עסייען נישט בלויז צו קליידן זיך אין פאַטעטישע יום־טוב־בגדים, נאָר אויך צו האַלטן אַ „מויערער־קעלניע" אין האַנט. האָט ער טאַקע רעקאָמענדירט צוגעבן דער שיינקייט פון דער עסייאיסטישער מלאכה — לאָגישע שטרענגקייט, פּראָזאַישע טעאָרעטישע מאָסן. אין נוסח פון דער אגדה זאָגט פּיכמאַן, אַז דער עסיי איז וויין — און די קריטיק איז ברויט. דוכט זיך, ער אַליין האָט אין זיינע קריטישע עסייען פּאַראייניקט וויין און ברויט...

אליעזר שטיינמאַן

אַ שפּרודלדיקער קוואַל ביי אלטע ברונעמער

אַ ביבליאָגראַפיע פון אליעזר שטיינמאַנס שאַפונגען וועט אַן ספק פאַרנעמען אַ גאַנצן „בייכיקן" באַנד. שטייען מיר טאַקע איבערראַשט פאַר אַט־דער פענאָמענאַלער שעפערישקייט, וואָס שוין העכער פופציק יאָר „שיט זי פון אַרבל" איר האַב־און־גוטס.

שטיינמאַן איז אַ שפּעדיקער שרייבער נישט בלויז אין שאַפונגס־כמות, עס איז אויך צו באַוווּנדערן די פילפאַרביקייט פון די געביטן, אין וועלכע זיין פּרוכטבאַרקייט קומט צום אויסדרוק: אין ברייט־קאַנוועדיקע ראָמאַנען און אין קלענערע דערציילונגען; אין רעדאַקטירונג פון פיל זשורנאַלן און אויסגאַבעס; אין עסייען און ליטעראַרישע קריטיק; אין פּובליציסטיק און פעליעטאָניסטיק. ער איז אויך דער איבערזעצער אויף העברעיש פון אַ ריי מוסטער־ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור (צווישן אַנדערע די שאַפונגען פון דאָסטאָיעווסקי, סטרינדבערג און מעטערלינק).

*

אליעזר שטיינמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אַ פּאָדאָליער שטעטל

אין יאָר 1892. אַליין אַ קינד פון חסידיש־רבנישן שטאַם, מאַלט זיך אויס זיין שאַפונגס־געשטאַלט ווי אַן עילוי, אַ בקי וחריף, וואָס זאַמלט חכמה אַ גאַנץ לעבן און צעזייט און צעשפּרייט זי כסדר. די דעפיניציע „כמעין המתגבר" איז ווי צוגעמאָסטן צו אים, ווייל ער איז נישט בלויז מלא וגדוש, נאָר אויך שטענדיק שפרודלדיק — קיינמאָל נישט קאַרג זיך צו טיילן מיט זיינע געדאַנקען און באַטראַכטונגען.

אין איינעם אַן עסיי האָט שטיינמאַן אויסגערעדט ווערטער, וואָס שטאַמען, ווייזט אויס, פון אייגענעם נסיון: „די נשמה איז שטענדיק פול און די גייסט־כלים רוען נישט קיין מינוט. פירסטו אַרויס אַ וועלכן ס'איז געדאַנק פון דער פאַרבאָרגעניש, האָסטו די נשמה אַבסאָלוט מיט גאָרנישט אויסגעליידיקט. ווייל ביי אָט דער געדאַנקען־אַנטפּלעקונג שפּראָצט אַרויס אַ נייע אויסקוועלונג און פילט זי אָן פונדאָסניי". מיט אַנדערע ווערטער: דאָס פאַרשפּרייטן גייסטיקע רייכטימער מאַכט די מחשבות נאָך מער פולסירנדיק.

אויב שטיינמאַן געהערט צו די שרייבער, וועלכע עס איז שווער אַריינצוראַמען אין אַ באַשטימטן זשאַנער — איז אַבסאָלוט אוממעגלעך אָנצוצייכענען די טעמאַטישע קאָנטורן פון זיין עסייאיסטיק.

חיים נחמן ביאַליק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט וועגן גרשון שאָפּ־מאַנס דערציילונגס־שטייגער, אַז ער (שאָפּמאַן) „הייבט אָן דאָרט, וווּ מיר פאַרענדיקן". וועגן שטיינמאַנס עסייאיסטיק קען מען זאָגן עפּעס ענ־לעכס: אָט דוכט זיך, אַז די באַהאַנדלטע טעמע איז שוין דורך־און־דורך אויסגעשעפּט, „אויסגעקוועטשט", שוין גאָרנישט פאַרבליבן וואָס צוצו־געבן און דערזאָגן; קומט אָבער שטיינמאַן און ברענגט נאָך צענדליקער אַרגומענטן, באַווייזן, ביישפּילן, אַסאָציאַציעס — און ער ברייטערט אויס די באַהאַנדלונג פון דעם „אויסגעדראָשענעם ענין" ביז אָן אַ ברעג...

אָבער אין קעגנזאַץ צו שאָפּמאַנס עיקרדיקן גאַנג אין דער דערציי־לונגס־קונסט, וואָס באַשטייט אין לאַקאָנישקייט — איז שטיינמאַן אַ מין חסיד און פאַרטיידיקער פון אריכות. זיינע עסייען דאַרפן פאַר זיך, ער־שטנס — שטח.

שטיינמאַן פּרוּווט דווקא זיך קעגנשטעלן דער מאָדע פון יאָגעניש נאָכן קיצור אין דער עסייאיסטיק און פּובליציסטיק. ווייל נישט וויכטיקער פון די אויספירן — איז דער עצם פּראָצעס פון דענקען; דער גאַנג פון די

מחשבות האָט מער באַדייטונג פאַר די לייענער, ווי זייער תמצית און סומירונג. מיט זיינע ווערטער: „די פּרוכט פון דער מחשבה אָן די מחשבה־ראַנגלעניש איז גאָרנישט ווערט. עס האָבן נישט קיין ממשות די מסקנות אַליין, נישט וויסנדיק אַלע פאַר־הנחות, השערות און אויפקלערונגען, וואָס באַגלייטן אונדז אויפן וועג צום אמת".

*

שטיינמאַנס הויפּט־סטאַנציעס ביז זיין קומען קיין ארץ־ישראל (אין יאָר 1924) זענען געווען: אָדעס, מאָסקווע און וואַרשע. אַ געוויסע צייט האָט ער געשריבן רוסיש. אַ טייל פון זיינע שאַפונגען האָט ער געגעבן אין יידיש.

און עס ווילט זיך אויפמישן אַ קוריאָז־בלעטל אין דעם לעבנס־בוך פון אָט דעם העברעיִשן שרייבער, וואָס האָט אין יאָרן אַרום זיך אַראָפּגע־לאָזט אין די טיפענישן פון די חסידות־ און תלמוד־ברונעמער.

באַלד נאָך דער באַלשעוויסטישער איבערקערעניש, זייענדיק אין רוסלאַנד, האָט שטיינמאַן אָנגעשריבן אַ בראָשור מיטן נאָמען „הקומוניסט העברי" (דער העברעישער קאָמוניסט), וואָס איז געווען אַ מין מאַניפעסט פון צוטרוי צו דער רעוואָלוציע — אַ העברעיש געזאַנג צו דער נייער אָרדענונג און אירע אידעאַלן, וואָס זענען מכלומרשט שותפותדיקע פאַרן קאָמוניזם און פאַר דער „עכטער" העברעישער ליטעראַטור...

אוודאי האָט דעמאָלט שטיינמאַן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן די דערשטיקונג־גזירה, וואָס דער נייער רעזשים טראָגט מיט זיך פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־גייסטיקן קיום. אָבער עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט דער שיכורער־נאַיווער התלהבות פון „הקומוניסט העברי". שטיינמאַן האָט דאָרט אויפגעהויבן אַ פאָן פון „ציון, עברית און קאָמונע" — וויל „על־פי שכל, געפיל און יושר, וועט דאָס יידנטום געהאָלפן ווערן נאָר דורך דער קאָמונע". צו דער רויטער אַרמיי ווענדט זיך דער „קומו־ניסט עברי" און דערקלערט: „איך וועל זיך פאַר אייך נישט שרעקן, קינדער פון פעלקער־אָרעמקייט... אַפילו ווען די קאַפּיטעס פון אייערע פערד וועלן מיך צעטרעטן — וועל איך אייך מוחל זיין. איך וועל מוחל זיין דער אָרדענונג פון אַ נייער וועלט, וויל איך בין אויך געווען אַ שרייפל אין די רעדער פון פרייהייט"...

שטיינמאַן האָט דאַן פּאַרויסגעזען אַ האַרמאָניע צווישן עברית־וויזיע און קאָמוניזם: „הורא, הורא! אַזוי וועט שרייען אויך דער העברעישער קאָמוניסט, וואָס זיין האַרץ וועט באַדויערן, הלמאי ער האָט נישט זוכה געווען אָנצוזאָגן די גאולה פון די בערג פון יהודה און ירושלים". שטיינ־מאַן פרעגט: „צי איז (מיט דער רעוואָלוציע) געקומען אַ סוף צו דער העברעישער קולטור?" — און ער ענטפערט באַלד: „ניין, וועט אויס־שרייען דער העברעישער קאָמוניסט, עס איז געפאַלן די פעסטונג פון שוואַרצן יידנטום; זאָל לעבן דאָס רויטע יידנטום!"

אין אַזאַ גייסט איז געשריבן דער גאַנצער „מאַניפעסט". ס'איז, אמת, אַ פּיקאַנטער קוריאָז. אָבער גלייכצייטיק איז עס אַ טראַגישע עדות פון פאַנטאַסטישע יידישע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך צעבליט באַלד נאָך דעם „אָקטאָבער".

✱

פינף יאָר האָט אליעזר שטיינמאַן — צוזאַמען מיטן דיכטער אברהם שלאָנסקי — רעדאַגירט אין ארץ־ישראל דאָס וואָכנבלאַט „כתובים", וואָס איז אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן געווען באַקאַנט ווי די אכסניה פאַר יונגע, „בונטאַרישע" שרייבער. שטיינמאַן האָט דאַן אויפגעהויבן די פאַן פון אויפשטאַנד קעגן „העברעישן קלאַסיציזם" — געמיינט קעגן דער הערשנדיקער קאָנסערוואַטיווער טראַדיציע אין דער ליטעראַטור און קעגן דער „בוקעניש" צו אירע „גדולים".

מיט דער צייט זענען זיך צעגאַנגען די וועגן פון שלאָנסקי און שטיינמאַן. שלאָנסקי איז פאַרבליבן אַ מוסטער פאַר כלעריי „יונגע" און „באַנייער". דאַקעגן שטיינמאַן, וואָס האָט פריער צוזאַמען מיט אים גע־רופן צו באַפרייען די העברעישע ליטעראַטור פון איר פאַרשקלאַפונג צום ביאַליק־קולט און צום „העברעישן קלאַסיציזם" בכלל — האָט רעווידירט זיינע מיינונגען און געענדערט זיין באַציאונג צו די פאַרגייער. ער האָט זיך פונדאַסניי אָנגעלאָדן מיט באַגייסטערונג פאַר די „גדולים". דער געוועזענער „מורד" האָט שפּעטער דערקלערט: „עס זענען דאָ לייבן אין דער יידן־ליטעראַטור... איך האָב פאַר מיר אַרויפגעבראַכט די גע־שטאַלטן פון אונדזערע לערער — צו דערקלערן פאַרן גאַנצן קהל: „מה טובו סופריך, ישראל!".

אויך שלאָנסקי איז נישט געבליבן פאַרגליווערט אין זיינע „אַנטי־ביאַליקיזם״־איינשטעלונגען. און ווידער אַ קוריאָז־בלעטעלע: דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דווקא ביאַליקס נאָמען און אָנדענק זאָלן ווידער צונויפֿמענפֿירן ביידע געוועזענע „מורדים״ קעגן „ביאַליק־קולט״: שטיינמאַן און שלאָנסקי זענען איינצייטיק באַערט געוואָרן מיט דער ביאַליק־פּרעמיע (פון עירית תל־אביב) אין יאָר תש״ך. בעת דער צערעמאָניע פון דער פּרעמיע־פאַרטיילונג האָט שלאָנסקי געלייענט אייניקע פון זיינע לידער, וואָס זענען געווידמעט ביאַליקן, און אין זיין רעדע האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם גורל־קאַפּריז, וואָס בהיסח הדעת גייען ווידער צונויפֿגעפּאַרט, „אויף פינף באַנקעטישע מינוטן״, די צוויי נעמען (פון שלאָנסקי און שטיינמאַנען). אָבער די עיקר־סימבאָלישקייט פון דער דאָזיקער צופעליקער „צונויפֿפּאָרונג״ איז באַשטאַנען דערין, וואָס אַזוי שלאָנסקי ווי שטיינמאַן באַציִען זיך איצט צו ביאַליקן און זיין ליטעראַרישער ירושה מיט טיפער אָנערקענונג.

*

דער גרויסער שאַפונגס־וועג פון אליעזר שטיינמאַן איז באַקרוינט געוואָרן מיט קאָלאָסאַלע זאַמלונגען און פאָרשונגען פון דער חסידישער וועלט. ער האָט אונדז געגעבן אַ צענדליק חסידות־בענדער.

פון דעם חסידות־ברונעם האָבן אין אונדזער ליטעראַטור — אַזוי העברעישער ווי יידישער — געשעפּט צענדליקער שרייבער. חסידישע לעגענדעס, דערציילונגען וועגן צדיקים, נסים־ונפלאות־מעשיות, שטייגער־באַשרייבונגען פון רביישע הויפן — זענען געווען דער באַליבטער שטאָף פאַר בעלעטריסטן פון עטלעכע דורות. אויך אין די היינטיקע „ניכטערע״ צייטן שלאָגן אָן פּען־מענטשן צום דאָזיקן קוואַל: אַמאָל אין זוכענישן פון עקזאָטיק, אָדער פאַרלאָרענער ראָמאַנטיק, און אַמאָל אויס לעכצונג נאָך פאַרשוווּנדענע „העכערע וועלטן״.

דאַרף מען באַלד באַטאָנען, אַז אליעזר שטיינמאַן, וואָס האָט מיט זיין גאַנצן שאַפונגס־טעמפּעראַמענט פאַרזונקען אין טיפן חסידישן ים, זוכט נישט אין אים קיין טעמעס און מאָטיוון פאַר בעלעטריסטישע ווערק. אין אַ שמועס מיט מיר האָט אַנומלט שטיינמאַן אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז ס'איז בכלל „אוממעגלעך אַריינצופּאַסן חסידות אין די באַגריפן פון

מאָדערנער קולטור". ניין, ער זוכט נישט קיין „ראַזשינקעס" אין חסידות־גאָרטן. ער רעדט אַפילו מיט פאַרדרוס וועגן די פען־לייט, וואָס באַפּוצן זיך מיט חסידות און מאַכן פון איר „אַ דעקאָראַציע פאַר שיין־ליטעראַטור".

און שטיינמאַן קוקט אויך נישט אויס אויף „הייליקייט־ברעקלעך" אין חסידות־וועלט. ער שטייט פאַר איר מיט אַ געפיל פון פולער קדושה און יראה. אַליין מיט אַ מין חסידישן ברען, ציטערט ער צו פאַרלירן אַ טראָפּן פון חסידישן אָפּענעם און פאַרבאָרגענעם ליכט. דוכט זיך, כדי אויפצוכאַפּן דעם גאַנצן פאַרנעם פון אָט דעם יידנטום־פענאָמען, באַמיט זיך שטיינמאַן אָפּצוגרענעצן פון דער אַרומיקער וואָכיקייט. אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מלבושים פון טאָג־טעגלעכקייט און זיך לאָזן אויסדבקהן אין דער אַטמאָספער פון חסידות. ער וויל נישט בלויז „איבערלעבן", נאָר פול־שטענדיק לעבן דאָס חסידות... און ער באַוואָרנט זיך קעגן דער „התפעלות פון חן־פינטעלעך" אין חסידות, נישט דערשלאָגנדיק זיך צו איר מיטל־פונקט. שטיינמאַנען גייט אין דערגרונטעוען זיך צו די סאַמע טיפענישן פון אָט דעם ים.

*

שטיינמאַנס אַרבעטן אויפן געביט פון חסידות זענען אַ לויב־געזאַנג צו איר גייסטיקער עשירות און מאָראַלישער דערהויבנקייט. ער שטייט פאַרצויבערט פאַר דער שפע פון מענטשן־ליבע וואָס שלאָגט פון איר אַרויס, פאַר אירע קדושה־לעכצונגען, שטרעבונג פון אינערלעכער אויס־בעסערונג און זוכונג פון שלימות. אָבער שטיינמאַן באַגליט זיין באַגייס־טערונג מיט טיפע אַנאַליטישע חקירות פון די חסידישע וועגן, פונאַנדער־קלייבנדיק זיך אין זייערע פאַרשידענע שטרעמונגען און אָפּצווייגונגען.

די חסידות־ליטעראַטור ווערט געשאַצט אין אַן ערך 5000 ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך די מקורבים צו רביים אין פאַרשידענע תקופות. מיט דער הילף פון אָט דער ליטעראַטור, אין וועלכער שטיינמאַן איז אַ בן־בית, ברענגט ער אונדז נישט נאָר צום טויער פון חסידות, כדי צו כאַפּן אַ קוק, נאָר פירט אונדז אַריין אין כלערליי פאַרבאָרגענישן און ווינקעלעך פון דעם גרויסן, וווּנדערבאַרן גאָרטן. אמת, ער איז נישט קאַרג אויף אַן אייגענעם וואָרט וועגן צענדליקער חסידישע שיטות, אָבער קודם־כל ברענגט ער די אַרויסזאָגונגען פון גרויסע חסידישע געשטאַלטן

גופא. אַזוי האָבן מיר אין שטיינמאַנס פּערזאָן, אי דעם פליסיקן זאַמלער פון צעשפּרייטע חסידישע אוצרות, אי דעם אויסטייטשער פון די טעקסטן, און דעם פאָרשער, וואָס באַמיט זיך צו סינטעזירן זיינע מסקנות אין איין גאַנצקייט.

שטיינמאַנס חסידות־בענדער זענען טאַקע אַ קאָלאָסאַלע ליטעראַריש־היסטאָרישע אונטערנעמונג. ווייל די וועגן און שטעגן פון חסידות־גאָרטן זענען צעמישט און פאַרפּלאָנטערט „די חסידות — זאָגט שטיינמאַן אויף זיין מעטאַפאָרישן שטייגער — איז געגליכן צו אַ מין קאָאָפּעראַטיווערווירטשאַפט. עס איז כמעט נישטאָ דאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום. און פונדעסטוועגן איז יאָ דאָ״... דאַרף מען אָבער פאַרמאָגן אַ סך בקיאות און התמדה־כוח, און דערביי זיין באַשאָנקען מיט אינטואיציע און אַנאַליטישן טאַלאַנט, כדי אין גרויסן חסידישן ירושה־פעלד פונדאַסניי מאַכן די געהעריקע „פאַרצעלאַציע״, דאָס הייסט — אָנצייכענען וואָס צו וועמען געהערט. און געוויס איז נישט לייכט אויפצודעקן די דינע דיפערענץ־ניואַנסן צווישן פאַרשידענע חסידישע שיטות און שאַטירונגען און אויסצומאָלן די אינדיווידועלע, אייגנאַרטיקע געשטאַלטן פון גרויסע חסידות־פּערזענלעכקייטן. אָבער די כראָנאָלאָגישע צעמישונג און אינהאַלטלעכע און סטיליסטישע צונויפגיסונג האָבן שטיינמאַנען נישט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט: וואָס מער פאַרפּלאָנטערט עס זענען די היסטאָרישע וועגן פון דער חסידות־באַוועגונג, האָבן זיי שטיינמאַנען מער געלאָקט. ער באַדויערט נאָר, וואָס פיל חסידות־פרשות וועלן שוין אויף אייביק בלייבן פאַרנעפּלט אָדער פאַרלאָרן.

*

עס גלוסט זיך אַ ביסל לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף איין באַנד פון שטיינמאַנס חסידות־ווערק, וואָס איז געווידמעט דעם חסידות פון פוילן. דאָ שטייגט שטיינמאַנס התלהבות צו די העכסטע מדרגות. ער איז ממש אָנגעצונדן מיטן פייער פון פוילישן חסידות, וואָס איז גליענדיקער אויסדרוק פון בכלל־פייערדיקן פוילישן יידנטום. רעדנדיק מיט מיר וועגן זיין באַנד פון פוילישן חסידות, האָט מיר שטיינמאַן געזאָגט: „אין אַנדערע בענדער האָב איך זיך באַשעפטיקט בעיקר מיט חסידות — און אין אָט דעם ספר מיט חסידים״. פירט אונדז דאָ שטיינמאַן פון איין דינאַסטיע צו

דער אַנדערער און ברענגט אַרויס אַ פאַרבנרייכע געשטאַלטן־גאַלעריע — אַ הייליקע פמליא, פון וועלכער עס שטראַלן אַרויס מיט אַ באַזונדערער קראַפט די דריי חסידישע מהות־אלפ׳ן: אמת, אמונה, אהבה.

שטיינמאַנס באַזונדער־נאָענטע באַציאונג צום פוילישן חסידות, קען מען שוין שפירן אין דעם אַריינפיר צום ספר, וואָס ער רופט אָן „הקדשה" (ווידמונג). לאָמיר אויסהערן אַ טייל פון איר:

...אין די גאַסן פון די שטעט און כרכים האָבן געשטראָמט דיינע מאַסן, שבת־קודש־יידן אין סאַמע וואָכעדיקן לעבן, שטיקער לעבעדיקע יידישקייט, אַ ישראל־פעסטונג אויף דער גוים־ערד...

און איך, ווען איך בין אָנגעקומען פון די דערשיטערטע יידישע ישובים פון אוקראַינע, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן צווישן די געדיכטע גוים־מאַסן, אין דער באַקרוינטער וואַרשע, האָט זיך מיין האַרץ געברייטערט און געשראָקן צוזעענדיק דיינע המונים, פויליש יידנטום, ווי זיי שטראָמען אין די גאַסן באַצירטע מיט לולבים און אתרוגים, ווייל יענער טאָג איז געווען הושענא־רבא. אַזאַ סצענע האָב איך קיינמאָל נישט געזען אויף מיין געבורטס־ערד. האָב איך אויסגעשריגן מיט אַן אויפגערוישט האַרץ: יאָ, עס איז נאָך פאַראַן אַ גאָט־פאָלק אויף דער וועלט. אַ צאָלרייך פאָלק, וואָס טרעט מאַסנווייז און שטאָלץ, טראָגט די אותות פון זיין אמונה אין די גאַסן, אַ פריילעכער און צעזונגענער...

האָב איך מיין האַרץ פאַרטרויט: געדענק און היט דאָס! און אַ קול פון האַרצן האָט אָפגעענטפערט: כ׳וועל זיך אומקערן, כ׳וועל ווידער זען, כ׳וועל אָפהיטן.

אָבער איך האָב זיך שוין אויף אייביק נישט צוריקגעקערט. ווייל ס׳איז אין דיר, מיין פאָלקס־טאָכטער אויף פוילישער ערד, נישט מקויים געוואָרן די הבטחה פון „לא ינום ולא יישן שומר ישראל". דער שומר האָט דיך נישט פאַרהיטן. און מיטן אויפברויז פון רשעים־אוממענטשן, איז אויף דיר אַרויף די פאַרשניטונג־האַק.

כ׳וועל שוין דיך נישט זען, פוילן־יידנטום, אין דיין פראַכט־שטאָלץ און תמימות־חן... וואָס זאָל איך וויינען אויף דיין חורבן און

וואָס איז דער תכלית פון מיין געווין? טייכן טרערן פליסן צום טרערן־ים און דער ים איז נישט פול.

האָב איך געזאָגט צו מיין האַרצן: אָנשטאָט טרערן־טראָפּנס — וועל איך קדושה־טראָפּנס און טוי־ליכט פון זיין ריינקייט אין אָט דעם ספר אַריינטאָן. זאָלן דיינע גרויסע מתים אויפשטיין פאַר אונדז — יידן פון קדושדיקן אמונה־פייער, חכמים פון לעכצעניש און התלהבות, דיינע צדיקים און אדמו״רים, פוילן־יידנטום... איך וועל דערציילן זייער קדושה־גרויסקייט און דעם חן פון זייערע מעשים, כדי דור צו דור זאָל לויבן דיין ווונדער, ישראל־טאָכטער אויף פוילישע ערד, און כדי מ׳זאָל זאָגן: יאָ, גאָטס פאָלק האָט דורות־יאָרן אויף יענער ערד געלעבט.

אַזוי איז שטיינמאַנס ספר וועגן פוילישן חסידות — אַ מאָנומענט פאַר דער יידישקייט אין פוילן; און זיין „הקדשה״ — אַ רירנדיקער קדיש אויף אירע חורבות.

*

בעת שטיינמאַן איז נאָך געשווומען אין חסידות־ים, האָט ער זיך שוין אַראָפּגעלאָזן אין תלמוד־ברונעם. ס׳איז מיר דאַן אויסגעקומען צו זיין ביי אים אין שטוב: די חסידות־בענדער זענען נאָך נישט געווען פאַרענ־דיקט, אָבער ער איז שוין געווען טיף אַריינגעטאָן אין די פּלענער און צוגרייטונגען צו דער אַרבעט איבער דער תלמוד־וועלט. כ׳האָב זיך איינ־געהערט צו זיינע רייד און איין־זיך כסדר געפרעגט: ווו נעמט ער צייט און כוח? מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, בלעטערנדיק די צוויי בענדער פון שטיינמאַנס „באר התלמוד״ (תלמוד־ברונעם), האָט די דאָזיקע פראַגע פון מיר נאָך העכער „אַרויסגעשריגן״.

אין צענדליקער מאָנאָגראַפיעס פון די תלמוד־חכמים האָט שטיינמאַן באַלויכטן אַלע ווינקלען פון מאָנומענטאַלן יידישן דעת־בנין, וואָס איז „געבויט״ געוואָרן במשך פון 600 יאָר. ער פירט אונדז אַריין און אַרויס אין די תלמודישע חכמה־געצעלטן און קאָנפראָנטירט אונדז מיט זיינע גרויסע בויער.

דער תלמוד — זאָגט שטיינמאַן — איז „נישט קיין ספר, נאָר אַ היכל־

קודש". אַט די ווערטער זענען גענומען פון זיין אַריינפיר צו די צוויי בענדער, וואָס קען זיין אַ בוך פאַר זיך: 170 זייטן — אַ פּרעציזע פאַרש־אַרבעט, וואָס אַנאַליזירט די תלמוד־לערע פון כלערליי אַספּעקטן, באַווייזט ברייט איר געשיכטלעכן הינטערגרונט, באַהאַנדלט אויספירלעך אירע אַלגעמיינע אויפפאַסונגען און די אַנשויאונגען פון באַזונדערע שולעס און לערער. דער מחבר שטעלט זיך ברייט אָפּ אויף די שפּראַכלעכע און סטי־ליסטישע אייגנשאַפטן פון תלמוד, קלייבט זיך פונאַנדער אין זיינע פלוג־תות, באַטראַכט צוגאַנגען און מנהגים, כאַראַקטעריזירט די הלכה און די אגדה (וועלכע זענען, לויט שטיינמאַנען, צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגע־וואַקסן), רעדט וועגן דער דורותדיקער השפּעה פון תלמוד און זיין אייבי־קער שפּרודלדיקייט.

שטיינמאַנס אויסגאַנג־פּונקט, צוטרעטנדיק צו זיין גרויסער אַרבעט, איז קלאָר שוין פון די ערשטע ווערטער אין זיין אַריינפיר: „דעם תלמוד־ספר קען מען פאַרשטיין נאָר פון אים אַליין". און ער ווייזט אָן, אַז אין דער גאַנצער ביכער־וועלט פון אַלע פעלקער האָט נישט דער תלמוד קיין שום „אח ומשל" — אַזוי לויט זיין פאַרנעם און קאָנסטרוקציע, ווי לויט דער פּראַכט פון גבורה און קדושה וואָס באַקרוינט אים. „מ'האָט דעם תלמוד — זאָגט שטיינמאַן — אָנגערופן ים, ווייל ער איז גרויס און ברייט ווי אַ ים: כוואַליענדיק־רוישיק און שטילנדיק־טרייסטנדיק".

דאָס איז אַזאַ אייגנאַרטיקע יצירה וואָס כדי זי צו באַנעמען דאַרף מען זיך פריער אויסטאָן פון די הייננטצייטיקע קולטור־באַגריפן. און ווען מ'קומט שוין אַריין אין אָט דעם היכל־קודש, קען מען פאַרבלאָנדזשען אין זיינע לאַבירינטן: זענען דאָך אין דער משנה דערמאָנט אַן ערך 300 תנאים און כמעט 2000 אמוראים ווערן דערמאָנט אין דער גמרא. אָבער אליעזר שטיינמאַן פירט אונדז אין די תלמוד־שטעגן ווי אַ זיכערער מורה־דרך און מיר ווערן פאַרפלייצט פון דעם היכל־ליכט.

יצחק דב בערקאָוויטש

דאָס אַמאָליקע שטעטל און דער נעכטן פון ארץ-ישראל

דאָס יידישע שטעטל שפּיגלט זיך אין אונדזער ליטעראַטור, אויף ביידע לשונות, אין אַלע אירע פאַרבן און שאַטירונגען. פון פאַרשידענע קוק־ווינקלען האָבן שרייבער פון עטלעכע דורות אָנגעשטעלט אויף איר זייערע אויגן — און דאָס שטעטל האָט זיי „געוויזן" צענדליקער פּנימער. ווער עס האָט געזען איר לעבן און אירע אינערלעכע פאַרהעלטענישן ווי אַן אידי־ליש געוועב, און ווער עס האָט איר געזען פאַרפּלייצט מיטן פייער פון קלאַסן־קאַמף. פאַר איינעם האָט זי זיך אויסגעמאָלן ווי אַ ליכט־טורעם — און פאַר אַן אַנדערן ווי אַ פאַרזונקענע אין אָפּגעשטאַנענקייט און פאַר־אורטיילן. ווער עס האָט זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געשענקט אירע „ווילדע יונגען" און ווער עס האָט בעיקר געשילדערט איר נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע דערוואַכונג. נאָכן מלחמה־חורבן האָבן זיך אין דעם ליטעראַרישן שטעטל־געמעל געמערט די העלע, ליכטיקע פאַרבן. ביי דעם

אַש פון דער חרוב־געוואָרענער נעסט, האָבן די רחמים־טענער אין אַ היפּ־שער מאָס איינגעשטילט די שטעכיק־סאַטירישע קולות.

וואָס פאַר אַ פלאַץ פאַרנעמען אויף דעם פּילפּאַרביקן שטעטל־לייוונט די דערציילונגען פון יצחק דב בערקאָוויטש, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן?

בערקאָוויטשס שטעטל איז אַריינגעטאָן אין אַ פּראָצעס פון גסיסה, טראָץ דער נאָגנדיקער פאַרבינדונג מיט איר מצד פיל פון זיינע העלדן. מיר קוקן זיך איין אין זייערע בלאַסע, איינגעפאַלענע פּנימער — און מיר זעען טויט־סימנים.

דער טויט־מלאך, וואָס „דיריגירט" איבער דער דאָזיקער לאַנגזאַמער גסיסה — איז דער דלות. ער איז דאָ דער אויבער־הערשער. דער דלות פּייפט אויס פון יעדן ווינקל זיין אונטערגאַנג־מעלאָדיע און דריקט אין זיינע ביינערדיקע אָרעמס די שטוב און אַלץ וואָס איז אין איר.

עס שפּירט זיך, אַז אין אָט דעם לעבנסגאַנג איז דער דלות נישט קיין פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, נאָר אַ סטאַבילער איינגעוואָרצלטער ביר־גער. אָט באַגעגענען מיר דריי חברים אין דער גרויסער טיף־רוסישער שטאָט („אין דער פרעמד"). ווען עס כאַפּט זיי אָן אַ האַרצרייסנדיקע בענק־שאַפט צו די קינדערן־יאָרן און צו דעם קליינעם היימשטעטל, וואָס שווימט ביי זיי אויף אין זכרון? — „אַ באַשיידענער ליטוויִשער דלות, אַ שטילער און באַשטענדיקער".

אַ דעגענערירנדיקע אָרעמקייט, אין וועלכער דו טרעפסט נישט קיין אויפטרייסלענדיקע סאָציאַלע צוזאַמענשטויסן. צוויפלהאַפט איז דאָ דער יידישער נגיד, ווי דער „יידישער גזלן"... אָבער אויב די עשירות איז אַ ספקדיקע, איז דער דלות גאָר אַ וועזנטלעכער. אָט זענען זיי, די „קלאַסן": מאַריאַשקעס טאַטע, ווען ער איז געקומען אין דאָרפישן גבירישן הויז, ווו זיין טאָכטער האָט געדינט, „האָט זיך באַמיט אויפצופירן יושרדיק און איידל בעת דער אומזיסטער סעודה: דאָס ברויט האָט ער געגעסן מיטן פולן מויל און די זויערמילך האָט ער געשעפּט מיטן עק פון לעפל"...

אמת, דאָ און דאָרטן שפּראָצן אַרויס בונטאַרע געפילן פון די דערדריק־טע. פּיווקע דעם שמידס זון, אַן אומדערשראָקן בחורל, באַשליסט אַנטקעגנ־צושטעלן זיך די אויסגעפּוצט־רשעותדיקע ייִנגלעך, וועלכע דערקוטשען אים אום יום־כיפּור: „בייסן, בייסן, נישט וויינען ווען זיי לאַכן". אָבער דאָס

איז איינער פון די איינזאַמע צאַרן־געוויקסן אין דער וויסטעניש פון דעם „ליטווישן דלות".

*

י. ד. בערקאָוויטש האָט פאַראייביקט אַ שקיעה־גאַנג פון שטעטלדיקן וועזן. ווען שפרה קערט זיך אום פון דער גרויסער שטאָט אין איר שטעטל און אין טאַטנס הויז („אוגערקעס"), ווייל זי האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטן די שטיקנדיקע איינזאַמקייט, וואָס איז די „פּאַנאָראַמע", וואָס וויקלט זיך אויף פאַר אירע אויגן? — אויסגעקרימטע, אָפּגעשאָבענע ווענט... אַ נידעריקער און פאַרסאַזשעטער סופיט... פינצטערע ווינקלען, באַדעקטע מיט שפּינוועבס און פליגן־פּגרים... אַ באַרג פון פוילנדיקע קאַרטאָפל... אַ ריח פון שימל און פאַמיעס... קעגנאיבער דער דאָזיקער „פּאַנאָראַמע" שעפּטשעט שפרה צו זיך אַליין: „אונדזער שטוב האָט שוין אָנגעהויבן איינצוזינקען". און עס פילט זיך, אַז זי איז אויסן נישט נאָר איר שטוב...

דער פאַרגאַנג דערוועקט צער און רחמים. אָבער ער זעט אויס אומ־פאַרמיידלעך. אַזוי הערן מיר די „רואיקע" ידיעה, וואָס עס גיט איבער איינער פון די העלדן אין דער דערציילונג „פּליטים": די שטאָט ברענט! די דאָזיקע דערציילונג איז רייך מיט רעאַליסטישע בילדער, וואָס זענען איינצייטיק איינדרוקספולע סימבאָלן. די צונויפמישונג פון די לעבעדיקע מיט די טויטע, ביז ס'איז שווער זיי אונטערצושיידן, איז עס נישט סימבאָליש? עס טראָגן זיך דאָ פוילע ריחות פון טובערקולאָז־געשלאָגענע קערפּערס. אָבער אויך די געזונטע מענטשן מאָלן זיך אויס ווי פאַראורטיילטע. אַ מין פּסיכיש־גייסטיקער טובערקולאָז כאַראַקטערי־זירט די גימנאַזיסטן, וואָס האָבן אַ געקליגלטן איינפאַל לגבי די שלאָגנדיקע גוים: „מיר וועלן זיך אַלע לייגן אויף דער ערד... מיר שלאָפן... מיר זענען אַלע טויט... אי די קראַנקע, אי די געזונטע... און דאַן וועלן זיי קומען און זען... מיר זענען אַלע טויט". און אויב אַפילו עס וואַקסט אויס פון דער דאָזיקער עדה איינער אַ מנהיג, אַ „מאַנצביל", אָט דער יונגער־מאַנטשיק מיט די בלויע ברילן, מיט דער פילבאַרער נשמה און גוטע געדאַנקען — וואָס איז דאָס פאַר אַ סאָרט מענטש? „דאָס פּנים פון יונ־גערמאַנטשיק איז ווייס ווי דאָס פּנים פון אַ מת און זיינע ציינער קלאַפּן איינער אין אַנדערן"...

*

פון דער פינצטערער, וויסטער שטוב צעשפּריצן זיך אַ מאָל פונקען. אויך אין דעם פוילנדיקן שימל לעכצט די נשמה. אין דער הויז־טונקל־קייט פינקלט זלאַטקעס ווייסע בלוזע, וואָס „דערוועקט העלע זעונגען און מחשבות וועגן אַ ווייטער, העלער וועלט און אַ ווייט, לויטער, גליקלעך לעבן”. פערמענטירנדיקע יוגנטלעכע כוחות פּרוּוון צו ברעכן די שטעטל־דיקע צוימען, לאָזן זיך אַוועק „אין דער וועלט”. אָבער מערסטנטייל קומען זיי צוריק מיט אָפּגעהאַקטע פליגל.

עס וועבן זיך אַ מאָל חלומות אין דער לעבנס־וויסטע: אַ בלוי סטוּ־דענטן־היטל, אַן אַפּטייקער־דיפּלאָם, אָדער אפשר ווערן אַ „יאַקטאָר”. דאָס איז אַ צייט פון „גומנאַזיעס”, עקסטערניסטן און גראַמאַטיקעס... דורך די נעפּלען ווינקט אויך אַ רויטע בלוזע, אָדער אַ פאַרטונקלטע מחשבה וועגן דער מיסיע פון אוראַלטן פאָלק... אַ געמיש פון פאַרלאַנגען. דאָס סטודענטן־היטל דריקט אויס די שטרעבונג צום וויסן, דער אַפּטייקער־דיפּלאָם מיינט „תכלית” — און דער דאָקטאָר סימבאָליזירט אַספּיראַציעס, אין וועלכע עס סינטעזירן זיך בילדונג, תכלית און געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס. אָבער די אַספּיראַציעס דערגרייכן נישט קיין אויסקריסטאַלי־זירונג. בערקאָוויטשס העלדן טראָגן אָפט אַ בוך אונטער דעם אָרעם. דאָס בוך איז זייער אָנשפּאַר אין דער אַן־וואָרצלדיקער רעאַליטעט. אָבער צווישן בוך און לעבן איז גאָר אַ ווייטער מהלך: „ווי שיין איז דאָס לעבן אין בוך און ווי מיאוס איז דאָס לעבן אין גאָטס וועלט” — זאָגט איינער פון בערקאָוויטשס געשטאַלטן. און אין זייער יאָגעניש נאָך „הונטעליגענץ” קוקן פיל פון זיי אויס ווי קאַריקאַטורן, וואָס דערוועקן געלעכטער און רחמים צו גלייך (ווי, למשל, ד״ר פּיטעלזאָן, מיט זיין נייעם אויסבינדער און מיט זיין נייעם אַנעקדאָט...).

טראַגיקאָמישע געשטאַלטן. מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלוירן אַלע וועלטן. דער ווידוי פון צירקין — „אַ באָרימטער חבר אין דער פּאַרטיי, אַ טובערקולאָז־געשלאָגענער” — איז אַ יסורים־מגילה פון אַ פולשטענ־דיק אַנטווישטן מענטש אויפן שוועל פון טויט: „מייך חשבון איז ליידיק, גאָרנישט מיט גאָרנישט... מיינע אַלע טעג זענען געווען אומזיסטע גע־ראַנגלעניש און לאָקונגען”... און טראָץ אַלע דיפערענצן — אין כאַראַק־טער, לעבנס־געשיכטע און אויפפירונג — צווישן דעם רעוואָלוציאָנער

צירקין און דעם דאָקטאָר וויניק,ביידע זענען זיי „אויסגעוואָרצלטע״. ביידע האָבן געפּרוווט אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון זייער באָדן, אין אַנדערע וועלטן. איינער האָט געזוכט אַן אַזיל אין די אָרעמס פון דער וועלט־רע־וואָלוציע און דער אַנדערער אין די אָרעמס פון דער וועלט־בילדונג — און ביידע האָבן, קודם־כל, דורכגעמאַכט דעם קראַך פון זייער אייגענער נאַטירלעכער וועלט.

*

צו דעם אייביקן געראַנגל צווישן „אבות ובנים״ ברענגט י. ד. בער־קאָוויטש אַ שפע פון מיטלייד־געפילן פאַר „ביידע צדדים״. דער שרייבער, וואָס מאָלט דעם אונטערגאַנג פון אַלטן שטייגער, רייסט זיך נישט צו טאַדלען דעם אַוועקגייענדיקן דור. פאַרקערט: אַ הומאַניסטישער צוגאַנג דיקטירט צו באַטייליקן זיך אין צער פון זיין שקיעה און, קודם־כל, אים צו פאַרשטיין. געוויס איז „לייכטער״ זיך שטעלן אויף דער זייט פון חיה, וואָס האָט געבוירן „אַ ממזר״ און איז גערודפט געוואָרן דורך דער פאַר־חושכטער סביבה. אָבער בערקאָוויטש, נישט באַרעכטיקנדיק די באַציאונג פון דער סביבה, אַנטפּלעקט אויך די טיף־צעוויטיקטע נשמה פון חיהס מוטער, וואָס האָט זיך דערוואַרט צו אַן „אומגעזעצלעך״ אייניקל. אין אַן אַנדערער דערציילונג זעט אויס דער מחבר ווי אַ שותף צום צער פון ירוחם דעם שוסטער, אין דער זעלבער מאָס ווי ער באַטייליקט זיך אינעם פּיין פון זיין טאָכטער, וואָס איז פאַראַכטעט צוליב אַ געבורט אַן חתונה. בכלל, ווען עמעצער איז אָפּגעשטאַנען און איז אַ קרבן פון געזעלשאַפט־לעכע פאַראורטיילן — זענען זיינע יסורים נישט ווייניקער וויטיקלעכע און מענטשלעכע.

*

מיט זיינע דערציילונגען וועגן עמיגראַנטן האָט זיך י. ד. בערקאָוויטש קונה געווען אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. ווייל די העברעיִשע ליטעראַטור פאַרמאָגט כל מיני „מוראַנאָווקעס״, אָבער זענען גאַנץ אָרעם אין שילדערונגען פון בראַנזוויל און ברוקלין. בערקאָ־וויטשס דערציילונגען וועגן אַמעריקע פון די ערשטע יאָרצענדליקער פון אונדזער יאָרהונדערט, שפּרודלען מיט הומאָר און רחמים. פון זיי גייט

אויף, אין אַ ברייטן פאַרנעם, די טראַגעדיע פון וואַנדערנדיקן ייד, וואָס האָט זיך אויסגעוואָרצלט פון דער אַלטער היים און איז נישט פאַרפלאַנצט געוואָרן אויף דעם נייעם באָדן.

אין דעם כרך פון ווונדערלאַנד גייט אויס יששכר־בערס נשמה צו זיין קינדהייט־שטעטל. ער דערמאָנט זיך די קאַרטאָפל־פעלדער, אַ שיטער בעריאָזקע־וועלדל, די פרוי און קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן. אָבער מער פון אַלץ דערמאָנט זיך אים דאָס אַלטע בית־הקברות, מיט די נידעריקע מצבות און זייערע אָפּגעקראָכענע אויפשריפטן...

אייגנטלעך, וואָס האָט ער, דער ייד, דאָרט אין דעם קאָלומבוס־לאַנד, מיט אַלע זיינע איבעראַשונגען און דערפינדונגען ? זיין לעבן האָט נישט קיין שטאַנדהאַפטיקייט אין דער וועלט, וואָס איז געבענטשט מיט פרייהייט, מיט גאָלד און מיט אַ נייער פּאָליטיק. אין דער ווירקלעכקייט לאָזן זיך אויס פיל מאָל די גאָלד־גליקן מיט אַ פאַרקויפן באַנאַנעס אויף אַ וועגעלע און נייען אונטערהויזן אין „שאָפּ". און וויפל דער ייד באַמיט זיך נישט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די סימנים פון „גרינקייט" — זענען זיי אין אים אויף אייביק פאַרחתמעט. ער קריכט פון זיין הויט אַרויס, כדי צו לויבן די אָרדענונג פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק און דערווייזן אירע חסדים פאַר יידן, אָבער ער פאַרבלייבט אַן אויסגעוואָרצלטער, אָדער אין בער־קאָוויטשס לשון — „אַן אָפּגעהאַקטער". דוכט זיך, אַז נישט נאָר בערקאָ־וויטשס זיבעציק־יאָריקע זקנה געפינט נישט גאָט אין אַמעריקע. עס באַקלאָגן זיך טויזנטער יידישען עמיגראַנטן, אַז דער בית־תפילה איז נישט קיין בית־תפילה און די לוויה איז נישט קיין לוויה...

*

פון דאַנען קומען מיר צו י. ד. בערקאָוויטשס איבערגאַנג פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל — דער שאַפונגס־איבערגאַנג, וואָס האָט באַגלייט זיין פּערזענלעך באַזעצן זיך אין לאַנד (אין יאָר 1928). אָבער דאָ איז געוווּנטשן פריִער צו ברענגען אייניקע ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען, וואָס האָבן אַ נאָענטע שייכות צו זיין שאַפונגס־וועג.

יצחק דב בערקאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין סלוצק, ווייסרוסלאַנד, אין יאָר 1885. אין עלטער פון 17 יאָר איז ער געקומען קיין לאָדזש, וווּ ער איז געווען אַ פּריוואַטער לערער. דאָרט האָט ער זיך באַקענט און באַפריינ־

דעט מיטן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. בערקאָוויטשס ערשטע דערציילונג, „בערב יום הכיפורים", האָט זיך אָפּגעדרוקט אין וואַרשעווער „הצופה" אין יאָר 1903, און האָט באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער שרייבערישער וועלט. אַ ביסל שפּעטער האָט דער יונגער דערציילער באַקומען די ליטעראַרישע פּרעמיע פון דער רעדאַקציע „הצופה" פאַר זיין דערציילונג „מאַשקע חזיר".

אין יאָר 1905 האָט בערקאָוויטש אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס רעדאַקציע־מיטגליד אין ווילנער „הזמן". אין ווילנע האָט ער זיך באַקענט מיט שלום־עליכמען — און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין עלטערער טאָכטער, אסתר. פון דעמאָלט אָן ביז שלום־עליכמס לעצטן טאָג, איז בערקאָוויטש געווען אַ נאָענטער און אינטימער עדות פון זיין שווערס איבערלעבונגען. אַ גרויסן טייל פון שלום־עליכמס לעצטע יאָרן (ביז זיין טויט אין יאָר 1916) זענען שווער און איידעם געווען צוזאַמען, אין האַרצי־קער ליבשאַפט און קעגנזייטיקן רעספּעקט. בערקאָוויטש דערציילט, אַז אויך אין די צייטן, ווען ער און זיין פרוי זענען געווען אָפּגעזונדערט פון טאַטן און שווער, האָט שלום־עליכם — כמעט דורך טאָג־טעגלעכע בריוו (וואָס בערקאָוויטש באַצייכנט זיי ווי מייסטערהאַפטע, לעבעדיקע, לויטערע) — זיי געהאַלטן אין באַרירונג מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אין זיין לעבן: אַרבעט, טרוימען, פּלענער, באַציאונגען מיט מענטשן: בקיצור, „מיט זיין גאַנצן אומעט און פרייד".

אין יאָר 1910 איז דערשינען בערקאָוויטשס ערשטער בוך דערציילונ־גען. און אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אויך אָנגעהויבן איבערזעצן שלום־עליכמס שריפטן אויף העברעיש. די איבערזעצונגען זענען דערשינען אין פאַרשידענע צייטן און אויפלאַגעס. חוץ דעם האָט בערקאָוויטש — אַליין אַ מחבר פון אַ ריי פּיעסן — ספּעציעל באַאַרבעט פאַר דער אויפפירונג אויף דער העברעישער בינע, פיל פון שלום־עליכמס דראַמאַטישע ווערק.

בערקאָוויטש האָט זיך קונה שם געווען מיט די איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פון שלום־עליכמס שאַפונגען. מען דאַרף אָבער באַלד באַ־טאָנען, אַז זיינע פאַרדינסטן זענען דאָ נישט נאָר „פאָרמעלע". בערקאָ־וויטש האָט אין דער דאָזיקער אַרבעט אַריינגעהויכט זיין ליבע צום גרויסן שווער און זיין טיפע נשמהדיקע צוגעבונדנקייט צו שלום־עליכמס אוצר. אַזוי האָט זיך דער „העברעישער" שלום־עליכם באַקומען, אי ווי אַ געטריע

קאַפּיע — אי ווי אַ פון דאָס נייע געשאַפענער אָריגינאַל. בערקאָוויטש איז זיכער געווען פאַרזיכטיק מיטן מקור און זיך באַצויגן מיט גרויס יראת הכבוד צו יעדער שלום־עליכם־שורה. אָבער קענענדיק פּערזענלעך יעדן „קנייטש" פון שלום־עליכמען, זייענדיק אויסגעקאָכט אין שלום־עליכמס אינערלעכן לעבן — איז ער פּעיִק געווען און זיך דערלויבט צו „רעקאָנ־סטרואירן" אויף עברית־לשון דעם אייגנאַרטיקן שלום־עליכמדיקן סטיל.

מען קען זאָגן, אַז אין בערקאָוויִטשס ליטעראַרישן לעבנסוועג מערקט זיך אַ מין „גלייכגעוויכט" צווישן אייגענע שאַפונגען און אַרבעטן איבער דעם שלום־עליכם־אוצר. און אַזוי זענען אין זיין צעטל פון פאַרדינסטן טאַקע „גלייכבאַרעכטיקט" די ליטעראַרישע פּרעמיעס, וואָס ער האָט באַקומען הן פאַר זיינע שריפטן און הן פאַר זיינע שלום־עליכם־איבערזעצונגען (בערקאָוויטש איז דער לאַורעאַט פון אַזעלכע בכבודיקע פּרעמיעס, ווי פּרס־ביאַליק, פּרס טשערניכאָווסקי און דער מלוכהשער פּרס־ישראל).

*

י. ד. בערקאָוויִטש האָט איבערגעפלאַנצט אין העברעיִשן גאָרטן נישט נאָר כמעט די גאַנצע ליטעראַרישע ירושה פון שלום־עליכם. ער איז אויך זיין באַדייטנדיקער ביאָגראַף: דער מחבר פון פינף־בענדיקן בוך „הראשו־נים כבני אדם" („די ערשטע ווי געוויינלעכע מענטשן"), וואָס איז אַ געוועב פון זכרונוִת־דערציילונגען וועגן שלום־עליכמען און זיינע מיטצייטלער.

די קאַפּיטלען זכרונות האָט בערקאָוויטש אָנגעהויבן שרייבן 21 יאָר נאָך שלום־עליכמס טויט, אָבער — זאָגט בערקאָוויטש — „שלום־עליכם שטייט נאָך אויך איצט לעבעדיק פאַר מיינע אויגן". און ווייטער זאָגט דער מחבר פון די זכרונות (אין דער הקדמה צו „הראשונים כבני אדם"): „אין מיינע האַרץ־מחשבות קען איך בשום אופן אים נישט אַריינשרייבן אין ספר המתים. בלויז זיין נאָמען, וואָס שמייכלט תמיד און לייכט, וואָס טראָגט שטענדיק ברכה, לאָזט דאָס נישט צו. ביז היינט דערלויבט מיר נישט דאָס האַרץ צוצוגעבן נאָכן נאָמען שלום־עליכם „עליו השלום", און אפילו נישט „זכרונו לברכה" — כאָטש זיין זכרון איז פאַר מיר אַ טאָפּלדיק געבענטש־טער".

„הראשונים כבני אדם" וואָלט מען געקענט דעפינירן ווי אַ ליטעראַ־

ריש־היסטאָרישן ראָמאַן.* אין צענטער איז דאָ טאַקע שלום־עליכמס לעבנסוועג, אָבער די פינף בענדער זענען אויך שטיקער פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי זי שפיגלט זיך אָפּ אויפן פאָן פון די באַציאונגען צווישן שרייבער אין שלום־עליכמס דור. דאָס ווערק איז אַן אוצר פון ליטעראַרישער מעמואַריסטיק, איבערגעפלאָכטן מיט דיך־פסיכאָלאָגישע פאַרצייכענונגען און מיט קריטישע פאַרטראַכטונגען. שלום־עליכמס גע־שטאַלט איז דאָ אויסגעמאָלן אין אַלע מעגלעכע ניואַנסן, פון כלערליי קוק־ווינקלען. אָבער גלייכצייטיק דינט דאָ שלום־עליכם אויך ווי אַ „מעדיום״, דורך וועלכן מיר באַקענען זיך מיט אַ גאַנצער גאַלעריע פון יידישע און העברעיִשע פען־מענטשן — צווישן זיי מענדעלע און ביאַליק, בעל־מחשבות און פרץ, פרישמאַן און דינעזאָן און צענדליקער אַנדערע. און נישט נאָר די ליטעראַרישע קרייזן זענען דאָ פאַרטראָטן. גאַנצע שטיקער יידיש לעבן — פון צוויי קאָנטינענטן: אייראָפּע און אַמעריקע — ווערן אין בער־קאָוויטשס ביאָגראַפישן ווערק פונאַנדערגעוויקלט ווי אַ ברייטער און בונטער לייוונט.

כדי צו דערלערנען די שלום־עליכם־וועלט, איז „הראשונים כבני אדם״ אַן אומבאַדינגטע, יסודותדיקע לעקטור. מיט דעם ווערק איז בער־קאָוויטש אַנטקעגנגעקומען דעם פאַרלאַנג פון פיל מענטשן, ער זאָל דער־גאַנצן שלום־עליכמס לעבנס־דערציילונג. זיין שווער האָט דאָך זיין לעבנס־געשיכטע אָנגעהויבן באַשרייבן אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט און זי דערפירט נאָר ביז צו דער יוגנט־תקופה. בערקאָוויטש האָט זי דערפירט ביז צו דעם לעצטן אָטעם פון דעם אומפאַרגעסלעכן פאָלקס־שרייבער.

*

אין פיל פון בערקאָוויטשס דערציילונגען שפירט זיך די השפעה פון שלום־עליכם. דאָס איז נישט קיין איינפלוס פון אויסערלעכן כאַראַקטער. פאַרקערט, אויבערפלעכלעך — פון סטיליסטישע און אַרכיטעקטאָנישע אויסגאַנג־פונקטן — קומט אויס, אַז דער שווער און דער איידעם זענען צוויי באַזונדערע וועלטן: שלום־עליכם איז דאָך אַזוי רחבותדיק־באַרעדעוו־דיק און בערקאָוויטש איז נוטה צו צמצום. אָבער ביידע האָבן געשעפּט

* דאָס ווערק א. ב. „אונדזערע ראשונים״, דערשיינט אין פאַרלאַג „המנורה״.

פולע עמערס פון אינספּיראַציע און שאַפונגס־מאַטעריאַל פונעם טראַגיזם און קאָמיזם אין דעם יידישן לעבן. עס זעט אויס, אַז אויך דער זעלבער טיפּאַזש איז געלעגן אין יסוד פוןביידנס שאַפונגען, ווי די העלדן זאָלן נישט זיך צוגעשמידט צו זייער צייט און אָרט. ס׳איז טאַקע זייער כאַראַק־טעריסטיש, וואָס איינע פון בערקאָוויטשס שאַפונגען רופט זיך אָן „מנחם מענדל אין ארץ־ישראל״. מיטן נאָמען און גאַנג פון דער דאָזיקער שאַפונג, האָט בערקאָוויטש ווי פאַרקערפּערט שלום־עליכמס אייביקייט ביי אַלע אומוואַנדלונגען פון יידישן גורל.

דאָ וועלן מיר דערגאַנצן איניקע ביאָגראַפישע פרטים. נאָכן אויס־ברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט בערקאָוויטש, וועלכער האָט שוין ביז דאַן געהאַט געטוישט פיל וווינערטער, זיך איבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער אַ געוויסע צייט רעדאַגירט אַ יידיש הומאָריס־טיש וואָכנבלאַט „דער גרויסער קונדס״ און בכלל פיל געשריבן יידיש. דערנאָך איז ער געווען רעדאַקטאָר פון איניקע העברעיִשע זשורנאַלן און אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גאַנצער קרייז פון העברעיִשע שרייַ־בער אין אַמעריקע. אין יאָר 1928 האָט זיך בערקאָוויטש באַזעצט אין ארץ־ישראל. ער איז געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פון „מאזנים״, דער זשורנאַל פון העברעיִשן שרייבער־פאַרבאַנד, און האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן דערציילונגען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן. זיין ערשטער בוך איז דאָ טאַקע געווען „מנחם מנדל בארץ־שראל״ (1936).

אין אַ „התנצלות״־פאַרוואָרט צו דעם ווערק ווייזט אָן בערקאָוויטש, אַז אויך אין ארץ־ישראל, בעת דער סאַמער אויפוואַכונג פון אַ ניי יידיש לעבן אויף געזונטע יסודות — האָבן זיך אין דער שטורעמדיקער שאַפונגס־פרייד אַריינגעריסן כל מיני נייע מנחם־מענדלס, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער קריזיס־שרעק אין זייערע וווינלענדער, און אַהער געבראַכט פסולע גענג — פיל ערגערע פון די גענג פון זייער ערשטן פאָטער, דאָס דמיון־קינד פון שלום־עליכם. בערקאָוויטש מיינט כלערליי ספּעקולאַנטן, וואָס זענען באַפאַלן דעם יונגן ישוב ווי פאַראַזיטן און פאַרשמוציקט מיט זייער אומגעזעטיקטער רווחים־גייציקייט: „אונדזער לעבן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אויסהייליקן פון דער גלות־טומאה״.

דערביי מאַכט בערקאָוויטש קלאָר, אַז ער האָט נישט בדעה פאַרצו־זעצן אָדער נאָכמאַכן די ערשטע געשטאַלט פון מנחם מענדל, וואָס איז

שוין אַ פֿאַרחתמטע אין שלום־עליכמס אוצר „און מען דאַרף צו איר גאָר נישט צו געבן און פֿון איר גאָר נישט אַראָפּנעמען". דער מחבר האָט נאָר גענומען פֿאַר זיין ווערק דעם סימבאָלישן קערן פֿון מנחם מענדלען. אַזוי זעען מיר טאַקע, ווי בערקאָוויטש באַנוצט זיך מיט אַ גילגול פֿון שלום־עליכמס קלאַסישער פֿיגור, כדי דורך איר צו שמייסן אַ מין „נעאָ־מנחם־מענדליזם" אויף דער נאַציאָנאַלער ערד.

בערקאָוויטש פֿירט זיין מנחם מענדל איבערן לאַנד און לאָזט אים שרייבן זיינע בריוו צו זיין שיינע־שיינדל אין בראַנזוויל פֿון ניו־יאָרק — בריוו מיטן „ראשית" און „שנית" און „עיקר שכחתי", ווו ער מאָלט און דערציילט וואָס זיינע אויגן זעען און וואָס זיינע אויערן הערן. אין די דאָזיקע בריוו פֿלעכטן זיך שטייגער־באַשרייבונגען, מענטשלעכע פֿאַר־טרעטן, האַרץ־אויסגוסן, פּובליציסטישע אַרויסזאָגונגען, פּעליעטאָניסטיק און רעפּאָרטאַזש־עלעמענטן. בסך־הכל איז עס אַ ברייטע ארץ־ישראל־פּאַנאָראַמע אין די דרייסיקער יאָרן, אויף וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ — דורך מנחם־מענדלס הומאָריסטישע אָבער טיף דורכדרינגענדיקע ברילן — אַ געראַנגל פֿון שאָטן און ליכט, אַלט און ניי. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס בערקאָוויטשס מנחם־מענדל, אַ פֿאַרטראָגענער אין זיינע ארץ־ישראלדיקע לופֿט־געשעפֿטן, איז דווקא שטאָלץ מיט זיין זון דעם חלוץ, וואָס לעבט אין אַ קבוצה פֿון עמק: „כאָטש איך בין אין זיינע אויגן גאָרנישט מיט גאָרנישט, דאָך איז ער און זיינע חברים ביי מיר פֿאַררעכנט ווי אונדזערע בעסטע זין, ווי די אויסדערוויילטע פֿון יונגן דור, וואָס ווען נישט זיי, וואָלט ארץ־ישראל גאָרנישט געווען קיין יידיש לאַנד"...

*

„ימות המשיח" (1953) איז בערקאָוויטשס צווייטער בוך פֿון ארץ־ישראלדיקן לעבן. מיר באַקענען זיך דאָ מיט אַ פּילפּאַרביקער גאַלעריע פֿון אַמעריקאַנער יידן, וואָס זענען עולה קיין ארץ־ישראל — מערסטנטייל פֿון אינערלעכער דערוואַכונג, פֿון אידעאַליסטישע נייגונגען און ראָמאַנטישע זוכענישן. דאָס זענען, בעיקר, מענטשן, וועלכע שטאַמען פֿון די תחום־המושב־שטעטלעך און זיי האָבן, פּסיכאָלאָגיש־גייסטיק, נישט גע־שלאָגן קיין טיפֿע וואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער ערד. זייער עליה מאָלט זיך אויס נישט נאָר ווי אַ נייער ביזנעס־פּרווו נאָך דעם געשעפֿטן־קראַך

אין דעם גאָלדענעם לאַנד, נאָר אויך ווי אַ צוריקקער צום מקור פון וואַנען זיי זענען מיט יאָרן צוריק אויסגעריסן געוואָרן.

בערקאָוויטשס הומאָר טריפט דאָ מיט חסד פון מענטשנליבע. אַפילו ביי די לעכערלעכע טיפּן זוכט ער אויס די סימפּאַטישע שטריכן. מיר זעען דעם מיסטער צעדערבוים — אַ געוועזענער מלמד, וואָס באַזאָרגט זיך מיט אַ נחלה אין ארץ־ישראל און האַלט זיך שוין פאַר אַ גאַנצן חלוץ. ער האַלט מליצהדיקע און פוסטע דרשות ביי יעדער געלעגנהייט, אָבער דאָך פאַרמאָגט ער דעם כישוף פון תמימותדיקע לעכצענישן, כאָטש נישט־קלאָרע פאַר אים אַליין. און אַזוי געפינט דער מחבר דאָס פּינטעלע שיינ־קייט ביי פיל אַנדערע געשטאַלטן. ער שטעלט דערביי אַוועק אין דער סאַמע באַלויכטענער פראָנט־ליניע פון דער דערציילונג די אָממערסטן־אידעאַליסטישע עלעמענטן. אין צענטער געפינען מיר דאָ דעם ד״ר מנוחין, אַ גאַנץ באַקאַנטער טיפּ פון אַ יידישן אינטעליגענט, וואָס איז אויסגעוויקט אין וועלט־שמערצן און איז רייך אין זעלישע קריזיסן; אַ באַפליגלטער מיט וויזיעס — און נישט אין מאָל אַ פליגל־אָפּגעהאַקטער... אָט דער צעוויטיקטער, זוכנדיקער ד״ר מנוחין האַלט ביים געפינען זיין תיקון, אַזוי געזעלשאַפטלעך ווי פערזענלעך — אין דער ליבע צום יידישן הימאָט־לאַנד און אין דער ליבע מיט יהודית גאָרדאָן. מיט דער קינסטלע־רישער האַנט פון י. ד. בערקאָוויטש פאַרוועבן זיך אין „ימות המשיח" אָט־די ביידע ליבעס.

*

די ווערק פון י. ד. בערקאָוויטש פאַר די לעצטע יאָרן זענען, בעיקר, אַ צוריקקער צו וויט־פאַרגאַנגענע טעג. אין 1962 איז דערשינען זיין בוך „יום אתמול" („דער נעכטיקער טאָג"). דאָס איז אַן אויספלוג צו דעם מחברס ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל — אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. עס דאָמינירט דאָ די נאָסטאַלגיע. זאָגט דאָך בערקאָוויטש אַליין אין זיין הקדמה: „אפשר וועט דער לייענער זען אין דעם בוך אַ מין קלאָמערן זיך אין דעם וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ".

מיר האָבן דאָ בענקענדיקע שילדערונגען פון דעם קליינטשיקן תל־אביב — אַ האַרציקע און אינטימע שטאָט, און אַזאַ איינדרוקספולע מיטן עצם חידוש וואָס זי איז אין גאַנצן אַ יידישע... דאָס איז תל־אביב, ווו די

מענדעלע־גאַס איז נאָך אַנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויף די זאַמד־פעלדער... און אַזוי שפּרייזן מיר מיטן מחבר איבער אַנדערע שטעט, קאָלאָניעס, קיבוצים, הייליקע מקומות — און שעפּן צוזאַמען שטיקער נחת פון כלערליי טאָג־טעגלעכקייטן, וואָס זעען נאָך אויס ווי נסים (ווי, למשל, קינדער רעדן העברעיִש...).

אין די לעצטע בלעטלעך פון „יום אתמול" דערציילט בערקאָוויטש וועגן זײַנעם אַ שמועס מיט אַן אייזפּאַרטיילער (אַ פּראָפעסיע, וואָס איז שוין כמעט נעלם געוואָרן אין ישראל, באַזונדערס אין תל־אביב) — אַ ייִד וואָס שטאַמט פון קאָוונע, וועלכער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסע שניט־קראָם און דאָ שלעפּט ער זיך אויף אַן אייזעלע און ציט חיונה פון אַריינטראָגן אייז אין די הייזער. אָט איז אַ ברעקל פון די רייד פון דעם „אייז־ייִד": „מײַן ווײַב זאָגט מיר: און אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער היץ פון ארץ־ישראל אויפן אומגליקלעכן אייזל איז אין דײַנע אויגן אַ לײַכטע זאַך? זאָג איך איר: זאָלסט וויסן, אַז דווקא פון דעם צי איך דאָ מײַן גאַנצן חיות, מײַן גאַנצע וועלט!... איך זאָג דיר בפירוש, אדוני, דו וועסט דאָך לאַכן, אָבער ווען איך פאָר איבער די גאַסן פון תל־אביב מיט מײַן אייז־וועגעלע, אַנגעזאַפּטלט אויף מײַן קליינעם אייזל, און פרעגל זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער זון פון ארץ־ישראל, טראַכט איך אַ מאָל, אַזוי פאַר זיך אַליין, אַז דווקא אַזוי קען מען פילן די גאַנצע באַדײַטונג און דעם גאַנצן טעם פון שיבת־ציון. אַזוי האָבן געלעבט און אַזוי האָבן געריטן אויף זייערע אייזלען און אַזוי האָבן זיך געבראָטן אויף דער זון פון כנען־לאַנד מיט טויזנטער יאָרן צוריק אונדזערע ערשטע אָבות, אברהם, יצחק און יעקב..."

דו לייענסט דאָס בוך „יום אתמול" און פאַרטראַכסט זיך: באמת, אַ נעכטיקער טאָג — און ווי ווײַט זענען מיר שוין אַוועק פון אָט־דעם „נעכטן"!...

און נאָך דעם ארץ־ישראלדיקן „יום אתמול" האָט י. ד. בערקאָוויטש זיך אַוועקגעלאָזט אין אַן אויספלוג צו נאָך אַ ווײַטערדיקן נעכטן, ברענ־גענדיק צום לייענער, אײַנצייטיק אין עברית און אין ייִדיש, זײַנע קינד־הייט־זכרונות („פּרקי ילדות", „קינדער־יאָרן") — פירנדיק אונדז צוריק צו זײַן שטעטל, היים און חדר פון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט.

רחל

זיך אַליין האָב איך אויסדערציילט...

רחל — מיט דעם נאָמען איז באַקאַנט די דיכטערין רחל בלאָושטיין — האָט געפונען איר אייביקע רו אויפן בית־עלמין פון כינרת, אין איינקלאַנג מיטן ווונטש, וואָס זי האָט אויסגעדריקט אין איינעם פון אירע לידער: „אויב דער גורל האָט אויף מיר גוזר געווען צו לעבן דערווייטערט פון דיינע גרענעצן — טאָ לאָז מיך, כינרת, רוען אין בית־הקברות דיינעם". און דו דערמאָנסט זיך: אין וועלכער שטאָט און שטעטל פון פאַרמלחמהדיקן מזרח־אייראָפּע האָבן נישט אָפּגעהילכט די האַרציקע, באַגנדיקע פערזן פון רחל, מיט די פאַרפאַסטע צו זיי מעלאָדיעס? ווו האָבן זיך נישט געטראָגן די עלעגיש־בענקענדיקע ווערטער און קלאַנגען פון רחלס כינרת־ליד:

אפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן?\
ווער ווייס?\
אפשר האָב איך גאָר זיך נישט געפּעדערט,\
באַאַרבעטן דעם גאָרטן מיט מיין שווייס?

אפשר אין די לאַנגע הייסע שניט־טעג\
האָט גאָר קיינמאָל,\
אויבן, אויף אַ וואָגן פול מיט סנאָפּעס,\
נישט געקלונגען הויך מיין קול?

יהושע א. גלבוע

אפשר האָב איך גאָר זיך נישט געריי‌ניקט
אינעם ווייסן שוים
פון בלוי כינרת... אָ, כינרת מיין,
ביסטו אין וואָר געווען אָדער גאָר אין טרוים?

(פון עברית: זלמן שזר)

רחל האָט געלעבט אַ קורץ, ליידנפול לעבן (1890—1931). און זי האָט נישט באַוויזן צו ברענגען קיין שפע פון פּאָעטישע פּרוכטן. אָבער איר שאַפונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־אייגנטום: די צאַרט־פאַר־חלומטע שורות פון רחל ווערן אַזוי פיל געזונגען און רעציטירט, אַז נאָר געציילטע פון אונדזערע דיכטער קענען מיט איר „קאָנקורירן" אין פּאָפּו־לערקייט.

איך קען זיך נישט קעגנשטעלן דעם רייץ צו דערציילן אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג. ערגעצווו אין דער סאָוויעטישער צפון־טייגע, אויף אַן „איבערשיקונגס־פּונקט", וווהין אַן „עטאַפּ" האָט מיך פאַרשלידערט (אין דער צייט פון דער מלחמה) — האָב איך זיך באַמיט אויסצוגעפינען ברידער־יידן אין דער גראָער, אויסגעמאַטערטער, אָפּגעריסענער מענטשן־מאַסע. ס'איז נישט לייכט אָנגעקומען. אַלע האָבן מיר אויסגעזען, ווי „יוונים, וואָס האָבן איין פּנים". און עס האָט געווירקט דער פּחד, אַז מ'קען נכשל ווערן מיט אַ דירעקטער ווענדונג און דערוועקן פאַרדאַכטן. האָב איך איינ־מאָל, ליגנדיק אויף דער נאַרע אַ צוזאַמענגעדריקטער, פון רעכטס און פון לינקס מיט אַנדערע „לאַגערניקעס", אָנגעהויבן אונטערברומען די מעלאָדיע פון רחלס כינרת־ליד. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אייניקע פון מיינע שכנים האָבן אָנגעהויבן מיר צו „אַקאָמפּאַנירן", מיטברומענדיק מיט פינקל־דיקע אויגן. אָט אַזוי האָבן די שטילע כינרת־טענער אונדז דערנענטערט און דערוואַרעמט אויפן ווייטן, קאַלטן צפון.

*

לייענער זענען אָפט אויסגעשטעלט אויף „אָפּטישע" אַנטוישונגען בעת זייער ערשטער באַגעגעניש, פּנים אל פּנים, מיט אַ פאַרערטן־באַליבטן דיכטער. מאַנכעס מאָל דערוואַרטן זיי אַ באַזונדערן אָפּגלאַנץ אין זיינע אויגן, אַ קוטשמע געקרייזלטע האָר... און ווען מ'זעט דעם דיכטער און ער

איז, אויסערלעך, ככל האדם — באַקומט זיך צייטנווייז אַ געפיל פון אַ צע־רונענער אילוזיע...

אָבער ווען דו קוקסט זיך צו צום פּאָטרעט פון רחל און קאָנפראָנ־טירסט איר אויסערלעכע געשטאַלט מיט דיינע ערשטע איינדרוקן פון אירע לידער — געפינסטו, אַז אירע פּנים־שטריכן אַנטשפּרעכן דעם אינערלעכן מהות פון איר שאַפונג. אויך די דערציילונגען פון מענטשן, וואָס האָבן דער דיכטערין פּערזענלעך געקענט, פלעכטן זיך האַרמאָניש צונויף מיט די געפילן, געדאַנקען און שטימונגען וואָס זענען פאַרוועבט אין איר דיכ־טונג. קוקסט זיך אַריין אין די נזירישע שטריכן פון איר מאָגערן פּנים — און עס דוכט זיך אויס, אַז דער אומעט פון אירע שורות האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן. גרויסע, געדיכט־באַברעמטע אויגן קוקן אויף דיר אָפנהאַר־ציק. און אויפן לייב — אַ פּשוטע, ווייסע בלוזע, אָן באַפּוצונגען. דער פּאָטרעט, זי אַליין — איז ווי אַן אילוסטראַציע צו איר ווערק.

עס זענען פאַראַן ביי רחלען לידער ווי אירע אויגן — ברענענדיקע פון ווייטיק און פאַרצווייפלונג, גליענדיקע מיט בענקשאַפט און האָפענונג. אין אירע לידער איז זי געטריי זיך אַליין ביז צו דעם לעצטן אות. איר שאַפונגס־וועג האָט זיך אידענטיפיצירט מיט איר לעבנסוועג. איר האַרץ האָט געצויגן „צום אויסדרוק וואָס איז תמימותדיק ווי אַ קינד און עניוות־דיק ווי דער ערד־שטויב". אין שאַפונג ווי אין לעבן, האָט אויף איר דער יצר פון באַפּוצן זיך קיין שליטה נישט געהאַט. אויפן לירישן דיכטער לויערט גאַנץ אָפט דער שטן, וואָס רעדט אים איין זיך צו חנדלען מיט „שיינע ווי בריליאַנטן־שטיינדלעך ווערטער". אָט דער שטן האָט געוויס געפּרוּווט זיין כוח אויך אויף רחלען. וועגן אירע געראַנגלען מיט אים דער־ציילט זי טאַקע אין אַ ליד מיטן נאָמען „געראַנגלען". אָבער איר ליטע־ראַרישע ירושה זאָגט עדות, אַז זי האָט מקיים געווען איר טרייהייט־שבועה צו „פּשוטע ווי אַ געשריי ווערטער".

דער לעבנס־וועג פון רחל אין ארץ־ישראל, זינט זי איז אין לאַנד געקומען אין יאָר 1909 ביז איר טויט, איז געווען שטיל און באַשיידן ווי איר ליד:

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, נישט באַזונגען
און דיין נאָמען נישט באַשיינט,
מיט קיין גבורות און נצחונות

יהושע א. גלבוע

דיינע שלאַכטן נישט געקרוינט;
בלויז אַ בוים מיין האַנט געפלאַנצט האָט
אויפן ירדנס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס אַ שמאָלן שטעג.

ס׳איז אַן אָרעמע מתנה —
יאָ, איך ווייס עס, מאַמע לאַנד,
גאָר אַן אָרעמע מתנה
האָט געבראַכט דיין טאָכטערס האַנט;
בלויז אַ יובל־שריי פון שמחה
ווען עס טוט דיין טאָג אַ שיין,
בלויז אַ שטיל פאַרשטיקט געוויין
אויף דיין פיין.

(פון עברית: זלמן שזר)

אַזוי זינגט רחל שטיל, באַשיידן. אָבער דער „קול דממה דקה״ האָט גערירט די הערצער און געמאַכט איר שאַפונג אינטים־טייער.

*

אַ טייל פון רחלס לעבנס־געשיכטע לאָזט זיך טאַקע רעקאָנסטרואירן אויפן סמך פון איר שאַפונג. אין אירע לידער קאָנען מיר נאָכפאָלגן דעם טראַגישן געראַנגל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איר האַרץ צווישן נאַ־טירלעכע נייגונגען און אייגנשאַפטן — מיטן גורל, וואָס האָט אָוועקגעלייגט זיין שווערע, דריקנדיקע האַנט אויף איר יונג לעבן.

דוכט זיך, אַז זי איז אַן אייביקער גוטער שמייכל צום גאַנצן באַשאַף. איר האַנט איז ווי אויסגעשטרעקט שטענדיק אָפּצורייסן פון לעבנס־פעלד יעדעס פריידיקע בלימל, זיך צו פאַרשיכורן מיט זיינע ריחות און קאָלירן. און פרייד פאַר אַ פּרוטה האָט אין אירע אויגן געהאַט דעם זעלבן ווערט ווי די גרעסטע שמחות. אין איר אָפּטימיסטישער האַרץ־לאַבאָראַטאָריע האָט זיך יעדע אָנגענעמע ווייניקייט צעוואַקסן. „קליינינטשקע פריידן, שמחות גרויס ווי אַ יאַשטשערקע־עקל״, האָבן איר פאַרשאַפט פאַרגעניגן ווי גרויסע

געווינסן. זי איז געווען דערמונטערט פון אַ פיצל הימל־בלויקייט און פון אַ ברעקל גראָז־גרינס...

נישט נאָר די אָפּטימיסטישע נאַטור האָט זי געשטויסן צו זוכן פרייד אין לעבנס־קליינקייטן. מיט זיי, ווייזט אויס, האָט זיך פאַרפּאַנצערט איר יצר־הקיום. ווייל דאָס לעבן האָט טאַקע שטענדיק צו איר געווינקען, אָבער אין די בעסטע יוגנט־יאָרן האָבן זיך אין אירע לונגען פאַרנעסטעט טובערקולאָז־מיקראָבן. און ווען „בלומען האָבן געשמייכלט אויף די ראַנדן פון שטעגל״, ווען זי וועט באַצויבערט מיטן אויסגעלייטערטן פרי־מאָרגן — פייניקט איר שוין דער פחד פאַרן לעבנס־סוף. אין סאַמע צעבליטן פרילינג הערן זיך די טריט פון פריצייטיקן האַרבסט.

דאָס איז אפשר די סיבה, וואָס אין אַ ריי לידער שטרייכט רחל אונטער, איבערטרייבעריש, איר רואיקייט. דערמיט האָט זי, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרשטעלן, אָדער גובר זיין די אמתע דערדריקטע שטימונג פון אַ פרוי, וואָס דאָס לעבן גייט איר פאַרביי אין איילעניש. מיר זענען דאָ עדות פון אַ כמעט־אינטעלעקטועלן געראַנגל פון דער דיכטערין פאַר דער אויפ־האַלטונג פון איר אָפּטימיזם: „מאַכט קעגן מיר אַ פאַרשווערונג, קליינע און גרויסע פגעים — איינצומאַטערן דעם שוין־פאַרמאַטערטן; מיינע אויערן וועל איך פאַרשטאָפּן, מיינע אויגן פאַרבאַהאַלטן — מיין האַרץ איז פון פאַרויס איבערגעבעטן״.

זי דערלאָזט נישט קיין פאַרביטערונג. און די וואָלקנס, וואָס הענגען איבער איר קאָפּ, ווערן טאַקע פאַרטריבן בעת דער באַרירונג מיט דער וועלט — אַזאַ „ראָזעווע־בלוילעכע, וואָס טריפט מיט טרייסט״. עס דער־מונטערט זי אַ וואַסער־שפּראָצונג, וואָס פאַרגעסט נישט קיין איין דאָרשטיקן געוויקס. אַ יסורים־דורכגעזאַפּטע דערלאָזט זי נישט דעם שלאַנג פון יאוש אויפהייבן דעם קאָפּ. אמת, אין שלאָפלאָזע נעכט גנבעט זיך אַמאָל אַריין די פינצטערע מחשבה „איבעררייסן דעם פאָדעם, איבעררייסן און אויפהערן״. אָבער זי איז גובר די מינוטלעכע שוואַכקייטן אַ דאַנק דעם אויסערגעוויינ־לעכן כוח זיך צו טרייסטן מיט כלערליי קליינקייטן:

ס'איז דאָ אויך נחת כאָטש אַזויפיל
אין אָט דער וועלט, ווי אַ געפינס;
מיין שכנטע אין קליינעם הויפל
האָט זיך אַ גערטנדל פון גרינס.

יהושע א. גלבוע

אין גערטנדל, אין אַ פּאָר בייטן —
די אַרבעס קרייזלען זיך אַן זייט,
אַ רעטעך רייטלט זיך אין גרייטן,
אַ ציבל ווידלט זיך פאַרשייט.

און פון די בייטן דאָרט אַריבער,
צום פענצטער מיינעם, פול מיט שיין,
אַ בילד פון עבר אַזאַ ליבער
הייבט־אויף זיך און קוקט שטיל אַריין.

(פון עברית: מרדכי יאַפּע)

ווען רחל איז שוין געווען צוגעשמידט צו איר קראַנקן־בעט, פון וועלכן זי איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען; ווען זי האָט געציטערט איבער יעדן געשריבענעם ליד, טאָמער איז עס שוין דאָס לעצטע; ווען ס'איז שוין איר קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז „צעבראָכן געוואָרן די אַלטע בריק צווישן נעכטן און מאָרגן" — אויך דאַן האָט זי זיך געקלאַמערט אין די קלענסטע לעבנס־אַנטפּלעקונגען, כדי פון זיי אויסצופרעסן וועלכע ס'איז טרייסט פאַר איר פאַרוווּנדעט האַרץ. זי האָט זיך געשטאַרקט, ווען דער פרימאָרגן האָט „מיט אַ לויטערן פליגל שטילינקערהייט אויף איר פענצטער אָנגעקלאַפּט"; זי איז גליקלעך געווען, ווען די טרייסטנדיקע האַנט פון דאָקטאָר האָט איר האַנט אָנגערירט („וואָס ווייסט דער געזונטער פון אָט דער גוטער שעה?").

די נשמה פון דער דיכטערין וויל זיך נישט אונטערגעבן. אין איר לעבנס־האַרבסט קוקט זי אויס כאָטש אויף איין זון־שטראַל, וואָס איז פאַר איר טייערער פון דער „ליכט־שפע אין זומער". ווייל אַזאַ איז איר גאַנג: „זיבן מאָל זיך מתיאש־זיין און זיבן מאָל פונדאָסניי גלייבן".

*

צו הילף דעם לעבנס־רצון פון דער דיכטערין איז צוגעקומען דער פוריטאַנישער עלעמענט, וואָס איז געווען פאַרוואָרצלט אין איר נשמה און איז „שיין געוואַקסן" אין דעם גייסטיק־מאָראַלישן קלימאַט פון ארץ־ישראל אין איר צייט. איז דאָך דאַן דער פוריטאַניזם געווען אַ געמיש פוןווירקלעכקייט־צוואַנג און פון ראָמאַנטישע באַגערן.

ס'איז קיין ווונדער נישט, וואָס אין די שפּעטערדיקע לידער פון רחל חזרן זיך אָפּט איבער די ווערטער „דעמאָלט" און „ס'איז געווען". „דעמאָלט" האָט אין לאַנד געקענט אַרומגיין אַן א. ד. גאָרדאָן — אַט דער טאָלסטאָישער פּלאַנץ אויף דער ארץ־ישראל־ערד — און אַרום אים תלמידים און „חסי־דים". „דעמאָלט" האָט געקענט אויפקומען אַ צבי שץ און מיט אים אַ גאַנצע משפּחה פון בעלי־חלומות, וואָס האָבן געוועבט דעם טרוים פון דער קבוצה פאַרן תיקון פון מענטש און פאָלק...

אָבער פאַר רחלען איז דער „קלימאַט" געווען אויך אַ מין פּריוואַטער גואל. אין דער לופט האָט ווי געשוועבט די לאָזונג: ליב זענען יסורים. מיט אַזאַ לאָזונג האָט די דיכטערין געקענט אַ ביסל פאַרזיסן אירע פער־זענלעכע ווייטיקן. און ווען זי פרעגט זיך אַליין: „אפשר פאַרגעבן גאָט זיין בייזוויליק הארץ?" — ענטפערט זי באַלד: „איך וועל אָננעמען דעם דין. נישטאָ קיין אָנקלאָגע אין מיין האַרץ". מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין איז זי מוחל דעם גורל וואָס „האָט אַראָפּגענומען די וויינטרויבן פון מיין ווינגאָרטן, נישט איבערלאָזנדיק קיין פאַראיינצלטע טרויבן". און ווען עס רייסט זיך אפשר אַמאָל אַ פּראָטעסט־וואָרט פון איר מויל — קומט פון דעסטוועגן אַרויס אויף די ליפּן אַ ברכה: „און אפשר מיט אַ באַשיידן האַרץ בענטשן דער וועלט, מצדיק זיין דעם דין?". עס טרעפט, אַז זי קריצט מיט די ציין, אָבער גאָר שנעל „גוססט ער, גייט אויס, דער שטאָלצער פּראָטעסט". זי איז אויף זיך גוזר: רואיק אויפנעמען דעם גורל. זי ווייסט, אַז נישט פיל האָט זי פון לעבן גענומען, אָבער — „און געבן, נאָר צו געבן, איז נישט גענוג?".

ווען ס'הילכן שוין אָפּ די טריט פון טויט הינטער איר פּלייצע, באַמיט זיך נאָך רחל אָפּצוהיטן איר רואיקייט: „אויב די־אָ טעג זענען מיינע לעצטע טעג — זאָל איך פאַרבלייבן רואיק; זאָל מיין ביטערקייט נישט פאַרשוואַרצן די שטילע בלויקייט פון מיין חבר־הימל".

*

זי האָט געבענקט נאָך פריידיקער אַטמאָספער פון פריינט. אָבער ס'איז איר אויסגעקומען צו פאַרזוכן די „איינזאַמקייט פון אַ פאַרווונדעטער חיה", די „איינזאַמקייט פון אַ בלינדן אין די גאַסן פון כרך". זוכט זי אַן

אַזיל פון איר איינזאַמקייט און פון לעבן־וויסטעניש אין עבר־זכרונות און עתיד־חלומות, אין דעם נעכטיקן טאָג און אין „מאָרגן־נעפּלען". די פאַר־גאַנגענהייט איז ווי באַשטימט איר צו קאָמפּענסירן פאַר דער פאַרלוירע־נער קעגנוואַרט:

אוּן ווי זשע לעבט מען? ווי זשע טאַקע האַלט מען אויס
די גרוילן און די דאגות, וואָס דאָס לעבן ברענגט,
ווען ס'איז נישטאָ קיין פליגלשוּץ, קיין מאַמעס־שויס,
וואָס מען געדענקט?

פון די זכרונות ציט זיך אַ בריק צו אַן אויסגעטרוימטער צוקונפט, צו אַ „תכלית־וועלט". דאָ ווערט רחלס געזאַנג אויסגעמישט מיט אוטאָפּיסטי־שע טראַפּנס. זי טוט תפילה פאַר אַ זויבערן אומשולד־לעבן, אין וועלכן די נשמה איז פריי — אַ וועלט אָן באַהערשער און באַצווינגער. ווי וועט אַזאַ אידעאַלע וועלט אויפשטיין? — נישט זי איז מחויב צו ענטפערן: זי איז „דאָך אַ פרוי, נאָר אַ פרוי". אמת, דער ספק גנבעט זיך נישט איינמאָל אַריין אין איר האַרץ, אָבער אויך אים נעמט זי אויף גאַסטפריינטלעך. אדרבא, זי האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט דעם בולטן „געוויס". ווי אַ גוטער גערטנער האָט זי קולטיווירט דווקא „אפשר־בלימעלעך" און זיי באַ־שיצט „פון דעם קאַלטן ווינט, דער ווינט פון זיכערקייט".

פון די לעכצענישן צו קומענדיקע תכלית־טעג און פון די אייגענע עבר־זכרונות, פאַרשווימט רחל צו דעם געדיכטן בוים פון די ווייטע אומה־זכרונות. זי שעפּט פיל מאָטיוון פאַר איר שאַפונג פון די דערציי־לונגען און געשטאַלטן פון תנ"ך. עס גלוסט זיך איר תפילה־טאָן ווי חנה אין שילה. איר קליין דאַך־צימערל פאַרגלייכט זי צו אליהוס בוידעם־שטיבל. זי פילט זיך גאָר נאָענט צו יונתן, וואָס באַצאָלט טייער פאַרן „ביסל האָניק וואָס ער האָט פאַרזוכט". ס'איז איר גאָר באַליבט איוב, דער „וואונדערלעכער מענטש", פון וועמען זי וויל זיך לערנען „מקבל זיין דאָס שלעכטע, ווי דאָס גוטע — מיט אַ ברכה צו גאָט, וואָס האָט אונדז געשלאָגן". און רחל די דיכטערין הערט אין אירע אָדערן דעם בלוט־פלוס פון דער מאַמע רחל:

העברעישער ביכער־שאַנק

מיר דוכט זיך, עס פליסט נאָך איר בלוט אין מיין בלוט,
אין מיין קול זינגט איר קול מסתמא,
רחל — געפּאַשעט ביי לעבן די שאָף,
רחל — פון מאַמעס די מאַמע.

דעריבער איז ענג מיר די שטוב נאָך אַצינד,
די שטאָט איז מיר פרעמד נאָך געבליבן,
ווייל ס׳האָט נאָך פאַרצייטן פון מדבר דער ווינט
איר קלייד איבער פעלדער געטריבן.

דעריבער איז איצט נאָך מיין וועג אַזוי פריי,
דעריבער איז זיכער מיין שפאַן;
ווייל ס׳היט נאָך מיין פוס די זכרונות געטריי
פון דאַן אָן, פון דאַן.

(פון עברית: זלמן שזר)

רחלס דיכטונג הילכט ווי איר אייגן לעבנס־ליד. די אויטאָביאָגראַ־פישע סטרונע פילט זיך כמעט פון יעדער שורה. זי אַליין האָט גע־שפּירט, אַז איר לידער־בוך, ווו עס זענען פאַרחתמעט די ווייטיקן און באַגערן פון איר קורץ לעבן, וועט אויסזען ווי איר דענקמאָל — אַן אַנט־פּלעקטער פאַר יעדן אויג: „און דעם אומעט פון קניענדיקן האַרץ וועט רואיק אַנטאַפּן יעדע האַנט“.

וועל איך שליסן מיט ברענגען רחלס ליד־ווערטער, וועלכע קענען, דוכט זיך, דינען, אַלס מאָטאָ צו איר גאַנצן לידער־בוך: „זיך אַליין האָב איך אויסדערציילט ביז דעם לעצטן טראָפּן. אין מיין חדר־חדרים האָב איך פרעמדע געפירט און אַנגעוויזן: דאָ — פאַרבאָרגענע גאווה; דאָ — אומזיסטע דערוואַרטונג; און רואיקייט נאָך יאוש — ווייטער, דאָרטן“.



שלמה צמח

עסטעטיש און מאָראַליש

שלמה צמח און דוד בן־גוריון האָבן געמיינזאַמע יוגנט־זכרונות פון זייער פוילישער געבורט־שטאָט: פּלאָנסק (אָדער — פאַריידישט — פּלינצק). צמח איז אַ מענטש פון דער „צווייטער עליה", און כאָטש אַזעלכע פּרטים זענען נישט איבעריק „רעלעוואַנט" פאַר ליטעראַרישע נאָטיצן, פאַרמאָגן זיי מער ווי אַ פּיקאַנטן „רייץ": אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ יענע בראשית־אַטמאָספער, אין וועלכער דער שפּעטערדיקער דערציילער און קריטיקער, עסייאיסט און דענקער, שלמה צמח האָט זיך געשטאַלטיקט.

שלמה צמח איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1886 — אין זעלבן יאָר, וואָס דוד בן־גוריון. ער האָט אָבער עפּעס מקדים געווען בן־גוריונען מיטן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 1904, ווען צמח איז געווען אין זיין 18־טן יאָר.

*

נאָך פינף יאָר לעבן אין ארץ־ישראל, ווו צמח איז דאַן געווען צווישן

די מיטגרינדער פון „הפועל הצעיר", איז ער געפאָרן שטודירן קיין פראַנקרייך. אָבער די ערשטע ארץ־ישראל־יאָרן וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אַלס לאַנד־אַרבעטער אין די קאָלאָניעס פון יהודה און גליל, האָבן זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אין אַ גאַנצער ריי פון זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען — און געוויס אין זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „שנה ראשונה" („דאָס ערשטע יאָר"), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר תשי"ב. דאָ טיילט זיך צמח מיט דערינערונגען פון זיין ערשטן לעבנס־יאָר אין ארץ־ישראל. די ראָמאַנטישע און גאַנץ־עקזאָטישעווירקלעכקייט פון יענער צייט, אינאיינעם מיט ביטערע אַנטוישונגען און אויסגערונענע אילוזיעס — זיי ווערן אין „שנה ראשונה" מייסטערהאַפט געשילדערט. מיר באַגעגענען דאָ איינדרוקספולע געשטאַלטן, גרונט־לייגער פון נייעם ישוב, טרוימער און קעמפער, וועמענס נעמען זענען אויף אייביק פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון ייִדישן רענעסאַנס — בעיקר מענטשן, וועלכע האָבן געבילדעט דעם קערן פון דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער אינאיינעם מיט די ליכטיקע געשטאַלטן זענען דאָ אויסגעמאָלן אויך נעגאַטיווע פיגורן. צמח שילדערט די ירידה־אַטמאָספער אין לאַנד, די דעמאָראַליזירנדיקע באַראָן־אַדמי־ניסטראַציע מיט איר שטיצע־רעזשים. געוויסע חלוצים־בילויים האָבן פאַרוואָרפן די אַרבעט, זיך געפרעמדט צו זייערע אייגענע יוגנט־אידייען, פאַרזונקען אין „פריצישן" סנאָביזם, זיך איינגעשאַפן ליידיקגייערישע מאַניערן. זיי, געוועזענע ציון־אידעאַליסטן, האָבן באַיקאָטירט דעם ייִדישן אַרבעטער — און אין דער צייט פון דער אוגאַנדע־פּאָלעמיק, ווען רוסישע ציוניסטן האָבן זיך געשוווירן „אם אשכחך ירושלים...", זענען דווקא נייע ארץ־ישראל־יידן געוואָרן פייערדיקע „אוגאַנדיסטן"...

רעדנדיק וועגן צמחס „שנה ראשונה" איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דאָרט ברענגט דער מחבר אויך אַ ביסל „אַוואַנס"־זכרונות, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דער „הינטערגרונט" צו זיין „ערשטן יאָר" אין ארץ־ישראל, ווי אויך זיין באַציאונג צו נאַטור און פעלד און האַרציקע נאָענטקייט צו מענטשלעכער מי. אָט דערמאָנט ער אַ תמוז־טאָג, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד פון פיר יאָר און פאַרבראַכט אין טאַטנס דאָרפישן גוט — אַ טאָג וואָס האָט זיך איינגעבאַקן אין האַרצן: די פעלדער זענען פולצייטיק געווען, גרייט צום שניט — און פּלוצלונג האָט זיך דער הימל

דראַענדיק פאַרוואָלקנט און אַ שווערער האָגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און מוראַדיק געקלאַפּט... דאַן האָט דאָס קינד — שפּעטערדיקער שרייבער — געזען זיין טאַטן, ווי ער שטייט ביים פענצטער מיט אַ ספר אין האַנט, זיינע מידע ליפּן שעפּטשען אַ תהילים־תפילה און וואַרעמע טרערן קייקלען זיך אים פון די אויגן...

ס׳איז דאָ אינטערעסאַנט צו ברענגען צמחס אייגענעם קוק אויף זיין „שנה ראשונה". ווען ער איז אינטערוויואירט געוואָרן דורך גליה ירדני, האָט זי אים געפרעגט ווי אַזוי איז דאָס בוך געשריבן געוואָרן. זי גיט דעם מחברס תשובה (אין איר בוך „ט״ז שיחות עם סופרים" — „16 שמועסן מיט שרייבער"): „נישט אַלץ האָב איך געוואָלט דערציילן. כ׳האָב איבערגעקליבן די זאַכן. דאָס איז נישט קיין כראָניק, נאָר דערציילערישע ליטעראַטור באַזירט אויף כראָניק. און אין אַזאַ ליטעראַטור איז דאָ אַ גרויסע שוועריקייט: אויב דו געפינסט זיך אין צענטער פון דער דערציילונג, דאַרפסטו דערציילן וועגן זיך און דיין פּריוואַטן לעבן מער ווי וועגן כלל. און קיין ווידוי ברענגען האָב איך נישט געוואָלט. פון דער אַנדערער זייט האָב איך נישט געקענט זיך אַליין אַרויסלאָזן פון דער דערציילונג, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אויסלײדיקן די פּאַסירונגען פון זייער קאָנקרעטקייט — און איך בין דאָך אין זיי געווען אַריינגעטאָן. האָב איך אויסגעקליבן אַ געמישטע פאָרעם וואָס פאַרמאָגט אַלע שוועריקייטן פון זכרונות־שרייבן אינאיינעם מיט אַלע שוועריקייטן פון דערציילונג־שרייבן. דערפאַר האָב איך געפּרוּווט אַ לאַנגע צייט ביז כ׳האָב געפונען דעם וועג, אין וועלכן די געשעענישן — און נישט איך — זאָלן זיין דער עיקר. כ׳האָב דערציילט נאָר וועגן איין יאָר, מיין ערשט יאָר אין לאַנד, ווייל כ׳האָב געוואָלט אָפּהיטן די ראַם פון אַ דערציילונג, וואָס פאַרמאָגט אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף".

*

אין פּאַריזער סאָרבאָנע־אוניווערסיטעט האָט צמח געלערנט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, און אין דער נאָענסער הויכשול האָט ער געלערנט אַגראָנאָמיע און איז דיפּלאָמירט געוואָרן אַלס לאַנדווירטשאַפטס־אינזשעניר. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר צמחס איינשטעלונג, אַז „ער האָט גענוצט די תורה און דעם וויסן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער סאָרבאָנע, ביים

שרייבן וועגן דער העברעישער ליטעראַטור" (ווי עס האָט פאַרצייכנט יעקב פאַט, „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל"). זיינע ערשטע קריטיק־אַרטיקלען — וועגן ברענער, פייערבערג, שאָפמאַן — האָט ער געשריבן אין זיינע פּאַריזער אוניווערסיטעט־יאָרן. דאָס זעט אויס ווי אַ וועג־צייכן: ער האָט גענומען פון די וועלט־אוצרות, כדי די אייגענע פאָלקס־אוצרות צו באַרייכערן און באַדינען, און נישט כדי בלינד נאָכצוקרימען, אָדער זיך אַליין מבטל־מאַכן.

און אַזוי זעען מיר כסדר, ווי שלמה צמח — דער בן־בית אין דער וועלט־קולטור — זאָרגט פאַר דעם יידישן פעלד און וואָרנט קעגן קלייבן ברעקלעך פון פרעמדע טישן. אין אַן אַנדער אינטערוויו, מיט א. ח. אלחנני (איבערגעגעבן אין זיין בוך „שיחת סופרים" — „שרייבער שמועסן"), האָט זיך צמח אָפּגערופן וועגן געוויסע יונגע ישראל־דיכטער מיט אַן אומרו: „זיי קלייבן שיכחה און פאה, און נישט דווקא פון בעסערן באָדן, נאָר פון מאָגערן, אין יעדן פרעמדן פעלד. דאָקעגן דאָס וואָס ליגט פאַר זייערע פיס איז ווי פאַרבאָרגן פון זייערע אויגן."

*

לאָמיר ווייטער נאָכפאָלגן צמחס לעבנסוועג. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די נאָנסי־שול, פאָרט ער — אין 1914 — קיין פוילן, באַזוכן זיינע עלטערן — פאַרן צוריקקער קיין ארץ־ישראל. אָבער צוליב דער מלחמה איז ער פאַרבליבן שטעקן אין פוילן, דערנאָך פאַרוואָגלט קיין אָדעס, און ערשט אין 1921 זיך פון רוסלאַנד איבערגעטראָגן קיין בעסאַראַביע — און פון דאָרט ווידער געקומען קיין ארץ־ישראל. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם צייט־אָפּשניט איז וויכטיק צו דערמאָנען צמחס ראָמאַן „אליהו מרגלית", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1921 און זיין האַנדלונג אַנטוויקלט זיך אויפן גרונט פון יידישן סטודענטן־ און קינסטלער־לעבן אין פּאַריז.

צוריק אין לאַנד באַגעגענען מיר צמחן אַלס לערער אין דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שול פון מקוה־ישראל, דערנאָך אין דער אַגראָנאָמישער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע פון דער ציוניסטישער לייטונג, און שפּעטער אַלס לייטער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער „כדורי"־שול אין כפר תבור, וואָס ער איז געווען צווישן אירע גרינדער. אָבער פאַר דער

גאַנצער צייט פון זיין פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָגיש־אַגראָנאָמישער אַרבעט לאָזט צמח נישט אַרויס פון האַנט זיין שרייבערישע פעדער.

די אַרבעט אין דער „כדורי״־שול האָט ער איבערגעריסן אין יאָר 1938 — און אין יענעם יאָר איז אַרויס זיין בוך „על היפה״ (וועגן שיינקייט), אין וועלכן ער וויקלט פאַנאַנדער זיינע עסטעטישע פּרינציפּן און קאָנצעפּציעס. פון אָט־דער ברייטער, אויסגעקריסטאַליזירטער אַרבעט באַקענען מיר זיך מיט צמחן אַלס קולטור־טעאָרעטיקער און ליטעראַרישן דענקער־אַנאַליטיקער. מיט דעם בוך דערשיינט צמח ווי איינער פון די געציילטע אויטאָריטעטן אין דער העברעאישער שרייבער־וועלט אויפן געביט פון עסטעטיק. דאָ זענען געקומען צום אויסדרוק אי זיין ברייטע באַהאַוונטקייט אין די אוצרות פון וועלט־וויסן, אי זיין אָריגינעלע איינשטעלונג, וועלכע באַזירט זיך אויף אייגענער דערפאַרונג און אויף וואָרצלדיקער צוגעבונדנקייט צו אונדזער קולטור אוןווירקלעכקייט.

אָבער נאָך איידער דאָס בוך „על היפה״ איז דערשינען, האָט שוין צמח זיך קונה־שם געווען אין פיל צייטונגס־אַרטיקלען אַלס שאַרפזיניקער קריטיקער. אין די צוואַנציקער יאָרן דערשיינען אייניקע זיינע ביכער. „באַרץ נוד״ („אין וואָגל־לאַנד״) איז אַ זאַמלונג פון זיינע קריטישע עסייען. „שבעה־עשר סיפורים״ אַנטהאַלט (לויטן נאָמען) 17 דערציילונגען, וועלכע זענען, מערסטנטייל, געוועבט אויף דער קאַנווע פון דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די פּערלדיקע שילדערונגען פון דער ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט גיסן זיך דאָ צייטנווייז איבער אין אַ דיכטערישן ליבע־געזאַנג צו איר. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט צמח אויך פאַרעפנטלעכט אַ פּיעסע — „תנחום מכפר ינוח״ („תנחום פון דאָרף ינוח״). די האַנדלונג פון אָט־דעם צמחס איינאַקטיקן דראַמאַטיש ווערק פירט זיך אויפן ווייטן היסטאָרישן אָפּגרונט פון די „אסיים״ און זייער לעבנס־שטייגער, אָבער עס זענען קענטיק די געדענקלעכע פּעדעם, וואָס פירן פון יענער סעקטע אין דער צייט פון בית שני צו דער ארץ־ישראל־קבוצה אין איר בראשית־צייט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט נאָך געשטיגן צמחס רעפּוטאַציע אַלס קולטור־טעאָרעטיקער, ליטעראַרישער דענקער און קריטיקער. אַ באַזונדער אָרט אין זיינע ווערק פאַרנעמט דאָס בוך „השחוק״ („דער געלעכטער״), וואָס אַנאַליזירט די פראַגן פון קאָמיזם און הומאָר, פונאַנ־

דערגעוויקלט אויף אַברייטן היסטאָריש־פילאָזאָפישן לייוונט. דער מחבר פירט אונדז פון דעם קינדס געלעכטער, אָדער פון דעם אורמענטש־געלעכטער, ביז דעם געלייטערטן־געשליפענעם הומאָר פון קלאַסישע ווערק אין די לעצטע דורות. מ׳דאַרף אויך צוגעבן, אַז מיט אָט־דעם ווערק האָט צמח אויסגעפירט אַ מין פּיאָנערן־אַרבעט אין דער העברעי־שער ליטעראַטור.

*

איצט קומען מיר צום הויפּט־פלוס אין צמחס ליטעראַרישער טעטיקייט — צו זיינע קריטישע עסייען, פון וועלכע נאָר אַ טייל זענען שוין צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ביכער, און אַ גרויסער טייל איז נאָך צעשפּרייט איבער פאַרשידענע זשורנאַלן (צווישן זיי אַזעלכע וועלכע ער אַליין האָט רעדאַגירט).

דער קריטיקער ב. י. מיכלי האָט צמחן באַצייכנט אַלס „אויסדער־ווילטן קריטיקער״ („מבקר־סגולה״) און ער ווייזט אָן אויף זיינע פיר הויפּט־מעלות: אַ חריף, אַ בקי, אַ מענטש מיט אינטואיציע — און צו דעם אַלעמען פאַרמאָגט ער אַן אויסערגעוויינלעכע אויסדרוק־קראַפט. מיכלי האַלט פאַר נייטיק צו דערווייזן די צמחדיקע אייגנאַרטיקייט פון יעדער מעלה באַזונדער. צמחס חריפות איז נישט געשלאָגן מיט „האָר־שפּאַלטעריי״, נאָר ווערט אָפּגעהיטן „ווי אַ מיטל און נישט קיין ציל, ווי אַ נעבן־זאַך און נישט די זאַך גופא״. אַזוי איז אויך זיין בקיאות — זי עקזיסטירט נישט פאַר זיך, נאָר באַדינט זיינע אַנאַליטישע באַמיאונגען. פון דאַנען דרינגט אַרויס צמחס שטייגער נישט אויסצובאַהאַלטן, פון צייט צו צייט, קיין אייגענע ספיקות: דאָס אָפּהאַלטן זיך פון פּסקנען. אָבער מיט חריפות און בקיאות קען די קריטיק נישט אויסקומען — אָן אינטואיציע וועט זי זיין „ווי אַ גוף אָן נשמה״. פאַרלאָזט זיך טאַקע נישט צמח אויף שכל און בילדונג, נאָר מאַכט אויך זיינע חושים פאַר אַ וועג־ווייזער. און וואָס שייך אויסדרוק־קראַפט — צמחס שפּראַך איז אַ קלאָרע און געשניצטע. זי פאַרמאָגט אַ „נאַטירלעכן, מענערישן חן״, און בדרך־כלל זענען אין איר „חכמה און שיינקייט אָרגאַניש פאַראייניקט״.

צמח אַליין איז אַ שפּראַך־פּעדאַנט און האָט גרויסע פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור בנוגע פאָרעם און סטיל. אָבער ער לאָזט זיך נישט

פֿאַרפֿירן פֿון זײַנע האַרבע פֿאָרעם־פֿאָדערונגען. דערפֿאַר איז כאַראַקטע־ריסטיש זײַן גאָר הויכע אָפּשאַצונג פֿאַר י. ח. ברענער, וועלכער איז דווקא געווען ווײַט פֿון שפּראַך־שלײַפֿערײַ. אין שלמה צמחס באַ־ציאונג דאָמינירט די אָנערקענונג, דאָס ברענער האָט אין אונדזער ליטעראַטור אַרײַנגעטראָגן „נישט דעם דרויסן, דעם אויסגעפּוצטן און אויסגעפּרעסטן, נאָר נשמה און אינערלעכקייט": דאָס „אַלץ וואָס איז אַרויס פֿון ברענערס פֿען איז דורכגעזאָפּט מיט נשמה־גרויסקייט, מיט געפֿילן־טיפֿקייט, אויפֿטרייסלונג און אמת".

אמת — דאָס איז אויך צמחס עיקר־פֿאָדערונג פֿון ליטעראַטור־קריטיק. ער קען נישט פֿאַרטראָגן די געוווינהייט פֿון קעגנזײַטיקע שבחים, די טאַקטיק פֿון „שמור לי ואשמור לך", אָדער גרופּן־סאָלידאַריטעט אין דער קריטיק. דאָס אמת־זאָגן דינט אויך דעם קריטיקירטן־באַהאַנדלטן שרײַבער, כּדי ער זאָל „שפּירן די גאַנצע לאַסט פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס פֿאַלט אויף זײַנע אַקסלען, ווען ער וויל קומען פֿאַר דער עפֿנטלעכ־קייט — און ממילא וועט ער נישט זײַן נאַכלעסיק אין זײַן שליחות און געבן דאָס בעסטע וואָס ער איז בכוח צו געבן". אין האָרץ פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור־קריטיק האָט צמח זיך באַמיט פֿאַרפֿלאַנצן דעם פּרינציפּ פֿון „זאָגן דעם אמת אָן פֿיל חשבונות" — און ער גיט צו: „אַפֿילו אין טעג פֿון יום־טוב און יובל־פֿײַערונגען"...

*

אין בוך פֿון שלמה צמחס צונויפֿגעזאַמלטע עסייען רופֿט זיך „שתי וערב" (1959). אין אים אַנטפּלעקט זיך ווידער דער מחבר מיט זײַן גאַנצן פֿאַרנעם. ס'דוכט זיך, ער באַהאַנדלט נאָר אַ דערשינענעם בוך; אין פֿלוג גענומען — אַ רעצענזיע. אָבער צמחס אַ רעצענזיע צעוואַקסט זיך אין דער ברייט און אין דער טיף און איז שטענדיק איבערגעפֿלאָכטן מיט פּאַראַלגעמיינערטע פֿאַרטראַכטונגען, מיט פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען. אין דעם רעצענזירטן בוך קוקט צמח אַרײַן מיט אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז פֿון אַ גרינטלעכן פֿאָרשער — און אַרום דעם בוך עפֿענען זיך ברייטע אינטע־לעקטועלע האָריזאָנטן.

אין בוך קומען אויך אַרײַן אייניקע פֿילאָזאָפֿישע עסייען. אַלס מוסטער פֿון אָט־דער קאַטעגאָריע קען דינען דער עסיי „גאָט און מענטש",

אין וועלכן צמח פּרוווט אויפצודעקן די וואָרצלען פון די מאָדערנע גאָט־זוכענישן; דעם גייסטיקן און פּסיכאָלאָגישן מהות פון די נעאָ־רעליגיעזע שטרעמונגען, פון די „ביי־גלויביקע" מענטשן. דער מחבר דריקט אויס דעם פאַרדאַכט, אַז אַ שפּאָר ביסל פון די היינטצייטיקע וויכוחים וועגן געטלעכקייט און געטלעכער אַנטפּלעקונג וואַקסן אויף אַ פּלאַכן באָדן. אין ישראל זענען זיי, לויט צמחן, אין אַ היפּשער מאָס אַ נאָכקרימעניש פון פרעמדע שטימונגען און טענדענצן. און ווי יעדער פרעמד־געוויקס איז אויך אָט־דער קינסטלעכער פלאַנץ — אַ שוואַכער און בלייכער. דאָך גייט־צו צמח מיט שאַרפע אַנאַליטישע כלים צו די נעאָ־רעליגיעזע טענדענצן — און ס׳איז כדאי איבערצוחזרן עטלעכע פון זיינע געדאַנקען־באַמערקונגען.

„דער „נייער מאמין", ווען ער לאָזט זיך אַרויס כאַפּן נפשות פאַר זיין אמונה, דאַרף וויסן, אַז פאַר אים שטייט נישט קיין פּובליקום פון פאַנאַטישע כופרים, נאָר פּשוט אַ פּובליקום פון גלייכגילטיקע. און די דאָזיקע גלייכגילטיקייט איז אייגנטלעך... אַן אויסוועג פון אַ טיפן גייסטיקן קריזיס, וואָס האָט זיי אויפגעטרייסלט. דעריבער, איידער מען דערלאַנגט צום דאָזיקן עולם דאָס גוטס, צו וועלכן מ׳רופט אים זיך אומצוקערן, דאַרף מען דערלערנען די סיבות וואָס האָבן אים דערפירט צו גלייכגילטיקייט"...

און דאָס איז צמחס אויספירונג: „אמאָליקע צייטן האָט מען געזאָגט: די רעליגיע איז אַ גוטע זאַך פאַרן פּראָסטן פאָלק, ווייל זי שאַפט איין פאַר אומבאַוווסטזיניקע מאַסן מאָראַלישע מידות און דרך־ארץ; יראת־שמים פאַרהיט זיי פון תרבות רעה, אָבער מיר, די באַוווסטזיניקע און געלערנטע קענען זיך באַגיין אָן איר. עס איז אַ גרויסער ספק, צי אָט־דער געדאַנק האָט, בכלל, ווען עס איז געהאַט אַן אָנהאַלט. אָבער אַלץ וואָס מיר ווייסן היינטיקע צייטן וועגן פלאַץ פון אמונה אין מענטשנס לעבן לאָזט געוויס נישט אַראָפּנידערן די אמונה צו דער שפּלדיקער מדרגה פון אַ קולטור־מעקלער פאַר פּראָסטע, אומבאַוווסטזיניקע לייט, פון וועלכע די חכמים ונבונים זענען מכלומרשט פּטור..."

*

שלמה צמח שעפּט נישט קיין פיל נחת פון דער אַזוי־גערופענער יונגער העברעישער בעלעטריסטיק — און, ווי זיין שטייגער, באַהאַלט ער

נישט זיין איינשטעלונג און זאָגט זי אַרויס מיט פּאָלעמישער שאַרפקייט, וואָס איז אונטערגעהאַלטן מיט יסודותדיקער אַרגומענטאַציע. ער געפינט אויס, אַז די ווערק פון די „יונגע" זענען, מערסטנטייל, אינהאַלטלעך־אָרעם און סטאַנדאַרטיש אין פאָרעם און געבוי.

רעדנדיק וועגן די דערציילונגען, וואָס זענען אין אונדזער ליטעראַטור אויפגעקומען במשך פון אַ יאָר פופצן, ווייזט צמח אָן, אַז זעלטן־ווען פאַרמאָגן זיי אַן אמתע אייגענע שפּראַך; זיי שפּילן זיך מיט דיבורים און בייטן זיי כסדר, צאַצקען זיך מיט דעם „סלענג" און פוצן זיך מיט שפּראַך־פעלערן און אַנדערע העוויות. אַ געוויסע צייט — זאָגט ער — איז די יונגע ליטעראַטור געווען פאַרנומען מיט דער באַפרייאונג־קריג־טעמאַטיק און זי האָט געהאַט אַ פאַרטיקן סטאַנדאַרט־רעצעפּט: שפּיצן פון בערגלעך און פעלזן־היילן, פעלד־דזשיפּן, אַ מיידל רעדט אין טעלעפאָן און אַ פּאָר בלאָנדזשענדיקע בחורים וואָס דיסקוטירן נישט וויכטיקע ענינים, און מען „קלאַפּט" פעלאַכן אין אַראַבישע דערפער... ווען די יונגע ליטעראַטור איז אָבער פון אָט דער טעמאַטיק מיד געוואָרן, האָט זי זיך גענומען נאָכקרימען פרעמדע סטילן און געגנג. זי שעפּט איר טעמאַטיק פון גאַסן־רכילות און צייטונגס־ידיעות, וועגן סכסוכים צווישן עדהס און קאָרופּציע פון אַנגע־שטעלטע... אָבער אין דעם אַלעם שפּירסטו נישט קיין אייגענע פּאַרטיי־פונג... דו שפּירסט נישט דעם אמתן, פּערזענלעכן „איך" פון מחבר.

צמחס איינשטעלונג איז קעגן קונסט־פעלשונג און דער עצם קאָפּירונג, וואָס ער פאַראַכט מיט פיל ברען — און בעיקר קען ער נישט פאַרטראָגן דאָס דרויסנדיקע צופּאַסן זיך צו פרעמדע וועלט־מאַניערן. „בכלל, — האָט ער געזאָגט אין דעם אינטערוויו מיט דער אויבנדערמאָנטער גליה ירדני — יעדער זשאַנר אָדער מאַניער, ווען זיי צעשפּרייטן זיך און ווערן קאָסמאָפּאָ־ליטיש, ווערן זיי אויך פלאַך און פאַרלירן זייער טיפקייט. אמת, די וועלט ווערט אַלץ מער פאַראייניקט, אָבער דיכטונג איז אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט דער שפּראַך, מיט אַ באַשטימטן מענטשלעכן קיבוץ, אַז דאָ קען גאָר־נישט געמאָלט זיין קיין פאַראייניקייט. אַפילו ווען מען וועט פאַרווישן אַלע גרענעצן און מבטל מאַכן אַלע פעלקער — די שפּראַכן און די שירה וואָס איז ספּעציפיש פאַר יעדער נאַציע דאַרף מען אָפּהיטן. זיי מאַכן שיינע זאַכן, פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר זיי אָוועקרוקן?"

דערפאַר קען צמח נישט פאַרטראָגן אַזעלכע „קאַפּקאַיסטן", וואָס די

דביקות אין דעם אינערלעך־געפּייניקטן קאַפקאַ איז פאַר זיי נאָר אַ מאָל־פּישע מאָדע־זאַך; זיי נוצן זיין נאָמען — און אַליין זענען זיי „אויסגעפּרעסן, יאָגן זיך נאָך כבוד און האָבן הנאה פון לעבן". דאָס גלייכן וועגן אונדזערע „יונגע", וואָס האָבן זיך געגומען די צאָרן־לאָזונג: „צי דען צאָרנען זיי אויף אמת? צי דען שרעקן זיי זיך באמת? — דאָס אַלץ איז נאָר אַ פרעמדע פּלאַנץ, אַ געקינסטלטע נאָכקרימונג פון דעם וואָס גייט אָן אין אַנדערע ערטער...".

*

אַזוי קומען מיר צום יסוד־היסודות אין צמחס אויפפאַסונג פון דער קונסט. זיין דראַנג צו „שיינס", זיינע עסטעטישע פּאָסטולאַטן — טרעטן אין קיין פאַל נישט אָפּ פון דער אידעיש־מאָראַלישער מאָנונג. ווייל קונסט איז נישט קיין שפּילצייג — אין זיין באַנעמונג — פאַר לאַנגווייליקע, נישט קיין מקום־מקלט פאַר אַריסטאָקראַטישע פיינשמעקער, נישט קיין עסקייפּיסטישע ראָמאַנטיק פון איבערגעזעטיקטע, נישט קיין אָרעמע פאַר „געשוווירענע" ניהיליסטן און דעקלאַרירטע פּעסימיסטן. נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען אָסוואַלד שפּענגלערס „אונטערגאַנג פון מערב" איז געווען זייער פּאָפּולער (און צמח אַליין איז געווען נתפּעל פון שפּענג־לערס טאַלאַנט), האָט ער אָנגעוויזן, אַז שפּענגלערס פּעסימיסטישע וועלט־אַנשויאונג האָט נישט קיין אָנהאַלט, ווייל זי ליידיקט אויס דעם געשיכטע־גאַנג פון יעטוועדער „מאָראַליש־מענטשלעכער אַספּיראַציע". צמחס הומאַניסטישער צוגאַנג איז דאָ געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָרויס־זאָגונג, אַז „דאָס לעבן וועט מאַכן שפּענגלערס נבואה פאַר אַן אויסטראַכ־טעניש. ווייל נבואה מוז זיין אַ יש, אַ מאָראַלישער יש. שפּענגלערס נבואה איז די נישטיקייט, וואָס דאָס לעבן האָט נישט געקענט און וועט אויך נישט אַפירמירן אין די קומענדיקע טעג".

דער מאָראַלישער פּאָסטולאַט איז אַ צענטראַלער שטריך אין צמחס ליטעראַטור־קריטיק. ווייל ליטעראַטור און קונסט האָבן נישט קיין עק־זיסטענץ־באַרעכטיקונג ווי פאַר־זיך באַשעפענישן. זייער אָטעם־לופט איז געוויס פרייהייט, אָבער דאָך זענען זיי באַרופן צו דינסט: פאַר דער דערהייבונג פון מענטשן, פאַר זיין אינערלעכער באַרייכערונג.

געטריי זיינע איינשטעלונגען און פּאָסטולאַטן, איז צמח נישט נוהג

מפנק צו זיין יונגע שרייבער, פונקט אַזוי ווי ער „שטאַמלט" נישט, ווען ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן וועגן הויך־געשעצטע, איינגעזעסענע אין זייערע רעפּוטאַציעס, שריפטשטעלער פון אַלטן דור.

און צמחס אויספירונגען זענען שטענדיק אַן אָנרעגנדיקע מחשבה־שפּייז. יעדע באַגעגעניש מיט זיינס אַ בוך, אָדער אַן איינצלנעם עסיי, פאַרשאַפט דעם לייענער אַן איבערלעבונג ווי אַ שמועס מיט אַ תלמיד־חכם, וואָס איז מלא וגדוש אַזוי מיט וויסן ווי מיט לעבנס־נסיון.



אביגדור המאירי

בלוט-פלעק אויפן שניי

די פּרוכטבאַרע פּען פון אביגדור המאירי האָט איר אויפטועז צעוואָרפן אויף כלערליי געביטן: פּראָזע און דיכטונג, ראָמאַנען און קורצע נאָוועלן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּובליציסטיק און ליטעראַריש־קריטישע עסייען, פּיעסן און הומאָריסטיש־סאַטירישע נאָטיצן. דערביי האָט ער פיל פאַרדינסטן אין איבערזעצן חשובע ליטעראַטור־ווערק אויף העברעיש — און באַזונדערס דאַרף מען דערמאָנען זיינע איבערזעצונגען פון עטלעכע צענדליק טעאַטער־שטיק, ספּעציעל פאַר פאָרשטעלונגען אויף דער העברעישער בינע. צווישן אַנדערע, האָט ער געגעבן אין אַ העברעישן לבוש די „יידישע געזאַנגען" פון היינע, לידער פון אונגאַרישן ש. פּעטעפי; און פאַר דער העברעישער בינע — סטעפאַן צווייגס „ירמיהו", פרידריך שילערס „אינטריגע און ליבע", יאַראָסלאַוו האַשעקס „דער בראַווער סאָלדאַט שווייק". המאירי איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון סאַטירישן טעאַטער „הקומקום" (דער טשייניק), פון וועלכן עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער באַרימט־געוואָרענער סאַטירישער „המטאטא" (דער בעזעם). ער האָט זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט רעדאַגירן און אַרויסגעבן זשורנאַלן. אַ

געוויסע צייט איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון „דברי הכנסת" (די פּראָטאָקאָלן פון ישראל־פּאַרלאַמענט).

אפשר האָט אַביגדור המאירים צעשפּרייטקייט נישט שטענדיק צוגעדינט זיין טאַלאַנט. אָבער אין איר איז געקומען צום אויסדרוק זיין שטורמישער כאַראַקטער, זיין געשפּאַנטקייט לגבי די לויפנדיק־אַקטועלע פּראָבלעמען און געשעענישן, זיין כסדרדיקער שאַפערישער אומרו.

אָבער נישט נאָר מיט ליטעראַרישע אויפטוען איז רייך המאירים ביאָגראַפיע. ער טראָגט אויף זיך אַ לאַסט פון שטורמישע לעבנס־פּאַסירונגען, אַנגעלאָדענע מיט דראַמאַטישע פּאַרוויקלונגען און מיט פשוט „פּיקאַנטע" פּרטים, וועלכע האָבן געשפּייזט זיין שאַפונג.

*

אַביגדור המאירי (זיין פריערדיקער פאַמיליע־נאָמען איז געווען פויער־שטיין; דעם העברעישן פאַמיליע־נאָמען האָט ער אַדאָפּטירט צום אָנדענק פון גאון מנחם המאירי — איינער פון זיינע משפחה־פּאָרגייער) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890 אין דאָרף דאַווידהאַזע, אין קאַרפּאַטן־רוס פון אונגאַרן (אַצינד אַ באַשטאַנדטייל פון דער סאָוויעטישער אוקראַינע). זיין פאָטער איז געווען אַ שטיקל „פּריץ" און איינצייטיק אַ ייד אַ למדן. אין זיין קינדהייט איז ער אָבער פאַריתומט געוואָרן פון דער מאַמען און ער האָט זיך דערצויגן אין הויז פון זיין זיידן (דער מאַמעס פאָטער) — אַ רייכער גוטבאַזיצער און תלמיד־חכם, וועלכער האָט מיט דעם יתום־אייניקל אַליין געלערנט העברעיש און אַנדערע יידישע לימודים. אין זיידנס הויף האָט ער אויך איינגעזאַפּט בילדער פון דער אונגאַרישער לאַנדשאַפט, וועלכע זענען שפּעטער אויפגעשוואומען אין זיין שאַפונג.

דערנאָך געפינען מיר המאירין אין ישיבות, און צו 15 יאָר הויבט ער אָן צו לערנען אין דער גימנאַזיע ביי דעם רעפאָרמישן רבנים־סעמינאַר אין בודאַפּעשט. אין דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט ווערט ער אַקטיוו אין ציוניסטיש־סטודענטישע קרייזן. באַלד הויבט זיך אויך אָן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. זיין ערשט ליד, מיטן נאָמען „בן העתיד" (דער זון פון דער צוקונפט) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1907 אין קראָקעווער זשורנאַל „המצפה" (וועמענס רעדאַקטאָר ס'איז געווען שמעון מנחם לאַזאַר).

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט המאירי אַליין רעדאַגירט אַ העברעיש

וואַכנבלאַט אין בודאַפּעשט מיטן נאָמען „היהודי״. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געשריבן אונגאַריש, און אייניקע זיינע פּיעסן זענען געשטעלט געוואָרן אויף דער אונגאַרישער בינע. 22 יאָר איז המאירי אַלט געווען, ווען זיין ערשטער העברעישער לידער־ביכל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אונגאַרן.

זיין ליטעראַרישן וועג האָט ער אָנגעהויבן אַלס דיכטער־ליריקער. אין זיינע ערשטע לידער האָט ער וואַרעם באַזונגען זיינע היימאַט־לאַנד־שאַפטן און טרוימעריש־ווייטיקלעך אויסגעדריקט מענטשלעכע איינזאַמקייט. אָבער באַלד זענען אָנגעקומען די גרויסע היסטאָרישע זאַוויערוכעס און האָבן דעם דיכטער פאַרטראָגן ווייט־ווייט פון זיינע ערשטע פּאָעטישע האָפענס. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ער זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַרמיי, און עס קומט פאָר אַ שאַרפער איבערברוך, אַזוי אין זיין לעבן ווי אין זיין ליטעראַ־רישער שאַפונג.

ער קעמפט אַלס אָפיציר אויפן עסטרייכיש־רוסישן פראָנט, ווערט צוויי מאָל פאַרוווּנדעט, פאַלט אַריין אין רוסישער געפענגעניש און ווערט פאַרשיקט אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע אויף סיביר. אין יאָר 1917, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז ער פון געפענגעניש באַפרייט געוואָרן. אין יאָר 1919 איז ער אָנגעקומען קיין אָדעס. און דאָ איז פאָרגעקומען די געבענטשטע באַהעפטונג פון יידישן „מאַדיאַר״ מיט די גרויסע זיילן פון דער העברעישער שאַפונג, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט אָדעס אין אַ שם־דבר אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. המאירי האָט אין אָדעס זיך באַטייליקט אין אייניקע זשורנאַלן און זאַמלונגען, ביז ער איז זוכה — אין יאָר 1921 — עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל מיט אַ גרופּע פון העברעישע שרייבער, וואָס האָט באַקומען פון דער סאָוויעטישער מאַכט אַ דערלויבעניש אויסצוואַנדערן פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין ארץ־ישראל צעוואַקסט און צעצווייגט זיך די שאַפונג פון אביגדור המאירי. אין דער העברעישער דיכטונג איז ער פון די ערשטע עקספּרעסיאָניסטן. ווי אַ מענטש מיט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט און אַ שאַרפער פאַנטאַזיע, אַ מענטש פון קעגנזאַצן און עקסטרעמקייטן, אַ בונטאַריש־קאָכעדיקע נאַטור מיט פאַרשפּיצט־נערוועזער פילבאַרקייט — אין דעם עקספּרעסיאָניזם, מיט זיין גלי און פּאַטאָס, מיט זיין עקסטאַז

און בולט־רעטאָרישן סטיל, מיט זיין ווייטיקלעכן אויסגעשריי, האָט אַביגדור המאירים ליד געפונען איר עכטן, טרייען אויסדרוק. דער עקספּרע־סיאָניסטישער הויך־טאָניקער גאַנג איז געווען ווי געמאָסטן פּאַר דעם „באָרוועסן האַרץ", וואָס „וואַרפט אַרויס יעדן וויטיק, יעדן יאוש און צאָרן, יעדן אויפטרייסלענדיקן שוידער".

אין אַ נישט־געצוימטער שפּראַך, אַ באַלאָדענע מיט פּובליציסטיש־שטראָפּעדישע עלעמענטן, בונטע מעטאפאָרן, ברענגט המאירי ארויס בילדער פון אַ צעטרייסלטער וועלט, אין וועלכער עס שוועבן אונטערגאַנג־גשפּענסטער. און אין דער־אַ אַפּאָקאַליפּטישער אַטמאָספער ווערט נאָך מער לעכערלעך און טראַגיש צוגלייך דער גורל פון ייד, ווען עס איז באַשערט אַנטיילצונעמען אין פרעמדע מלחמות, וועלכער איז אָפּגעזונדערט אַפילו אין דעם אַלגעמיינעם גאַנג אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

*

די מלחמה מיט אירע שוידערלעכקייטן און ארץ־ישראל, אין דער תקופה פון דער דריטער עליה, זענען צוויי עיקר־עלעמענטן אין אַביגדור המאיריס ערשט־פּעריאָדיקע שאַפונגען. פון איין זייט — „השגעון הגדול" (דער גרויסער שגעון), ווי ער האָט אַ נאָמען געגעבן איינעם פון זיינע מלחמה־ביכער: די מענטשלעכע וואַזיניקייט, וועלכע פירט נישט נאָר צו חורבן און טויט, נאָר אויך צו דער פאַרדאַרבונג פון דער נשמה און צום סוף פון גלויבן. פון דער אַנדערער זייט — אויפגייענדיקע גאולה פאַרן יידישן מענטש און פאָלק, וואָס איז פאַרוועבט אין משיחישן פּאַטאָס און אין ראָמאַנטישע טרוימען. איין שטאַרק־וואָגיקער פליגל פון המאיריס ליטע־ראַרישן בנין ווייזט דעם וואַזיניקן מאַרש פון דער מענטשהייט צום האָטענטאָטן־לאַנד, ווי דער מחבר האָט אָנגערופן די מלחמה — דער מאַרש וואָס איז באַוועגט דורך זינלאָזער שנאה, פאַרטעמפּט די מאַרשי־רנדיקע און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ קאָלעקטיוון גולם, גרייט צו טויטן און געטויט צו ווערן. דער אַנדערער פליגל קלאַמערט זיך אין וויזיעס און הויכע אידעאַלן אויף דער באַנייטער ערד, אָבער אויך ער ווערט אָנגעגריפן מיט די פיילן פון דערווירקלעכקייט און עס דאָמינירט אין אים אַ פּעסימיסטישע, טונקעלע פאַרב.

אמת, מיר געפינען ביי המאירין ברענענדיקע פאָלקס־לידער, וועלכע

זענען געוואָרן זייער פּאָפּולער אין ישוב. אָבער אויך פון זיי טראָגט זיך אָפּט אַ מין פּאַטאָס פון יאוש. אין פּאָעזיע ווי אין פּראָזע איז המאירי געבליבן טריי דער פּעסימיסטישער איינשטעלונג, וועלכער ער האָט אויסגעדריקט אין אַ ליד בעתן סאַמע אָנהויב פון זיין שאַפונגס־וועג: „מיר איז נישט באַקאַנט דער געזאַנג פון בלומען".

די זכרונות פון די קינדהייט־יאָרן אין אונגאַרן האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אויפן שרייבער און זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט אָפּגערופן אין זיין שאַפונג. אָבער מיטן לויף פון די יאָרן זענען אָנגעקומען נייע צייט־געשעענישן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט מיט ציינערדיקע רעדער אין זיין ליטעראַרישן וועג. דאָס אויסגעטרוימטע ארץ־ישראל האָט באַוויזן אויך די צווייטע זייט פון איר מטבע — און די וועלט־הימלען האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו רויטלען, אָנזאָגנדיק דאָס אָנקומען פון די נייע געשפּענסטיקע פייער־צונגען. די פאַרבן פון המאיריס שאַפונג זענען נישט העלער געוואָרן. עס דוכט, אַז דער פּעסימיזם איז טיף פאַראַנקערט אין שרייבערס נשמה, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אינטערוויו (מיט גליה ירדני): „איך בין דורכאויס מיט שראַמען".

*

מען דאַרף עטוואָס ברייטער באַהאַנדלען המאיריס שאַפונגען אויף מלחמה־טעמעס. מיט זיינע איינדרוקספולע שוידער־בילדער פון דעם ערשטן „גרויסן שגעון", האָט ער זיך איינגעקויפט אַ באַזונדערן היסטאָרישן זכות אין דער העברעישער ליטעראַטור.

מיר וועלן אויסרעכענען אייניקע נעמען פון המאיריס ביכער און באַלד איינזען, ווי זיינע אייגענע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן באַלעסטיקט זיין שאַפונג אויף לאַנגע יאָרן: דער שוין־דערמאָנטער „גרויסער שגעון", „אין גהינום־של־מטה", „צווישן מענטשן־ציינער", „אונטער רויטע הימלען"...

דאָס זענען נישט קיין אויסגעצאַצקעטע פּרוכטן פון קינסטלערישער פאַנטאַזיע. ווי געזאָגט, ליגט דאָ אַ שטיק אייגן, בלוטיק לעבן. אין המאיריס מלחמה־דערציילונגען דאָמינירט אַ רעפּאָרטאַזש־עלעמענט מיט זיינע גוטע מעלות: אוממיטלבאַרע באַאָבאַכטונג, הייסער אָטעם, פּערזענלעכע עמאָציעס, מיטבאַטייליקונג אין דער האַנדלונג, נישט־געצוימטע אויסדרוקן פון

התפעלות אָדער אויפטרייסלונג, אַ דויערנדיקער „לעבעדיקער" קאָנטאַקט מיטן הריגה־פעלד... דערציילט דאָך דער מחבר אין דער הקדמה צו דעם „גרויסן שגעון": „אַ דריי יאָר בין איך געווען אויף דעם עסטרייכיש־אונגאַריש־דייטשן פראָנט קעגן די רוסן — און דאָרט, אויף דער פראָנט־ליניע, האָב איך פאַרצייכנט וואָס איך האָב געזען און געפילט אַלס לעבעדיקער מענטש... איך האָב נישט פאַרפוצט די פאַקטן און זיי אויך נישט פארמיאוסט. כ'האָב צו זיי גאָרנישט צוגעגעבן און פון זיי גאָרנישט אַראָפּגענומען". פאַרשטייט זיך, דער מחבר איז דאָ אַן אַרכיטעקט פון אַ קינסטלערישן בנין, אָבער — ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט — די שטיינער פון אָט־דעם בנין זענען פאַקטן.

מ'האָט אַביגדור המאירין באַטיטלט אַלס „העברעישער רעמאַרק", פאַרגלייכנדיק זיין פאַרמירונג פון די שוידערלעכקייטן און אומזין פון דער מלחמה, צו די שילדערונגען פון „אויפן מערב איז נישטאָ קיין נייעס". אַנדערע האָבן געמאַכט אַנאַלאָגיעס צווישן המאירין און אַנרי באַרביס („דאָס פייער"). אָבער מיט אַזעלכע אַנאַלאָגיעס קאָן מען נישט אויסשעפּן די באַשטימונג פון זיינע מלחמה־דערציילונגען. איז זיי איז באַזונדערס קרעפטיק־בולט דאָס „יידישע פינטעלע". אין דער קאַזאַרמע, אין מאַרש, אויפן פראָנט, אין געפענגעניש, אין פאַרשנייטן סיביר — אומעטום ווייזט דער מחבר נישט נאָר דאָס אַלגעמיינע מלחמה־געשפּענסט, די אַלמענטשלעכע טייכן פון טרערן און בלוט, נאָר ציט אַרויס אין פאָדערגרונט דעם ספּעציפיש־יידישן טראַגיזם.

מיר זעען דעם ייד אין אַ וועלפישער אַרומרינגלונג, אין אַ בהמיש־פאַרגרעבטער אומגעבונג; דעם ייד — קעגנאיבער אַ רוצחישער וועלט, מיט אירע קין־געזעצן, מיט דעם אויסגוס פון אירע חיהשע אינסטינקטן. אין אָט־די פינצטערע אומשטענדן רוקט זיך אָפּטמאָל אַרויס דער יידישער סאָלדאַט ווי אַ ליכט־טורעמל. המאירי ווייזט אים נישט ווי אַ פחדן, אָבער אויך ווען ער טוט זיין זעלנערישן חוב (ווי אומזיניק דער חוב זאָל נישט זיין) — פאַרלירט ער נישט, בדרך־כלל, דעם צלם־האדם. דאָס פאַרגאָסענע בלוט צערייצט נישט זיינע יצרים, נאָר וועקט דווקא איידעלע געדאַנקען און געפילן. אין דעם פאַרבאַרגענעם אינערלעכן געראַנגל, איז ביים יידישן סאָלדאַט כמעט שטענדיק גובר מענטש איבער חיה.

*

המאירי שפּרייזט אין סאָלדאַטישן מונדיר איבער די מלחמה־וועגן. ער זעט פּאַרפּייניקטע און צעשראָקענע מענטשן, דערפּער וואָס זענען אויסגע־לייזיקט פון די מענער, חרובֿע־פּאַרטריקנטע ווירטשאַפֿטן, מאָרד און רויב, צער און נויט, פּאַריאָמערטע משפּחות, הרוגים און פֿאַרוווּנדעטע — און דער מיליטערישער שינעל פֿאַרדעקט נישט דאָס קלאַפּנדיקע מענטשלעכע האַרץ. אָבער באַזונדער עמפּינדלעך איז ער לגבי די איבערלעבונגען פון יידישן סאָלדאַט, וועלכער דאַרף אויך אויסהאַלטן די שנאה־בליקן פון זיינע אייגענע, אַזוי־גערופענע ביקס־חברים.

מיט קראַפֿט (און הומאָריסטישן חן) שילדערט המאירי דעם גורל פון סאָלדאַטן־אינטעליגענטן, מענטשן פון פרייע פּראָפֿעסיעס — און זיי זענען כמעט אַלע יידן: „די מפונקים פון שיינקייט און מחשבה, וועלכע זענען אין איין אויגנבליק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין ציריק־לצים". זיי לעבן שווערער איבער די חזירישע פֿאַרגרעבטקייט פון קאַזאַרמע־לעבן, פון דעם סאָלדאַ־טשינע־שטייגער, און ליידן אינערלעך טיפער איבער דאָס גרויסע מלחמה־משוגעת. און דווקא זיי — אַן אַרטיסט אָדער שרייבער, מאַטעמאַטיקער אָדער אינזשיניער — ווערן שטאַרקער פֿאַראַכטעט פון יעדן פעלפעבל, וועלכער האַלט זיך פֿאַר אַ „פּערזענלעכן שליח" פון קייזער פראַנץ־יאָזעף... דער פעלדפעבל קוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די צעפּוילטע אינטעליגענטלעך און ער קנעלט מיט זיי אַ פּרק דיסציפּלין און פּאַטריאָטיזם. און איינמאָל, רעדנדיק וועגן דער „הויכער מדרגה" פון „העלדן־טויט", גיט זיך אַזאַ פעלדפעבל אַ זאָג: „צי מיינט איר דען, אַז העלדן־טויט איז אַ זאַך, וואָס ווערט פֿאַרקויפט אין יידישן מאַרק?" — אָדער אַן אַנדערן זאָג: „דער באַפֿעל פון אויבן איז נישט קיין תפילה און נישט אייער תלמוד"... דאַרף מען דאַך נישט קיין סך רייד כדי צו דערקלערן וואָס שפּילט זיך אָפּ אין האַרץ פון יידישן סאָלדאַט אין אַזעלכע אומשטענדן.

ווי געזאָגט, פֿאַרמאָגט המאיריס יידישער סאָלדאַט, אין אַלגעמיין גענומען, אַ ווידערשטאַנד־קראַפֿט קעגן די דעמאָראַליזירנדיקע באַצילן פון מלחמה און סאָלדאַטשינע. אינאיינעם מיט דער דאָזיקער מאָראַלישער אימוניטעט וואַכט אין אים און איבער אים זיין יידישקייט. זי קומט צום אויסדרוק נישט נאָר בעת גויאישע שנאה־אויסברוכן, נאָר אויך אין די מאַרשן און שלאַכטן. ווי רירנדיק, למשל, איז די דערציילונג וועגן די

צוויי דערהרגעטע יידישע קינדער. מיר באַגעגענען דאָ דער מוח־געשלאָ־גענער מאַמען, ווי זי באַשיצט דאָס דריטע, איינציקע עופהלע, וואָס שפּילט זיך אין וויגעלע מיט די אייגענע הענטלעך און פיסלעך: דאָס איז — שרייט די דול־געוואָרענע מאַמע — מיין קדישל! מיר טרעפן דאָ די יידישע זעלנער ווי אין אַ „פיינטלעכער״ שטוב. אויפן העלדזל פון דעם איינציקן „קדישל״ באַמערקן זיי די אַנגעהאַנגענע מזוזה־פּאַרמעטלעך. דער לייענער זאָגט דאַן נאָך די ווערטער פון „יתגדל ויתקדש״, וועלכע דער „רעקרוט״ יעקב שפּירא האָט זיך אָנועקגעשטעלט זאָגן ביי די צוויי טויטע קערפּערלעך אין דער שטוב פון „שונא״...

*

די פערזענלעכע מלחמה־איבערלעבונגען און די אַפּאָקאַליפּטישע פאַרגעפּילן, האָבן המאירין ווי כסדר פאַרפאָלגט, און ביי דער גאַנצער פאַרצווייגונג פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, האָבן די בילדער פון „דעם גרויסן שגעון״ פון אים נישט אָפּגעטראָטן. שטענדיק שוועבט איבער אים דאָס געשפּענסט פון דער זינלאָזער בלוט־פאַרגיסונג — דער אָנדענק פון דעם נישטיקן „ראָזן פלעק״, ווי עס זאָגט זיך אין איינעם פון זיינע מלחמה־לידער: „און פאַל איך אויף שניי־פעלד, נאָך יונג און נאָך קרעפטיק — איז גאָרנישט: אַ בלוט־פלעק אויף ווייסקייט פון שנייען״.

איז טאַקע נישט קיין ווונדער, וואָס כמעט אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט געשריבן, אין די דרייסיקער יאָרן, זיין ארץ־ישראל ראָמאַן „תנובה״, ווו ער שילדערט — אויף אַ גאַנץ סענטימענטאַלן שטייגער — די העראָיק פון טאָג־טעגלעכן חלוצישן לעבן אין דער תקופה פון דער דריטער עליה, שרייבט ער אויך זיינע איינדרוקן פון אַ באַזוך אין עסטרייך און אונגאַרן, מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „אַ רייזע אין דער ווילדער איראָפּע״, ווו ער וואָרנט קעגן דעם אויפגייענדיקן פאַשיזם.

זיין שנאה צו די דייטשע וועלט־אונטערצינדער האָט המאירי געבראַכט צום אויסדרוק אין אַ ריי לידער, וועלכע ער האָט געשריבן, אַזוי פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ווי אין גאַנג פון אירע שלאַכטן. אין דער לידער־זאַמלונג, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1944 און טראָגט דעם טראַגיש־סימבאָלישן נאָמען „המוקד הרן״ (דער זינגענדיקער שייטער), איז איינגעגלידערט אַ ציקל אויף דער טעמע פון חורבן, וואָס רופט זיך

„מזמור לדם" (אַ געזאַנג צום בלוט). נאָך דער צווייטער מלחמה האָט המאירי אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן, „דער ווייסער משיח" — אַ פאַנטאַס־טישער אָבער טיף־דענקענדיקער געוועב, וואָס פרוווט זיך דערגרונטעווען צו די פינצטערע תהומות פון דער נאַצישער פעסט, און וואָס אָטעמט מיט גליענדיקער פאַראַכטונג צו מלחמה און צו די דייטשע רוצחים.

פון המאיריס נאָך שפּעטערדיקע שאַפונגען דאַרף דערמאָנט ווערן זיין ראָמאַן „דער סוד פון סאָקראַטעס", אין וועלכן דער מחבר מאָלט די געשטאַלט פון גרויסן גריכישן דענקער מיט דער הילף פון דיאַלאָגן (לויט דעם גאַנג פון פּלאַטאָן) און ברענגט צום אויסדרוק די אויפפאַסונג וועגן דעם איינפלוס פון דער יהודה־קולטור אויף דער גריכישער קולטור אין די סאַמע הויכן פון איר אויפבלי.

אָבער צו וואָס אַביגדור המאירי זאָל זיך נישט נעמען — דער „ראָזער פלעק" אויף דער ווייסקייט פון שנייען קען נישט פאַרווישט ווערן פון זיין דמיון און באַוווסטזיין...

לאה גאָלדבערג

ליריק — אנטקעגן אַ פאַרשטיינערטער וועלט

ווען מען בלעטערט דאָס לידער־בוך פון לאה גאָלדבערג „מוקדם ומאוחר", אין וועלכן די דיכטערין האָט צונויפגעזאַמלט אַן אויס־וואַל פון איר שאַפונג במשך פון צענדליקער יאָרן, איז נאַטירלעך די אויפמערקזאַמקייט צו דער פאַרשידנאַרטיקייט און אַפילו קעגנזאַצן, וואָס די דאָזיקע שאַפונג אַנטהאַלט, אָדער פאַרקערט — צו די איינהייטלעכע פעדעם, וואָס ציען זיך פון די פריסטע ביז שפּעטסטע לידער פון דער דיכטערין.

דער ערשטער איינדרוק: איבער אַלע טיילן פון לאה גאָלדבערגס בוך הערשט אַן ענלעכער „קלימאַט", כמעט דער זעלבער אַראָמאַט. עס טוישט זיך די טעמאַטיק, מיר באַגעגענען כסדר נייע מאָטיוון, נייע געפילן, נייע איבערלעבונגען, אָבער די פּאָעטישע אַטמאָספער, ווײַזט־לעך, ענדערט זיך נישט.

אין לויף פון די יאָרן האָט לאה גאָלדבערג געוויס איינגעזאַפּט פאַרשידענע השפּעות, אָבער זיי האָבן זיך איבערגעשמאָלצן אין איר אייגענעם פּאָעטישן „איך". די דיכטערין האָט די פּעריאָדישע צייט־שפּורן און ווירקונגען פאַראייגנט. ס'האָבן זיך געביטן אירע אויסדרוק־פאָרמען, זי האָט אַבסאָרבירט אַלץ נייע מעטאַפאָרן און אימאַזשן, אָבער זי האָט אויף אַלץ אַוועקגעשטעלט איר בולטן פּערזענלעכן חותם.

*

קומט מען נענטער צו לאה גאָלדבערגס דיכטערישער וועלט, מאַלט זיך שטאַרק אויס איר פאַרבנרייכקייט און שטימונג־דיפערענצירונג, ביז עס ווערט פּשוט שווער צו געפינען אַ קלאָר־באַשטימטע דעפיניציע פאַר איר שאַפונג. קענסט דאָ אָנזאַמלען פולע הויפנס פון ציטאַטן, וואָס וועלן איבערצייגן, אַז דאָס איז אינטעלעקטועל־דענקערישע דיכטונג, אָבער איינצייטיק קען מען אָנווייזן אויף פיל רירנדיק־עמאָציאָנעלע לידער. אָט איז לאה גאָלדבערג אַזוי פּערזענלעך־אינטים — און אָט האָבן מיר פאַר זיך לידער מיט אַ בולטן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. אין נאָענטער שכנות (אַזוי „געאָגראַפיש", אין בוך, ווי כראָניקאַליש — לויט דער שאַפונגס־צייט) געפינען מיר לידער אין וועלכע עס דאָמינירט אַ גאָר־פּשטותדיקער טאָן, כמעט ווי אין אַ שטובּיקן געשפּרעך, און לידער, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט ראַפינעריע. פאָלקסטימלעכע פאָלקלאָריסטיק פלעכט זיך איבער מיט אויסגעזוכטער, שטאַרק־אויס־געדמיונטער סימבאָליק. מען פילט דאָ פרויען־צאַרטקייט, אָבער אויך אַ מין „מענערישע" געלערנטקייט. און עס קומען כסדר קאָנפראָנטאַציעס פון דער אייגענער קליינינקער וועלטעלע מיט דער אימהדיקער גרויסער וועלט. לאה גאָלדבערג, דוכט זיך, איז שטרענג־אינדיווידואַליסטיש, אָבער גלייכצייטיק הערסטו ווי דער דור שרייט אַרויס פון אירע שורות. ביי איין לידער־ציקל קומט מען צום אויספיר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ בפירוש סאָציאַלער דיכטערין — און ביי אַן אַנדער ציקל (אָדער איינצלנע לידער) זעט מען לאה גאָלדבערגן אין די ד' אמות פון ענג־פּערזענלעכע איבערלעבונגען. אָט איז זי פולשטענדיק פאַראַנקערט אין לעבנס־רעאַליטעטן — און אָט איז זי פאַרטראָגן ווייט אין וויזיע און חלום. אין איין אָרט רעפּרעזענטירט זי זיך העכסט־ניכטער, אויסגע־

לײדיקט פון װעלכער עס איז אילוזיע, און אין אַן אַנדער אַרט אַנטלױפט זי פון דער װירקלעכקײט אין ספערן פון זעלבסטאָפּנאַרערישער פאַנטאַזיע. אָט איז דער לײענער זיכער, אַז דער עיקר־קאַלאָריט פון דער דאָזיקער דיכטונג איז אַ פּעסימיסטישער, אַ יאושדיקער, אַ האָרבסטיקער — און באַלד געפינען מיר ליכטיקע, זוניקע, פרילינגדיקע שורות...

*

אין פלוג גענומען קען טאַקע אױסזען, אַז לאה גאָלדבערגס שאַפונג איז צעפליקט דורך אַן אַ שיעור סתירות. אָבער אַלע אױסגערעכנטע דיפערענצירונגען זענען בעיקר. אַן אױסדרוק פון אַן אינערלעך־רײכן, קרעפטיק־פולסירנדיקן, גײסטיק און עמאָציאָנעל לעבן. די עצם אינטענסיװיטעט פון דער דיכטערינס געדאַנקען־און־געפילן װעלט, זענען, װײזט אױס, אַ שטערונג צו אײנציק־כיװונדיקע אינהאַלט און טאָן.

עס קלינגט אפשר פּאַראַדאָקסאַל, אָבער אַזאַ איז לאה גאָלדבערגס דיכטונג: אַ צונױפשמעלץ פון אונטערשײדן און אַפילו קעגנזאַצן. אָט אַזױ מאָלט זיך אױך אױס אין אירע אױגן דעם מענטשנס גורל (אָדער דער אײגענער גורל): „אין אַ זײדן העמד" (װי דער נאָמען פון אירס אַ ליד) אַנטקעגן אַ „פאַרשטײנערטער װעלט". די דיכטערין איז פאַרװעבט אין חלומות, אָבער זי באַגעגנט ניכטער די „אױפװאַכונג־שעה". אין אַן אַנדער ליד זאָגט זי: „יעדער טאָג בױט מיך אױף און צעשטערט מיך". אַנטקעגן איר פענצטער, אין די צװײגן פון בױם, נעסטיקן טײבעלעך, אָבער „די נאַכט האָט צו מיר געשיקט קלוגע סאָװעס"...

*

די שפע פון דיפערענצן איז קענטיק אױך אין דער פאָרעם פון לאה גאָלדבערגס שאַפונג. איר ליד איז אָנגעלאָדן מיט אימאַזשן, אָבער עס איז זײער קלאָר און לײכט־פאַרשטענדלעך. זי איז „פאַרבירגערט" אין דער מאָדערניסטיק; פון דעסטװעגן זענען אירע דיכטערישע מאַניערן און אױסטראַכטענישן צוגענגלעך נישט נאָר פאַר יחידי־סגולה. אין אַ פשוט לשון קען מען זאָגן: בײ דער גאַנצער רײכקײט פון איר פאַנטישן דמיון, „קלעטערט זי נישט אױף די גלײכע װענט"... אמת, דאָ און דאָרטן קענסטו זיך אָנשטױסן אױף איבערגעשפּיצטע פאַרגלײכן,

אָבער אין אַלגעמיין איז די דיכטערין איינגעהאַלטן און איבערקלייבעריש אין דער מעטאַפאָריק.

מען טרעפט ביי לאה גאָלדבערג זייער געוואָגטע ווערטער־שפּילן און גאַנץ־איבעראַשנדיקע ווערטער־פאַרבינדונגען, דאָך קען מען איר נישט פאָרוואַרפן סתם־יאָגעניש נאָך באַנייאונגען. עס איז איר נישט פרעמד קיין עקספּערימענטן־טענדענץ, אָבער זי איז גענוג פאָרזיכטיק און באַציט זיך מיט כבוד צו אַלט־אויסגעפּרוּווטע פאָרמען. און פאַר־קערט: ביי איר גאַנץ־פרייער באַנעמונג, אָפּטמאָל, מיט די אָנגענומענע פּאָעטישע כללים — איז קענטיק איר דיסציפּלינירטע האַלטונג, די באַמיאונג צו דערגרייכן מאַקסימאַלע עקזאַקטקייט צווישן געפיל און וואָרט, מאַקסימאַלע אידענטיפיצירונג פון אויסדרוק מיט דעם באַגריף.

*

לאָמיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער איניקע בייטן פון לאה גאָלדבערגס דיכטונג און אַ ביסל אַריינקוקן אין אירע מאָטיוון.

אין אַ היפּשער טייל פון אירע פריערדיקע לידער דאָמינירן אור־באַניסטישע מאָטיוון, וועלכע זענען הויפּטזעכלעך מעלאַנכאָליש באַפאַרבט. די שטאָט האָט טאַקע אָט־די לידער צום לעבן געבראַכט און אין זיי — ווי אין אַ רוישנדיקן כרך — בלאָנדזשעט אַ פאַראיינזאַמטער מענטש, נערוועז, אומעטיק... עס ליגט דאָ די פרעמדקייט פון דער טומלדיקער גאַס און די עצבות פון דער אָפּגעשלאָסנקייט הינטער פאַרריגלטע לאָדנס, דורך וועלכע עס קריכן אַריין מאָדנע שאָטנס... ס'איז דאָ פאַרבאָרגן אַ מין שרעק, אויסגעשפּרייט אַ מידקייט. עטוואָס פון אָט־דעם טעם פאַרזוכן מיר שוין אין נאָמען פון לאה גאָלדבערגס ערשטן לידער־באַנד: „רויך־רינגלעך".

„גרויסשטאָטישע" מאָטיוון, האָבן, אמת, נישט איבעריק היימיש אויס־געזען אויפן פאָן פון פאַר־מלחמהדיקן ארץ־ישראל, וואָס אַפילו אירער אַ „כרך" האָט געהאַט אַ גאַנץ־פּאַסטאָראַלן כאַראַקטער און די לופט איז אַרום־און־אַרום געווען אָנגעזאָפּט מיטן ריח פון פרדסים־בליאונג... אָבער אַזעלכע מאָטיוון מוזן נישט זיין דיקטירט פון דרויסנדיקע זאַכלעכקייטן; דער עיקר, זיי זאָלן אָפּשפּיגלען די אינערלעכע דיכטער־וועלט. לאה גאָלדבערגס אורבאַניסטישע מאָטיוון פאַרכאַפּן טאַקע מיט זייער אויפריכ־טיקייט, ווייל דו שפּירסט אין זיי דער דיכטערינס פאַרשאַרפטע פילבאַרקייט.

פאַרשאַרפטע פילבאַרקייט איז געבונדן מיט פּאַראַגעפּיל. דוכט זיך, אַזוי לאָזט זיך אויסטייטשן אַ גרינגס־נאָסטאַלגיע פון דער דיכטערין אין אַ צייט ווען די ארץ־ישראל־שטאָט איז נאָך גאַנץ־ווייט געווען פון אַ בולט־אורבאַ־ניסטישן אויסבליק: „אין שאָטן פון אייזן־ראַמען און צעמענט־גלייכגיל־טיקייט, צווישן הייזער־קוואַדראַטן און דעכער־דרייעקן... — ווי אַ פּיצל זכרון פון אַנדערע טעג איז אָט דער גערטנדל אין דער שטאָטישער צייט"...

*

ווי אין דער גאַנצער דיכטונג פון לאה גאָלדבערג, אַזוי געוויס איז נישט צו געפינען קיין גראַד־איינהייטלעכע ליניע אין אירע ליבע־לידער, וואָס פאַרנעמען אַ ברייטן פּלאַץ אין איר שאַפונג (אגב: זי האָט אַ ציקל פון 13־שורהדיקע ליבע־סאָנעטן, באַזירט אויפן גימטריה־חשבון: אהב"ה — 13). דאָס מענטשלעך לעבן גופא איז דאָך נישט קיין איינפאַר־ביקער אויבערפלאַך — און אוודאי זענען נישט איינטאָניק די אַנטפּלעקונגען און „קאַפּריזן" פון ליבע. זענען טאַקע לאה גאָלדבערגס ליבע־לידער רייך אין וואַריאַציעס.

דו טרעפסט דאָ דערינערונגען פון „ערשטער ליבע" (דאָס איז דער נאָמען פון אַ ליד). זי פינקלט זיך „אַזוי ליבלעך און אַזוי לעכערלעך, און פון דער ווייטנס אַזוי קליינטשיק". צווישן די שולע־חלומות און דער איצ־טיקער „שווער־טאַגיקער דערוואַקסנקייט" ליגט אַן אָפּגרונט פון יאָרן און פון „חורבות־גרוז, בלוט און אַש", אָבער עס געדענקען זיך זיסלעך־קינ־דערישע איבערלעבונגען: „צי לכבוד דיר, לכבוד אונדז, האָבן אין בלי־צייט אַלע קאַשטאַנען פון אונדזער גאָרטן אָנגעצונדן שלאַנקע, ווייסע ליכט ?..."

אין דעם ליד און ענלעכע וואַרפן זיך אין די אויגן האַרציק־נאַיווע שטימונגען און אַ זוניקע באַפאַרבונג. אין אַנדערע בלעטער, בעיקר שפּעטערדיקערע, שפּירט זיך אַ בין־השמשות־אַטמאָספער. און אין מעלאַנכאָלישער פאַרטראַכטונג ווערן פאַרטיפט די ליבע־איבערלעבונ־גען: „אויף יענער זייט מויער האָבן אונדזערע אויגן געזען איינגעהילטע בערגעלעך פון אַ בית־עלמין. אָבער ווען אַפילו מיין האַרץ האָט אין טויט געגלויבט, אין דיר האָבן מיר ביידע געלעבט אין באַשיידנקייט, אַן עיוות־דין".

ווייטער ווערט בולטער אַ טראַגישער עלעמענט: אומבאַפרידיקטע ליבע, אַנטוישונג, שרעק, ביטערניש פון צעשיידונג, ווונדן פון אָפּגעַ־נאַרטער דערוואַרטונג. דאָ געפינען מיר אויסדרוקן פון זיך־אַליין־שלאָגן פאַר דורכפאַלן, פאַר אויסגערונענע חלומות...

אָבער וואָס שפּעטער אַלץ מער קרעפטיקט זיך דער באַוווסטזיניקער צוגאַנג צו די ליבע־איבערלעבונגען, צו אירע פרילינגען און האַרבסטן. אין באַוווסטזיניק לייטערן זיך אפילו ווייטיקן — „צעבליען זיך ליבע־ווונדן". די פיינפולע זכרונות ווערן אויך גאָר טייער — און די דיכטערין באַמיט זיך זיי צו פאַרהיטן, איבערטראַגנדיק די נשמהדיקע זכרונות־טראָפּנס אין ממשותדיקע קעגנשטאַנדן, ביז זי שפּירט די „ריחות פון נעכטנס אין די קנייטשן פון אונדזערע בגדים"...

לאה גאָלדבערגס ליבע־לידער זענען ווי געוואַקסן מיט איר גאַנצער דיכטונג. מיט דער צייט קומט אין זיי צום אויסדרוק די פאַר איר כאַראַקטעריסטישע שפּאַנונג און צוגלייך סינטעזירונג צווישן ליריש־עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועל־פילאָזאָפישע יסודות.

*

איצט וועלן מיר זיך אַ ביסל אָפּקערן פון לאה גאָלדבערגס עיקרדיק פּאָעטישן שליאַך און אַ קוק טאָן אויף אַ פעלד וואָס איז בדרך־כלל זייער הפקרדיק — אויפן געביט פון אונדזער קינדער־ליטעראַטור, ווו די דיכטערין האָט צוגעטראָגן אַ וווּנדערבאַרן ביישטייער. אין ערשטן אויגנבליק קומט עס אפשר אויס משונהדיק: די אינטעלעקטועלע דיכטערין, די אַנאַליטיש־ראַציאָנאַליסטישע קריטיקערין, אָן אַקאַדעמישע לעקטאָרין — ווי געפינט זי דעם וועג צו די הערצער פון קליינוואַרג? ווי קוקט זי אָן די וועלט מיט תמימותדיקע קינדערישע אויגן? און ווו נעמט זי די געהעריקע קינדערישע שפּראַך? און ווייסנדיק, אַז אַ גרויסע טייל פון לאה גאָלדבערגס דיכטונג פאַרמאָגט אַ גאַנץ עלעגישע אינטאָנאַציע, ווי קען זי מאָלן די פריידיק־פאַנטאַסטישע וועלט פון קינד?

אָבער לאה גאָלדבערג איז אפשר טאַקע דערפאַר אַזאַ באַצויבערנדיקער מייסטער פאַר קינדער־ליטעראַטור, ווייל איר אַלגעמיינע דיכטונג איז פילאָזאָפיש־דענקענדיק געשטימט. שוין לאַנג צייט צו פאַרוואַרפן די נאַרישע איינשטעלונג אַז כדי צו שרייבן פאַר קינדער מוז

מען נישט פֿאַרמאָגן צופֿיל אינטעליגענץ; אַז אויב פֿאַר גרויסע דאַרף מען גרויסן שרײַבערישן טאַלאַנט — איז פֿאַר קלײנע גענוג קלײנער טאַלאַנט... ס׳איז לעכערלעך זיך אײַנצורעדן, אַז מ׳קען דאָס קינד אָפּנאַרן מיט פֿאַרשידענע באָבע־מעשׂיות און קלאָץ־אויסטראַכטענישן.

די בעסטע קריטעריע פֿאַר דער קוואַליטעט פֿון אַ ליטעראַריש ווערק פֿאַר קינדער איז אפֿשר: צי אַ דערוואַקסענער אינטעליגענטער מענטש קען פֿון אים האָבן קולטורעלע, קינסטלערישע, עמאָציאָנעלע און עסטע־טישע הנאה? און לײענענדיק פֿאַרן זונעלע און פֿאַרן טעכטערל לאה גאָלדבערגס קינדער־לידער, װעלן טאַטע־מאַמע אַלײן באַהערשט װערן מיט זײער שטימונג, געדאַנקלעכקײט, ריטעם און פֿאַרב. כ׳וואָלט אַפֿילו געוואָגט צו זאָגן, אַז מאַנכע פֿון אירע קינדער־לידער זענען פֿילאָזאָפֿישע מעדיטאַציעס פֿאַר קלײנוואַרג. זײ זענען אַ פֿײנער אינ־סטרומענט פֿאַר דערוועקן אין קינד באַגערן צו גוטסקײט און שײנקײט, פֿאַר דער אויסברײטערונג פֿון זײנע האָריזאָנטן, פֿאַר דער דערהײבונג פֿון דער קינדערישער נשמה. דערבײ לעבט זיך אײַן די דיכטערין מיט דער קינדער־ישער פּסיכיק. אירע באַשרײַבונגען פֿון מענטשן און גאַסן־בילדער, בלומען און בעלי־חיים, זאָגן עדות אויף איר דורכדרינגלעכער „קינדערישער" אָבסערוואַציע־קראַפֿט. מיט אירע שאַרפֿע חושים און צעוואַקסענער פּאָעטישער פֿאַנטאַזיע ברענגט זי אַרויס אין דער קינדער־דיכטונג עכטע פּערל, מיט וועלכע עס קענען זיך שפּילן אויך באַיאָרטע, מיושבֿדיקע מענטשן.

אָט, אַ בײַשפּיל: צי װעט נישט אי קינד, אי טאַטע־מאַמע — יע־דער, פֿאַרשטײט זיך, אויף זײַן שטײגער — זיך קוויקן מיט אַזאַ ליד ווי „בושלעס דערצײלן"? „די אָזיערע איז שטיל ווי אַ קאַרטע. אויף איר ברעג, אין צוויי שורות, מאַכן זיך בושלעס די פּריזור, פּוצן זיך און חנדלען זיך ווי שיינע דאַמען — און, פֿאַרשטענדלעך, פּלאַפּלען. זאָגט אײנע, אַז זי האָט פֿון אַן אַנדערער געהערט, אַז אין אָוונט האָט זיך אין דער אָזיערע געבאָדן אַזאַ מין מענטש. אַ מענטש — קוקט און באַ־װוּנדערט: ער האָט גאָרנישט אַזעלכע זאַכן: נישט קײן פֿליגל און נישט קײן פֿעדערן — סתם אַ ליסער ווי אַן אײ! נאַרישקײטן וואָס דו רעדסט, — האָט זיך אַן אַנדערע אַרײַנגעמישט — ווו איז דײַן קאָפּ? ס׳איז גאָר קײן װוּנדער נישט. דער מענטש איז געווים אַ קינד און נאָך

אין דער שאָלעכץ. וואָרעם ווי קען אַ באַשעפעניש לעבן אָן פליגל און אָן פעדערן?״

דאָס ליד איז אַ ליד פון בוך „מה עושות האילות״ (וואָס טוען די הירשינס), וואָס רופט זיך אויפן נאָמען פון דאַרטיקן ערשטן ליד. לאָמיר זיך אויך צו אים צוהערן: „ווער היט זייער (די הירשינס) זיסן חלום? די ווייסע לבנה פון דער וויטנס. זי קוקט אַריין אין גאָרטן מיט אַ שמייכל און זאָגט צום רויב־פויגל און שאַקאַל: שלאָף און שוויַיג! וואָס חלומען די הירשינס אין די נעכט? זיי חלומען, אַז די גרויסע העלפאַנ־טינס האָבן מיט זיי אין דזשולעס געשפּילט — און זיי, די הירשינס, האָבן אַלץ און כסדר געוווּנען. און ווער וועקט זיי אויף, די הירשינס, פון זייער שלאָף? דער מאָרגנשטערן, זייער חבר — ער וועקט זיי אויף אין פרימאָרגן״.

און אַזוי אין פיל אַנדערע קינדער־לידער, „באַפּעלקערטע״ מיט „שאָקאָלאַד־העזלעך״ און „בערעלעך־שיך־פוצער״ מיט מעוועס און וויע־ווירקעס, גאָלד־פישלעך און פליענדיקע רייטער... אויף ליריש־געדענק־לעכע סטרונעס שפּילט לאה גאָלדבערג אויס קלאַנגען־רייכע פאַנטאַס־טישע סימפאָניעס.

*

מיר גייען צוריק צו לאה גאָלדבערגס לידער „פאַר דערוואַקסענע״ און געפינען אין זיי שטאַרקע שפּורן פון איר געבורט־לאַנד און קינד־הייט־אומגעבונג. פון דאָנען איז שפּעטער געבוירן געוואָרן — מיט די ווערטער פון דער דיכטערין — דער „ווייטיק פון צוויי היימאַטן״. אָט־דעם מאָטיוו ווילט זיך אַ ביסל מער באַלייכטן. אָבער צו דעם צוועק דאַרף מען מקדים זיין אַ פּאָר ביאָגראַפישע שורות.

לאה גאָלדבערג איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע אין יאָר 1911. דאָרט האָט זי געלערנט אין אַ העברעישער גימנאַזיע. שפּעטער האָט זי שטודירט אין ליטווישן אוניווערסיטעט און אין די דייטשע אוניווער־סיטעטן פון בערלין און באָן. זי טראָגט דעם טיטל דאָקטאָר פאַר פילאָ־זאָפיע. איר ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זי אָנגעהויבן אין די אוני־ווערסיטעט־יאָרן. קיין ארץ־ישראל איז זי געקומען אין יאָר 1935, אָבער אירע לידער האָבן זיך שוין געדרוקט אין לאַנד מיט עטלעכע יאָר פריער. אינאיינעם מיט איר פאַרצווייגטער ליטעראַרישער טעטיקייט,

איז זי אין די לעצטע יאָרן באַשעפטיקט אַלס לעקטאָרין פון ליטעראַטור און דראַמע אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

דערמאָנענדיק דעם „ווייטיק פון צוויי היימאַטן" דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז בדרך־כלל איז אין לאה גאָלדבערגס דיכטונג גאַנץ זעלטן דער „ווידוי"־עלעמענט. איר האַרציקע ליריק איז דאָך געצווימט און דערלאָזט נישט קיין צעגאָסענע סענטימענטאַלישקייט. און אויך ווען זי ברענגט אַרויס טיפע בענקשאַפט צו די אַלטע היימאַט־לאַנדשאַפטן, איז איר צוגאַנג נישט קיין טרערנדיקער, נאָר דורכגעדרונגען מיט באַ־ווּסטזיין פון דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אָפּרייסן זיך פון „יענע מקומות". אָבער זיך־פרעמדן צו זיי קען די דיכטערין נישט און וויל נישט.

ווייזט אויס, אַז דער ליטע־זכרון איז טיף פאַראַנקערט אין דער דיכטערינס האַרץ. אין אַ ריי לידער האָט זי זיך אומגעקערט צו אירע קינדהייט־ און יוגנט־לאַנדשאַפטן, צו דער „אַלטער היים" און אירע געשטאַלטן, צו משפחה־בילדער, צו דער סביבה וווּ זי איז אויסגעוואַקסן. אין איין ליד (פון ציקל „פון מיין אַלטער היים") זאָגט לאה גאָלדבערג: „פון מיין אַלטער היים איז נישט פאַרבליבן מער ווי דער זכר פון אַ פאַרטונקלטער בענקשאַפט". אָבער דאָס באַוווּסטזיין פון דעם פאַרלוי־רענעם פאַרשאַרפט די נאָסטאַלגיע־געפילן. אין איר לשון: ס׳טראָגט זיך „דער ריח פון פאַרגעסענעם".

ביים ערשטן אַריינבליק געפינען מיר דאָ פשוט־האַרציקע דערינע־רונגען, וווּ בין־השמשותדיקע שטימונג פלעכט זיך מיט חנפולן הומאָר. אָט איז אַ פאָלקסטימלעך־דערציילעריש ליד, וווּ זי באַשרייבט יידיש־ליט־ווישע באַלעבאַטישקייט: „דער טיש אויף דער וועראַנדע, און אינמיטן, אויף אַ טאַץ, אַטעמט, ווי אַן אַסטמע־אַנגעגריפּענער, אַ צעהיצטער און גלאַנצנדיקער סאַמאָוואַר. אַן עדה כוסות זינגט צו אים מיט דער שטים פון זילבער און גלאָז"...

אין אַנדערע לידער דערמאָנט די דיכטערין די געסלעך פון שטעטל און די דאָרפס־יונגען — דורך־און־דורך אויסגעטראָטענע, אויסגעפּאַ־רענע, ממש דורותדיקע. אין אירע אויערן הילכט נאָך די קאַטערינקע־מעלאָדיע, דאָס הייזעריקע קול פון דער הויקערדיקער קבצנטע, דאָס גאָרגלדיקע געלעכטער פון אונטער די בריקן, דער געקלאַנג פון עמער

ביי דעם אונטערזינגענדיקן ברונעם. עס טראָגן זיך פאַר אירע אויגן די דעכער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צום טייך; דער שטאָט־פּאַרק, אין וועלכן עס סודעט זיך נאָך דאָס לעצטע פאַרליבטע פּאָרל; דער „גרינער באַרג" און דער טומלדיקער פיש־מאַרק — „אַ גיהנום צאַפּלט אין עמערס"... אין זכרון שווימען אויף קאַשטאַן־ביימער, גיטאַרעס, געהאָפטענע טיכלעך און באַליבטע וויבער — „שטיקער נחת"...

*

אין שטראָם פון די זכרונות קומען אונטער אויך טרויעריקע בילדער — די צווייטע זייט פון דער יידישער ליטע־מטבע: שרעק, אומעט, עלנטקייט, ליידן, און בעיקר „די אַלטקייט וואָס איז אויסגעקריצט אויפן שטערן פון פינף־יאָריקע: באַרויבטע קינדהייט וואָס קען נישט לאַכן"...

פון דעסטוועגן זענען אַלע פאַרגאַנגענהייט־בילדער געוואָרן וויטיקלעך־טייער. די דיכטערין איז פון דאָרטן — לויט איר אייגענער עדות — אַוועקגעגאַנגען און זיך נישט געוואָלט אומקערן. אָבער „מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס איך האָב נישט ליב געהאַט, איז געוואָרן צוריק מיין ליבער עבר... אין זכרונות־טרער שיינט דאָס גרויע היימלאַנד... אין דער זכרונות־טרער שיינט דער פאַרלוסט, וואָס האָט נישט קיין פאַרבייט"...

לאה גאָלדבערג ברענגט אָבער אַרויס פיל מער ווי געוויינלעכע בענקשאַפט־געפילן. איר פּאָעטישע וועלט זעט מאַנכעס מאָל אויס ווייטיקלעך פאַרוועבט אין צוויי היימאַטן. די דאָזיקע, אַזוי צו זאָגן, לירישע „טאָפּלט־לאָיאַליטעט" קומט בולט צום אויסדרוק, ווען זי שטייט אין ארץ־ישראל פאַר סאָסנע־ביימער (אין ליד „סאָסנע" פון ציקל „ביימער"): „דאָ וועל איך נישט הערן די שטים פון דער קוקאַווקע. דאָ וועט דער בוים נישט אָנטאָן קיין שניי־היטל. אָבער אין שאָטן פון די דאָזיקע סאָסנעס — מיין גאַנצע קינדהייט האָט דערוואַכט. דער רויש פון די נאָדלען: געווען איז געווען אַמאָל... כ'האָב היימאַט אָנגערופן דעם שניי־רוים, דעם גריניקן אייז וואָס שמידט דעם פלוסל, דער שפּראַך פון ליד אין אַ פרעמד לאַנד. אפשר נאָר וואַנדער־פייגל — ווען זיי הענגען צווישן הימל און ערד — ווייסן אַט דעם ווייטיק פון צוויי היימאַטן. מיט אייך, סאָסנעס, בין איך צוויי מאָל פאַרפלאַנצט געוואָרן, מיט אייך בין איך געוואַקסן — און מיינע וואָרצלען שטעקן אין צוויי פאַרשידנאַרטיקע לאַנדשאַפטן".

אהרון צייטלין

גערא‎ַנגל פון יאוש און אמונה

„פערזן פון דעם גרויסן חורבן־ישראל און משיח־לידער, אַלטע און נייע, מאָטיוון פון פאַרצווייפלונג און מאָטיוון פון גלויבן, האָב איך מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה צוזאַמענגעבראַכט: אַ רמז, אַז יאוש און אמונה דאַרפן זיך דערגאַנצן". די דאָזיקע ווערטער זענען גענומען פון אהרון צייטלינס אַריינפיר צו זיינע „געזאַמלטע לידער" (אַרויסגעגעבן אין יאָר 1947) — און זיי קענען דינען, אין אַ קענטיקער מאָס, ווי אַ פּאָעטישע וויזיט־קאַרטע פון אָט־דעם יידיש־העברעישן שרייבער.

דער צוזאַמענוווּקס פון חורבן־איבערלעבונגען און משיח־וויזיע האָט באַקומען אַ טיפן אויסדרוק אויף אַ ברייטערער קינסטלערישער קאַנווע אין צייטלינס דראַמאַטישער פּאָעמע (פון אַן ערך 400 זייטן) „בין האש והישע" (צווישן פייער און דערלייזונג). דאָרט הערן מיר דעם ווונטש פון שאלתיאלן, וואָס רעדט געוויס אין דיכטערס נאָמען, אַז אינעם פאָלק זאָל אויפקומען אַ נייע סעקטע, אַ סעקטע פון גאולה־באַגערער, וועלכע וועט טראָגן דעם אויסטערלישן נאָמען: שמל"ת. וואָס מיינט עס? שמל"ת איז אַ נייער און טאָפּלטער „שיוויתי": „שיוויתי מאַידאַנעק לנגדי תמיד" „שיוויתי משיח לנגדי תמיד"...

*

אין „בין האש והישע" — באַזונדערס אין די דיאַלאָגן צווישן שאלתיאלן און דעם „סאַברע"־בחור — ווערט אויפגעקלערט דעם דיכטערס מדינה־אויפפאַסונג. אין קעגנזאַץ צום סאַברע אין דער פּאָעמע, וואָס זוכט נישט קיין חלום־הימלען נאָר ממשות־ערד, וואָס פאַרלאַנגט אַ מדינה ווי אַלע וועלט־מדינות, אָן סתרי־תורה און אָן ל"ו־דמיונות — לעכצט שאלתיאל צו אַ מקדש־ממלכה, צו אַ נייעם מענטש־מין, וואָס וועט אויפקומען אין יידן־לאַנד. ער קוקט אויס אויף „אדמשיח" אין „עמשיח" (אדמשיח — אַ פאַראייניקונג פון צוויי ווערטער: אדם און משיח; עמשיח — פאַראייניקט די ווערטער עם און משיח). שאלתיאל טענהט קעגן דעם סאַברע: „אויב די דאָזיקע ערד וועט זיין סתם אַ היימלאַנד — פאַרוואָס זאָל דיין זון נישט פאַרלאָזן אַט־דעם סתם און נישט אַוועקגיין צו אַן אַנדערן סתם, צום סתם פון דער קאָכעדיקער דרויסן־וועלט? אויב דו וועסט אים לאָזן ירושה סתם־אַ־לאַנד — טאָ וואָס ירשנט זיין נשמה?".

די זעלבע פאַרלאַנגען־טענות דריקט דער דיכטער אויס נאָך מער דירעקט אין זיין „ליד צו דעם סאַברע". דאָס ליד איז אָנגעלאָדנט מיט טעמפּעראַמענט און אידעע — און ס'איז כדאי פון אים צו ברענגען גרע־סערע אויסצוגן:

כאָטש אין ישראלס ספר־הדורות
בין איך אַ נקודה אָן פאַרנעם,
ווערט מיין זאָג דיר געזאָגט
אין נאָמען פון אַ צוויטויזנט־יאָריקן קלעם,
אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה,
וואָס איז דיין ירושה
און דיין שורש.
מעגסט וועלן צי נישט — ביסט יורש.
מתקן זיין דאַרפסטו די טרערן,
וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן
דורך תיקון־חצות,
אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן
צוויי טויזנט יאָר.

יהושע א. גלבוע

און — זעקס מיליאָן מער מאָל האַרבער —
אַ זין די מאַידאַנעקס, אַ זין די טרעבלינקעס.
ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ וויין איבער ווייִנען,
אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פּיינען —
קער נישט דעם קאָפּ אַוועק — טרינק עס!
מיר האָבן צוויי טויזנט יאָר געדענקט ירושלים,
ביז מיר האָבן אויסגעבלוטיקט דיך,
דעם נייעם.
איצט ווילן מיר מוזן געדענקען מאַידאַנעק.
פאַרגעסטו — ביסטו דער פאַרשווערער פון אַ סוד,
און נאָר אַן עפּיזאָד
וועט זיין די מדינה.
אין יעדער שמחה דיינער, אין דיין גרעסטער פרייד
וועסטו נישט טאָרן פאַרגעסן די קינה,
נישט טאָרן פאַרגעסן די איכה.
אם אשכחך מ אַ י ד אַ נ ע ק — תשכח ימיני!
תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי!
עפּענער יונגער פון ווער־ווייסט־פאַרוואָ תקופה!
דיינע העלדישע הענט
זע איך און זאָג:
נאָך אַ זיג
איבער דער רשעות דעם שונאס
וויל איך נצחונות
איבער דעם גוי אין דעם יידן גופא.
איך רוף דיך צום טאָג פון גאונות!
זאָל אויפגיין פון עמק — עמקות,
און אויף אַלט, אויף אייביק, אויף טיף
זאָל געגרונטפעסטיקט זיין
תל־אביב!
צו דער תורה פון אַ לעבן, געבויט
אויף די סתרי־תורה פון יידישן טויט —
יעמוד!

*

צי איז עס אַן אַלטער אָדער באַנייטער „אתה־בחרתנו"־צוגאַנג? צי איז עס נישט אַ גילגול פון דער לערע וועגן מיסיע־יידנטום? צייטלין פרעמדט־זיך נישט צו אידעען פון יידישער שליחות אין דער וועלט. אָבער זיין אויפפאַסונג איז קודם־כל אַ פּרווו צו באַזיניקן דעם גרויסן חורבן, פון וועלכן עס ווערט שאַרפער די באַדערפעניש צו געפינען אַ טעם אין דער ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער ווי פּריוואַטער עקזיסטענץ.

אָט־דער געזוכטער טעם — אַזוי דרינגט אַרויס פון צייטלינס שאַפונג — ליגט פאַרבאָרגן אין די הויכקייט־ספערן. מיר שפּירן דעם דיכטערס ציאונג צו אויבן־וועלטן. דאָס איז אַ גייסטיקער אוניווערסאַליזם — אין קעגנזאַץ צו אַ נע־ונדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם. ווי זאָגט שאלתיאל צו מרים (אין „בין האש והישע")׳ ווען זי רופט אים צו די גרויסע אין־סוף־מרחקים? „אויך אין דיר פלאַטערט דער ווינט, אויך דו זוכסט דעם אין־סוף. אָבער דיין אין־סוף איז נאָר אַ געאָגראַפישער. מיין האַרץ באַגערט אַן אַנדערן אין־סוף".

אַזוי ווערט דער לייענער פון צייטלינס שאַפונגען אַ שותף צום דיכטערס ראַנגלעניש. מיר גייען מיט אים אויף דער פלאַכער ערד פון דער ווירק־לעכקייט און רייסן זיך צו אַנדערע דימענסיעס. מיר באַטייליקן זיך אין זיינע זוכענישן. און אויף דער פראַגע „וואָס זוכט ער?" קענען מיר, דוכט זיך, ענטפערן (אויב מיר זענען נישט פול מיט פּחד פאַר אויסדרוקן מיט מעטאַפיזישער באַפאַרבונג): ער זוכט וואָס איז העכער פון וועלט, וואָס איז העכער פון מדינה, וואָס איז העכער פון מענטש...

דערפאַר איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש, וואָס די צען־בענדיקע אויסגאַבע פון אהרון צייטלינס העברעישע כתבים הייבט זיך אָן מיט אַ בוך פון נייע צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס און טראָגט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מן האדם ומעלה" (פון מענטש און העכער).

*

אהרון צייטלין, דער זון פון דעם קדוש ר׳ הלל צייטלין, וואָס איז אומ־געבראַכט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ, וווינט אין אַמעריקע זינט 1939. בעת איינעם פון זיינע באַזוכן אין ישראל, אין אַ פּריוואַטקצונאַכטס, בין איך צו אים געקומען אויף אַ שמועס. איך האָב געוואָלט הערן פון אים גופא וועגן זיין „ליטעראַרישן גאַנג".

ער האָלט, אַז ס'איז שווער דעם דיכטער צו ריידן וועגן זיך זעלבסט, און דאָס נישט דווקא צוליב באַשיידנקייט. ערשטנס, ווייל דער דיכטער רעדט-זיך-אויס אין זיין שאַפונג; און צווייטנס, ווייל ס'איז אַ ספק, צי שרייבער קענען זיך אַליין. אָבער ער פּרוּווט ענטפערן אויף מיינע פראַגן:

— אַלנפאַלס, מיין „גאַנג" איז נישט קונסט-לשם-קונסט. מיר שיינט, אַז אין מיין שאַפונג איז פאַרבאָרגן עפּעס פון אַ וועלט-אַנשויאונג, וואָס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט, נאַטירלעך, אויפן גרונט פון אַ פריער-דיקער עמאָציאָנעלער וועלט-אויפפאַסונג. כ'וועל נישט זאָגן, אַז איך שרייב „פּראָגראַמאַטיש", ווייל אַזאַ שרייבן וואָלט געזינדיקט צום באַטייט פון שאַפונג, אָבער שטענדיק הענגט זיך אָן צו מיינס אַ ווערק עפּעס נאָרמאַטי-וועס. איך וויל דערמיט אַרויסברענגען מיינעם אַן אמת, איך בין אויסן עפּעס „צו זאָגן".

טראָגן מיר זיך באַלד אַריבער צו דעם אינהאַלט פון ציטלינס שאַפונגס-וועלט. איך דערמאָן דעם דיכטער זיין טאָפּלטן שמל"ת (דעם „שיוויתי" פון מאַידאַנעק און דעם „שיוויתי" פון משיח) און איך בעט אים, אַזוי צו זאָגן, אויסלייגן פאַר מיר זיין סינטעזע: ווי אַזוי „טרעפן זיך" אָט-די עלע-מענטן?

אויף אַזאַ אופן דערגייט דער שמועס צו דער „דערגענצונג פון יאוש און אמונה", וואָס איז אַ גרונטשטריך אין ציטלינס אויפפאַסונג און דיכטונג. אָבער קודם ענטפערט דער דיכטער אויף מיין פראַגע מכוח די השפעות פון זיין פאָטער אויף זיין שאַפונג:

— די געשטאַלט פון טאַטן ז"ל באַגלייט מיך אָן אויפהער, באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק. איך הער דאָס קול פון זיין תפילה. ער פלעגט דאַווע-נען אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער. איך זע אים פאַר מיינע אויגן. אָבער דער עיקר איז, וואָס איך בין אַ מין שותף צו זיינע ראַנגלענישן, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פון דער אמונה. ניין, אמתע אמונה איז נישט קיין איינשלאָף-מיטל און נישט קיין איינשטיל-מיטל. איך קען די פראַגן, וואָס האָבן דעם טאַטן געמאַטערט — פון אמונה-טיפענישן. דער טאַטע איז געווען פון די פרעגנדיקע מאמינים — און דאָס איז אַ העכערע קאַטעגאָריע פון מאמינים. ווייל אין דער וועלט פון אמונה ווערן די מעטאַפיזישע פראַגן, די אייבי-קייט-פּראָבלעמען, נאָך מער פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט. רואיקייט און

אמונה? דאָס איז אַן עגאָיסטישער צוגאַנג! דאָס גייסטיקע לעבן איז תמיד אַ געראַנגל.

*

יאוש און אמונה... אויפֿן זכרון קומען טאַקע אויף שטיקער פֿון אהרון צייטלינס שאַפֿונג. בעתן שרייבן קוק אַריין פֿונדאַסניי אין זיין „בין האש והישע". ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער עצם נאָמען פֿון דעם הויפּט־העלד. שאלתיאל באַדייט דאָך: כ'האָב געזוכט־געפֿרעגט גאָט. אָבער די גאָט־זוכענישן זענען נישט קיין אויסגעפּלאָסטערטער וועג. אָט איז אַ ברעקל פֿון דעם דיאַלאָג צווישן מרים און שאלתיאל. מרים: דו גלייבסט צופֿיל — און דער נאָמען פֿון דיין אמונה איז יאוש. שאלתיאל: יעדע אמונה איז יאוש. מרים: כ'וויל דעראָבערן דעם מאַן, וואָס איז מיט יאוש־אמונה באַוואָפֿנט; זאָג דעם אמת: צי מוזסטו זיך מתיאש־זיין און גלויבן? שאלתיאל: איך מוז; אויב נישט — ווי וועל איך לעבן?

צוויי זייטן פֿון איין מטבע: יאוש און אמונה. ביידע זענען אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פֿון דעם מאמינס קיום („אויב נישט — ווי וועל איך לעבן?"). עס רעדט זיך, פֿאַרשטייט זיך, וועגן מאמין פֿון „העכערער קאַטעגאָריע". און ווידער דערמאָנט אהרון צייטלין דעם טאַטן:

— דער טאַטע האָט זיך באַמיט צו פֿאַרוואַרפֿן אַ בריק צווישן דעם תמימותדיקן מאמין און דעם זוכנדיקן־פֿרעגנדיקן מאמין.

און דאָן שווימט אויף אין זכרון נאָך אַ „בריק", וואָס ר' הלל צייטלין האָט זיך באַמיט אויפֿצושטעלן — די בריק צווישן געטלעכקייט און טאָג־טעגלעכקייט, אָדער אין דיכטערישן לשון פֿון זיין זון, אהרון, צווישן „מאַרק" און „הימל" — ווי ער ברענגט צום אויסדרוק אין זיין ליד „אבי" (מיין טאַטע). כ'וועל עס ברענגען אין פֿרייער איבערזעצונג: „זיינע מיט־צייטלער האָבן אים געזען אין די מערק. האָבן זיי געזאָגט: ווייזט אויס, זיינע הימלען זענען קיין הימלען נישט. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער דרך פֿון וויזיע — צונויפֿפּאָרן דעם מאַרק מיטן הימל און פֿאַראייניקן ‚חקל תפוחין קדישין' מיט ווינטערדיק־פֿאַרפֿרוירענע עפּל, די מיט וועלכע עס האַנדלט אַן אָרעמע יידענע, וואָס דער געיאָמער פֿון איר צעבראָכן לעבן איז געגליכן צום געוויין פֿון דער שכינה אין גלות".

יהושע א. גלבוע

*

אהרון צייטלין איז ווידער ביים טאַטן און ער זאָגט:

— פיל פון זיין אמונה־גערא‌ַנגל איז אַריינגעדרונגען נישט נאָר אין מיינע אַנשויאונגען, נאָר ממש אין מיין בלוט.

דער דיכטער דערציילט, אַז אַזוי פון טאַטנס ווי פון דער מאַמעס צד — איז ער אַ חב״ד־אָפּשטאַמיקער. איינער פון זיינע אבות־אבותיו איז געווען אַ חבר און אַ תלמיד פון בעל־התניא. און אין די לעצטע יאָרן האָט ער „אויסגעפונען״, אַז זיינע גייסטיק־שעפערישע פּראָצעסן זענען באַאיינפלוסט דורך חב״ד — לפּחות פון טיפּאָלאָגישן שטאַנדפונקט, אויב נישט פון אידעישן:

— ביי דעם חב״דישן טיפ — ווייזט אָן צייטלין — פלעכטן זיך איבער געפילן און געדאַנקען ביז צו אַ סינטעז, וואָס עס איז כמעט אוממעגלעך פונאַנדערצוטיילן זיינע עלעמענטן. מיר דוכט, אַז אויך אין מיין דיכטונג איז שווער אָפּצושיידן געדאַנק פון געפיל.

— צי קען מען — פרעג איך — אייער שאַפונג „איינסאָרטירן״ אין דער קאַטעגאָריע פון „אינטעלעקטועלער דיכטונג״?

— אַט־די דעפיניציע קען פאַרפירן. אינעם וואָרט „אינטעלעקטועלע״ איז פאַראַן, פון איין זייט, צופיל פאַראַלגעמיינערונג, פון דער אַנדערער זייט — צו ווייניק משמעות. איך גלייב, איך ווייס, אַז אין מענטשן זענען דאָ כוחות, וואָס זענען איבער דעם אינטעלעקט, איבער די חושים, איבער די נאָרמאַליטעטן. מיט דער פאָרשונג פון אָט־די כוחות גיט זיך לעצטנס אָפּ די פּאַראַפּסיכאָלאָגיע — אַ יונגער וויסנשאַפט־צווייג מיט ברייטע האָריזאָנטן. אין מיין שאַפונג קומט צום אויסדרוק די אינערלעכע איבערצייגונג אין דער אָביעקטיווער עקזיסטענץ פון העכערע, איבערמענטשלעכע כוחות — טראַנסצענדענטישע כוחות.

שפּרייזנדיק איבער אָט־דעם „פעלד״, דערציילט מיר צייטלין, אַז צווישן זיינע צונויפגעזאַמלטע כתבים וועט זיך געפינען אויך אַ באַנד, וואָס האָט צו טאָן מיט פּאַראַפּסיכאָלאָגיע — אַ באַנד „פאַקטן״ פון „ספּאָנטאַנע דערשיינונגען״. און ער קערט זיך נאָכאַמאָל אום צו דער קאָנפראָנטאַציע פון מענטש־גאָט. ער הייבט אָן איראָניש:

— עמעצער האָט אין רוסלאַנד געחוזקט, אַז די קאָסמאָנאַוטן האָבן אויפן הימל גאָט נישט געפונען. כרושטשאָוו דאַרף דעם גאָט זען מיט

מגושמדיקע אויגן. אָבער מיר זעען דאָך ווי די טעכנאָלאָגיע, ווען זי גייט געאָרעמט מיט גאָטלאָזיקייט, מאַכט דעם מענטש פאַר אַ נעבעכדיק, טראַגיש באַשעפעניש. אָן אמונה דעראָבערט ער „הימלען״ און בלייבט הילפלאָז. ער ווערט צעפרעסן אַזוי פון גדלות־שגעון ווי פון מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס זענען, אייגנטלעך, צוויי קעגנזייטיק־אָפּהענגיקע דערשיינונגען. וואָלט דער מאָדערנער מענטש געהאַט אמונה, וואָלט ער אפשר זיך נישט אַזוי שטאַרק געגרויסט, אָבער ער וואָלט אויך נישט געווען אַזוי שטאַרק נידערגעשלאָגן.

*

אין גאַנג פונעם שמועס לעבט אויף אַרום מיר די אַטמאָספער פון אהרון צייטלינס פיל שאַפונגען. עס ווערט נאָך מער קלאָר, אַז זיין „קלעטערן״ צו „העכערקייטן״ איז פאַר אים נישט קיין עסקייפּיסטישער אויסוועג. ער שטייט מיט בײדע פיס אויפן פעלזיקן באָדן פון דער ווירקלעכקייט און קערט זיך נישט אָפּ פון דער מענטשלעכער טאָג־טעגלעכקייט. זיינע גאָט־זוכענישן הייבן זיך אָפּילו אָן פון מאָדערניסטיש־אורבאַניסטישע פּאָזיציעס — צו „וויטע שטילקייט־הימלען״. דער מענטש לעכצט „אין אַ שטומער, פינצטערער גאַס אויפן עק פון כרך״. אפשר דערמיט דערקלערט זיך דאָס אָפטע איבעררופן זיך אין זיין דיכטונג פון גרויע ווירקלעכקייט־סצענעס מיט מיסטישע און מעטאַפיזישע ספערן.

דאָ, דאַכט מיר, איז דאָס פּאַסיקע אָרט צו דערמאָנען אהרון צייטלינס להמ״ם־קרעדאָ, וואָס עס ברענגט אין זיין נאָמען שאלתיאל אין „בין האש והישע״. ס׳פאָדערט זיך אָן אויפקלערונג. אויף זיין שטייגער האָט דער מחבר פון דער פּאָעמע אונדז צוגעטראָגן זיינס אָן אידעע אין נאָך אַ שפּראַכלעכער המצאה. להמ״ם באַדייט — לא היה מוות מעולם (ס׳איז קיינמאָל קיין טויט נישט געווען). דער להמ״ם ווערט דורך צייטלינען קעגנגעשטעלט דעם ניהיליסטישן להד״ם — לא היו דברים מעולם. מיר האָבן דאָ אָן אַפּלייקענונג פון טויט — און פּאָזיטיוו גענומען איז עס די קאָנסטאַטירונג פון נצח־האדם און נצח־החיים, די אייביקייט פון מענטש און די אייביקייט פון לעבן.

אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אָט די טויט־פאַרלייקענונג ברענגט צייטלין פון די גרויליקסטע טויט־גרובן, פון די שרעק־

לעכע נאַציִשע מאָרד־רעאַליטעטן. ער אַנטלויפט נישט פון קאָשמאַר, נאָר פילט, אַז אינעם פּראָצעס פון מענטש־באַנייאונג און פאָלקס־ווידערגעבורט דאַרף אינערלעך באַזיגט ווערן דער טויט: להמ״ם!

*

לאָמיר זיך איצט אַ ביסל אָפּשטעלן אויף אהרון צייטלינס לעבנס־וועג, וואָס איז כסדר פאַרבונדן מיט זיין שאַפונג.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין דער האָמעל־גובערניע, ווייסרוסלאַנד, אין יאָר 1898. אין יאָר 1907 קומט ער קיין וואַרשע. זייענדיק אַן 11־יאָריק ייִנגל האָט זיך זיינס אַ ליד אָפּגעדרוקט אין העברעישן וואָכנבלאַט פאַר קינדער און יוגנט „הפרחים״. אין יאָר 1914 דרוקט זיך זיין ערשטע שאַפונג אין ייִדיש (אין ניגערס „ייִדישע וועלט״) — „די מטרוניתא״, אויף אַ מאָטיוו פון ר׳ חיים וויטאַל. אַלזאָ, בסך־הכל 15 יאָר איז דער דיכטער אַלט געווען, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו קבלה־מאָטיוון.

— דאָס ווייזט — זאָגט מיר דער דיכטער, ביי וועמען די קבלה־וועלט פאַרנעמט אַ ברייט אָרט אין זיין שאַפונג — מיט וואָס איך האָב זיך באַשעפטיקט שוין מיט אַ פופציק יאָר צוריק...

צייטלין וואַרפט אַריין עטלעכע דערינערונגען פון זיינע ערשטע שאַפונגס־יאָרן:

— אין דער „כאַליאַסטרע״־מאָרקיש־תקופה האָט מען געשטורעמט קעגן מיינע „רעאַקציאָנערע״ טענדענצן. דאָס וואָרט „גאָט״ איז דאָך דאַן אַרויסגעצויגן געוואָרן אויפן „אינדעקס״. ער איז געווען באַיקאָטירט־פאַרבאָטן, פונקט ווי דאָס וואָרט „נשמה״ רחמנא־ליצלן... ווי צו־להכעיס האָב איך דאַן געשריבן די פּאָעמע „מעטאַטראָן״ — אַ מין תשובה צו מעפיסטאָן.

אהרון צייטלינס ליטעראַרישע טעטיקייט — אויףביידע לשונות — איז צעשפּרייט אויף אַ ריי געביטן: לידער און פּראָזע, דראַמאַטישע ווערק, קריטיש־ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע עסייען. ער האָט אַמאָל רעדאַקטירט דעם קינדער־זשורנאַל „שבלים״ און אַ סך איבערגעזעצט אויף עברית און ייִדיש פון דער פּוילישער און ענגלישער ליטעראַטור. ער איז אויך אַן אָנגעזעענער פּובליציסט־תושב אין דער טאָג־פּרעסע.

ער איז אויסגעוויקלט אין די זאַפטן פון געדיכטן, טומלדיקן און גייסט־

רייכן פּוילישן יידנטום. דער ווייטיק צוליב זיין אומקום לעבט אין אים כסדר מיט פאַרשאַרפטער עמפּינדלעכקייט. זעט אויס, אַז די דאָזיקע עובדה איז באַאיינפלוסט אויך פון אַ גורלדיקן פּרט אין דעם דיכטערס ביאָגראַפיע. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז אהרון צייטלין — דורך אַ צופאַל — געבליבן שטעקן אין דער פרעמד און האָט זיך נישט געקענט צוריקקערן אין זיין וואַרשעווער היים. אין זיין אַפּוועזנהייט זענען אומגעבראַכט געוואָרן דער טאַטע, די פרוי, דער זון, דער ברודער אלחנן (אויך אַ שרייבער: מחבר פון בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב") — זיי און פיל קרובים, מיטן גאַנצן בית־ישראל אין פּוילן.

דער ליטעראַטור־פאָרשער ישעיה ראַבינאָוויטש געפינט קלאָרע פּעדעם, וואָס ציען זיך פון אָט־דעם ביאָגראַפישן פּרט צו צייטלינס פילאָזאָפיש־פּאָעטישער וועלט נאָכן חורבן: „אַ באַשולדיקונגס־געפיל לגבי זיין אייגענעם קיום, לגבי זיין בלייבן לעבן, וויקלט איין דאָס האַרץ פון מענטש, וואָס אַזוינס האָט אים געטראָפן. דער דאָזיקער „צופאַל" פון זיין דערוויטערטע און געצוווּנגען־אַפּוועזנדיק דווקא אין יענער שעה — עפּעס אַ שרעקנדיק גראָטעסק פועלט אין אים; אַ גראָטעסק, וואָס פאַרוואַנדלט דעם מענטשס אַרומגיין לעבעדיק אין אַ מין ליידיקער גרויל־ליצנות, וואָס מאַכט יעדע זאַך אין גרונט לעכערלעך, וואָס הענגט אָן דעם גאַרנישט־נישט אויפן לעבן. אויך זעלבסטמאָרד אין אַזאַ לעבן איז טעם׳לאָז, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין לעבן; ס׳איז דאָ נאָר נישטיקייט".

אָבער — ווי שוין דערוויזן אויבן — פון די סאַמע „זעראָ"־תהומות דערשלאָגט זיך דער פּאָעט, דער געטויטער ייד־מענטש, נישט נאָר צו סתם לעבנס־באַנייאונג, נאָר צו הויכע געטלעכע ספערן פון אייביקער טויט־איבערקומונג — צום להמ"ם: לא היה מוות מעולם...

*

ווי זאָל זיך אַ שמועס מיט אַ העברעיש־יידישן שרייבער פון אַמעריקע נישט דערקייקלען צו דעם פּראָבלעם פון די פאַרבינדונגען און באַציאונגען צווישן דער יידישער מדינה און די יידישע תפוצות?

אַרום דעם פּראָבלעם פון ישראל און די תפוצות האָט צייטלין אויפגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן טעאָרעטישן בנין. ער רעדט, בעיקר, וועגן אַמעריקאַנער יידנטום. לויט זיין מיינונג, האָבן צוויי געפילן פאַרטיפט דעם

גייסטיקן פּרצוף פון אַמעריקאַנער יידנטום: שולד־געפיל און נאָסטאַלגיע־געפיל. נאָך דעם ווי דער יידישער עמיגראַנט האָט געשלאָגן פעסטע וואָרצלען אין לאַנד פון „אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן", האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן, אומבאַוווסטזיניק, אַ געפיל פון שולד לגבי די נאָענטע, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער אַלטער היים. און ס'האָט אויך אָנגעהויבן צו נאָגן אַ בענקשאַפט צו יענע מקומות מיט זייער יידיש־ספּעציפישער אַטמאָספער. שמואל, וואָס איז געוואָרן סעם, און חיים וואָס איז געוואָרן האַרי — האָבן זיך טאַקע אַרויסגעריסן, אין זייער צייט, פון דער אונטערדריקטער, אָרעמער און פינצטערער היים, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען אַנטלאָפן אויך פון דעם ליכט, וואָס איז דאָרט געווען פאַרבאָרגן — פון יום־טובים, פון אַ כשרער מאַמע, פון אַן אָרעמען אָבער ערלעכן טאַטן, פון שבת־ליכט, פון טויבן־אויגן פון אַ מרים און רחלע... פון אָט־דעם טאָפּלטן געפיל פון שולד און נאָסטאַלגיע האָבן אָנגעהויבן וואַקסן נייע יידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע. פון דאַנען האָט זיך גענומען די ברייטע נעץ פון פילאַנטראָפּישער הילף פאַר די היים־שטעטלעך. אויף אָט דעם באָדן איז אויך געוואַקסן דאָס יידישע טעאַטער מיט זיינע נאָסטאַלגישע „פינטעלע ייד" און „אַ בריוועלע דער מאַמען". אויפן זעלבן גרונט האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע פּרעסע און דאָס יידישע בוך — הכלל, דאָס גאַנצע יידישע לעבן.

אָבער מיט דער פאַרניכטונג פון די אַלטע היימען איז פאַרלוירן געגאַנגען דער לעבעדיקער סוביעקט פון דעם שולד־געפיל און פון נאָסטאַלגיע־געפיל צוגלייך. מיט אַנדערע ווערטער: צום וויטיק אויפן חורבן איז צוגעקומען די אבידה פון אַ דערנערונגס־קוואַל פאַר דער דערהאַלטונג פון נאַציאָנאַל־יידישן קיום פון אַמעריקאַנער יידנטום.

צייטלינס אויספיר: מ'מוז אָפּראַטעווען ביי דעם אַמעריקאַנער יידנטום דאָס טאָפּלטע געפיל פון שולד און נאָסטאַלגיע. ווי אַזוי? דורך אַריבערפירן זיי פון פּריוואַטע אויף נאַציאָנאַל־היסטאָרישע רעלסן. דעם באַנייטן שולד־געפיל דאַרף מען באַזירן אויף אַ מין „פּסיכישער אומבאַקוועמלעכקייט" פון יידן, וואָס זיצן דערווייטערט פון דער בוי־ און קאַמפּס־אַרענע, אויף וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ אונדזער נאַציאָנאַלע דראַמע. און דעם באַנייטן נאָסטאַלגיע־געפיל דאַרף מען איצט — ווען די „אַלטע היים" איז חרוב — ווענדן צו דער היסטאָרישער פאָלקס־היים.

צייטלין באַווייזט, אַז ענלעכע געפילן האָבן געשפּייזט דעם „היסטאָרישן

גלות". זייער סוביעקט איז נישט געווען קיין פּריוואַטער, נאָר אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער: נישט „מיין שטעטעלע בעלז", נאָר „מפּני חטאינו גלינו מארצנו" און „מתי תמלוך בציון?"...

אויף אַזאַ אופן — האַלט צייטלין — דאַרף איצט געבויט ווערן אַ גייסטיקע בריק צווישן דער נייער, נישט־היסטאָרישער גולה, און דער אַלט־באַנייטער היים אין ציון. פון דעם איז געדרונגען, אַז אויף דעם רויען מאַטעריאַליזם פון אַמעריקאַנער יידנטום דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ בנין פון גלותדיקער רוחניות, און אויף דעם מדינה־מאַטעריאַליזם — וואָס קיינער וועט זיין באַדייטונג נישט אָפּפרעגן — פון ישראל דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ בנין פון נביאישער, גאולהדיקער רוחניות.

*

פון די דאָזיקע טעאָרעטישע אויספירונגען — צום דיכטערס קאָנקרעטע איבערלעבונגען און אַרומיקע איינדרוקן בעת דעם באַזוך אין לאַנד.

אהרון צייטלין, צוזאַמען מיט זיין ברודער אלחנן, איז שוין געווען אַ שטיקל צייט אַ תושב אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 1921, דאָס יאָר, ווען ברענער איז דערמאָרדעט געוואָרן (אגב, אין איינער פון די דראַמאַטישע פּאָעמעס, וואָס קומען אַריין אין בוך „מן האדם ומעלה", ווערט געבראַכט אַ סצענע פון דער דאָזיקער געשעעניש). ער איז דאַן געווען באַשעפטיקט אַלס לערער אין זכרון־יעקב. מיין מיטשמועסער געדענקט ווי ער איז דאַן געקומען קיין תל־אביב, צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון העברעישן שרייבער־פאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער הרצליה־גימנאַזיע:

— תל־אביב פון דעמאָלט: אַ ברעקל טראָטואַר — און זאַמדן, זאַמדן, זאַמדן. נאָך צענדליקער יאָרן צוריק אין תל־אביב בין איך ווי חוני המעגל: זיך אויפגעוועקט פון דורותדיקן שלאָף און דערקען נישט דעם אָרום...

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע — און באַלד פליסן ווייטער זיינע געפילן און מחשבות. צייטנווייז בליצט ביי אים אויף אַ געדאַנק, אַז אַט איז אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגן א מין המשך פון דעם טומלדיקן, קאָכעדיקן יידישן וואַרשע.

— מיליאָנען יידן זענען דאָ אין ניו־יאָרק. אָבער דאָרט זענען נישטאָ

קיין „יידישע גאַסן", ווי ס'זענען געווען אין וואַרשע. דאָ גיי איך אַרויס אויף דיזנגאָף־גאַס און מוגראַבי־פּלאַץ — און פיל און הער דאָס קול פון המון בית ישראל. דאָס איז יידישע מוזיק פאַר מיינע אויערן. עס רינגלען מיך אַרום די גאַלעווקעס... עס שפּרודלט אַ יידיש לעבן, ווען וועלכן עס איז נישט נייטיק זיך צו פּילפּלען און פילאָזאָפירן.

איך וויל וויסן צייטלינס מיינונג וועגן די העברעישע „יונגע" שרייבער.

— פאַראַן ביי זיי פיל טאַלאַנט. אמת, כ'האָב געגוג טענות מכוח דעם מאַנגל פון נאַציאָנאַלער וויזיע ביי אַ היפּשער צאָל פון די „יונגע". אָבער כ'וואָלט נישט געוואָלט זיי אַלעמען אַריינוואַרפן אין איין טאָפּ און רעדן מיט פאַראַלגעמיינערונגען. געוויס וועט נאָך פון זייער קאָלעקטיוון „מיר" אויסוואַקסן נישט איין „איך"־געשטאַלט. כ'האָב אַ שטאַרקע נייגונג צו שעפעריש־דענקערישער יוגנט. ווען איך האָב בשעתו אָנגענומען דעם פּאָסטן פון פּראָפעסאָר פון העברעישער ליטעראַטור אין דער לערער־שול ביים יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, האָב איך עס מאָטיווירט מיטן באַגער זיך צו געפינען נישט נאָר צווישן העברעישע גרייז־גרויע קעפּ...

צום סוף פון אונדזער שמועס קומט אהרון צייטלין נאָכאַמאָל צום „נס", וואָס איז איינגעוויקלט אין דער „נאַטירלעכקייט":

— אַט זיץ איך דאָ אויף דער וועראַנדע און שרייב עברית — און הער ווי קינדער אויפן הויף און אויף דער גאַס ריידן דעם זעלבן לשון וואָס איך שרייב. דאָס וואָס איז אַזוי פּשוט־נאַטירלעך — איז דאָך אַזוי גרויס!...

אהרון מגד

אַ דור, וואָס פרעגט און זוכט

אהרן מגד איז אויפגעקומען אין דער ארץ־ישראל־ליטעראַטור מיט דער אַזוי גערופענער „יונגער שיכט" — די שרייבער, וועמענס שאַפונג־ערשטלינגען האָבן זיך באַוויזן אין דער צייט פון אונדזערע אומאָפּהענגי־קייטס־קאַמפן, אָדער באַלד ביים אָנהייב פון דער מלוכהשער זעלבשטענ־דיקייט, און די תש״ח־איבערלעבונגען זענען אין זיי די דאָמינירנדיקע טעמאַטיק. אָבער די יאָרן לויפן — און מיט זיי האָבן זיך באַוועגט די גייס־טיקע און פּראָבלעמאַטישע האָריזאָנטן פון אהרון מגד.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1920 אין דער פּוילישער שטאָט וולאָצלאַוועק. זיין פאָטער — אַ העברעישער לערער, פריער אין דער „תרבות"־שולע פון פּוילן און שפּעטער אין ארץ־ישראל. דער שפּעטער־דיקער שרייבער איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיט זיינע עלטערן, אַלט זייענדיק קאַרגע זעקס יאָר (דאָן איז אין לאַנד געקומען אויך דער מיט דריי יאָר יינגערער ברודער, דער היינטיקער שרייבער מתי מגד).

די ערשטע ארץ־ישראל־יאָרן האָט מגד געלעבט אין דער מושבה רעננה. געווען אַ מיטגליד פון אַ חלוצישער יוגנט־באַוועגונג. נאָכן פאַר־

ענדיקן די תל־אביבער „הרצליה"־גימנאַזיע, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין ניי־אַנטשטאַנענעם קיבוץ שדות־ים, ביי דער אַלטערטימלעכער קיסריה. דאָס איז אַ וויכטיקער פּרט: אין דער צייט פון די ישוב־קאַמפן קעגן דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט איז אָט דער קיבוץ געווען אַ וויכטיקע באַזע פון דער ים־אָפּטיילונג פון פלמ"ח (דאָ האָט אויך פונקציאָנירט אַן אונ־טערערדישע יידישע ים־שולע). אין שדות־ים איז געווען אַ חברטע די לע־גענדאַרישע חנה סענעש, וועלכע איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אונגאַרן אין דער מלחמה־צייט, ווען זי איז אַהין געקומען אַלס שליחה־פּאַראַשוטיסטין פון ארץ־ישראל. מגדס שדות־ים־יאָרן זענען פאַרוועבט אין די דערציילונ־גען פון זיין בוך „רוח ימים" (1950) — און די געשטאַלט פון חנה סענעש האָט ער אויסגעמאָלן אויף אַ ברייטער דראַמאַטישער קאַנווע אין דער פּיעסע מיטן נאָמען פון דער העלדין „חנה סנש" (אורפרעמיערע אין דער „הבימה", אין יאָר 1958).

מגדס וויטערדיקע ביכער: „חדווה ואני" ("חדווה און איך", 1954) — אַ סאַטירישער ראָמאַן, וואָס איז דערנאָך דורך דעם מחבר באַאַרבעט געוואָרן פאַר אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג; „ישראל חברים" (1956) — אַ זאַמלונג דערציילונגען. אין 1959 איז דערשינען „מקרה הכסיל" („דער פאַל מיטן נאַר"), וואָס איז באַצייכנט געוואָרן אַלס ווענדפּונקט אין מגדס שעפערישן וועג, און אין 1962 דאָס בוך „הבריחה" („דער אַנטלויף"), וואָס האָט נאָכ־אַמאָל באַשטעטיקט דעם „נייעם גאַנג" פון מחבר.

אהרון מגד איז אויך אַ פּרוקטבאַרער און דערפאָלגרייכער דראַמאַטורג. אַחוץ „חנה סנש" און „חדווה ואני" זענען געשטעלט געוואָרן זיינע פּיעסן: „הרחק בערבה" („ווייט אין מדבר"), „אינקובטור על הסלע" (אַן אינקו־באַטאָר אויף אַ פעלזנשטיין") — אַ קאָמעדיע, „חמש־חמש" („פינף־פינף") — מוזיקאַלישע קאָמעדיע, „איי לייק מייק" (קאָמעדיע), „בראשית" (אַ דענ־קונג־פּיעסע, כאָטש באַזירט אויף קאָמישע עלעמענטן).

*

איך וועל דאָ איבערדערציילן מגדס אַ שמועס מיט מיר נאָכן דערשיי־נען פון זיין בוך „הבריחה". ענטפערנדיק אויף מיינע פראַגן, האָט זיך דער „יונגער" שרייבער „דאָקומענטירט" — געפּרוּווט ווייזן די גייסטיק־פּסי־כאָלאָגישע אידענטישקייט־קאַרטע פון אים און פון זיין דור. ווער איז ער טאַקע און ווער זענען זיינע מיטצייטלער?

מגד זאָגט:

— דעם אמת־גרויסן קריזיס, די גרויסע איינברעכעניש, האָט דורכגעמאַכט דווקא נישט דער פריערדיקער דור, נאָר מיר! דער דור פון דער ערשטער עליה, פון דער צווייטער, דער דריטער; די וואָס זענען מיט צענדליקער יאָרן צוריק אַוועק פון גלות קיין ארץ־ישראל — זיי האָבן נישט דורכגעלעבט אַזאַ שווערן איבערגאַנג, ווי ס'מאַלט זיך אויס. סוף־סוף זענען זיי איבערגעגאַנגען פון עולם־של־מטה צו עולם־של־מעלה. איז דאָך ארץ־ישראל אין יענע יאָרן געווען אַ מין גייסטיק וועזן. דאָס טיפע פאַלן האָט דווקא געטראָפן אונדזער דור — דאָס דור וואָס לעבט איבער די פולשטענדיקע רואינירונג פון אמונות...

ווי בינדן זיך אָט־די אַלגעמיינע פאַרטראַכטונגען מיט מגדס פּערזענלעכע איבערלעבונגען? דער שרייבער פאַרשווימט אין זיינע קינדהייט־בילדער און יוגנט־זכרונות, אויסגעמישטע מיט דערוואַקסענע באַאָבאַכטונגען:

— ווי אַ קינד בין איך אַהער אין לאַנד געקומען און די גלות־היים שווימט אויף אין מיין זכרון ווי אַ חלום־געוועב. ס'איז געווען אַ ציידנס שטוב און אַ טאַטנס שטוב. אַ וואַרעמקייט פון אַ יום־טוב, פון אַ תפילה. עפּעס האָט באַשיצט, באַשירמט. אַזאַ מין פעסטונג. דער טאַטע — אַ לערער. אַ משכיל און אַן אַנגעלאָדענער מיט טראַדיציע... די משפחה האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין ארץ־ישראל. אין אַ היפּשער מאָס איז רעננה — אויפן פאָן פון דער דעמאָלטיקער גאַנצער ארץ־ישראל־אַטמאָספער — געווען אַ המשך פון דער אַלטער היים. ס'איז נישט געווען קיין סתירה צווישן ארץ־ישראל און גייסטיקער יידישער טראַדיציע, ווי זי איז קולטיווירט געוואָרן אין גלות. דאָ ווי דאָרט האָט אין לעבן געהערשט אַ מין שלימות...

צי איז מגד פאַרבענקט נאָך אַ פאַרנעפּלטן פאַר אים „אַמאָל"? צי לעכצט ער נאָך אַ פאַרשווונדענעם יידן־שטייגער? נעאָ־רעליגיעזע נייגונגען? פון זיינע רייד דרינגט אַרויס אַ מער קאָמפּליצירטע שטימונג:

— ווו נעמט מען די פאַרלוירענע שלימות־וועלט? די טראַדיציאָנעלע היים ווי די „באַוועגונג" — איןביידע האָבן זיך נישט געמערקט קיין שפּאַלטן. איך דערמאָן זיך אין רעננה — אין זעלבן צריף, ווו ס'איז געווען אַ בית־כנסת, האָט זיך אויפגעהאַלטן, אין אַן אַנדערן טייל, אַ קבוצה פון

„גדוד העבודה״. אין דער פרי האָט זיך פון צריף געטראָגן תפילה — און אין אָוונט קלאַנגען פון אַ מאַנדאָלינע און אַן אַקאָרדיאָן, רוסישע טענץ און „קראַקאָוויאַק״. אונטער איין דאַך האָבן זיך אויסגעלעבט פרומע יידן און אַ כאַפּטע פון „באַרוועסע״ בחורים און בחורות. איך געדענק נישט קיין ווידערשפּרוך צווישן זיי: איינע און אַנדערע — מאמינים; די און יענע — פאַרכאַפּט מיט התלהבות, דביקות, עליית־נשמה... מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קיבוץ רמת־הכובש, אויף אַ הגנה־קורס. ס׳איז געווען אין דער צייט פון דער „באַלאַגערונג״ — און איך געדענק אַן אָוונט, ווען ס׳איז אַהין אָנגעקומען אַ חלוצישע עלייה פון פוילן: מ׳האָט צונויפגע־שטעלט אַלע טישן, זיך אויסגעזעצט און געזונגען דורכאויס חסידישע לידער און ניגונים... מיר דוכט, אַזוי ווי אמונה זאָגט דעם מענטשן ווי ער דאַרף זיך האַלטן און פירן, — בין אדם למקום, בין אדם לחברו, בין אדם לעצמו — אַזוי האָט עפּעס ענלעכס געהערשט אין דער חלוצישער באַוועגונג: גאַנצע מצוות־קאָדעקסן מיט אָנגענומענע לעבנס־פאָרמען, פאַרהיי־ליקטע אויפפירונג־כללים, זעלבסטפאַדערונגען...

כ׳האָב אַפילו נישט באַדאַרפט צוואַרפן מיין פראַגע: וואָס האָט זיך געענדערט? אין מגדס טאָן האָט זיך געשפירט די פאַרגאַנגענע האַרמאָניע, די אַנטרונענע זיכערקייט:

— ווי פיל אַנדערע פון מיינע מיטצייטלער פיל איך אַן ערד־ציטער־ניש, נאָכדעם ווי ס׳האָבן זיך איינגעבראָכן אָנגענומענע ווערטן. מיר זענען, אייגנטלעך, געבליבן אָן גאָרנישט. פאַרלוירן אַלע פאַרמעגנס. מענטשן, וואָס זייערע שיפן זענען אונטערגעגאַנגען — און נאָר איין רעטונגס־שיפל איז זיי פאַרבליבן...

*

איך רייס איבער און דערמאָן: אַ רעטונגס־שיפל איז, דוכט מיר, אַ חשובער נאַראַטיווער עלעמענט אין דער פאַנטאַסטישער דערציילונג „הבריחה״, פון וועלכער ס׳נעמט זיך דער נאָמען פון בוך? מיט דער פראַגע טראָגן מיר זיך אַריבער אין דער וועלט פון מגדס שאַפונג.

— אייניקע זאָגן, אַז שרייבער שרייבן נאָר אויטאָביאָגראַפיעס... אַ ליטעראַריש ווערק האָט ענלעכקייט צו אַ חלום: וועסט אים אויסטאָן פון זיינע סימבאָלן און ס׳וועט זיך אַנטפּלעקן אַ שטיק ווירקלעכקייט. אַ נישט־

רעאַלער ליטעראַטור־העלד איז ווי אַ נשמה־גילגול פון אַ לעבעדיקער געשטאַלט...

דאַ דערמאָן איך געוויסע שטעלן פון מגדס ווערק — און איך באַקום טאַקע אַ „באַשטעטיקונג" פאַר זייער אויטאָביאָגראַפישן הינטערגרונט. דער זיידע אין „פאַל מיטן נאַר" איז דעם שרייבערס אַ שטיק לעבנס־רעאַליטעט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, צו וועלכער — ווייזט אויס — די קעגנוואַרטיקע נאָסטאַלגיע־נאָך־העכערקייט ברענגט אים צוריק. ס׳איז כדאי עפּעס איבערדערציילן פון דאָרט, איידער כ׳וועל איבערגעבן דעם המשך פון שמועס:

צום זיידן פאַלט אַריין דער „העלד", וואָס זיינע איבערלעבונגען ווערן דערציילט אין ערשטער פּערזאָן, אין אַ טאָג ווען ער טראָגט זיך אום מיט אַ זעלבסטמאָרד־באַשלוס. באַלד באַקענען מיר זיך מיט אַן אויסגעבענקטער לויטערקייט: „זיין ווייסע באָרד איז געווען דורכזיכטיק ווי זייד. אַזוי אויך די הויט פון פּנים, וואָס אין זיינע שלייפן האָבן זיך געבלויט דינע אָדערן, און אַזוי אויך זיינע אויגן, די לויטערע ווי וואַסער־סטאַוון". אויפן טיש איז געלעגן אָפן דער גמרא־ספר: „ווי אַ פעסטער טורעם, מיט אַ ברייטן פונדאַמענט, שטייט דער גמרא־גוף אינמיטן דף און אַרום אים דער שווערער פאַרע־נעפּל פון די קליינינקע פּירושים־אותיות... אַ ווילע האָט מיר דורכגעבליצט אַ געדאַנק: וואָלט איך זיך אָנגעהאַלטן אין די עקן פון אָט־דעם טורעם זינט מיין קינדהייט, ווען מיין זיידע האָט מיר געבעטן צוגיין נאָענטער און ער האָט מיר געלערנט באַרירן מיט די הענט זיינע שטיינער — וואָלט איך אפשר קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו מיין איצטיקן מצב. אָבער איך בין געווען אַ שוטה און בין אַנטלאָפן אין גאַס אַריין".

*

מגד קערט זיך ווידער צום זיידן אין אַן אַנדער ווערק. אין דער דערציילונג „אַ רייזע קיין ניקאַראַגואַ" (אגב, זי צייכנט זיך אויס מיט נאַטור־און־שטייגער־בילדער פון יענעם לאַנד, אָבער דער מחבר זאָגט מיר, אַז ער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען) שטייען מיר ווידער פאַר דער זעלבער לויטערקייט: „אַן איינזאַמער מענטש בין איך געווען. זינט די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָב איך קיין רו נישט געפונען... כ׳פלעג

אַרויסגייך אין גאַס נישט וויסנדיק וואוהין... שפּעטער, ווען כ׳פלעג פאַרביי־גיין דעם ווייסן, פאַרמאַכטן בית־כנסת, אין וועלכן מיין זיידע האָט פיל יאָרן געדאַוונט, פלעג איך פאַרשנעלערן מיין גאַנג. עמעצער אַן אומגע־זעענער פלעגט מיך רופן דורך דער פורטקע און קוסטן־פלויט. מיין זיידע איז געווען אַ שיינער מאַן. אַ זיידענע באָרד האָט ער געהאַט, קלאָרע און נישט־באַשולדיקנדיקע אויגן. און ווען ער פלעגט איבערמישן מיט זיינע דורכזיכטיקע פינגער די ספר־בלעטער, האָט ער אויסגעזען ווי אַ בריליאַנטן־דורכקוקער. די אותיות האָבן אַרום אים געשפּרונגען פריידיק, ווי שוואַלבן אין אַ פאַרזייט פעלד״.

צי איז עס אַ באַוווּסטזיניקער צוריקגאַנג צו טראַדיציע, רעליגיע? פון מגדס רייד, ווי פון זיינע ווערק, באַקומט זיך נישט אַזאַ איינדרוק. איך וואָלט געזאָגט: ער ליפערט נישט דעם לייענער, אָדער דעם מיטשמועסער, קיין תשובות, נאָר דווקא פראַגן, ספיקות, זוכענישן — פּראָדוקטן פון אַ צעשטורעמטער וועלט און פון אַן אויפגערודערטן „איך״. אָט שפּירן מיר זיין לעכצונג צו דעם „זיידע־טורעם״, אָבער ער פאַרהאַלט זיך נישט ביי אים — און ער טראָגט זיך און זוכט און פרעגט ווייטער. אָבער דאָס פרעגן אַליין איז אויך אַ שטיקל „רעצעפּט״ אין אַ צייט ווען ס׳ברעכן זיך ווערטן און ס׳גייען צו גרונט אידייען. האָט טאַקע מגד דערקלערט בעת אַ מסיבה לכבוד דער דערשיינונג פון זיין בוך „הבריחה״: „ס׳איז אפשר טאַקע גלייכער, אַז דער מענטש זאָל פרעגן די ריכטיקע שאלות, איידער ער זאָל ענטפערן תשובות, וואָס אין זייער ריכטיקייט איז ער נישט זיכער״...

פראַגן, ספיקות, זוכענישן... זאָגט מיר מגד:

— מיר, ס׳הייסט מיין דור, האָבן געגלויבט. געגלויבט אין דער צוקונפט פון פאָלק, פון לאַנד — און פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער באַגריף פון „גאולה״ איז אַ רעליגיעזער באַגריף — מלכות־שמים. אָבער מיר האָבן זיך ווי אונטערגענומען ברענגען די גאולה אַן גאָטס הילף: דער מענטש אַליין וועט שאַפן אַ גן־עדן... האָט אונדז געטראָפן אַ שוידערלעכע זאַך: מיר גלויבן שוין נישט, אַז דער מענטש איז דערצו פעאיק. אָט בין איך געוואַקסן אין דער יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע „מחנות העולים״ און אין דעם „הקיבוץ המאוחד״. נישט קיין דאָגמאַטישע באַווע־גונג, אָבער זי האָט געהאַט אַ טיפן גלויבן אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן

געגלויבט תמימותדיק און דביקותדיק. און ס׳איז געשען וואָס עס איז געשען. מיר האָבן זיך אויפגעטרייסלט. אָבער וואָס איז אונדז פאַרבליבן ?...

*

איך „וואָרף אַריין" אין שמועס זיין דערציילונג „אַ רייזע קיין גומער־לאַנד". מגד כאַפּט אונטער :

— יאָ, ס׳איז אַ דערציילונג פון גרויסער אַנטוישונג. דער „העלד" בלייבט דאָרט שטעקן אין די פאַנטאַסטישע „עזמות־טורעמס" — און דאָך זוכט ער. און ער וועגט צווישן הימל און ערד. די טיר איז אָפן און ער גייט נישט אַרויס — ער ווייס נישט וווהין צו גיין. דאָס איז נישט קיין איין־פערזאָניקער מצב, נאָר אַ געמיינזאַמער פאַר אַ גאַנצער געזעלשאַפט.

אונדזער שמועס ברייטערט זיך אַ ביסל אַרום אַט־דער דערציילונג, ווו דער „העלד" שילדערט זיינע איבערלעבונגען פון „גומער־לאַנד", וווהין ער איז געקומען אַלס דעלעגאַט צו דער „פייערלעכער גליק־פאַרזאַמלונג". דאָס איז אַ לאַנד פון „פּלאַי־פּלאַים" : אין צוויי־דריי יאָר אַרום וועט דאָרט יעדער ווייץ־קערנדל געבן פיר לאַבנס ברויט אין פעלד ; די טישן אין „ביוראָ פאַר מענטשן־גליק, פרייד, ליבע, שלום..." זענען אָנגעלאָדן מיט נידעריקן עלעקטריציטעט־שטראָם, כדי אָפּהיטן די שפּאַנונג ; אַ באַזונדער מלוכה־געזעץ פאַרבאָט צו זיין אומעטיק — און יעדע דינסטיק־נאַכט זענען אַלע איינוווינער מחוייב צו חלומען דעם זעלבן חלום...

מיר „שפּרינגען" אַריבער צו דעם, וואָס מגד רופט אָן „ראַנגלעניש פאַר דער אַנטשפּרעכנדיקער פאָרעם".

— די פאָרעם־פראַגע איז ענג פאַרבונדן צום שאַפונגס־אינהאַלט. דאָס וואָס איך בין איבערגעגאַנגען פון אַ רעאַליסטישן שרייבן־שטייגער צו אַ סורעאַליסטישער, אָדער פאַנטאַסטישער פאָרעם — האָט צו טאָן מיט אַן אינערלעכער ענדערונג, מיט דעם וואָס אין מיין שרייבן האָט זיך געשטאַרקט דער עלעמענט פון איך־זיך־אַריינבליק. אין דעם ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד האָב איך געגעבן לעבנס־שטיקער, וועלכע האָבן אָפּגע־שפּיגלט אַן אָפּשאַצונג פון דעם „אַרום". ווען די גייסטיק־מאָראַלישע פראַגע־צייכנס האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם אויבנאָן — האָב איך נישט געקענט פאַרזעצן מיט דער רואיקער עפּישער דערציילונג־פאָרעם,

ביי אונדז ווי אין דער גרויסער וועלט — די זעלבע דערשיינונג: די זוכענישן פון נייע פאָרמען זענען „טרעף־פונקטן” פון פאַרשידענע ליטעראַטורן וואָס שטאַמען פון ענלעכע פסיכישע מצבים...

איך מיש אויף איינע אַ פּראָזע, אין די ערשטע בלעטלעך פון „אַ רייזע קיין ניקאַראַגואַ”: „מענטשן זענען נישט געניגט זיך צו חברן מיט איינעם וועמענס האַרץ עס פרעסן ספיקות און שאָטנס שווימען אויף זיין פנים”. כ'האָב די פּראָזע אונטערגעשטראָכן אין מיין בוך־עקזעמפּלאַר און איך דערלויב זיך צו פרעגן דעם שרייבער: צי שמעקן אויך אָט די ווערטער מיט „אויטאָביאָגראַפיע”? מגד לאָזט זיך אַריין אין דער פראַגע:

— וואָלט אַ שרייבער געווען אַ „גאַנצער” מענטש און נישט מיט קיין צעריסענע, עמביוואַלענטע געפילן; ווען ער וואָלט נישט געזען אין זיך־זעלבסט, ווי אין אַנדערע אַרום, צוויי פנימער, טיילמאָל קעגנגעזעצטע — וואָלט ער קיין שרייבער נישט געווען. ער קען דאַן זיין אַ וויסנשאַפט־מאַן, אַ פילאָזאָף, אַ פאָרשער. אָבער דער ליטעראַטור שפּייזן די קעגנזאַצן, צעריסנקייטן, עפּעס אַ געפיל פון נישט־האַרמאָניע מיט דער געזעלשאַפט. שרייבן, שאַפן — דאָס איז אַ פרווו צו פאַרבינדן ריסן. און אפשר פאַרבינדן זיך די ריסן נאָר אין ליטעראַטור...

*

איך דערגיי צו אַ שאַבלאָן־פראַגע, וואָס אַן איר קען נישט „יוצא־זיין” אַן אינטערוויו מיט אַ העברעיש־שרייבער: צי קען מען שוין רעדן וועגן אַן אייגנאַרטיקער, כאַראַקטער־ספּעציפישער ישראל־ליטעראַטור? מגד האַלט:

— דער עצם־מאַטעריאַל פון אַ געוויסער ליטעראַטור איז אַ קענצייכן. דער רעאַליסטישער ראָמאַן פון 19־טן יאָרהונדערט איז געווען ענלעך אין פאַרשידענע לענדער, אָבער אומעטום האָט ער געהאַט אַ לאָקאַלן שטאָף. אַזוי אויך ביי אונדז: אַפילו ווען אַלע היינטצייטיקע ישראל־שרייבער וועלן איבערגיין צום סורעאַליזם, ווי ער איז אַנגענומען אין דער וועלט, וועט דאָך דער שאַפונג־מאַטעריאַל זיין אַ היגער, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער שפּראַך־אייגנאַרטיקייט.

אָבער מיר קערן זיך באַלד צוריק צו די „זוכענישן” פון מגדן און פון „זיין דור”. כ'וויל נאָך מערער דערגיין: וואָס פעלט זיי? וואָס מאַטערט זיי? מגד זאָגט:

— אַ מענטש, וואָס האָט גייסטיקע פּרעטענזיעס צו זיך אַליין, קען נישט משלים זיין מיט אַ וועלט, וואָס איז כולו חומר, וואָכע־דיקייט. שווער צו לעבן אין אַ שטאָט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין „מנין״ — כ׳מיין, פאַרשטייט זיך, נישט בוכשטעבלעך... אַן ענלעכער מצב איז אין דער ברייטער וועלט. די אינטעלעקטועלע קרייזן אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער לעבן־איבער טיף דעם גייסטיק־מאָראַלישן נאָך־מלחמה־קריזיס. אָבער זיי ווערן באַשיצט מיט דיקע טראַדיציע־שיכטן, באַשירמט מיט קולטור־אַנזאַמלענישן. זיי גייען אַרום צווישן הייזער פון 15־טן, 16־טן יאָרהונדערט... ביי אונדז דרייסטו זיך צווישן „שיכונים״. אַ קליין הווה־וועלטל. פון עבר אָפּגעריסן, דער עתיד פאַרנעפּלט, מ׳לעבט מיטן היינטיקן טאָג, מיט דער היינטיקער נאַכט. אַ מין שוץ־באַהעלטעניש..

פּילסט: דער שרייבער און זיין דור לעכצן צו אַ באַנייטן, גרויסן גייס־טיק־מאָראַלישן זין פאַרן קיום. אָבער פון וואַנען אים נעמען אין דער צערודערטער וועלט, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט אידייען־אַנטוישונגען? ביי אָט־דער אָנמאַכט־פראַגע באַהעפטן זיך אהרון מגדס רייד און דאָס נישט־דערזאָגטע מיט די נאָסטאַלגיע־שאַטנס און בלאָנדזשענישן פון זיינע לעצטע שאַפונגען.

אברהם ברוידעס

טיפֿע קעלערן — הויכע בערג

אברהם ברוידעס גייט אין דער העברעיִשער דיכטונג זיין אייגן אויס־געטראָטענעם וועג, אויף וועלכן ער האָט געוויסע פּיאָנערישע פאַרדינסטן, אַריינברענגענדיק אין דער ארץ־ישׂראלדיקער פּאָעזיע מאָטיוון, וואָס זענען איר נישט געווען איבעריק באַקאַנט.

איינער פון די צענטראַלע מאָטיוון אין ברוידעס ליד, איז דער גורל פון אַרבעטנדיקן ייִנגל („הנער העובד") — אַ מאָטיוו, וואָס איז „כולו שלו".

אונדזער ליטעראַטור קען זיך נישט קלאָגן אויף אַ מאַנגל אין שילדע־רונגען פון ייִדישן קינדס וועלט. פאַרקערט: דאָס „קינד אָן קינדהייט" איז זייער אַ פּאָפּולערע געשטאַלט אין דער שאַפונג פון אַ ריי שרייבער. אויך ברוידעס טראָגט אין זיך דעם צער אויף קינדער וואָס ווערן פאַרעלטערט פאַר דער צייט. אָבער ער קלאָגט נישט אויפן יאָך פון תורה און מצוות וואָס באַלאַסטעט זיי, נאָר פשוט אויף דעם עול פון קיום און זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. דער פרנסה־יאָך פאַרוואַנדלט די דאָזיקע קינדער נישט דווקא אין „קליינע ייִדעלעך", נאָר אין פּריצייטיק דערוואַקסענע מענטשן, וועמענס טאָג איז דערדריקנדיק שווער און וועמענס נאַכט איז באַרויבט פון משפּחה־וואַרעמקייט.

איניקע לעבנס־פּרטים פון דעם דיכטער גיבן אַ שליסל צו זיין שאַ־פונגס־וועלט. אברהם ברוידעס שטאַמט פון ווילנע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1907. דער פאָטער, ר׳ יצחק, איז געווען אַ באַקאַנטער ציוניסטישער טוער און מטיף, אַ זשורנאַליסט און מחבר פון עטלעכע העברעישע ביכער. זיין יחוס־בריוו האָט אָנגעשפּאַרט ביז דעם ווילנער גאון (דער הגר״א) און ער האָט געהאַט קרובהשאַפט מיטן השכלה־שרייבער ראובן אָשר ברוידעס.

צו 16 יאָר איז אברהם ברוידעס, מיט דער משפּחה, געקומען קיין ארץ־ישראל. דער קריזיס פון די צוואַנציקער יאָרן האָט דער ברוידעס־משפּחה שטאַרק אָנגעגריפן. דער פאָטער איז געוואָרן אַ טעגלעכער לוין־אַרבעטער, אָן אַ סטאַבילן פּרנסה־אָנהאַלט. די מוטער איז געווען קראַנק. דער יונגער אברהם איז געוואָרן דער משפּחהס „ברויטגעבער״. פון זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן האָט ער באַדאַרפט אויסהאַלטן די משפּחה. אָבער אין שטוב איז נישט איין מאָל געקומען צו גאַסט דער הונגער. און דער אַרומיקער „פּייזאַזש״ איז אויך געווען אַ גאַנץ פינצטע־רער: די משפּחה ברוידעס האָט געוווינט אין אַ צריף אויף די זאַמדן — אין אַ דחקות־שכונה.

אָט דער אייגענער נויט־קיום און די סביבהדיקע סאָציאַלע „לאַנד־שאַפט״ האָבן זיך איינגעביסן טיף אין האַרץ — און שפּעטער זיך איינגע־ביסן אויך אין די שורות פונעם ליד. דער גורל פון אַרבעטנדיקן מענטש, און באַזונדערס טאַקע דער גורל פון יוגנטלעכן אַרבעטנדיקן, איז געוואָרן אַ צענטראַלע טעמע פון ברוידעס ליד (אגב, ער איז געווען איינער פון די גרונטלייגער פון דעם פאַרבאַנד „הנוער העובד״ — די אַרבעטנדיקע יוגנט). ער האָט אָוועקגעגעבן זיין האַרץ און זיינע פּאָעטישע קלאַנגען צו די קרבנות פון דער עוולהדיקער סאָציאַלער ווירקלעכקייט.

*

מערקווירדיק איז דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע סאָציאַלע מאָטיוון האָט ברוידעס אָנגעהויבן אַרויספירן אין אַ צייט, ווען אין דער ארץ־ישראל־ליטעראַטור האָבן געהילכט הימן־געזאַנגען צו דעם אַרבעטנדיקן מענטש, ווען דיכטער האָבן באַזונגען דעם נס פון צוריקקער צו ערד און מי, ווען פיל שרייבער האָבן ציטערדיק געבענטשט אויף „מאָזאָליעדיקע הענט״

און דער גאַנצער שאַפונגס־חלל איז געווען פול מיט באַוווּנדערונג פון דעם „נייעם יידישן טיפּ"... ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין מיט וואָס די ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט האָט פאַרשיכורט די פען־מענטשן — און געוויס האָט דער „נס" פאַרכאַפּט אויך ברוידעסן. אָבער אין סאַמע ברען פון דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג האָט ער זיך באַהאַפטן, בעיקר, מיט די ליידן פון אַרבעטנדיקן יינגל אין דער שטאָט — אויף בוי־אַרבעטן, אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן. ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צום קליינעם פאַרעלטערטן, וואָס שלעפּט עמערס זאַמד און זיפזיפט מיט די לעצטע כוחות, „ביז די אַדערן פּלאַצן" — און איינגעזען, אַז „דער מאַמעס טוי ליגט נאָך אויף אים". ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ „פאַרסאַזשעטער און סקריפּענדיקער וועלט", האָט זיך צוגעהערט צום „ברומען פון די רעדער און רימענס" — און האָט אין אייביקן בונד געשלאָסן מיט די זיך מאַטערנדיקע יינגלעך. ער ווערט אַ וואָרטזאָגער פון זייערע ליידן און האָפענונגען, נויטן און שטרעבונגען. ער טוט פאַר זיי תפילה.

דאָ און דאָרט געפינסטו אין ברוידעס לידער סימבאָלישע בילדער. אָבער קודם־כל ברענגען זיי שטיקער גראָע ווירקלעכקייט. אָט איז אַוועק דער זומער און עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. ברוידעס באַזינגט נישט די נאַטור־ענדערונגען. ער גיט זיך אָפּ מיט זייער אַ וואָכעדיקער זאַך: די ווינטן האָבן געמאַכט טאַנצן די ווענט... עס רינען די דלותדיקע דעכער — און דער שטורעם רייסט פון זיי שטיקער...

די סאָציאַלע נויט איז אַממערסטן קענטיק אין שטאָט. דעריבער גיט זיך ברוידעס אָפּ מערסטנטייל מיט איר. די שטאָט איז צעשפּרייט אויפן ברעג פון ים. אָבער נישט דער רויש פון די כוואַליעס פאַרכאַפּט דעם דיכטערס אויפמערקזאַמקייט. נאָר דער וואַסער־פּליעסק אונטער די הענט פון אַן „אויסגעמאַטערטער און פאַרגעסענער וועשערין".

די פּעלערן פון דער נייער יידישער געזעלשאַפט, שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר פאַרמירונג, האָבן אַריינגעגאָסן טראָפּנס פון צער אין דעם בעכער פון נאַציאָנאַלע התלהבות. און דער צער איז נאָך פיל טיפער דווקא צוליב דעם, וואָס אויך אונטער „אונדזערע בלויע הימלען" זענען דאָ אַזוי פיל עוולות. די דאָזיקע ווירקלעכקייט שעכט אַוועק — ווי ברוידעס האָט זיך אויסגעדריקט — דעם אָדלער פון חלומות.

בעיקר איז דער דיכטער געריירט פון דעם גורל פון די קינדער אין

די פֿאַרשטעט — די פֿאַרלאָזענע און פֿאַריתומטע (אַפֿילו ווען זיי האָבן טאַטע־מאַמע). זיי קוקן אויס זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט די קינדער אין הויף, אַ שאָקל טאָן אַן עפּלבוים, אָבער זייער קינדהייט איז פֿון זיי אַוועקגערויבט געוואָרן. צו די אַלע באַרוועסע און אָפּגעריסענע קינדער איז ברוידעס אַ ברודער־חבר. אין זייערע פֿאַרחושכטע היימען וויל ער ברענגען אַ נחמה, אַ פֿונק פֿון ליכט, די זון פֿון וויסן און בילדונג — אָבער ער פֿילט, אַז אין די פֿינצטערע קעלערן דאַרף מען קודם־כּל ברענגען אַ „קיילעכדיקן, שמייכלענדיקן לאַבן ברויט"...

*

אויך אין די אַזוי גערופֿענע ליבע־לידער האָט ברוידעס זיין „גאַנג". ער איז אַ דיכטער פֿון משפּחה־נעסט. דאָ און דאָרט בליצט אויף תּאווה, אָבער דער דאָמינירנדיקער עלעמענט פֿאַרבלייבט די שטילע, משפּחהדיקע יואַר־עמקייט.

דער דיכטער פֿאַרמאַכט נישט די אויגן אויף גרילצן אין משפּחה־לעבן. ס׳זענען דאָ רייבונגען, פֿאַרביטערונג, קעגנזייטיקע טענות. אָבער ברוידעס זעט דאָס קינד אין שטוב ווי אַ שלום־מלאכל. דער מאַנצביל וואָס האָט אין בלוט־היץ פֿאַרלאָזן די היים און אַוועק זוכן גליקן אין דער וועלט — קערט זיך אום צו דער „געפּענגעניש פֿון פֿרוי און קינד": „פֿאַר אונדזער קינדס וועגן לאָמיר דערדריקן די שטים פֿון כּעס און קריגערייי".

אַ באַזונדער אָרט אין ברוידעסעס שאַפֿונג פֿאַרנעמען די לידער פֿון דער סעריע „אַ מענטש און זיין כּותל". דאָ טריפֿט דער טוי פֿון ליריק. ווי דער כּותל מערבֿי אין דער אויפֿפּאַסונג פֿון פֿאָלק, אַזוי האָט אויך יעדער מענטש אַ מין פּריוואַטן „כּותל", וווּ ער אַנטפּלעקט זיין „איך". דאָס איז די שעה פֿון תּפֿילה, התיחדות, ווידוי, חשבון־הנפֿש. און פֿאַר דעם דאָזיקן פּערזענלעכן „מויער פֿון טרערן" שטייט דער דיכטער און גיסט אויס זיין האַרץ, וווּ עס שטויסן זיך צוזאַמען פֿאַרלאַנגען און אַנטוישונגען.

די עלעגיש־געניייגטע לידער פֿון „אַ מענטש און זיין כּותל" ציען זייער יניקה פֿון דעם אייביק־מענטשלעכן, קאָנטראַסטישן ווען — דערוואַכונג און פֿאַרצווייפֿלונג, שרעק און דערמונטערונג. אָט בעט דער מענטש אויף זיך דעם טויט — און אָט ציטערט ער פֿאַר דעם זיך אָנרוקנדיקן סוף. אָט פֿאַרשווינדט שפּורלאָז די יוגנט מיט אירע חלומות, אָבער דער מענטש

קוקט נאָך אויס אויף אַ באַרגיקן ווינט, וואָס וועט אַריינבלאָזן פרילינג אין זיינע פאַרוועלקטע לעבנס־קנייטשן. אָט לעכצט ער נאָך פריינט און אָט גייט ער אויס נאָך אַ ביסל איינזאַמקייט. און בעיקר, מיט די ווערטער פון דיכטער: „אין מיר ראַנגלען זיך פרילינג און האַרבסט, אַ קראָ און אַ ווייסע טויב".

*

די אויפטועו און דער לעבנס־שטייגער פון חלוצים־דור זענען ברייט פאַרטראַכטן אויף ברוידעס פּאָעטישער קאַנווע. זיינע לידער פון אָט דער קאַטעגאָריע, צייכענען זיך אויס מיט ווירקלעכע בילדער: אין אַ שטורעם־נאַכט אין עמק שאָקלט זיך דער יתומדיקער געצעלט, וואָס איז אויפגע־שטעלט געוואָרן מיט קדושה. דער ווינט פאַרטראָגט צעפליקטע שטיקער קאָלדרע. דער געבענטשטער רעגן וואַשט דאָס געלעגער...

באַנוצנדיק ברוידעס בילדער און אויסדרוקן, קענען מיר צונויפשטעלן אַ קורצע דערציילונג וועגן דער פּיאָנערישער עליה: צעטרוימטע יוגנט פון אַלע עקן וועלט, ווידערשפעניקע, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין איינ־געהויקערט, זענען געקומען אין דעם וויסטן און אויסגעבענקטן לאַנד, ברענגענדיק מיט זיך זייערע צען פינגער, טרייהייט און ליד; אין יסורים האָבן זיי זיך געצייטיקט און צווישן די אַלטצייטיקע פעלזן האָבן זיי זיך געקרעפטיקט; די קדמונים־לאַנדשאַפט האָט נאָך מער צעפלאַקערט זייערע באַגערן צו מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער פרייהייט — און זיי האָבן פאַר איר נישט געקאַרגט זייער שווייס און בלוט...

רירנדיק און אויסדרוקפול זענען ברוידעס לידער „צום אַוועקגייענ־דיקן דור". נישט אָנרופנדיק קיין נעמען, ברענגען זיי אַ וואָרט פון געזע־געגנונג מיט טייערע געשטאַלטן, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט — און „מיר וועט זייער שאָטן לייכטן".

*

דער חורבן וואָס די דייטשע מערדערלעכע האַנט האָט געבראַכט אויפן אייראָפּעישן יידנטום האָט זיך אָפּגערופן אויף ברוידעס ליד. נאָך אין יאָר 1941 (ווען די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט תל־אביב) זעט ער זיין לעבן ווי „אַ געשענק, געוווּנענעם בדרך נס". באַלד קומען די שווידערלעכע

ידיעות פון די קהילות־ישראל און דער ווייטיק צעוואַקסט זיך. פֿאַר דעם דיכטערס אויגן שוועבן בילדער פון זיין היימשטאָט ווילנע, דאָרט וווּ ער האָט געזויגן דער מאַמעס מילך צוזאַמען מיט אהבת ישראל. די דאָזיקע עיר ואם בישראל, וווּ מיכ״ל האָט געזונגען און יל״ג האָט געצאַרנט, די שטאָט וואָס שניאור האָט אַזוי גרויסהאַרציק געמאָלן — איצט סקריפּעט דאָרט (און אין אַנדערע יידישע ישובים) דער נאַצישער שטיוול...

עס יאָמערט ברוידעס ליד. אין „אויגן" זעען מיר אַ שטאַרקן קינה־אויסדרוק. אָבער אָט די לידער דאַרף מען אָפּשאַצן נישט אויפן סמך פון זייער פּאָעטישער קרעפטיקייט, נאָר בעיקר אויפן סמך פון זייער טיף אויפריכטיקן ווייטיק (בכלל, אין אָנבליק פון דער פאַרניכטונג־פינצטער־ניש ווערן בלאָס אַלע מאָלונגען אויפן פּאַפּיר). אין ברוידעס לידער אויף דער חורבן־טעמע איז נישטאָ קיין צאָרן־מאָנונג, נאָר אַ שטילע תפילה צו גאָט, ער זאָל נוקם זיין דאָס בלוט פון די פאַרפייניקטע ברידער און שוועסטער. אויך אין אָט די לידער האַלט זיך ברוידעס ביי זיין גאַנג. ער האָט דאָך אַליין אַ מאָל דערקלערט, אַז ער איז נישט באַשאַנקען מיטן כוח זיך אויפצוהייבן און צעברילן זיך ווי אַ לייב. זיינע חורבן־לידער זענען אַ ציטערדיק ליכט אויף די קברים פון די צעשטאָכענע און געשאָכטענע.

*

מיטן גאַנג פון דער צייט האָט ברוידעס ליד אויסגעברייטערט אירע טעמאַטישע גרענעצן. עס האָבן זיך געקרעפטיקט זיינע פּאָעטישע אויסדרוק־מיטלען. די חלוצישע בוי־לידער פונקט ווי די נויט־לידער האָבן זיך באַרייכערט מיט נייע לאַנדשאַפטן און זעונגען.

אין בוך „שרשים בסלע" („וואָרצלען אינעם פעלז"), וואָס איז דער־שינען אין יאָר 1955, איז קענטיק ווי ברוידעס ליד ווערט ברייט־אָטעמדי־קער. אפשר איז עס די ווירקונג פון דער לאַנד־רחבות — אַזוי געאָגראַפיש ווי היסטאָריש — וואָס ווערט דאָ אַרויפגעפירט: דער וועג קיין סדום, די לכיש־שטרעקעס און דער אומבאַגרענעצטער ים־רוים... זאָגט דאָך דער דיכטער אין דעם לכיש־ליד: „אַזוי צי איך דעם פאָדעם פון מיין ליד אין דער ווייטער, צעשפּאָלטענער, אויף רינגען־פונאַנדערגענומענער צייט, ביז עס וועלן זיך רירן די נעכטן־סקעלעטן און עס וועלן אויפלעבן די געשטאַלטן פון די צייט־ענדערונגען". דאָ, אין די מדבר־סטעפּעס, ווערט אָנגעהאַלטן

אַ מין דיאַלאָג צווישן דעם גרויסן עבר און דער היינטצייטיקייט: „קוק! דער קליינמענטש האָט צעשאָקלט רעטעניש־שטיקער, צעטרייסלט סודות פון מדבר און אויפגערודערט זיינע באַהעלטענישן".

אָבער אויך אין „שרשים בסלע" פּאַראַט נישט ברוידעס זיין ערשט „פּאָעטישן פּאָטערלאַנד". ס'טראָגט זיך ווידער דער אויפריכטיקער מיט־לייד־געזאַנג צו די איינוווינער פון די קעלערן, די געפּלאָגטע און פאַר־פינצטערטע, וואָס זייער שטוב איז אונטער דער שטוב, וואָס אַלע פינף הויז־שטאָקן זענען ווי אַ באַרג אויף זייערע קעלער־אַקסלען... און עס חזרט זיך איבער די שטילע טרייהייטס־שבועה צום „בונד פון די באַרויבטע".

אין „שרשים בסלע" — אין ליד „אַלע ווײנען..." — הערן מיר אויך אַ „לירישן ווידוי" פון אברהם ברוידעס: „איך וויין אויף דער עקדה פון אַ ווייס און זויבער ציגעלע, אויף דער תמימות פון מיינע חלומות וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן". אין איינעם מיט דעם דיכטער וויינען אַלע פּריי־צייטיק פאַרשניטענע, אויסגעוואָרצלטע; עס וויינט אויך אַ פאַרלוירענער ווינט, אַ נאַקעטער בוים, באַהאַלטענע שטיינער, שטערן־ברעקלעך. דער געוויין איז דאָ פּאָעטיש־פּולבלוטיק. אָבער אין תוך גענומען איז עס אַ מין המשך צום מער פשטותדיקן אויסגעשריי פון ברוידעס ליד אין יאָר 1926: „אויך אין מיין לאַנד זע איך רויב — אַלטער דורות־וויטיק"...

*

ברייטע פּאַנאָראַמעס ווערן פונאַנדערגעוויקלט אויך אין אברהם ברוי־דעס בוך „אל השחר הגנוז" („צום פאַרבאָרגענעם מאָרגנשטערן"), וואָס איז דערשינען אין 1960. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ ציקל צפת־לידער. דאָס איז אַ געזאַנג צו דער מיסטעריעזער מקובלים־שטאָט, וואָס פאַרמאָגט סודות־טיפקייט און הייך — ווערטלעך גענומען און נשמהדיק־גייסטיק צוגלייך... דער דיכטער איז אָנגעצונדן מיט דעם אינעווייניקסטן פייער פון צפת, פאַרטראָגן אין אירע חלומות, פאַרשיכורט — אַ „זוהר"־שיכרות — פון איר ניגון און אויפגעציטערט אין שאָטן פון האר"י הקדוש. פון די ווייט שוועבנדיקע דמיון־פליגל נידערט דער דיכטער אַראָפּ צו דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט — די געשאָכטענע טהורים וקדושים פון צפת בעת דעם אַראַבישן פּאָגראָם פון תרפ"ט. ער אָטעמט דעם היינטצייטיקן טאָפּלט־אָטעם פון צפת: איר שלווה און קאָכעדיקייט.

אין דעם צפת־ציקל זענען פאַרפלאָכטן רירנדיקע ביאָגראַפישע פעדעם פון דעם דיכטער. זיין פאָטער האָט אין דער מקובלים־שטאָט אויסגע־הויכט די נשמה, נאָך דעם ווי ער איז געפאַנגען געוואָרן דורך דער „חכמת הנסתר" און איז אַוועק קיין צפת פאַרווירקלעכן עפּעס אַ געהיימ־נישפולן נדר אויף דעם קבר פון אר"י הקדוש. אָט דאָס דאָזיקע לעצטע קאַפּיטל איין שווערן לעבן פון דיכטערס פאָטער געפינט אַן אויסדרוק אינעם ליד וואָס חתמעט דעם צפת־ציקל — „מיין פאָטער".

דער צווייטער לידער־ציקל אין בוך איז געווידמעט דער סביבה פון עין־גדי און האָט אַ מהותדיקע נאָענטקייט צום פריערדיקן. אויך דאָ ציט דעם דיכטער אין דער הייך און ער ברענגט אַרויס זיינע זעאונגען אויפ־שטייגנדיק אויף דעם „באַרג־אַרויף פון די איסיים". ווידער אַן ענלעכער גאַנג: צו ערשט באַהעפט ער זיך מיט די שפּיציקע, באַרגיקע פעלזן, זוכנדיק צווישן זיי די נאָענטקייט פון אייבערשטן — און דערנאָך נידערט ער אַראָפּ צו דער היינטצייטיקייט, ביז צו אַ חתונה אין נחל דוד, ווו די חופּה ווערט אויסגעשפּרייט אויף אַ גראַבליע און אַ ביקס...

אַזוי קערט זיך ברוידעס צוריק פון סודותדיקע הויכקייטן צו דער גראָער ווירקלעכקייט. און ווידער באַגעגענען מיר אים דאָרט ווו עס איז געשטאַנען זיין „פּאָעטיש וויגעלע". מיר הערן נאָך אַ מאָל אַלט־באַקאַנטע פאָלקסטימלעך־האַרציקע געזאַנגען צו שטילער, באַשיידענער גוטסקייט, ווי, למשל, צו דער שמייכלענדיקער שוועסטער אין שפּיטאָל — אַ ווייסער מלאך אין אַ פאַרווינטער, יסורים־אָנגעזעטיקטער סביבה... און פון דאָס ניי הערן מיר דעם פּאָעטישן אויסגעשריי פון סאָציאַלן געוויסן: „כל זמן אין דער פאַרפלאָגטער פאָרשטאָט ווערט הפקרדיק פאַרלאָזן אַ קינד — וואָס מיר דער רויש פון בליצנדיקן פּראַכט?".

די צייט האָט געבראַכט פיל שטימונג־ענדערונגען. אָבער אברהם ברוידעס קלאַמערט זיך כסדר אין דעם דמיון פון אַ ליכטיקן מאָרגן: „און אויב דער משיח איז אַן אויסגעטראַכטער — זאָל אויף אייביק געבענטשט זיין די אויסטראַכטעניש"...

משה סתווי־סטאַווסקי

אין אַ וועלט פון „שטומע פריינט״

דער נאָמען אַליין פון איין בוך פון משה סתווי (סטאַווסקי) פירט באַלד אַריין דעם לייענער אין אַ גרויסן חלק פון זיין שאַפערישער וועלט: „שטומע פריינט״ — דאָס בוך וואָס אַנטהאַלט דערציילונגען וועגן היימישע בעלי־חיים. ער רינגלט זיי אַרום מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, שענקענדיק זיי געצערטלטע אויסדרוקן און באַשרייבונגען.

דער דאָזיקער אינטערעס פון סתווין צו די שטומע פריינט איז נישט קיין עסקייפּיסטישער אויסבאַהאַלטן זיך פון מענטשנס וועלט. עס האָט אַ מאָל אַ שרייבער געוואָרפן אַ ציניש גלייכוווערטל, אַז וואָס מער ער דערקענט די נאַטור פון מענטשן — אַלץ שטאַרקער ליבט ער... הינט. סטאַווסקיס צוגאַנג איז גראָד אַ פאַרקערטער: וואָס טיפער ער דערקענט זיינע שטוביקע בעלי־חיים, וואַקסט זיין סימפּאַטיע צו די מענטשן וואָס פאַרנעמען זיך מיט זיי.

אין פיל דערציילונגען מאָלן זיך אויס די בעלי־חיים ווי סימבאָלן פון דעם מענטשלעכן קיום. זאָגט דאָך דער מחבר: „דאָס לעבן פון דער בהמה

און דאָס לעבן פון דעם פשוטן מענטש זענען געפלאָכטן איינס אין דאָס אַנדערע״. סתווי שילדערט זיינע שטומע פריינט, בעיקר, אויפן פאָן פון שטעטלשן און דאָרפישן יידישן לעבן. און פון אונטער זיין האַנט האָבן זיך באַקומען נישט סתם נאַטוראַליסטישע בילדער, נאָר געוועבן פון עלעגישע שטימונגען. אַזאַ שטימונג שוועבט אויך איבער זיינע מאָלונגען פון דער נאַטור, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שותף צום מענטשלעך־יידישן פיין, צו דער נויט און אומעט אין דאָרף און שטעטל: „קיין מענטש געדענקט נישט ווען ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן אָט דער רעגן, און קיינער גלייבט נישט, אַז ער וועט ווען עס איז אויפהערן גיסן. אַ מינוט דוכט זיך, אַז ערגעץ ווו אין די הייכן, האָט אָנגעהויבן רינען אַ צעבראָכענער און צע־פוילטער שינדל־דאַך״...

סתוויס פערד און קו, הונט און הון פאַרבלייבן אויף אייביק „יידישע״. זיי רעפּרעזענטירן זיך ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל הן פון דער יידי־שער מערכה פאַרן קיום און הן פונעם יידישן דראַנג — פון דעם האָרע־פּאַשנעם, וואָכעדיקן לעבן — צו עפּעס „העכערס״. ווי נאָר דער טאָג קומט אויף, לייגט אָפּ שמחה דער קצב אין איילעניש דעם טלית־און־תפילין, כדי אַרויסצוגיין אין דאָרף איינצוקויפן אַ קאַלב אויף שחיטה אָדער אַ קו אויף מילך... צו וואָס דאַרף די יידענע אַזוי נייטיק אַ לייגנדיקע הון אין שטוב? — ס׳זאָל זיין אַן איי פאַרן קינד, אַן איי צו די געפילטע פיש און אַן איי צו באַשמירן די חלות לכבוד שבת און יום־טוב... יואל איז אַ פאַרהאָרעוועטער בעל־עגלה, דער זון לערנט זיך פאַר אַ שמיד, די טאָכטער איז אַ דינסט אין אַ פרעמד הויז, דאָס ווייב איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט אין שטוב (ביים מאָלן גרויפּן צום פאַרקויפן און ביי דער קו); אָבער עס קומט דער פרייטיק־צו־נאַכטס, די שטוב איז איינגעהייצט, אויפגערוימט און פאַר־פוצט מיט געל זאַמד — און עס שפּרייט זיך וואַרעמקייט און שבת־פאַר־געניגן...

*

דעם צוזאַמענבונד פון ייד און בעלי־חיים אין זיין טאָפּלטן באַדייט — פון דעם ערדישן, שווערן פרנסה־יאָך און אויסקוק אויף אַ ביסל קדושה — האָט סתווי געבראַכט צו אַ טיף סימבאָלישן אויסדרוק אין דער דערציילונג „אין אַ זומער־טאָג״. ישראל און זיין פערד טיילן דאָ איין גורל. ישראל איז

„פון מוצאי־שבת ביז שפעט אין ערב שבת איינגעשפּאַנט ווי דאָס פערד צום וואָגן. חוץ דעם שבתדיקן טאָג איז ער נישט זוכה צו זען דאָס פּנים פון זיין שטוב". אַ גאַנצע וואָך שלעפּט זיך ישראל מיט זיין פערד־און־וואָגן, אַריינגעטאָן אין משא־ומתן מיט די גוים — ער דאַוונט אָבער אין אַ שייער אויפן וועג, איינגעהילט אין טלית און אַרומגעצויגן אין תפילין, שטעלנדיק זיך צו דער מזרח־וואַנט... איין מאָל, אונטערוועגס, האָט ישראלן באַגעגנט אַ שלאַקס־רעגן. זיינע נאַסע בגדים האָבן זיך צוגעקלעפּט צום לייב. ווען דער וואָגן האָט זיך דערנעענטערט צוריק צו זיין שטעטל, האָט שוין די קדושת השבת אויסגעשפּרייט אירע פליגל אויף פעלד און וואַלד. בענטש־ליכט האָבן שוין געפינקלט פון די פענצטער. אָבער דאָס פערד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן שפּירן, אַז די לייצעס זענען אָפּגעלאָזן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ בליץ האָט דערשלאָגן ישראלן אינעם וואָגן, וואָס דאָס פערד שלעפּט נאָכלעסיק נאָך. ישראלס אַלטער הונט האָט פון דער ווייטנס דערשמעקט די אָנקומענדיקע פור און ער האָט זיך צעוואָיעט מיט אַ קלאָגעדישער בילעריי. און „פּאַמעלעך, ווי אַ טרויער־צוג, איז אין געסל און אין תחום פון שבת־קודש אַריין אַ וואָגן פול מיט שוידער און געשפּענסט. מיט געמאָסטענע טריט האָט דאָס פערד געבראַכט צו זיין האַרס הויז אַ לעבעדיק קאַלב און זיין טויטן באַלעבאָס".

אין דער דאָזיקער מיט טראַגיק אָנגעזאָפּטער דערציילונג, פּאַרמענטש־לעכט סתווי די בהמה, און דעם פּראָסטן האַרעפּאַשנעם ייד דערהייבט ער צו גייסטיקע מדרגות. ער ווייזט אים אין טלית־און־תפילין אויף גויִשע וועגן, אין פיינפולער מי פאַר אַ ביסל חיונה און אין נאָגנדיקער בענק־שאַפט צום שבתדיקן משפחה־טיש. ס'זעט אויס ווי דער גאַנצער אַרום נעמט אָנטייל אין דער טראַגישער איבערלעבונג: די נאַטור וויינט, דער הונט וואָיעט און דאָס בידנע פערדל איז דער ערשטער מקיים די מצווה פון חסד של אמת...

*

אין פיל דערציילונגען פון די „שטומע פריינט" פייפט דער דלות. דאָ ווערן די הון און קו נישט „געצערטלט" דורך דעם מחבר, זיי זענען נישט קיין אידילישער „אָביעקט" און נישט קיין זאַך פון ראָמאַנטיק, נאָר מאָנכעס מאָל, פּשוט, אַ רעטונגס־מיטל. סתווי זאָגט עס מיט נאַקעטע ווער־

טער: „דער גאַנצער אָנלען פון וועלוול אסתר־ביילעס — איז די קו... ווייל ווען ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיינע רווחים, וואָלט געווען אַ בראָך צו אים און צו זיין הויזגעזינד. די קינדער וואָלטן פאַרגעסן דעם טעם פון אַ ביסל וואַרעם געקעכטס. אָבער ווי באַלד די קו שטייט אין שטאַל, איז דאָ ברכה אין שטוב: אַ ביסל מילך צו פאַרזוייסן די גרויפּן, אַ טראָפּן סמעטענע צו באַשמירן אַ שטיקל ברויט און פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון אַ דערקוטשענדיק קינד... אַ ברעקל קעז... אַ טעפּל זויערמילך אויף צו דער־כאַפּן דאָס נפש אין אַ מאַטערנדיקן זומערטאָג (די פּוטער פאַרבייט מען אויף געלט כדי אויסצוהאַלטן די בהמה)... מיט דער קו קען מען ווי עס איז אויסהאַלטן, און דער הונגער לויערט נישט אויף דער שטוב"...

דאָס זעלבע איז מיט דער „געלער הון", וואָס איז ביי זלמן דעם סטאָליער אין שטוב געווען אַ גאַנצער עקזיסטענץ־אוצר. פון דעסטוועגן איז סתּוי נישט אַזוי „מאַטעריאַליסטיש" אויסגערעכנט וואָס שייך די בעלי־חיים. ער ווערט אַ מאָל תמימותדיק פאַרכאַפּט פון זייערע צאַרטע געגנלעך. די דערציילונג וועגן דער „געלער הון" פאַרענדיקט זיך טאַקע מיט אַ זיס־סענטימענטאַלער באַשרייבונג: ווען זלמן דעם סטאָליערס בני־בית האָבן זיך אין דער פּסח־נאַכט אויסגעזעצט אַרום סדר־טיש, איז קעגנ־איבער זיי געזעסן די געלע הון אויף אַ פרישן אויסבעט פון היי, און פון ד'אָרטן האָט זיך געטראָגן אַ ווייכינקער ניגון, אַ יום־טוב־ניגון פון די פּיס־קעלעך פון אַנדערטהאַלבן מנינים קלאָרענקע עופהלעך, וואָס האָט ווי אָנגעפילט די לופט מיט טראָפּנס פון צאַרטן בוימל...

אַ באַזונדערן „ייחוד" געפינען מיר ביים פערד „לבן הארמי" (סתּווי רופט אָן פיל פון זיינע בעלי־חיים מיט „פּערזענלעכע" נעמען, אַלס צייכן פון אינטימער נאָענטקייט). ער דאַרף נישט באַפרידיקן די הולטייסקע תאווה פון פריץ, וועלכער האָט אים געוואָלט אָפּקויפן פאַר 200 רובל; נייך, „לבן הארמי" (אין דער דערציילונג מיט דעם זעלבן נאָמען) האָט גאָר אַן אַנדערע "מיסיע": ער איז „אַריין מיטן גאַנצן קאָפּ אין שפּאַן פון יאָך, פון שטוב־פּרנסה" און אַ גאַנצע וואָך האָרעוועט ער שווער מיט זיין באַלע־באָס פאַרן באַשפּייזן די משפּחה מיטן שטיקל ברויט. דעריבער ליגט אויסגעגאָסן אַ שטאַרקער ווייטיק, מיט אַ בולטער סאָציאַלער באַפאַרבונג, אויף דער באַשרייבונג וועגן דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם פערד „לבן הארמי", וועמענס פוס איז צעבראָכן געוואָרן בעתן אָנקאָווען אים

אַ פּאַדקאָווע. דאָ קומט נישט צום אויסדרוק קיין אַריסטאָקראַטישער צער־בעלי־חיים און נישט קיין סאַלאָניש חנדלען זיך מיט די שטומע באַשע־פענישן, נאָר עס פילט זיך דער צער פון אַ געשלאָגענעם ברויטגעבער. אָבער גלייכצייטיק דערוועקט דאָס פערד אַ מין „העכערן" מיטלייד צו זיין פרייהייטס־דראַנג — אַ מין בונטאַרישע נאַטור, וואָס לאָזט זיך נישט איינקאָווען...

*

עס ווילט זיך באַטאָנען, אַז סתּווים דערציילונגען קאָנפראָנטירן אונדז מיט אַן עדה יידן, וועלכע מאַכן אַ כשר לעבן מיט זייערע הענט. אויב ס'איז נאָך נייטיק דאָס אָפּלייקענען די גאַנגבאַרע — אין באַשטימטע צייט און קרייזן — איינשטעלונג וועגן גלותדיקן „פּאַראַזיטיזם", באַווייזט דאָס סתּווי ביד רחבה. זיינע יידן פאַרנעמען זיך נישט מיט לופט־געשעפטן. מיר האָבן פאַר זיך כסדר מענטשן פון שווערער פּראַצע. און די פּראַצע איז דאָ נישט קיין פלוצימדיקער פענאָמען, נאָר אַ דורותדיקער שטייגער. אָט איז יואל דער בעל־עגלה — אַ זון פון אַ גאַנצער דורות־קייט פון בעלי־עגלות: „ווען ער איז אַרויס פון דער מאַמעס בויך איז שוין ביי אים גע־שטאַנען אַ בייטש צוקאָפּנס"... און זייט־ביי־זייט מיט כל מיני בעלי־מלאכות זענען די דערציילונגען אָנגעפילט מיט פּויערישע אָדער האַלב־פּויערישע יידן: ישובניקעס, גערטנער, פי־ציכטלער — מענטשן נאָענטע צו דער נאַטור, פאַרוואָרצלטע אין באָדן, וואָס ציען זייער ברויט פון דער ערד בפועל ממש. דורך דעם דאָזיקן יידישן טיפּאַזש איז טאַקע סתּווים שאַפונג אַזוי אויסגעוויקט מיטן ריח פון דאָרף.

*

סתּווי האָט זיינע האַרעפּאַשנע יידן פון שטעטל און דאָרף נישט אויס־פאַנטאַזירט. ער איז צווישן זיי געבוירן געוואָרן (אין יאָר 1884, אין שטעטל אַנטאָפּאָל, ווייסרוסלאַנד) און אויסגעוואַקסן. אין זיינע דערציילונגען האָט ער געשטאַלטיקט די לעבנס־אַטמאָספערע וואָס ער האָט איינגעזאַפּט פון די קינדער־יאָרן אָן.

אין יאָר 1907 איז סטאַווסקי געקומען קיין וואַרשע. בערך אין דע־זעלבער צייט הייבן זיך אָן דרוקן זיינע ערשטע דערציילונגען — אין יידיש און העברעיש.

קיין ארץ־ישראל האָט סתווי עולה געווען אין יאָר 1911. אין עטלעכע יאָר אַרום באַזעצט ער זיך אין באר־טוביה און פירט דאָרט איין אַ ווירט־שאַפט. דאָס פּויערישע לעבן און אַרבעט אין דער דאָזיקער דרומדיקער מושבה, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע דערפער, האָט מיט יאָרן שפּעטער געשפּייזט סתוויס שאַפונג. אין זיינע ארץ־ישראלדיקע דערציילונגען איז אים — דעם „שטעטלשן" שרייבער — באַזונדער גע־לונגען אויפצוכאַפּן דעם ספּעציפישן קאָלאָריט פון דער אָרטיקער לאַנד־שאַפט, דעם אייגנאַרטיקן „טעם און ריח" פון קלימאַט. אַ גאָר חשוב אָרט האָט סתווי פאַרנומען אין אונדזער ליטעראַטור מיט דערציילונגען פון אַראַבישן דאָרף. אין זיינע יאָרן פון באר־טוביה איז ער געקומען אין נאָענטע קאָנטאַקטן מיט די אַראַבישע שכנים און ער האָט זייער ווען און לעבנס־שטייגער מייסטערהאַפט פאַרפלאַנצט אין דער העברעישער ליטע־ראַטור.

אין יאָר 1922 האָט זיך משה סתווי־סטאַווסקי באַזעצט אין תל־אביב. אָבער ביז זיין טויט — אין יאָר 1964 — איז אין זיין שאַפונג פאַרבליבן די קערנדיקע זאַפטיקייט פון אַנטאַפּאָל און באר־טוביה...



פראָפ׳ יוסף קלויזנער

יידנטום און מענטשהייט

ווען עס האָט זיך — אין יאָר 1958 — פאַרחתמעט פּראָפעסאָר יוסף קלויזנערס לעבנס־ד״ף (געמיינט: דף אַ בלאַט; ד״ף — 84, קלויזנערס לעבנס יאָרן) האָבן מיר, באַגלייטנדיק אים צו זיין אייביקער רו, נישט נאָר אונטערגעצויגן אַ סך־הכל פון זיין קאָלאָסאַלער פּאָזיציע אין דער געשיכטע פון אונדזער קולטור און רענעסאַנס, נאָר אויך זיך נישט געקענט באַפרייען פון פאַרטראַכטונגען וועגן דער פענאָמענאַלער יוגנטלעכקייט, וואָס ער האָט אָפּגעהיטן ביז זיינע לעצטע טעג. אָנגעזעטיקט מיט יאָרן האָט קלויזנער כמעט ביז זיין לעצטן אָטעם געקענט וועקן קנאה נישט בלויז מיט זיין אינטעלעקטועלער קראַפט און מוסטערהאַפטער געדאַנקלעכער קלאָר־קייט, נאָר אויך מיט זיין יוגנטלעכן ברען און דינאַמישער וואַכזאַמקייט צו אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אונדז.

יאָרן לאַנג האָט ער שוין געקענט איינזאַמלען לויב „אויף פּראָצענט" — פון די דורך אים אָנגעגרייטע גייסטיקע אוצרות. אָבער זיינע קוואַלן האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו שפּרודלען. און ביז זיינע לעצטע טעג האָט

ער זיך אויך קיין מאָל נישט געשטעלט אויף דער זייט פון די לעבנס־שטראָמען, פון די פליסנדיקע געשעענישן, נאָר זיך געמישט אין זיי מיט אַ שטענדיקן אינערלעכן אויפבּרויז, מיט פּאַלעמישן ברען און קאַמפּס־טעמפּעראַמענט.

יוסף קלויזנער איז געווען אַ פאַרצווייגטער און שטענדיק גרינער בוים.

ער איז געווען אַ גרויסער „פּזרן". זיין גייסטיקער כוח האָט זיך נישט געלאָזט באַגרענעצן אין באַשטימטע געביטן. מיט וואָס האָט ער זיך נישט באַשעפטיקט? היסטאָרישע פאָרשונגען און שפּראַך־פּראָבּלעמען; די נביאים פון ישראל און די פילאָזאָפן פון דער וועלט, פון די קלאַסישע צייטן ביז די מאָדערנע דענקער; ליטעראַטור־געשיכטע (לאָמיר דערמאָנען זיין זעקס־בענדיקע „היסטאָריע פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור") און העברעישע גראַמאַטיק; בית שני, קריסטנטום — און די טראַנסקריפּציע פון אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער אין עברית; רעדאַקטאָר און פּובליציסט; פּראָפעסאָר און גאַזעלשאַפטלעכער טוער. ס׳איז שווער אויסצושעפּן די רשימה פון קעגנשטאַנדן אין וועלכע ער איז געווען אַריינגעטאָן, צו וועלכע ער האָט צוגעלייגט זיין געבענטשטע האַנט.

עס קומען אויפן געדאַנק אָפּשאַצונגען, וואָס זענען געזאָגט און געשריבן געוואָרן ווען ס׳איז געפייערט געוואָרן קלויזנערס 80־יאָריקער געבוירן־טאָג. באַזונדערס געדענקט זיך די דעמאָלטיקע כמעט אַלגעמיינע איינשטימיקייט: ס׳האָט נישט קיין טעם צו בילאַנסירן קלויזנערס לעבנס־ווערק, ווייל ער איז נאָך פאַרזונקען אין טאָג־טעגלעכער טעטיקייט. נאָך אין זיינע אַכציקער יאָרן איז אָט דער וויסנשאַפטמאַן געווען פעיִק זיך אַריינצוּוואַרפן אין אַ נייער אַרבעט — אַפילו אין אַזאַ וואָס האָט פאַרלאַנגט פיל יאָרן פאַר איר דערגאַנצונג — מיט התלהבות און התמדה, ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט נאָך געשטאַנען פאַר אים.

*

מירן אָנצייכענען אייניקע פּונקטן פון קלויזנערס לעבנס־וועג. ער איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל אָלקעניק, ווילנער גובערניע, אין יאָר 1874, אָבער אין גיכן איז ער אַריבערגעפאָרן, מיט דער משפּחה קיין אָדעס. נאָכן „חדר און ישיבה האָט ער געלערנט יודאַיִסטישע וויסנשאַפטן אין היידלבערגער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1902 באַקומען דעם דאָקטאָר־

טיטל און זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד. באַלד הייבט זיך אָן זיין פאַר־צווייגטע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין 1920 האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און איז אין 1926 באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון דער נייער העברעיִשער ליטע־ראַטור אויפן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין 1945 ווערט ער באַ־שטימט אויך אַלס פּראָפעסאָר פאַר דער געשיכטע פון בית שני.

כדאי צו דערמאָנען, אַז קלויזנער האָט זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1897) און איז געווען זיין לעצטער „מאָהיקאַנער״.

אויף יוסף קלויזנערס ווערק, וואָס האָבן באַלויכטן פאַרשידנאַרטיקע געביטן, האָבן זיך דערצויגן גאַנצע דורות. דאָך קען מען אָנווייזן אויף איין באַשטימטן צענטראַלן קערן אין זיין צעצווייגטער לערע. בילדעריש קען מען זאָגן, איז דער דאָזיקער קערן געקומען צום אויסדרוק אין דעם שילדל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו דער טיר פון זיין הויז אין ירושלים און ווו ס'איז געווען אויפגעשריבן „יהדות ואנושיות״ (יידנטום און מענטש־הייט), ווי עס רופט זיך איינע פון זיינע אַרבעטן. אַ גרויסן טייל פון זיין מחשבה האָט ער געווידמעט דעם אידעאַל פון אַן אָרגאַנישן סינטעז צווישן יידישן נאַציאָנאַליזם און דער גרויסער אוניווערסאַלער קולטור. ער האָט געטראַכט וועגן „נאַציאָנאַליזירן״ די קלאַסישע גייסט־אוצרות פון דער וועלט און וועגן אַן „אַריינדרינגעניש״ פון דער ספּעציפישער יידנטום־אויפפאַסונג אין דער דורך אונדז „אַדאַפּטירטער״ פרעמדער קולטור. אַזוי האָט זיך געדאַרפט שאַפן אַ קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן יידנטום און די „אָריגינעלע וועלט־אויפפאַסונגען״ פון די פעלקער — אַ קעגנזייטיק באַאיינפלוסן און באַפרוכפּערן, פון וואָס דאָס אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע יידנטום זאָל נישט ווערן אָפּגעשוואַכט, נאָר דווקא געשטאַרקט.

*

מען האָט געזאָגט, אַז קלויזנער שפּרודלט מיט באַלזאַקיש־שעפערישער פרוכטבאַרקייט. זיין גייסט־צעשפּרייטונג האָט זיך מאַנכעס מאָל אויסגע־מאָלט ווי אַ רעטעניש. זאב זשאַבאָטינסקי האָט אַ מאָל אויסגעדריקט זיין התפעלות פון דעם עצם פענאָמען, וואָס „די זעלבע פעדער וואָס האָט נעכטן געשריבן „יידנטום און מענטשהייט״ און מאָרגן וועט זי שרייבן „ישו הנוצרי״ — וועט צווישן אָט דיביידע זיך איינטונקען אין טינט פון עניני דיומא״.

קלויזנער אַליין, זעט אויס, האָט געפילט אַ געוויסע „קנאה“ צו די „איין מלאכהדיקע“ גייסט־מענטשן. און אפשר האָבן אים, פון צייט צו צייט, געמאַטערט ספיקות לגבי דער צעזייאונג פון די אינטעלעקטועלע כוחות אויף אָן אַ שיעור פעלדער. לאָמיר זיך צוהערן צו זיינע אייגענע רייד — אין די שפּעטע לעבנס־יאָרן — מכוח אָט דער צעשפּליטערונג. פון זיי קוקט קלאָר אַרויס זיין געשטאַלט און אויפפאַסונג:

„איך האָב געהאַט אַן ערלעכן און גוטן פּלאַן: כ׳וועל פאַרפאַסן אַ נייע היסטאָריע פון מיין פאָלק און וועל אָנשרייבן פיר גרויסע ביכער וועגן די פיר קולטור־ריכטונגען פון דער מענטשהייט — גריכנטום, קריסטנטום, איסלאַם און בודהיזם. אָבער נאָר אַ טייל פון גרויסן פּלאַן האָב איך פאַרווירקלעכט. ס׳איז געווען געגנוג, אַז מיין געוויסן זאָל מיר אונטערזאָגן: ס׳איז דאָך אַ נייטיקע זאַך אָנצושרייבן אַ בראָשור וועגן „העברעיִשער טראַנסקריפּציע“, אָדער רעצענזירן אַ בוך פון אַ צווייטער מדרגה, אָדער רעאַגירן אויף אַ דערשיינונג פון דריטער מדרגה אין אונדזער לעבן — און באַלד האָב איך באַוווּסטזיניק פאַרנאַכלעסיקט מיין עיקר־אַרבעט און זיך באַשעפטיקט מיט נעבן־זאַכן... אפשר האָב איך געמאַכט אַ טעות, וואָס איך האָב געאַרבעט אין פאַרשידענע קעגנשטאַנדן און זיך נישט אָפּגעגעבן נאָר מיט איין קעגנשטאַנד — מיט דער היסטאָרישער וויסנשאַפט. אָבער גאָט איז מיר אַן עדות, אַז מיט אַלע מיינע פאַרשידנאַרטיקע אַרבעטן בין איך אויסן געווען צו דינען דעם פולן רעגעסאַנס פון מיין פאָלק, מיין לאַנד און מיין שפּראַך. כ׳האָב געדינט מיין פאָלק ווי מען דינט גאָט — און וואָס איז דער חילוק ווי אַזוי מען דינט גאָט? דערפאַר האָב איך נישט קיין חרטה, וואָס איך בין געגאַנגען דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען און געטאָן וואָס איך האָב געטאָן. און ווען איך וואָלט היינט געהאַט די ברירה געבוירן צו ווערן אויף ס׳ניי און אויסוויילן אַ לעבנס־וועג און אַ גייסטיקע אַרבעט, וואָלט איך ווידער אויסגעקליבן דעם וועג, וואָס איך בין געגאַנגען און די אַרבעט וואָס איך האָב געטאָן ביז היינט. און איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב געזען מיין פאָלק אין דערוואַכונג צו אַ ניי לעבן, כאָטש נישט אַלץ איז אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס איך האָב געחלומט; געזען מיין שפּראַך אַ לעבעדיקע און גערעדטע, כאָטש נישט אין דער געהאָפטער מאָס; און געזען מיין לאַנד זיך בויענדיק אַלס יידישע מדינה, כאָטש גאַנץ ווינציק־ווינציק“...

יהושע א. גלבוע

*

איבערבליקנדיק די גרויסע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע ירושה פון יוסף קלויזנער קען זיך אויסדוכטן, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ „לייכטער פעדער". אָבער דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק. ער אַליין האָט עטלעכע מאָל אָנגעוויזן אויף דעם שוויס, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זיינע כתבים, און אויף דער אָנשטרענגונג (לויט אַ ווערטל פון אחד העם) „אָפּצווישן דעם שוויס" פון דעם אָנגעשריבענעם...

אין זיין צוואה האָט קלויזנער, צווישן אַנדערן, אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז זיינע מאַנוסקריפּטן זאָלן אָפּגעהיט ווערן און זיין צוטריטלעך פאַר תלמידים־סטודענטן, כדי זיי זאָלן זען ווי גרויס ס׳איז אין זיי געווען די צאָל אויסמעקונגען, הוספות און אויסבעסערונגען — און זיי וועלן זיך איבערצייגן, ווי שווער עס איז די מלאכה פון שרייבן, באַזונדערס פון אַ „גיכן שרייבער"...

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צוואה־פאַרלאַנג זיינעם, וויל איך דער־ציילן אַ פּערזענלעכע דערינערונג. ווען קלויזנער איז שוין געווען קרוב צו אַכציק איז מיר אויסגעקומען אים צו באַזוכן ביי אים אין הויז, אין ירושלימער „תלפיות". מען דאַרף דערביי באַמערקן, אַז טראָץ דעם, וואָס ער איז אָן אויפהער געווען אַריינגעטאָן אין זיינע וויסנשאַפטלעכע, ליטע־ראַרישע אַרבעטן, איז זיין שטוב געווען שטענדיק אָפן פאַר באַזוכער — און ער האָט זיך נישט נוהג געווען צו באַגרענעצן די טעמאַטיק פון שמועס אָדער אים „צואיילן". אגב, צו אַלעמען — אויך צו זיינע תלמידים — האָט ער זיך געווענדט און גערעדט „אין דער דריטער פּערזאָן", כאָטש די דאָזיקע אומדירעקטע פאָרעם איז נישט אָרגאַניש אין דעם העברעישן דיבור.

מיך האָט געבראַכט צום פּראָפעסאָר קלויזנער אַ קליי‎ניקייט. פאַר אַ טעגלעכער צייטונג, וואָס איך האָב אין יענער צייט רעדאַגירט, האָט דער אַלטער געלערנטער צוגעגרייט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון משה שמיר „מלך בשר ודם" — און ער האָט געבעטן מיר זאָלן זיך אַדורכשמועסן וועגן אייניקע שטעלן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל. און איך האָב נישט געקענט אויסבאַהאַלטן מיין איבעראַשונג, ווען צוזאַמען

מיט דעם פולשטענדיק ריינעם כתב־יד האָט מיר דער באַרימטער וויסנ־שאַפטסמאַן געוויזן דעם ברוליאָן, וואָס איז געווען איבערפולט מיט ענדע־רונגען און איבעראַרבעטונגען אין יעדער שורה. ער האָט זיך „נישט געשעמט" צו ווייזן וויפל מי ער לייגט אַריין אין אַ כתב־יד, ביז ער ווערט דרוקפעיק — און אפשר האָט ער דערמיט אויך שטאָלצירט... מיט אַזאַ יראת־הכבוד האָט זיך קלויזנער באַצויגן צו דער צוגרייטונג פון אַן אַרטיקל פאַר אַ טאָג־צייטונג — אַ פּראָדוקט, וואָס ווערט, בדרך־כלל, „אויסגעבאַקן" אין בליץ־שנעלן טעמפּאָ...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן, אַז קלויזנער האָט אין זיין אַרטיקל אַרויסגעבראַכט שווערע טענות קעגן משה שמירס היסטאָרישן ראָמאַן „מלך בשר ודם", וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ פעל־שונג פון דער געשטאַלט פון אלכסנדר ינאי (די צענטראַלע פיגור פון דעם ראָמאַן) און ווי אַ פאַרקרימונג פון זיין תקופה.

און דאָ דאַרף מען קלאָר מאַכן: קלויזנער איז געווען אַ גרויסער באַרערער פון דער תקופה פון בית שני. אין זיינע צענדליקער וויסנ־שאַפטלעכע ווערק פאַרנעמט איינס פון די בכבודיקסטע ערטער די גראַנד־יעזע אַרבעט, אין 5 בענדער, פון דער היסטאָריע פון בית שני. קלויזנער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַ ביסל „רעהאַביליטירט" די תקופה, וואָס האָט אין געוויסע קרייזן פון היסטאָריקער — און טייל מאָל אויך אין פאָלקס־זכרון — נישט געהאַט קיין באַזונדער'ס גוטע רעפּוטאַציע. ס'איז דאָך באַ־וווסט, אַז בעת די אבות, מלכים און נביאים — ס'הייסט די היסטאָרישע געשטאַלטן פון אונדזערע נאַציאָנאַלע בראשית־צייטן און פון בית ראשון — זענען ביים פאָלק איינגעוויקלט אין אַ לעגענדאַרער הייליקייט־אָרעאָל, זענען די געשטאַלטן פון בית שני געווען אַ ביסל פאַרשאָטנט. קלויזנער האָט די בית שני־תקופה צוריק „דערהויבן", באַווייזנדיק נישט נאָר איר קאָ־לאָסאַלן ביישטייער צו אונדזער נאַציאָנאַלן וווקס און פאַרמעגן, נאָר אויך צו דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מערבדיקער ציוויליזאַציע. אין זיין אָפּשאַצונג האָבן די ליכט־זייטן אין דער חשמונאים־דינאַסטיע שטאַרק איבערגעוועגט אירע שאָטן־זייטן. ער איז גרייט געווען אויך „מוחל צו זיין" פיל פון די זינד פון אלכסנדר ינאי, וועלכער האָט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון יידישן לאַנד ביז צו דעם פאַרנעם פון די צייטן פון דוד המלך און שלמה המלך...

יהושע א. גלבוע

*

דער שמועס מיט יוסף קלויזנער, וועלכער האָט פאַרטיידיקט אלכסנדר ינאי קעגן משה שמירס „אַנגריפן״, איז ווייט אַוועקגעשוועמען פון דעם ראָמאַן „מלך בשר ודם״. דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אויפקלערן צענדליקער פּראָבלעמען, אַזוי היסטאָרישע ווי אַקטועלע. פון אַ ביסל רייד וועגן דעם מלכות החשמונאים האָט ער זיך איבערגעטראָגן צו אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור; פון דעם קריסטנטום און זיינע פּאָטערפערזענלעכקייטן — צו דער הערצליאַנישער תקופה אין ציוניזם; דאָ אַ וואָרט וועגן העברעיִשע פילאָלאָגישע פראַגן — און דאָרט אַ מעשה פון אויטאָביאָגראַפישן אוצר; אָט זענען מיר ביי בר־כוכבאן און דאָ איז ער שוין ביי די טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון אונדזער נייער שטאַטלעכקייט. און גאָר באַזונדערס געדענקט זיך: מיט וואָס פאַראַ ראָמאַנטיש־יוגנטלעכער אויפרודערונג האָט דער אַכציק־יאָריקער וויסנשאַפטסמאַן גערעדט וועגן די אים באַליבטע דיכטער, קוויקנדיק זיך מיט שטיקער פון זייערע לידער, וואָס ער האָט ציטירט אויף אויסנווייניק!...

און ווי לעבעדיקע מיטבאַטייליקטע אין דעם שמועס, ווי באַגלייטער צום קלויזנער שבעל־פּה — האָבן אויף אונדז פון אַ באַזונדערן שאַנק, אַראָפּגעקוקט די צענדליקער בענדער פון זיין פילפאַרביקער שאַפונג אין פאַרשידענע אויפלאַגעס און אין אַ ריי לשונות. צו זיי דאַרף מען צוגעבן טויזנטער פאַרשונג־קאַפּיטלען, אַרטיקלען און עסייען, צעשפּרייטע איבער פיל צייטשריפטן. אין אָט דעם האָב־און־גוטס זענען פאַרבאָרגן אַן ערך זיבעציק יאָר פון מחשבה.

דער ספרים־שאַנק דערציילט טאַקע מער פון אַלץ די לויב פון יוסף קלויזנערן. זיין ביבליאָגראַפיע אַליין קען פאַרנעמען גאַנצע בענדער. פון דעסטוועגן שווימט אויף אין זכרון, ווי אַן אַסאָציאַציע, אַ פאָרמולירונג פון חסידות־פאָרשער, ד״ר שמואל אבא האָראָדעצקי, וועלכער האָט פאַרגלייכט דעם חסידות־גרינדער ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, מיט זיין גרויסן קעגנער, דער מתנגדים־פירער, דעם ווילנער גאון ר׳ אליהו (הגר״א): דער הגר״א — האָט געזאָגט האָראָדעצקי — האָט איבערגעלאָזן ספרים; דער בעל־שם־טוב האָט איבערגעלאָזן מענטשן. מיר מעגן זאָגן, אַז פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן פיל ביכער — און גלייכצייטיק זייער פיל מענטשן: תלמידים און פאַרערער.

צבי וויסלאַווסקי

קולטור-ווייען און קולטור-זאַטקייט

ווער עס איז געקומען אין באַרירונג מיט ד״ר צבי וויסלאַווסקי, קען נישט פאַרגעסן די אַדעליקייט וואָס האָט געשטראַמט פון זיין האַלטונג און באַנעמונג מיט יעדן מענטש און ענין. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער ווינציק געקומען אין געזעלשאַפט, צוליב דעם געזונט-צושטאַנד, אָבער אין זיין הויז, קעגנאיבער דער כנסת (פרומין־בנין) אין ירושלים פלעגן אַריינקומען שרייבער און פריינט, כדי זיך „דערוואַרעמען" אין אַן אויסגעלייטערטער, אינטעלעקטועלער אַטמאָספער, אין אַ שמועס איבער פאַרשידענע, איבערהויפּט קולטורעלע, פראַגן. די הויכע און דאַרע פיגור, מיט די אַסקעטישע פנים־שטריכן און שטילער שטים, מיט דער נישט געמאַכטער באַשיידנקייט — שטייט כסדר פאַר די אויגן.

צבי וויסלאַווסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין גראַיעווע, פוילן. נאָכן חדר האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון ראַדין, טעלז און אָדעס. שפּעטער שטודירט אין דער פּעטערבורגער הויכשול פאַר יודאַיִס־טיק און אין אוניווערסיטעטן פון דייטשלאַנד, וווּ ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פאַר פילאָזאָפיע. אין 1934 האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־

ישראל. זיינע אַרטיקלען און עסייען האָבן זיך געדרוקט אין פיל זשורנאַלן. אַ טייל פון זיינע אַרבעטן האָט ער צוזאַמענגעבראַכט אין אַ האַלבן צענד־ליק ביכער. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען אויף העברעיש פון אַ ריי פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע שריפטן. וואָיסלאַווסקי איז אַוועק פון דער וועלט אין יאָר 1957.

*

צבי וואָיסלאַווסקיס שרייבערישער „גאַנג" לאָזט זיך דעפינירן: פילאָ־זאָפישע פובליציסטיק און סאָציאָלאָגישע ליטעראַטור־קריטיק. ער האָט געשריבן, הויפּטזעכלעך, אויף טעמעס פון זיין צייט, אָבער זיינע באַהאַנד־לונגען און אַרויסזאָגונגען פאַרמאָגן אַ סטאַבילקייט, וואָס ווערט נישט פאַרלוירן מיטן פאַרשווונדענעם טאָג און זיינע לויפנדיקע פּאַסירונגען. דער אויסגאַנג־פונקט איז טאַקע אַקטואַליע, אָבער דער שרייבער אַליין אײַלט זיך נישט און טייטשט לאַנגזאַם יעדן ניואַנס פון באַריירטן פּראָבלעם. נאָך מער: ער ברייטערט אויס די גרענעצן פון זיין טעמע אין כלערליי ריכטונגען. וואָיסלאַווסקיס שיטה איז באַזירט אויף כסדרדיקע אַסאָציאַטיווע פאַרצווייגונגען — אַסאָציאַציעס פון געשיכטע און ליטע־ראַטור, ווי פון פּערזענלעכע איינדרוקן, איבערלעבונגען און זכרונות. אַזוי שטעלט זיך פאַר וואָיסלאַווסקיס אַן עסיי ווי אַן אָנגעלאָדענער בוים פון תורה און חכמה.

אמת, אין דער סמבטיון־טעמפּעראַטור און אין דער צייט פון דזשעז־טעמפּאָ, וואָס באַהערשט נישט ווינציק אויך די מחשבות־וועלט, פאַרלירן אַמאָל מענטשן דאָס געדולד — צו געדולדיקער שרייבעריי... אָבער עס שיינט, אַז וואָיסלאַווסקיס עסייען שטעלן נישט דעם לייענער פאַר אַזאַ פּרווו. דער עיקר אין זיי זענען געוויס די אַנאַליטישע און פאָרשערישע פּרוכטן, אָבער דערביי איז דער „בוים" באַבלימלט מיט עספּרי און שאַרפזין, מיט אויפבליצנדיקע מעטאַפאָרישע פאָרמולירונגען און אינטימע אַרויסזאָגונגען. מיר באַקענען זיך טאַקע מיט אַ טיפן און פאַרזיכטיקן אַרט דענקען, וואָס וועגט און קלייבט איבער יעדעס וואָרט, און דערביי שפּרודלט ער און שטראַמט קרעפטיק. מערקווירדיק: כאָטש וואָיסלאַווסקי לייגט אויס זיינע געדאַנקען רחבותדיק, פילט דער לייענער, אַז דאָס געזאָגטע איז נאָר אַ מין אָנדייטונג, נאָר אַ ברעקל פון זיין מחשבות־אוצר.

ס׳פֿאַלט מיר איין צו פֿאַרגלייכן די שעהן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט אייניקע וויסלאַווסקיס ביכער — צו אַ באַזוך אין אַן עכט־אַריסטאָ־קראַטיש הויז, אַ הויז פֿון נישט קיין אויפֿגעקומענעם גביר. דאָ איז אַלץ סאָליד. עס טראָגט זיך אַן אַראָמאַט פֿון קולטור־זאַטקייט. ניין, וויסלאַוו־סקיס עסיי איז נישט קיין עספּרעסאָ־שמועס אויף איין פֿוס. דאָ דאַרפֿסטו זיך ווי געהעריק „אָוועקזעצן”. אָבער ס׳איז צייט־פֿאַרטרייב מיט פֿאַרגע־ניגן.

*

ס׳איז דערמאָנט געוואָרן וויסלאַווסקיס אַדעליקייט אין זיין פּערזענ־לעכער אויפֿפֿירונג. מען קען זאָגן, אַז אַדעליקייט איז אויסגעגאָסן אויך אויף דעם מעטאָד וואָס ער ברויכט ביים אַנאַליזירן געשעענישן און פּראָב־לעמען. ער באַהאַנדלט שרייבער און שאַפֿונגען בעיקר פֿון סאָציאָלאָגיש־אידעישן שטאַנדפּונקט, און אין זיינע עסייען איז פֿאַרבאָרגן אַ שטרענגע נאַציאָנאַלע און ליבעראַל־הומאַניסטישע וועלט־אַנשויאונג. ער נעמט שטע־לונג אַן וואַקלענישן און פֿאַרמולירט פֿולשטענדיק אויסגעקריסטאַליזירטע מיינונגען; איך וואָלט געזאָגט, אַז ער באַטראַכט יעדע פֿראַגע מיט מתנגדי־שער קאַלטקייט. אָבער פֿון דעסטוועגן שפּירסטו דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פֿון דעם קאַלטן, שטרענגן אַנאַליטיקער. עס באַהערשט דיך, באַזונדערס ביים לייענען וויסלאַווסקיס מאָנאָגראַפֿיעס וועגן גרויסע שרייבער און דענקער, דאָס געפֿיל פֿון אינטימער נאָענטקייט, וואָס ער האָט געוויס געפֿילט צו די אָביעקטן פֿון זיינע אָפּהאַנדלונגען.

און דאָ דאַרף באַטאָנט ווערן די ציכטיקייט פֿון וויסלאַווסקיס סטיל, זיין פּינקטלעכקייט, דיסציפּלין, די האַרבע אָפּקלייבערישקייט — טראַץ דער געדאַנקלעכער און שפּראַכלעכער שפֿע. וויסלאַווסקיס שרייבערישער סטיל האָט אַנטשפּרעכט זיין שטרענג עסטעטישע, פּערזענלעכע פֿירונג — אַ צווייפֿאַכיקע באַשטעטיקונג פֿון דעם באַקאַנטן זאָג: דער סטיל איז דער מענטש.

וויסלאַווסקי איז געווען אַ קענטיקער סטיל־מייסטער אין העברעיש. זיין געשליפֿענער סטיל האָט פֿאַראייבאַרט עשירות, וואָס קומט פֿון אונדזערע אייגענע אַלטע ברונעמער — מיט אַ מאָדערנער וויסנשאַפֿטלע־כער קלאָרקייט: פּונקט ווי מיר זעען אין זיינע עסייען די באַמיאונג צו דער־

גיין צו געדאַנקלעכער שלימות, אַפּהיטנדיק זיך פון צעברעקלטע מחשבות, — אַזוי איז אין זיי קענטיק דער ווילן צו שלימות אין פאָרעם. אפשר איז דער נאָמען „עסיי", אין זיין אורשפּרינגלעכער באַדייטונג, גאָר נישט אַנטשפּרעכיק פאַר וואָיסלאַווסקיס אַרבעטן. אמת, ווי געזאָגט, זיי זענען „באַבלימלט" מיט עספּרי, אָבער וואָיסלאַווסקי מאַכט נישט קיין עקספּע־רימענטן און אַנטפּלעקט נישט קיין אימפּראָוויזאַציעס, נאָר שטעלט אויף אַ שטרענג קאָנטראָלירטן בנין — אַזוי אין אינהאַלטלעכן זין ווי אין אַרכיטעקטאָנישן. ביי אַלע געדאַנקלעכע אויפבליצן פאַרלירט ער נישט די דיסציפּלין פון פאָרמולירונג, וואָס לאָזט נישט איבער קיין ספיקות לגבי דער כוונה פון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער.

*

לאָמיר פאָרשטעלן וואָיסלאַווסקיס שרייבערישן „גאַנג" כאָטש מיט אויסצוגן און תמצית פון איין אַרטיקל זיינעם. „דער מיטלאַלטער דער־נענטערט זיך" — אַזוי האָט ער אין יאָר 1919 אָנגערופן אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט באַצייכנט, בסך־הכל, ווי „ברעקלעך פאַרטראַכטונגען". אָבער פון די „ברעקלעך" קאָמפּאָנירט זיך אַן אויסקריסטאַליזירט „שטיק" פילאָזאָפיע.

וואָיסלאַווסקיס טעזע: רוים איז חרוב געוואָרן צוליב איר זאַטקייט און איבערגעזעטיקטקייט. „די שיינע וועלט, וואָס די ערשטע דורות האָבן אויפגעשטעלט, איז אויסגעגאַנגען פון צו פיל זאַטקייט און זויפעריי, מחמת עסן פרעמדע פּרוכט, צוליב דעם לעבן אויפן חשבון פון פרעמדע. הונדערטער טויזנטער שקלאַפן האָבן באַדינט רוים, געמערט אירע נצחו־נות, אויסגעפּוצט אַלע עולם־הזה־פאַרגעניגנס פאַר געציילטע מיוחסים וואָס זענען אַנידערגעפאַלן אונטער דער משא פון זייער אייגענער פעט־קייט. נישט די באַרבאַרן האָבן חרוב געמאַכט רוים: זיי האָבן איר נאָר געגעבן דעם לעצטן שטויס צום אָפּגרונט, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסגע־גראָבן".

און ווי דער גורל פון רוים — דערוויזט וואָיסלאַווסקי — איז אויך געוואָרן דער גורל פון אייראָפּע: זי איז פעט, דיק געוואָרן... „דעם מענטשנס גייסט, וואָס האָט זיך איינגעשרעגקט אין די ערדישע אינטערעסן, האָט זיך אָנגעזעטיקט ביז צום ברעכן"... אָט די איבערזאַטקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער דעקאַדענץ־ליטעראַטור, די פרעסעריי און זויפעריי

פון די גרויסע שטעט; דער נייער מענטש, וואָס האָט זיך געניייטיקט אין קרענקלעכע פאַרגעניגנס און אויסגעטראַכט יעדן טאָג נייע גלוסטעמישן; די זנות וואָס האָט פאַרפלייצט אייראָפּע און די רייסעניש צו אַ לעבן מיט נאָך נישט־באַקאַנטע אויסטערלישקייטן; יענע זומער־רעזידענצן, וואָס פלעגן שרייען צום הימל שטאַרקער ווי סדום און עמורה; די באַרימטע אייראָפּעיִשע פאַרלאַמענטן — די נעסטן פון שקר, כיטרעקייט און שרעק־לעכער מאָראַלישער געפאַלנקייט; די צייטונגען, שרייבער און ביכער, וואָס האָבן געליפערט צעפוילטע שפּייז פאַר אַלע שקר־דאַרשטיקע — צי דען האָט מען אין זיי נישט געקענט דערזען די מענטשלעכע דעגראַדירונג (פרעגט ווויסלאַווסקי) וואָס האָט געפירט צום אויסברוך פון דער מלחמה־שריפה ?...

דאָס איז, ווי געזאָגט, געשריבן געוואָרן אין יאָר 1919. אין 20 יאָר אַרום האָט אייראָפּע ווידער געוויזן דעם בלוטיקן סך־הכל פון איר דעגראַ־דירונג און געפאַלנקייט. און אפשר פעלט נישט קיין סך, אַז די דאָזיקע שילדערונג פון „דעגראַדירונג און געפאַלנקייט" זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער ציוויליזאַציע פון דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט...

*

לייענענדיק די אַרטיקלען און עסייען פון ד"ר צבי ווויסלאַווסקי, ווערט בולט זיינע אַן אינטערעסאַנטע אייגנשאַפט: דער מענטש, וואָס האָט אַזוי שאַרף געמוסרט דאָס קראַנקהאַפטיקע און איבערגעטריבענע רייסן זיך פון יידן צו פרעמדע קולטורן — איז אין דער וועלט־קולטור געווען ממש אַ בן־בית. אים האָט מען זיכער נישט געקענט פאַרוואַרפן, אַז צוליב קליינשטעטלדיקן פּראָווינציאַנאַליזם, כביכול, פאַרגינט ער נישט דאָס פּאַשען זיך אין פרעמדע פעלדער. ווויסלאַווסקי האָט געהאַלטן די אויגן אָפן אויף די אוניווערסאַלע גייסט־אוצרות און האָט געוואָלט זען די פאַר־אייגנונג פון אַלדאָס גוטע און שיינע פון דער ברייטער וועלט אין יידישע געצעלטן, אָבער נישט פאַרן פּרייז פון דער צוגעבונדנקייט צו אונדזערע נאַציאָנאַלע קוואַלן. ווייל אַן וואָרצלען אין די אייגענע גייסטיקע רייכטימער איז אויך די יניקה פון דער פרעמד — אַן אויבערפלעכלעכע, און זי נידערט אַראָפּ אַנשטאָט צו דערהייבן, זי פאַראָרעמט דאָס פאָלק אַנשטאָט צו באַ־רייכערן.

יהושע א. גלבוע

אַזוי באַהאַנדלט וואָיסלאַווסקי אונדזערע אייגענע „קולטור־ווייען“ (דער נאָמען פון איינעם פון זיינע ביכער), שפּאַצירנדיק אין די שיינע גערטנער פון דער וועלט־קולטור ווי ביי זיך אין דער היים. זיינע אַרבעטן זענען אויסגעווייקט מיט דער זאָרג פאַר אונדזער קולטורעלער אייגנאַרטיקייט, כאָטש ער האָט פריי געשווומען אין פילאָזאָפישע לערעס און ליטעראַטורן פון דער וועלט. ער האָט געטענהט קעגן דער „ליבע צו דעם פרעמדן, צום ווייטן, און זיך קעגנגעשטעלט קעגן שנאה צו דעם נאָענטן, צום אייגענעם“. אַ מין גלות־קרענק האָט ער געזען אין דעם מבטל מאַכן זיך אַליין, און נישט קיין מענטשלעכע ווירדע. ער האָט געצויגן אַ שאַרפע דיפערענצירונג־ליניע צווישן דעם עכטן דראַנג צו ברייטע וועלט־האָריזאָנטן — און דעם קראַנקהאַפטיקן סנאָביזם.

דניאל פערסקי

אייביקער שקלאַף פון העברעיש

דניאל פּערסקי איז געווען אַ לעבעדיקער קוריאָז אין דער העברעישער ליטעראַרישער וועלט. וווינענדיק אין ניו־יאָרק האָט ער זיך אָפּגערופן, מיט רעגולערער פּינקטלעכקייט, אויף ליטעראַרישע געשעענישן אין ארץ־ישראל און געפירט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט צענדליקער העברעישע פּען־מענטשן. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צום העברעישן שריפטלעכן וואָרט איז אים געווען נאָענט און טייער. איז דאָך העברעיש פאַר אים געווען נישט נאָר אַ שאַפונגס־אינסטרומענט, נאָר אויך זיין הייסע ליידנשאַפט. אין דער רוישיקער אַמעריקע האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אַזאַ מין „טשודאַק", וואָס אויף זיינע פּריוואַטע בריוו־בויגנס און אויף זיין וויזיט־קאַרטע איז ביי דעם נאָמען געווען אָפּגעדרוקט אויך דער „טיטל": „אַ שקלאַף צו עברית בין איך אויף אייביק" („עבד לעברית אנוכי עד נצח").

מיט דער דאָזיקער פאַרשקלאַפונג האָט דניאל פּערסקי שטאָלצירט. ערגעץ ווו זאָגט ער וועגן זיך: „מיך איך איז העברעיש, די העברעישע שפּראַך און די העברעישע ליטעראַטור. וועל איך ווען זאָגן, אַז העברעיש איז

דער וואָרצל פון מיין נשמה, דער תמצית פון מיין לעבן, אַ טייל פון מיין וועזן און אַזוי ווייטער — וועלן דאָס זיין נאָר מליצות. ביי מיר איז די זאַך פשוט בתכלית הפשטות: העברעיש איז מיין גאַנץ לעבן — איך אינגאַנצן, אַזוי ווי איך שטיי און גיי״.

*

„קול המועד״ איז אַן אויסוואַל פון פערסקיס פעליעטאָנען, וועלכע זענען געווידמעט אונדזערע ימים־טובים און אָנדענקס־טעג — פון די ימים נוראים, דורך די שלוש רגלים און דורך פורים, ל״ג בעומר, חנוכה, חמישה־עשר בשבט און תשעה באב — ביז יום העצמאות. ס׳איז אַ סימפּאַטישע פאַרפלעכטונג פון קאָמענטאַרן מיט אַזוי־צו־זאָגן „מאָדערנער דרשנות״. דאָ באַנוצט זיך דער מחבר מיט אַ נאַראַטיוון מעטאָד און דאָ לאָזט ער זיך אַריין אין מוסר־השכל. איבעראַל שווימען אויף אַסאָציאַציעס פון די קינדעריאָרן, אָדער פרישע איינדרוקן פון באַגעגענישן, וועלכע גיסן זיך צונויף מיט אייגענע און פרעמדע גלייכווערטלעך. און איבער אַלץ דאָמינירט אַ גוטמוטיקער הומאָר. דאָס זענען שמועסן, וועלכע טרייסלען זיך אָפּ פון אַן „אָפיציעלן״ טאָן. עס איז קענטיק דעם מחברס באַגער צו צעשטערן יעדע מחיצה צווישן אים און דעם לייענער.

פערסקיס פעליעטאָניסטישע שריבן ציינט בקיאות אין יידישן פאָלקלאָר און שטייגער. אָט, צום ביישפּיל, איז זיין באַשרייבן דעם יידישן לוח, וואָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך פון דעם געוויינלעכן „גויאישן״ קאַלענדאַר. דער לוח איז געווען נישט סתם אַ ציילער און אָנווייזער פון דאַטעס, נאָר אַ מין „לעבעדיק באַשעפעניש״ — אַ הויז־פריינט און אַ „קליינע ענציקלאָפּעדיע״ פאַר אַלצדינג: מנהגים, דינים, לעגענדעס, געאָגראַפיע, ביאָגראַפיעס — און אַ קוואַל פון וויצן און שאַרפזין.... אַזוי פאַראייניקט פערסקי אַ געוויסן פאַרשלעכן צוגאַנג מיט אַ סיפור־המעשה פון איין זייט און מיט אַן אינטימען „אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ״ פון דער אַנדערער זייט.

*

אַן אַנדער פערסקיס בוך איז „צחוק מארץ־ישראל״ — אַ זאַמלונג פון פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס „וועגן דער לייכטער און קאָמישער זייט

פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין פּאַטערלאַנד". דאָ איז אינגאַנצן אָפּוועזנדיק די בייטש פון סאַטירע. אַלץ ווערט אָנגעקוקט מיט ווייכע, שמייכלענדיקע אויגן. און עס שלאָגט פון דאָנען פרייד פון אַלץ וואָס דער מחבר האָט אין לאַנד געזען בעת זיינע באַזוכן (פּערסקי האָט אויך געלעבט אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1930—1933). עס איז אַ מאָל קענטיק אַ נאַיווע איינשטעלונג, אָבער זי איז פּאַרגיטיקט מיט דער עכטקייט פון דעם מחברס נחת־געפילן. קודם־כל איז פּערסקי גליקלעך פון דעם אויסלעבן־זיך אין העברעיש, זיין געליבטע, און ער זינגט אַ שיר־מזמור צו דער „העברעישקייט" וואָס איז אויסגעגאָסן איבער ארץ־ישראל. און דווקא ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל האָט ער אויפגעכאַפּט כלערליי קאָמישע סיטואַציעס און פּאַרוויילנדיקע דערשיי־נונגען, וועלכע דער סטאַבילער תושב איז גאָרנישט חושד אין וועלכן עס איז הומאָריסטישן אינהאַלט.

*

אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים: דניאל פּערסקי איז געבוירן געוואָרן אין מינסק אין יאָר 1887 — און פון יאָר 1906 האָט ער געלעבט אין אַמעריקע, ווו ער האָט געפירט אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון העברעישן וואָרט. ער איז אַוועק פון דער וועלט אין יאָר 1962.

זיין קינדהייט האָט פּערסקי געשילדערט אויף א הומאָרפולן שטייגער פאַר אַ „פּאָרטרעט", וועלכער האָט זיך אָפּגעדרוקט אין באַקאַנטן אַמערי־קאַנער וואָכנבלאַט „ניו־יאָרקער" אין יאָר 1959 (געשריבן פון דוויט מאַקדאָנאַלד). דער פּאָטער האָט חתונה געהאַט מיט זיין מאַמען, ווען ער איז געווען אַן אַלמן פון פופציק יאָר און זי איז אַלט געווען זיבעצן. „מיין טאַטע האָט אַ ביסל אָפּגענאַרט מיין מאַמען. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט נאָר איין קינד. זיבן אַנדערע האָט ער אָפּגעשטעלט ביי פריינט. שפּעטער האָט ער יעדן מאָנאַט געבראַכט אין שטוב אַ ניי קינד. מיין מאַמען איז דאָס נישט געפעלן, אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן?"... אַזוי האָט די מאַדאַם פּערסקי נומער צוויי גאַר שנעל זיך געפונען אין אַ געזעלשאַפּט פון ניין קינדער, פון וועלכע דניאל איז געווען איר ערשטער...

שוין אין די יאָרן פון קינדהייט און יוגנט האָט זיך געשלאָסן אַ הייליקער לעבנסלענגלעכער בונד צווישן דניאל פּערסקין און דעם העברעישן לשון.

אין מינסק איז ער צוגעשטאַנען צו אַ פאַרבאַנד פון „חובבי שפת עבר", געלייענט מיט תאווה שאַפונגען פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור — און צו זעכצן יאָר איז ער געוואָרן אַ העברעישער לערער. מיט דער דאָזיקער באַשעפטיקונג האָט ער זיך אָפּגעגעבן כמעט ביז זיינע לעצטע לעבנסיאָרן.

*

ווער עס האָט זיך מיט פּערסקין באַגעגנט אָדער באַזוכט זיין וווינונג אין ניו־יאָרק, ווייס ווי ריכטיק זענען די באַשרייבונגען פון זיין לעבנס־שטייגער אין דעם אויבנדערמאָנטן „פּאָרטרעט": די ווענט פון זיין צימער און די אַלטע שטולן, טיש און בעט האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען. אַלץ איז געווען פאַרוואָרפן און פאַרשטעלט מיט צייטונגען, ביכער, כתבי־יד, בריוו, אויסשניטן און פּאַק־פּאַפּיר און פּאַק־שטריקלעך. ווייל פּערסקי פלעגט כסדר באַקומען „טראַנספּאָרטן" פון ליטעראַטור און כסדר „עקס־פּעדירט" ליטעראַטור. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע קליענטן פון דעם שכנותדיקן פּאָסט־אַמט, צעשיקנדיק צייטונגען און אויסשניטן און בריוו אין אַלע עקן וועלט.

פּערסקי איז געווען אַ נישט־פאַרהייראַטער — און ער האָט געהאַט פאַר דעם אַ סימפּאַטיש־שמייכלענדיקע מאָטיווירונג: ערשטנס, נישט קיין פאַמיליע־טיפּ; און צווייטנס — אַ פרוי וואָלט, חלילה, אַריינגעבראַכט אָרדענונג אין זיין צימער: „זי וועט אַרויסוואַרפן אַלע מיינע צייטונגען — אַ פרוי איז דאָך אַן אָפּיציעלע אַרויסוואַרפערין פון צייטונגען..."

אין איינעם פון פּערסקיס לעצטע פעליעטאָנען איז פאַראַן אַ קליינער אויטאָביאָגראַפישער פראַגמענט, אין וועלכן דער מחבר האָט ווי בילאַנסירט זיין לעבן: „כמעט זעכציק יאָר בין איך געווען אַ העברעישער לערער.... גליקלעך איז דער מענטש, וואָס קען פאַרבינדן זיין פּרנסה מיט זיין אַספּיראַציע... היות איך בין דורכגעגאַנגען מיין לעבנסוועג, צו מיין וווּיל אָדער אומוווּיל, אַן איינזאַמער, אָן משפּחה־נחת (אָדער משפּחה־צער), האָבן די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פאַר מיר קיין באַדייטונג נישט... און איצט, ווען איך דערנענטער זיך צו דריי־פערטל־הונדערט יאָר און מאַך אַ סך־הכל פון מיין טעטיקייט — געפין איך מיין חשבון גאַנץ אויף ווי ווייט מעגלעך".

עטלעכע וואָכן נאָכן פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע שורות, האָט דניאל

פערסקי אויף אייביק פאַרמאַכט די אויגן. און דאַן זענען מיר געקומען אין זכרון אַנדערע זיינע שורות, וועלכע ער האָט געשריבן מיט פיל יאָרן פריער אין אַ גוטמוטיקן הומאָריסטישן טאָן: „מיינע ברידער און פריינט, טוט מיר דעם חסד: שרייבט און רעדט איצט די אַלע שיינע און גוטע רייד, וואָס איר וועט זאָגן נאָך מיין טויט... זאָל איך פון זיי פאַרגעניגן האָבן ווען איך בין נאָךביים לעבן... ווי גרויס איז די באַדערפעניש אין אַ וואַרעמען האַנט־דרוק, אין אַ גלעט פון אַ שיין אויג, אין אַ קלאַפעניש פון אַ וואַרעם האַרץ!"

דער משפחהלאָזער מענטש, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַרקנסט צו דער מלכה־עברית, האָט געהאַט רעכט דאָס אַלץ צו פאַרלאַנגען. איז ער דאָך אַליין געווען באַשאַנקען מיט אַ גאַר וואַרעם האַרץ.



פּראָפ׳ מרדכי מאַרטין בובער

בן־ברית פון אוראייניקלעך

ביי אַלע מיינונגס־דיפערענצן איבער די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע
שטעלונגען פון פּראָפעסאָר מרדכי־מאַרטין בובער, איז זיין גייסטיק־מאָ־
מאָראַלישע פּערזענלעכקייט געווען אונדזער אַלעמענס פאַרמעגן. מיט זיין
באַרימטקייט אין דער קולטור־וועלט מעג זיך גרויסן דאָס גאַנצע פאָלק.
די דאָזיקע באַרימטקייט האָט ער דערוואָרבן נישט אין זכות פון וויסנ־
שאַפטלעך־טעכנאָלאָגישע חידושים, וועלכע זענען לייכטער פאַר אַבסאָר־
בירונג דורך פאַרשידענע פעלקער, נאָר אין זכות פון אַ גייסטיקער לערע
וואָס איז אויסגעווייקט אין די מקורות און ווערטן פון יהדות. מיט אַנדערע
ווערטער: בובערס יהדות־דענקען האָט אים פאַרשאַפט אוניווערסאַלן לויב
— און דאָס העכערט אונדזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ מיט אים.

*

איינס פון פּראָפ. בובערס לעבנסווערק איז זיין תנ״ך־פאַרשונג. דאָס
איז נישט נאָר אַ היסטאָרישע אָדער פילאָלאָגישע אַרבעט. בובערס תנ״ך־
פאָרשונג איז געקניפּט און געבונדן מיט זיינע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע
קאָנצעפּציעס. זיין וועלט־באַנעם, זיין גאַנץ אוניווערסאַל־מענטשלעך דענ־

קען — האָבן אַ דירעקטע שייכות צו זיין תנ״ך־אויפפאַסונג. דערפאַר לאָזט זיך נישט אָפּגרענעצן בובער דער תנ״ך־אויסטייטשער פון בובערן דעם פילאָזאָף.

פון תנ״ך האָט בובער געשעפּט זיין קאָנצעפּציע וועגן דער פּערמאַנענטער קאָנפראָנטאַציע צווישן מענטש און גאָט — דער אייביקער „דיאַלאָג״ צווישן דעם באַשאַפער מיט זיינע באַשעפענישן. דער מענטש איז אין אָט דעם „דיאַלאָג״ נישט קיין פּאַסיווער צוהערער, נאָר אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער. גאָט רעדט צום מענטש דורך אַלץ וואָס מען זעט אויף דער ערד — און דער מענטש ענטפערט מיט זיינע מעשים און אויפפירונג.

זאָגט בובער: „ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ בוך ווי דער תנ״ך, אין וועלכן דער דיאַלאָג צווישן הימל און ערד זאָל אַרויסקומען אַזוי פולקאָם. דער תנ״ך דערציילט אונדז וועגן גאָט, וואָס רעדט צום מענטש און רופט אים כסדר — און וועגן מענטש, וואָס האַלט אין איין רופן צו גאָט״. אין בובערס אויערן איז עס נישט נאָר דיאַלאָג צווישן יחיד און דעם אויבערשטן, נאָר אויך צווישן גאַנצן מענטשלעכן מין און דער געטלעכקייט.

אַזוי האָט בובער געשטעלט זיין רעליגיעזע אויפפאַסונג אויף אַן אוממיטלבאַרער באַציאונג צווישן מענטש און גאָט, אָדער ווי ער רופט איר אָן: „איך־דו־באַציאונג״.

פון דעם איז געדרונגען, אַז קעגן ווען אַ מענטש זאָל נישט זינדיקן — זינדיקט ער קעגן גאָט; ווי דוד המלך האָט זיך אויסגעדריקט מכוח זיין פאַרברעכן נאָכן דערמאָרדן אוריה החתין: „איך האָב געזינדיקט קעגן גאָט״ („חטאתי לה׳״).

דער פאַטאַליזם איז פרעמד בובערס רעליגיעזער אויפפאַסונג. ער שטרייכט אונטער, אַז אין איינעם מיט דער געטלעכער השגחה איז דעם מענטש געגעבן געוואָרן די פרייהייט — מיט זיינע מעשים און אויפפירונג — צו באַשטימען זיין גורל. די דאָזיקע אויפפאַסונג איז שוין פאַרקערפּערט אין דעם קורצן „אַפאָריזם״ פון רבי עקיבא: „הכל צפוי והרשות נתונה״ (אַלץ איז פאָרויסגעזען — און דער אויסוואַל איז געגעבן געוואָרן). לויט אָט־דער קאָנצעפּציע פאַרגרעסערט זיך די אחריות פון מענטש פאַר זיין לעבנס־שטייגער.

אַן אַנדערער אויפטו פון בובערן איז דאָס אַרויסברענגען און אָפּקלייבן פון די חסידות־אוצרות. צו די חסידות־קאַנאַלן און זייערע רייכטימער איז ער צוגעגאַנגען איינציייטיק מיט אַ ליטעראַריש־עסטעטישן און רעליגיעז־מאָראַלישן אינטערעס. אין אַריינפיר צו זיין „אור הגנוז" („דאָס פאַרבאָרגענע ליכט") — אַן אָפּקלייב פון חסידישע דערציילונגען — ווייזט אָן בובער: „די חסידישע תורה איז אַ טעאָרעטישע דערגאַנצונג צו אַ לעבן וואָס צדיקים און חסידים האָבן פּאַקטיש און פּראַקטיש געלעבט". דערמיט מיינט בובער, אַז די גרויסקייט און שיינקייט פון דער חסידישער תורה איז פאַרבאָרגן אין איר טאָג־טעגלעכער פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג.

בובערס ציוניסטישע אַנשויאונג איז אויך באַזירט אויף רעליגיעז־עטישע יסודות. דער ציוניזם, וועלכן ער האָט אַדאָפּטירט אין זיינע סטודענטישע יאָרן, האָט פאַר אים באַדייט דער גייסט־מאָדערנער עטאַפּ אין די „דיאַלאָג"־באַציאונגען צווישן יידישן פאָלק און זיין גאָט. אַן די גייסטיק־עטישע מיסיעס איז דאָס וואָרט „ציוניזם", לויט בובערן, אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט. ווייל ציון איז נישט סתם אַ געאָגראַפישער קעגנשטאַנד, נייערט אַ רעליגיעז־משיחישער באַגריף. אין איינקלאַנג מיט דער דאַזיקער אויפפאַסונג שטרעבט דער ציוניזם צו דער באַהעפטונג פון אַ הייליקן פאָלק מיט אַ הייליק לאַנד — הייליקייט נישט אין אָרטאָדאָקסישן זין, נאָר אין הינזיכט פון עטישער דערהויבנקייט, פון גייסטיקער און מאָראַלישער שלימות.

דער גרויסער מענטש און ייד, מרדכי־מאַרטין בובער, וואָס האָט אונדז צוגעטראָגן „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט" פון יידנטום — איז אַליין געווען אַ לייכטנדיקער טורעם פון עטיק און הומאַניזם.

*

אין יאָר 1965 האָט פּראָפעסאָר מרדכי־מאַרטין בובער אויף אייביק פאַרמאַכט די אויגן.

מיט אַ צוויי יאָר פאַר זיין טויט, ווען ער איז אַלט געוואָרן 85 יאָר, האָב איך אים געבעטן מיך אויפנעמען אויף אַ שמועס. ער האָט פאַרעלייגט אַ

שפּעטע שעה פאַר אונדזער באַגעגעניש. איך האָב אים געזאָגט טעלע־פאָניש: איך האָב מורא, אַז ער וועט אפשר זיין מיד און איך וויל נישט אַוועקנעמען זיין אָפּרו־צייט. האָט ער מיר באַרואיקט: דאָס איז זיין פרייסטע צייט פאַר אַ שמועס — די שעהן פון טאָג זענען איבערפולט מיט אַרבעט.

די באַגעגעניש מיטן אַלטן דענקער איז געווען אַ גרויסע איבער־לעבונג. איך וועל זיך דאָ מיט איר טיילן.

אויפן וועג קיין ירושלים האָב איך ביי זיך אין קאָפּ אויסגעפּאַרטיקט די פראַגן, וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו שטעלן דעם פּראָפעסאָר בובער. אָבער מיט וואָס אָנפאַנגען? איך האָב זיך געטראַכט: כ׳וועל קומען און פאַר אים „אַוועקלייגן" די גאַנצע קאָנסטערנאַציע פון מיין דור, אַלע אונדזערע בלאָנדזשענישן און זוכענישן, אַלע אונדזערע „בלינדע געסלעך"... כ׳וועל פרעגן: ווו איז דער אויסוועג? און איך האָב זיך באַוואָרנט מיט פאַרלעך פון באַגריפן: מאַטעריע און גייסט, פּאָליטיק און מאָראַל, כהונה און נבואה, טעכניק און הומאַניזם, ערד און הימל, כפירה און אמונה, מענטש און גאָט, דאָס פליסנדיקע און די אייביקייט... מיט אַ פולסירנדיק האַרץ האָב איך זיך געשפּילט מיטן געדאַנק, אַז אויב איך וועל נאָר אָנרירן, ווי עלעקטרישע קנעפּלעך, די דאָזיקע „פּאָרלעך", וועלן די קוואַלן פון חכמה אויסברעכן און זיך צעפּלייצן...

און אָט געפין איך זיך שוין אין זיין אַרבעטס־צימער און וואַרט אויף אים עטלעכע מינוט. אַ גוט־אָנגעוואַרעמטער צימער, עטוואָס אַ טונקלער. כ׳האָב נישט באַוויזן זיך אַרומקוקן און ער איז אַריינגעקומען מיט פעסטע טריט.

ווי דער שטייגער איז, די באַגעגעניש הייבט זיך אָן מיט אַ קאָנ־ווענציאָנעלן ווערטער־אויסטויש. אָבער די דאָזיקע געשטאַלט אינספּירירט באַלד צו עפּעס העכערס. אַ געזיכט פון וועלכן עס בליקן אַרויס קדמוניות־דיקע דורות — און גלייכצייטיק איז ער פאַרקוקט אין דער ווייט־פאַרבאָרגענער צוקונפט, אין די געהיימנישן פון קומענדיקע יאָרהונ־דערטער.

ער האָט מיך געבעטן זיך זעצן און געפרעגט: וואָס איז די טעמע? בין איך פאַרשטומט געוואָרן. אַלע „פּאָרלעך" זענען אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. מיר האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך, אָבער איך האָב

שוין געהערט — דאָס שווייגן. איך האָב איינגעאָטעמט די שטילקייט. אין זכרון שווימט אויף אַ מעשה וואָס בובער ברענגט אין זיין אַריינפיר צום „אור הגנוז“ — וועגן איינעם אַ רבין, וואָס די שווייגעניש איז געווען זיין דרך, כוח און סוד: ר׳ מענדל פון וואָרקע, וואָס פאַרברענגט אין שטילשווייגעניש אַ גאַנצע נאַכט מיט זיינע חסידים — און זיי זענען זוכה צו אַ גרויסער התרוממות...

אָבער מיר זענען נישט קיין קינדער פונעם דור פון יענעם צדיק. אין ר׳ מענדל וואָרקערס צייט, וויזט אויס, זענען אויך נישט געווען קיין פרעטענציעזע צייטונגען און מאָנענדיקע לייענער... איך דאַרף פאָרמולירן פראַגן און פאַרנאָטירן ענטפערס. אָבער דווקא שטייענדיק אַנטקעגן בובערן איז ביי מיר פאַרלאָרן געגאַנגען די „טעמע“. איך פרווו זיך סטימולירן, אָבער בין דערוויל מצליח אויסצודריקן נאָר אַ גאַנץ־אויסגעדראָשענעם פאַרלאַנג:

— אפשר וועט איר מיר אויסלייגן אייער שטעלונג לגבי די חשובע אַקטועלע פראַגן פון אונדזער מדינה און דער וועלט?

אומגעריכט פאַר מיר האָט ער מיר אַרויסגעצויגן פון מיין שטאָמ־לעניש. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם באַטייט פון אַ שמועס און וועגן דער אחריות, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן. דער מענטש, וואָס האָט אויפגעשטעלט גאַנצע פילאָזאָפישע בנינים אויף יסודות פון אַ „דיאַלאָגיש לעבן“ — מיינט איצט אונדזער קאָנקרעטן געשפרעך:

— אַ שמועס פאַרלאַנגט קאָנצענטרירונג פון זעלישע קרעפטן. דעריבער בין איך עטוואָס רעזערווירט. איך האָב זיך די לעצטע טעג נישט איבעריק גוט געפילט. און מיר האָבן אויך נישט אָנגעצייכנט די ראָם — וועגן וואָס וועלן מיר שמועסן?

כ׳האָב געפרווט מזל מיט לייכטערע פראַגן:

— מעג איך וויסן, פּראָפעסאָר בובער, מיט וואָס זענט איר אַצינד באַשעפטיקט? לאָמיר זאָגן — וואָס איז אייער טאָג־אָרדענונג?

ענטפערט ער מיט אומווילן:

— ניין, דאָס וועט נישט גיין, איך בין זיך נישט נוהג צו רעדן וועגן זיך. צוליב דעם האָב איך נישט געשריבן קיין זכרונות. מיין טאָג־אָרדענונג? ס׳איז אַן אַנעקדאָטישער ענין. גלויבט מיר. עס וועט קיינעם נישט אינטערעסירן.

האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ מחשבה: מילא, אין דער שיטה „איך־דו״ פון פּראָפ. בובער זענען מיר אפשר נישט אַזעלכע בקיאים; אפשר זענען מיר נישט קיין גרויסע קענער פון זיין לערע אין פילאָזאָפישער אַנטראָ־פּאָלאָגיע. אָבער וואָס שייך אינטערעס פון לייענער האָבן מיר יאָ אַ ביסל קוואַליפיקאַציעס... אָבער אָנשטאָט אַרויסברענגען מיינע פאַרטראַכטונגען, פּרווו איך נאָך זיך פאַרענטפערן:

— איך בין אויסן אייער טאָג־אָרדענונג אלס אילוסטראַציע פון אייערע איצטיקע ליטעראַריש־פאָרשערישע ארבעטן.

— און אויב איך וועל אייך דערציילן, אַז פאַר מיטאָג דיקטיר איך בריוו און נאָך מיטאָג פאַרנעם איך זיך מיט קאָרעגירן די שריפטן, וואָס זענען אין דרוק, — איז דען דאָס אינטערעסאנט?

*

די אויגן זיינע שפרודלען מיט חכמה און שמייכלען אַ ביסל. איך וואַרף אַן אויג אויפן שרייבטיש. ער איז טאַקע פאַרוואַרפן מיט קאָרעקטור־בויגנס און פיל אָפענע ביכער. אַ קאַלענדאַר מיט פאַרצייכענונגען פון אָפּגעשטימטע באַגעגענישן. סעפּעראַט־אָפּדרוקן פון פאַרשידענע אַרטיק־לען, וועלכע געלערנטע פון אַלע עקן וועלט שיקן אים כסדר. צייטונגס־אויסשניטן. פאַרגרעסער־גלעזער — צו הילף ביים לייענען און קאָרעגירן. אַלץ קלייבט זיך צענויף צו אַן איינדרוק פון אַרבעטס־פּראָצעסן אין סאַמע ברען. דערביי זוך איך נאָך אַלץ אַ דעפינירטע טעמע פאַר אונדזער געשפּרעך — און נישט געפינענדיק זאָג איך:

— אייגנטלעך פעלט נישט קיין טעמאַטיק. עס נעסטעט דאָך אין אונדז אַ געפיל, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט וואָס שטייט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

די דאָזיקע וועלט ווערט טאַקע די צענטראַלע טעמע פון אונדזער געשפּרעך. ער דערציילט:

— אפשר ווייסט איר, אַז מיט פיל יאָרן צוריק, באַלד נאָך הירָאָשימאַ, האָב איך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אומאָפּהענגיקע מענטשן פון מזרח און פון מערב; נישט דווקא פּאָליטיקער, נאָר מענטשן מיט אַ חוש פאַר פּאָליטישערווירקלעכקייט, ווי אַפלאַטאָנס פילאָזאָפן־שטאַטסמענער — זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען און אָפנהאַרציק רעדן וועגן באַשטימטע

ממשותדיקע ענינים. איך מיין, זיי זאָלן וועגן און מעסטן די קעגנזאַצן אין פאַרגלייך מיט דאָס געמיינזאַמע. סוף־סוף, צוליב וואָס עקזיסטירט אַ קאַלטער קריג? זיי וועלן אויפקלערן, צי איז ער באַזירט אויף אידעאָלאָגיע אָדער אויף אַ פּאָליטישער פיקציע — און לויט מיין מיינונג, וועלן זיי זיך איבערצייגן, אַז דאָס שותפותדיקע איבערוועגט פיל דאָס פאַנאַנדערטיילנדיקע. אָבער כדי אַזאַ שמועס זאָל האָבן אַ צוועק, דאַרף ער געפירט ווערן נאָר אין דער אַנוועזנהייט פון די, וואָס באַטייליקן זיך אין אים, אָן זייטיקע עדות.

ער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן זשורנאַליסטן. אַדרבא:

— אַ שווער פאַך די זשורנאַליסטיק. ממש אַ קונסט־מלאכה: דערציילן וואָס עס פאַסירט. אַ ציטונגס־מענטש זעט אַ שריפה — און דערציילט. ס'איז נישט לייכט צו דערציילן...

דאָן טראַכט איך מיט אַ ביסל זעלבסט־איראָניע: אַוודאי, צו דערציילן וועגן אַ שריפה — גאָר אַ קאָמפּליצירטער ענין. אויפצוקלערן די פּאָזיציע פון מענטשן אין קאָסמאָס, ווידערשפּרוכן העגעלן, אָפּפרעגן שפּינאָזען, קריטיקירן קירקעגאָרן, אויסטייטשן ווי אַזוי „דורך דעם דו ווערט דער מענטש פאַרוואַנדלט אין איך" (פון בובערס פילאָזאָפישן „וואָרשטאַט") — דאָס זענען לייכטע זאַכן, נישט אַזוי ווי אַ שריפה־באַשרייבונג...

מיין ווייטערדיקע פראַגע קניפּ איך אָן אין זיין אַרויסזאָגן זיך:

— איר האָט גערעדט, פּראָפעסאָר, וועגן אַ באַגעגעניש פון פּערזענלעכקייטן פון מזרח און פון מערב. ווי האַלט איר, אין ליכט פון די היינטצייטיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען — צי זענען היינט פאַראַן גרויסע שטאָטמענער?

— איך האָב נישט ליב דאָס וואָרט „גרויסע". און איך וויל נישט קריטיקירן איינעם אָדער דעם אנדערן. די פראַגע איז: ווי אַרויסגיין פון דעם קאַלטן קריג? וואָס מיינט איר — נישט דאָס איז די פראַגע?

— האַלט איר, פּראָפעסאָר, אַז דער קאַלטער קריג איז די צענטראַלע פראַגע פון דער מענטשהייט?

— ממש די ברענענדיקע פראַגע! און פאַר וואָס איז זי אַ ברענענדיקע? ווייל די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג קען היינטיקע צייטן דערפירן דערצו,

אַז מענטשן זאָלן עפּעס נישט וועלן — און דאָך זאָל דער דאָזיקער „עפּעס" געשען. די מאַשין אַליין וועט שוין מאַכן דאָס איריקע...

אין דעם צימער, וואָס האָט צו ערשט אויסגעזען ווי אָפּגעטיילט פון דער קאָכעדיקער וועלט, זענען איצט געשטאַנען אונטערגאַנג־געשפּענסטן. אונטער די פיס פון דעם אַלטן פילאָזאָף טרייסלט זיך די ערד פון דער גאַנצער וועלט. אויף זיינע אַקסלען לאַסטעט דער גאַנצער גלאָבוס מיט דער אימה פון זיין־אָדער־נישט־זיין. די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט בובער אַמאָל דעפינירט ווי „אַ ווולקאַנישע שעה" — איז ווי זאָל ער נישט ציטערן פאַר דעם מעגלעכן אויפרייס פון אַן אַטאָמישן ווולקאַן־אויסברוך אין די היינטיקע טעג?

*

ווי באַלד מיר האַלטן שוין ביי פּליסנדיקע פּראָבלעמען, האָב איך אויפגעוועקט פראַגן וועגן אַנדערע ווייטיקן פון דער מענטשהייט. בובער דערלאַנגט אָבער נישט קיין פאַרטיקע „רעצעפּטן":

— לויט מיין מיינונג ראַנגלען זיך אין דער וועלט צוויי כוחות: דאָס וואָס מען רופט פּראָפּאַגאַנדע און דאָס וואָס איז אמתע דערציאונג. די פּראָפּאַגאַנדע איז אַ שטאַרקע קראַפט. די דערציאונג זעט אויס, אויבער־פלעכלעך, שוואַך. די פראַגע איז: צי וועלן אויפקומען אמתע דערציער, וואָס וועלן פון זייער זייט קענען אויפהאַלטן ווייטערדיקע דערציער? ווען אַפּלאַטאָן איז דורכגעפאַלן מיט זיין פּאָליטישער אַרבעט אין סיציליע, איז ער געקומען קיין אַטען און געגרינדעט די אַקאַדעמיע. ס'הייסט — ער האָט באַשלאָסן דערציען דערציער. דערציאונג באַטייט לערנען צו זען דער ווירקלעכקייט מיט אייגענע אויגן. די פּראָפּאַגאַנדע וואַרפט אָן אויף מענטשן אַזוי און אַזוי צו דענקען. דערציאונג דאַקעגן דערהויבט די מענטשן, עפנט זייערע הערצער זעלבשטענדיק צו טראַכטן און זען די לאַגע אַרום זיך און דעם אמת.

— אָבער דער אמת אין אונדזער וועלט — ווו און וואָס איז ער? דער מענטש אין אונדזער וועלט — וואָס איז זיין כוח? ער איז דאָך אַליין אַ שוואַכער, פּאַסיווער אָביעקט — ווי זאָל ער געפינען דעם גרויסן, אבסאָלוטן אמת?

— איך בין נישט אויסן דעם געטלעכן, הימלישן אמת, נאָר דעם

געוויינלעך־מענטשלעכן. אבסאָלוטער אמת איז נישט געגעבן געוואָרן דעם מענטש. ער דאַרף אויסשטיין געוויסע פליסנדיקע סיטואַציעס — און אויף זיי רעאַגירן. דער פאַרלאַנג פון מענטש איינצושאַפן זיך דעם אייביקן, אַבסאָלוטן אמת איז ממש גרויסהאַלטעריי.

— קאָן מען האָפן, פּראָפעסאָר, אַז דער פאַרשטאַנד וועט מנצח זיין? צי קען נישט דיווירקלעכקייט מיאש זיין די אמת־זוכער?

— ווען אַ מענטש גייט אַריין אין קאַמף פאַר דעם אמת, דאַרף ער אים אונטערנעמען מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים. איך האָב אָנגענומען פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער דעם פּאַרזאַג: מען טאָר זיך נישט מתיאש זיין.

מיר שפּרייזן איבער צו אַן אַנדער „סטאַציע״:

*

— ס׳איז באַוווּסט, פּראָפעסאָר, אַז איר קאָרעספּאָנדירט און באַגעגנט זיך מיט פיל יוגנטלעכע. וואָס זוכן זיי? ווי באַאיינדרוקן זיי אייך?

— יוגנט האָט שטענדיק ליב זיך צו געפינען אין אַ סיטואַציע פון אָנהויב — מיר זענען די ערשטע! זיי ווילן אויפבויען, אויפשטעלן עפּעס נייעס — און נישט זיין סתם־פאַרזעצער.

„אַ סיטואַציע פון אָנהויב״. דער דאָזיקער אויסדרוק דערמאָנט, אַז דער אָנפאַנג איז אַ גרויסער מאָראַליש־פילאָזאָפישער יסוד אין בובערס מחשבה. אויך דעם „בראשית ברא אלוהים...״ האָט ער געטייטשט: צוליב דעם בראשית. און פון גאָט צו מענטשן: „אויך דער מענטש דאַרף וויסן, אַז אין אַלץ איז ער פאַרפליכטעט פאַר דעם בראשית״.

בובער איז ממשיך און שטעלט זיך אָפּ אויף די ענדערונגען וואָס ער באַמערקט אין דער יוגנט.

— ווען איך בין אַהער אין לאַנד געקומען, אָנהויב 1938, האָט זיך דער אינטערעס פון דער יוגנט קאָנצענטרירט, הויפּטזעכלעך, אין פּאַר־טייען. די איבערגעטריבענע פּאָליטיזאַציע נעמט זיך געוויס פון אָביעק־טיווע אומשטענדן. אויך ווען די מדינה איז אַנטשטאַנען זענען פּאַרטייען געווען אַ מין עיקר. און אייגנטלעך איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע אָן פּאַרטייען. אָבער פון דאַנען לויערט אויך אַ געפאַר פון פּאָליטיש־פּאַרטייאישער היפּערטראָפיע. יעדע פּאַרטיי באַשטייט דאָך פון צוויי סאָרטן מענטשן, כאָטש אַזאַ פּאַרטיילונג איז

עטוואָס סימפּליפיצירט: פון אַזעלכע וואָס זוכן אין דער פּאַרטיי זייער לעבנס־אמת און פון אַזעלכע פאַר וועלכע די פּאַרטיי איז נאָר אַ פּאָליטישער מיטל — און אַמאָל נישט נאָר אַ פּאָליטישער. איך בין נישט קעגן מאַכט און קעגן קאַמף פאַר מאַכט, אָבער מען טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען און דאַרפן פאַרבלייבן מיטלען — און די צילן וועלן קיינמאָל נישט היילִיקן די מיטלען. פאַרקערט: די אָנגענומענע מיטלען באַאיינפלוסן קוואַליטאַטיוו דעם ציל. דער זעלבער דיסטאַנץ וואָס עקזיסטירט צווישן אַ גרונט־ציל און די גענוצטע מיטלען פאַר זיין דערגרייכונג — וועט שפּעטער עקזיסטירן צווישן דעם דערגרייכטן ציל און דעם מקורדיקן ציל, דאָס הייסט דעם ציל צו וועלכן מ׳האָט פריער געשטרעבט.

די דאָזיקע ווערטער בינדן זיך מיט דער באַהויפּטונג פון בובערן אין זיין „דיאַלאָג צווישן גאָט און מענטש אין תנ״ך": די תנ״כישע אמונה — זאָגט ער דאָרט — פאַרטראָגט נישט קיין ריס אין די מאָראַלישע ווערטן; זי פאַראַכטעט פאַלשקייט אין יעטוועדער אַנטפּלעקונג, און אַפילו דאַן, ווען זי איז אויסן מיטצוהעלפן דעם נצחון פון גערעכטיקייט; נאָך מער, אין אַזאַ פאַל איז דער שאָדן פון דער אָפּנאַרעריי גרעסער, ווייל זי לייגט אַריין איר גיפט אין דעם גוטס וועלכן זי קומט באַדינען...

איך פרעג נאָך בובערן, צי געפינט ער ביי דער היינטצייטיקער יוגנט באַזונדערע לעכצונגען, אָדער אמונה־זוכענישן? ער דריקט אויס איינדרוקן פון זיינע פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט יוגנטלעכע:

— איך שפּיר ביי זיי אַן אומצופרידנקייט. איך וויל נישט און קאָן נאָך נישט זאָגן, וואָס וועט אַרויסקומען פון דער דאָזיקער אומצופרידנקייט אָבער עס איז זי נישט שווער צו פאַרשטיין. יוגנטלעכע פילן, אַז עפּעס איז פויל אַרום זיי. און עס עקזיסטירן בענקשאַפטן. סתם־בענקשאַפטן. צו וואָס געוויי לעכצן זיי? דאָס איז פאַר זיי אַליין נישט קלאָר. בענקשאַפטן אָן אַ נאָמען. שטימונגען אין אַ רויען צושטאַנד. אָבער עפּעס הויבט אָן פון זיי צו וואַקסן. דאָס איז נאָך נישט קיין באַוועגונג. אָבער די דאָזיקע באַשיידענע, נאָמענלאָזע און כמעט אויסדרוקלאָזע זוכעניש, איז מיר זייער נאָענט צום האַרצן.

ער האָט פאָרגעזעצט די רייד וועגן דער יוגנט פון די היינטיקע טעג, אָבער אין מיינע אויגן האָט ער זיך שוין אויסגעמאָלן ווי אַ וואָרט־זאָגער פון אַ צוקונפטיקער עפּאָכע, וועלכער ער לעבט גייסטיק איבער.

יהושע א. גלבוע

פון דעסטוועגן וואַרפט ער אַריין:

— איך בין שוין אַלט און אפשר וועל איך שוין נישט זען די ראַדיקאַלע ענדערונג.

— איר וועט נאָך זוכה זיין...

רייסט ער מיר איבער:

— מילא, אַ דאַנק, אבער לאָמיר דאָס אָפּלאָזן.

*

אָבער ווי אַ באַשטעטיקונג צו זיין זיכערן שטיין אויפן באָדן פון דער צוקונפט האָט פּראָפעסאָר מרדכי־מאַרטין בובער געלאָזט הערן ווערטער, וועלכע האָבן געקלונגען ווי אַ מאַניפעסט:

— אין תוך פון מיין האַרצן בין איך אַ פאַרבינדעטער פון מיינע אייניקלעך — און אפשר פון מיינע אוראייניקלעך...



פּראָפ׳ שמואל הוגאָ בערגמאַן

לירישער דענקער — מיסטישער ראַציאָנאַליסט

ווען פּראָפעסאָר שמואל הוגאָ בערגמאַן האָט דערגרייכט, אין יאָר 1963, זיין „גבורות״־עלטער (80), בין איך צו אים געקומען אויף אַ שמועס. ער היט גוט אָפּ אין האַרצן די דעפיניציע פונעם פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן: „יעדער ווערטיקער פילאָזאָף האָט אין אַלע זיינע ביכער נישט געזאָגט מער ווי איין זאַך; ריכטיקער, ער האָט עס נישט געזאָגט, נאָר זיך באַמיט צו זאָגן און נישט מצליח געווען — און דערוועגן האָט ער גערעדט במשך פון זיין גאַנץ לעבן״. אַזוי מיינען באַרימטע פילאָזאָפן. און איך בין אַריינגעפאַלן צו בערגמאַנען אין ירושלים אין אַ מין „קורץ־פּרייטיק״ און וויל פון אים הערן „אויף איין פוס״ די עיקרים פון זיין לערע... כ׳האָב געוואָלט באַקומען פון אים אויפקלערונגען וועגן קעגנזאַץ אָדער אייניקייט צווישן וויסנשאַפט און אמונה, וועגן לאָגיק און תפילה, וועגן הערשאַפט פון שכל און דעם וואָס שטייט איבער אים...

צו אַזעלכע הויכע ספערן און צו די צייט־געראַנגלעניש, זענען מיר דערגאַנגען מאַרשירנדיק איבער דעם רייכן לעבנסוועג פונעם דענקער. דער ערשטער ביאָגראַפישער עטאַפּ איז געווען — פּראָג.

פראָפ. בערגמאַן שעפּט רואיק פון זיינע זכרונות און געדענקט גענוי כלערליי איינצלהייטן. דער גרויסער צימער, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט ביכער אַרום אַלע ווענט, ווערט אויסגעפּילט מיט יוגנטלעכקייט. די יוגנט־תקופה פון אַ גאַנצן דור סוף פאַריקן ליבעראַלן יאָרהונדערט. יוגנטלעכע, וואָס זוכן אַרום ווערטן, פאַרבינדונגען צווישן קעגנגעזעצטע אידעען און אָנשויונגען, און זייער בליק איז געווענדט צו ברייטע האָריזאָנטן פון מענטש־פאָלק־וועלט.

אָט שפּאַנען זיי אויף דער קאַרל־בריק אין פּראָג, לעכצן נאָך שיינ־קייט און ווילן אויסבעסערן די וועלט. קינדער פון אַן אַלט פאָלק, וואָס זייער לעבן ווערט פאַרשווענקט פון נייע מחשבה־שטרעמונגען. עס קוקט און רעדט צו זיי די „אַלט־נוי״־שול, דער אַלטער בית־עלמין מיטן קבר פון מהר״ל — דער שעפער פונעם „גולם״. פון איין זייט — אַ שיכטן־רייכע קולטור, אַ טראַדיציע אָנגעלאָדן מיט סודות און לעגענדעס — און פון דער צווייטער זייט: „אייראָפּע״, רייך אין מחשבות און אידעאַלן. שפּאַנען די יונגעלייט איבער דער בריק און זוכן — אַ בריק: אַ סינטעזע צווישן די מיסטעריע־צויבערס און דעם ראַציאָנאַליזם, צווישן אַלט און ניי, צווישן דער רייכקייט, וואָס שטעקט אינעם יידנטום און דעם וועלט־הומאַניזם.

מיט דער צייט זענען די זוכענישן און די סינטעזע־שטרעבונגען אַרי־בער צום ציוניסטישן סטודענטן־פאַראיין „בר כוכבא״. פּראָפ. בערגמאַן דערמאָנט די פיגורן, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט די סטודענטישע וועלט פון יענעם פאַראיין, און קודם־כל — מאַרטין בובער: „ער איז בלויז מיט פינף יאָר עלטער פון מיר, אָבער דעמאָלט איז עס געווען אַ קאָלאָסאַ־לער עלטער־אונטערשייד, און דער עיקר — די מעכטיקע השפעה פון זיין פערזענלעכקייט״.

מיר שפּאַצירן ווייטער מיט דעם ביאָגראַפישן שליאַך און קומען אַריין אין דעם שטוביקן קרייז פון דער פרוי בערטאַ פאַנטע. דאָס איז אַ שם־דבר אין דער געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פּראָג, אַ קלוב פאַר שרייבער און געלערנטע. בערטאַ פאַנטע אַליין איז געווען אַן אינטעלעקטועל־ברויזנדיקער טיפּ, וואָס פלעגט אַ סך רעפערירן איבער ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע טעמעס (אַגב, עלזאַ, די טאָכטער פון בערטאַ פאַנטע, איז געווען פּראָפעסאָר בערגמאַנס ערשטע פרוי). אין דעם

„פֿאַנטע־סאַלאָן“ האָט מען באַהאַנדלט פֿרוידס פּסיכאָאַנאַליזע און איינ־שטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. דאָ האָט מען, צוזאַמען, געלייענט העגלען, פֿיכטע און קאַנט — און בערגמאַן איז געווען דער קאָמענטאַטאָר פֿון די דאָזיקע פֿילאָזאָפֿן. צו דעם קרייז האָבן, צווישן אַנדערע, געהערט אָסקאַר פּאָליאַק, מאַקס בראָד, פֿעליקס וועלטש. אויך אַלבערט איינשטיין, ווען ער האָט שטודירט אין פּראָג, פֿלעגט באַזוכן דעם דאָזיקן „סאַלאָן“. צווישן די שטענדיקע באַזוכער איז אויך געווען פֿראַנץ קאַפֿקאַ.

*

ביי קאַפֿקאַן שטעלן מיר זיך אָפּ אַ ביסל לענגער. איך באַמערק:

— אויב איך האָב נישט קיין טעות, פּראָפֿעסאָר, האָט איר געלערנט צוזאַמען מיט קאַפֿקאַן אין דער גימנאַזיע פֿון פּראָגער אַלטשטאָט.

— יאָ, מיר זענען געווען שילער פֿון איין קלאַס און גוטע חברים. איך וועל אייך עפּעס ווייזן.

ער נעמט אַרויס פֿון שופֿלאָד אַן אַלבומל פֿון „זכרונות“ — אַזאַ, וואָס איז אָנגענומען ביי שול־יונגוואַרג פֿאַר פֿאַרשרייבן ברכות און ווונ־טשן צום אָנדענק. דאָס דאָזיקע אַלבומל האָט זיך ביי בערגמאַנען אָפּגעהיטן פֿון די גימנאַזיע־צייטן און אין איינעם פֿון זיינע בלעטלעך האָט קאַפֿקאַ — אין יאָר 1898, ווען ביידע זענען אַלט געווען צו 15 יאָר — פֿאַרצייכנט: „אַ מענטש קומט און אַ מענטש גייט. אָפּשייד — און פֿיל מאָל זעען מיר זיך שוין מער נישט“.

— דאָס איז דער עלטסטער פֿון קאַפֿקאַס באַקאַנטע האַנטשריפֿטן — זאָגט דער פּראָפֿעסאָר בערגמאַן און דערציילט ווייטער:

— ווען מיר האָבן פֿאַרענדיקט די גימנאַזיע, האָט מען אונדז, ווי געוויינלעך, געפֿרעגט: אין וועלכע קעגנשטאַנדן ווילן מיר קאָנטינואירן די לימודים? קאַפֿקאַ און איך זענען געווען אַ היפּש ביסל צעמישט. אין צע־טומלטקייט האָב איך געענטפֿערט „יוריספּרודענץ“ און ער — „פֿילאָזאָ־פֿיע“. פֿאַקטיש זענען מיר ביידע אַוועק פֿון אָנהייב גאָר לערנען כעמיע. אָבער קאַפֿקאַ האָט מיט דער כעמיע אויסגעהאַלטן סך־הכל אַ וואָך. די אַטמאָספֿער פֿון אַ לאַבאָראַטאָריע איז פֿאַר אים געווען אַן אומדערטרעג־לעכע. איך האָב פֿון דעסטוועגן פֿאַרגעזעצט כעמיע־לימודים אַ גאַנץ יאָר.

אין ווייטערדיקן גאַנג פֿון די זכרונות האָט מיר פּראָפֿ. בערגמאַן

דערציילט וועגן זיין באַזוך אין גאַליציע, אויף דער איינלאַדונג פון זיינע אוניווערסיטעט־חברים. אַ שטאַרק גערירטער האָט ער דערוואַרט די באַ־געגעניש מיט דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, וואָס איז ביי אים געווען אַ סימבאָל פון יידישער גאַנצקייט. פון דעם באַזוך האָט ער צוריקגעבראַכט טיפע איבערלעבונגען — פון דער יידישער דינאַמישקייט, פון דער עצם יידישער קאָמפּאַקטקייט. באַזונדערס געדענקט ער דעם באַזוך אין טשאָרט־קאָווער הויף און די וואַגאָנעס, וואָס זענען געווען אָנגעפּילט מיט חסידים, וועלכע זענען געפאָרן צום רבין.

— דאַכט זיך מיר, אַז איר האָט געדינט אין דער עסטרייכישער אַר־מיי. ווי לאַנג זענט איר געווען אַ סאָלדאַט ביים קייסער פראַנץ־יאָזעף?

— אַ יאָר אין פרידנס־צייט און כמעט די גאַנצע ערשטע וועלט־מלחמה. צו ערשט אויפן צפונדיקן פראָנט און שפּעטער האָט מען מיך אַריבערגעפירט אויפן עסטרייכיש־איטאַליענישן פראָנט. כ׳האָב געקענט איטאַליעניש און דאָרט זענען געווען נייטיק דאָלמעטשערס. כ׳האָב געדינט אַלס אינטעלידזשענס־אָפיציר אין דריטן קאָרפּוס. יאָ, פיר יאָר צייט געלעבט צווישן די גויים.

— און צו וועלכן ראַנג זענט איר דערגאַנגען?

— צום ראַנג פון קאַפּיטאַן.

דער דאָזיקער ביאָגראַפישער פּרט האָט מיך אָנגערעגט צו דער באַ־מערקונג:

— אייער מיליטערישער לעבנס־אָפּשניט, שיינט מיר, פּאַרט זיך נישט אַזוי האַרמאָניש מיט אייער פּערזענלעכקייט...

*

איבערגייענדיק צו בערגמאַנס וויסנשאַפטלעכן וועג, פרעג איך:

— פאַר וואָס האָט איר נישט פאָרגעזעצט אייער אַקאַדעמישע קאַריערע אין פּראָג, אָדער אין אַן אַנדערן אייראָפּעיִשן צענטער?

דער ענטפער איז, אייגנטלעך, געווען פון פאָרויס אַ קלאָרער. ס׳איז געגנוג זיך צו דערמאָנען עטלעכע שטריכן פונעם פּראָפעסאָרס ציוניסטי־שער וועלט־אָנשויונג, כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע. נאָך פאַר דעם

ערשטן וועלט־קריג, ווען בערגמאַן איז אַלט געווען 30 יאָר, האָט ער געזאָגט: „דער ציוניזם איז אונדזער קידוש השם". און אין 1918 האָט ער צוגעגעבן: „דער ציוניזם איז דער זיג, אָדער אונטערגאַנג פֿונעם יידנ־טום". הייסט עס, אַז אינעם ציוניזם האָט ער געזוכט די לעבעדיקע פֿאַר־קעפּערונג פֿונעם יידנטום און פֿון יידישקייט. עס איז דעריבער קלאָר, ווי זיין פּלאַץ איז געווען. קיין ארץ־ישראל איז ער עולה געווען אין יאָר 1920, און די עליה באַצייכנט ער, ווי אַ נאַטירלעכן שריט אין שיין פֿון זיין גלויבן.

ער שילדערט זיין וועג קיין ארץ־ישראל אין פֿאַרבינדונג מיט זיין וויסנשאַפֿטלעכן גאַנג:

— אין פּראָגער אוניווערסיטעט בין איך געווען דער תלמיד פֿון שווייצאַרישן חשובן געלערנטן, פּראָפֿ. אַנטאָן מאַרטי, וועלכער האָט אונטעררעכט די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער שפּראַך. מאַרטי איז געווען אַ תלמיד פֿונעם פֿילאָזאָף פֿראַנץ ברענטאַנאָ. אין זייער יוגנט זענען זיי ביידע געווען קאַטוילישע גייסטלעכע. אָבער נאָך דעם ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די דאָגמע פֿון „אינפֿאַליביליזם" (אַז דער פּויפּסט מאַכט קיין מאָל נישט קיין טעות), האָבן זיי ביידע אויסגעטאָן די גייסטלעכע קליידער. מיט דער צייט האָט ברענטאַנאָ, אונטער דעם דרוק פֿון וואַטיקאַן, געמוזט אויפֿגעבן די פֿילאָזאָפֿישע קאַטעדרע אין ווינער אוניווערסיטעט. ווייל ברענטאַנאָ האָט נישט נאָר זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין גייסטלעכן אַמט, נאָר אויך גע־בראָכן זיין נדר און חתונה געהאַט (אגב, מיט אַ יידישער פֿרוי). ברענטאַנאָ האָט פֿאַרלאָזט זיין אַקאַדעמיש לעבן, אָבער אַלס אַ שטאַרקע פּערזענלעכ־קייט האָט זיין השפּעה זיך פֿאַרשפּרייט דורך זיינע תלמידים (צווישן וועל־כע, אגב, עס זענען געווען טאָמאַס מאַסאַריק און עדמונד הוסערל, וועמען מען קען האַלטן פֿאַרן פֿאָטער פֿון דער עקזיסטענציאַליסטישער פֿילאָזאָ־פֿיע). ברענטאַנאָ האָט זיך געהאַלטן ווי אַ נביא פֿון אַ נייער פֿילאָזאָפֿישער בשורה, וועגן גאָט און אומשטערבלעכקייט פֿון מענטש, וואָס דאַרף פֿאַר־טרעטן די רעליגיע. זיינע תלמידים און זייערע שילער האָט ברענטאַנאָ באַטראַכט ווי שליחים, וואָס פֿאַרשפּרייטן זיין לערע. ער האָט געהאַט אַ סך יידישע תלמידים. און היות ווי אַ ייד האָט נישט געקענט זיך דערשלאָגן צום ראַנג פֿון אַ פּראָפֿעסאָר, האָט ער זיי געעצהט איבערצונעמען די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיע — „די רעליגיע פֿון נישט־רעליגיעזע", ווי

ער האָט דערקלערט; כדי צו פאַרשפּרייטן פון די קאַטעדרעס די אמתע פילאָזאָפיע, לוינט עס זיך פאַר יידישע געלערנטע — האָט ברענטאַנאָ געזאָגט — אָנצוטאָן דעם אויסערלעכן קריסטלעכן לבוש... נישט וויניק פון זיינע יידישע תלמידים האָבן אים טאַקע געפאָלגט און אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן (צווישן זיי עדמונד הוסערל). די, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, האָבן עס צו פאַרדאַנקען בעיקר דער השפּעה פונעם ציוניזם.

אויך בערגמאַנען האָט ברענטאַנאָ געפּרוּווט צורעדן ער זאָל אָנטאָן דעם אויסערלעכן קריסטלעכן לבוש צוועק פון „ערנסטע כוונות". אָבער בערגמאַן האָט אָפּגעוואָרפן אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס. אמת, ער האָט געהאַט „ערנסטע כוונות" צו ווערן אַ „שליח" פון ברענטאַנאָס לערע, אָבער די אוניווערסיטעט־טויערן זענען געוואָרן פאַרשלאָסן פאַר דעם ייד וועלכער האָט אין יאָר 1907 באַקומען דעם דיפּלאָם „דאָקטאָר פאַר פילאָזאָפיע". פּראָפ. בערגמאַן באַמערקט איצט מיט אַ שמייכל:

— גאָט צו דאַנקען, מען האָט מיך אין ערגעץ נישט געוואָלט אויפנעמען אַלס דאָצענט, און אין ארץ־ישראל לעב איך שוין זינט 1920. נאָך אין יאָר 1911, ווען איך בין אַלט געווען 27 יאָר, בין איך געקומען אויף אַ זעקס־וואָכיקן באַזוך.

*

מאַרשירן מיר צוזאַמען איבער די וועגן פון ארץ־ישראל און פּראָפ. בערגמאַן וויַיזט מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות, ווען ברענער האָט געפאָדערט דאָס „רעכט אויף שרייען"... עטלעכע מאָל דערמאָנט דער פּראָפעסאָר זיין אַרבעט אין דער נאַציאָנאַלער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק. אין יאָר 1935 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערשטער רעקטאָר פון העברעישן אוניווערסיטעט. אַלס פּראָפעסאָר פאַר פילאָזאָפיע האָט ער אַרויסגעגעבן אַ דור פון תלמידים, צווישן וועלכע ער באַטאָנט באַזונדערס, מיט פרייד און מיט שטאָלץ, דעם פּראָפ. נתן ראָטענשטרייך. כאָטש אַ סך פון בערגמאַנס פּאָליטישע אָנשויונגען און שטעלונגען אין אַקטועלע פראַגן האָבן אַרויסגערופן קעגנערשאַפט, האָבן זיינע תלמידים אים ליב און פאַרערן אים שטאַרק.

אין זיינע אַכציקער יאָרן איז פּראָפ. בערגמאַן ביי דער פולער אינטע־

לעקטועלער קראַפט פון אַ מענטש, וואָס זוכט נאָך דעם וועג אין דער וועלט. מיר האָבן פאַר זיך איינעם פון די גרויסע דענקער, וועלכער ווייזט אָן די „פּאַקטישע" עקזיסטענץ פון פאַרבאָרגענע וועלטן אינעם דור פון גאַלאָפּירנדיקן טעכנישן פּראָגרעס. דער דאָזיקער וויסנשאַפטלער און פאָרשער האָט אַ טיפע אמונה אינעם באַשעפער פון הימל און ערד. דער ראַציאָנאַליסט טענהט, אַז דאָס וואָס מיר באַגרייפן מיט אונדזערע בשר־ודמדיקע חושים, שעפּט נאָך נישט אויס די גאַנצע טיפעניש פון דערווירקלעכקייט. ווייל אויסער דער וועלט פון אונדזערע חושים, עקזיסטירט נאָך אַ ווירקלעכקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם מענטש דורך דער רעליגיעזער איבערלעבונג. און אויב מען מיינט, אַז די דאָזיקע איבערלע־בונג איז אַן ענין בלויז פאַר יחידי סגולה — זאָגט בערגמאַן: לאו דווקא! באַוווּסטזיניק אָדער נישט, זענען מיר אַלע גלויביקע, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהילים: „קרוב ד' לכל קוראיו". אָט אַזוי ווייזט אויף בערגמאַן דעם רעאַליזם פונעם גלויבן: דער גלויביקער מענטש איז אַ „רעאַליסט", ווייל די רעליגיע איז פאַר אים אַ ממשותדיקע.

און דער פּראָפעסאָר דערלויבט זיך אַ געוויסן ווידוי:

— אפשר איז עס אַ גרויסער חסרון, וואָס איך בין אַ ראַציאָנאַליסט, בעת די מסקנות צו וועלכע דער שכל דערגרייכט באַפרידיקן מיך נישט. מיט מיין צווייטער העלפט זוך איך דעריבער אַרום. איך טראַכט, אפשר האָבן מיר באמת זיך צוגעוויינט איבערצושאַצן דעם שכל און נישט צו זען זיינע גרענעצן.

אָבער אמונה איז נישט בלויז אַ געשאַנק פון הימל, וואָס ווערט דעם מענטש געגעבן אויף, ווען ער פאַרהאַלט זיך פּאַסיוו. מען דאַרף קעמפן, כדי זי צו דערוווערבן. מען דאַרף זיך באַמיִען צו דערגרייכן גאָט. עס פאָ־דערט זיך אַ דינאַמישע באַציאונג צו גאָט. מען דאַרף צו אים גיין...

*

מיר רעדן נאָך וועגן אַ ריי דענקער, מיט וועלכע דער פּראָפ. בערג־מאַן איז געווען אין באַרירונג, און איך פרעג אים:

— צי זענט איר געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן הרב קוק, וועגן וועמען איר האָט געשריבן מיט אַזאַ טיפער פאַרערונג?

— בלויז איין מאָל בין איך ביי אים געווען. מיין טיפע באַציאונג צו אים האָט זיך געשאַפן פון זיינע ספרים. ער האָט מיך צוגעצויגן מיט דעם

בריטן פאַרנעם פון זיין דענקען, מיט זיין אַריינדרינגען אין דער טיף און אין דער הייך פזון די ענינים. דערהויפט דערנענטערט מיך צו אים — די פאַרלייקענונג פונעם טויט; די איבערצייגונג, אַז דער טויט איז בלויז אַן אילוזיע. דאָס איז דער גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה. עס מיינט, אַז דאָס לעבן דויערט ווייטער און מיר וועלן דאַרט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר אונדזער האַנדלונג דאָ אויף דער ערד. איר ווייסט, וואָס הרב קוק האָט געזאָגט? „דער טויט איז אַ דעפעקט אינעם באַשאַף". דורך תשובה טאָן וועט ער באַזיגט ווערן. „דאָס יידישע פאָלק ווערט גערופן אָפּצווווישן די דאָזיקע חרפה פון דער וועלט".

שבת אין דער פרי האָב איך באַגלייט דעם פּראָפ. בערגמאַן צום שטענדיקן שיעור אין תלמוד־קרייז, צו וועלכן ער געהערט. אויפן וועג זאָגט ער מיר:

— עס איז אַ גרויסע זאַך, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן איינגעפירט רעגולערקייט אין לערנען תורה. איך באַטייליק זיך אויך אין אַ צווייטן סטאַבילן לערן־קרייז, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער לערע פון חב"ד. אין די בידע קרייזן באַטייליקט זיך אויך דער מדינה־פּרעזידענט שזר.

אַזוי שמועסנדיק קומען מיר צוריק צו דער תורה פון הרב קוק, און דער פּראָפעסאָר זאָגט מיט פינקלדיקע אויגן:

— דער מענטש, וואָס האָט מיך געבראַכט צום הרב קוק, האָט שפּע־טער מיר איבערגעגעבן, וואָס דער רב האָט אים געזאָגט, אַז איך בין אַ לירישע נשמה.

— ווי אַזוי וואָלט איר איצט רעאַגירט אויף אַזאַ באַצייכענונג?

— אַ מענטשן איז שווער זיך אַליין צו זען...

און ער דערמאָנט זיך ווידער:

— לעצטנס האָט איינער פון מיינע תלמידים געשריבן, אַז איך בין אַ מיסטישער ראַציאָנאַליסט.

— ווי אַזוי וואָלט איר זיך אָפּגערופן אויף דער דאָזיקער דעפיניציע?

פּראָפעסאָר שמואל הוגאָ בערגמאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— דער אמת איז, אַז אין מיין שאַנק ליגן אויך צעבראָכענע שטיקער פון לוחות — און נישט שטענדיק געלינגט מיר זיי צונויפצוקלעפּן...

אליעזר בן־יהודה

פאַטער פון העברעיש־רעדן

צווישן די ערשטע העברעישע ווערטער, וואָס יעדער **„עולה חדש"** לערנט זיך שנעל אויס, איז געוויס פאַראַן דאָס וואָרט „מילון" (ווערטערבוך). ווער אפשר דעם ניי־אָנגעקומענעם אין ישראל גרינגער ווערן ביים מאַטערן זיך מיטן „מילון", אויב ער וועט וויסן, אַז אין גאַנצן מיט עטלעכע דורות צוריק האָט נאָך קיינער נישט געוווסט וועגן דעם דאָזיקן וואָרט, אַפילו נישט די העברעישע משכילים און שרייבער... דאָס וואָרט „מילון" האָט נאָך יענער צייט פשוט אין דער שפּראַך נישט עקזיסטירט, פּונקט ווי עס זענען נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אַזעלכע פּאָפּולערע, טאָג־טעגלעכע ווערטער ווי „עתון" (צייטונג), אָדער „עפּרון" (בלייפעדער), שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט מען זאָל אין העברעיש קענען, אַ שטייגער, „פאַרקלענערן" אַ הונט אָדער אַ קאַץ — און מען זאָל אָנשטאָט „כלב קטן" און „חתול קטן". גאָר זאָגן „כלבלב" (הינטל) און „חתלתול" (קעצל)...

היינט קען מען זיך ממש פאַרווילן מיט דערציילן קוריאָזע מעשיות, ווי מען האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן העברעישן לשון מיט אַ יאָר הונדערט

צוריק, ווען מען האָט מיט אים באַדאַרפט באַשרייבן געוויסע קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן און פּאַסירונגען — ווען ס'איז, למשל, בכלל „נישט געווען" קיין איינפאַך „בערשטל" — און דער פּראָסטער איין־וואָרטיקער זייגער („שעון") איז גאָר געווען אַ „מורה־שעות" (שעהן־ווייזער)... אגב, אפשר איז עס געווען אַ גאַנץ גליקלעכע צייט פאַר העברעיש; זי האָט נאָך אויך נישט געהערט פון אַ „פּצצה" (באָמבע) און אַפילו נישט געוווסט פון קיין „הפתעה" (סיורפּריז)...

אָט די היינטיקע גאָר פשוטע ווערטער, וואָס מיר האָבן דאָ אויסגע־רעכנט, זענען אַ פּראָדוקט פון אַ יחיד־„וואַרשטאַט", אָדער פון אַן „איין־פּערזאָניקער שפּראַך־אַקאַדעמיע". דער דאָזיקער יחיד איז געווען אליעזר בן־יהודה, וועמענס עיקרדיק לעבנס־ווערק איז געווען זיין מאָנומענטאַ־לער העברעיִשער ווערטערבוך. ער האָט עס פשוט געשאַפן אָט די פיל ווערטער, וואָס זענען שוין יאָרן לאַנג איינגעבירגערט אין טאָג־טעגלעכן געברויך פון העברעיִש און עס פעלט גאָר נישט איין צו „פאַרדאַכטן", אַז זיי האָבן אַמאָל בכלל נישט עקזיסטירט.

*

דער דאָזיקער יחידישער אויפטו, דער העברעיִשער ווערטערבוך, איז פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן אומפאַרגעסלעכן אַקט פון אליעזר בן־יהודה. ער האָט זוכה געווען נישט נאָר צו דער קרוין פון „שעפער פון דער לע־בעדיקער העברעיִשער שפּראַך", נאָר איז אויך אָנגערופן געוואָרן „דער פאָטער פון גערעדטן העברעיש".

היינט צו טאָג איז אַוודאי שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז נאָך ביים סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער עצם געדאַנק פון רעדן העברעיש — נישט נאָר אין די גלות־לענדער, נאָר אויך אין ארץ־ישראל — אויסגע־זען ווי אַ גאַנץ ווילדע אויסטראַכטעניש. נאָך מער: אַפילו צו טראַכטן וועגן העברעיִש אַלס מעגלעך גאַנגבאַרע שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן — פאַר דעם זענען נייטיק געווען פאַנאַטיקער. מיט אַנדערע ווערטער: צו דעם האָט מען באַדאַרפט „משוגעים"...

און אַזאַ „משוגענער" איז געווען אליעזר בן־יהודה. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אויף אַ קאָנקרעטן אופן, מיט פאַנאַטישער עקשנות, צעשטערט די אָנגענומענע איינשטעלונג, אַז מיט העברעיִש קען מען

נאָר לערנען און דאַווענען, אָבער נישט קויפן און פאַרקויפן, נישט בויען און נישט שטעלן דעם סאַמאָוואַר... ער האָט זיך אַריינגעגומען אין קאָפּ די פאַנטאַזיע צו מאַכן פון דעם קדמונישן „טויטן" לשון־קודש — אַ שפּראַך פון אַ גאַנץ יאָר; אַ שפּראַך פון שטוב, גאַס און מאַרק.

אין יאָרן אַרום האָט מען אָנגעוויזן אויף בן־יהודהס עלטסטע צוויי קינדער, איתמר (שפּעטערדיקער שרייבער און רעדאַקטאָר — איתמר בן־אבי) און ימימה (שפּעטער — ימימה גיא), ווי אויף די ערשטע העב־רעישע קינדער: זיי האָבן איינגעזאַפּט דעם העברעישן לשון צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך.

די לעבנסגעשיכטע פון אליעזר בן־יהודה איז אָנגעלאָדן מיט דראַ־מאַטישן שטאָף און יסורים (אַגב, דער שרייבער ראָבערט סענט דזשאָן, דער מחבר פון אַ ביאָגראַפישן בוך וועגן דוד בן־גוריון, האָט אויך אָנגעש־שריבן אַ בוך „די שפּראַך פון די נביאים", וואָס איז געווידמעט דעם לעבן פון בן־יהודה). לאָמיר זיך מיט איר אַ ביסל באַקענען.

אליעזר בן־יהודה (פריער: פּערלמאַן) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1858 אין אַ קליין שטעטל פון ווילנער גובערניע. אַלט זייענדיק פינף יאָר איז ער פאַריתומט געוואָרן פון אַ טובערקולאָז־קראַנקן טאַטן, און נאָך פאַר דער בר־מצווה האָט אים זיין מאַמע — אַ טיכטיקע און פּראַקטישע פרוי — געשיקט לערנען אין דער פּאָלאָצקער ישיבה. דאָרט איז ער אָנ־געזאַפּט געוואָרן, אין געהיים, מיטן השכלה־גייסט. אַ „געכאַפּטער" אין „תרבות רעה" איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדערע ישיבה, אינעם שטעטל גלובאָקאָיע (אויך אין ווילנער גובערניע), אָבער דאָ האָט זיך זיין פריי־גייסט נאָך מער געשטאַרקט. אין יענעם שטעטל האָט ער זיך פאַרבונדן אין אַ ליבע־בונד מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן סוחר און משכיל, דבורה יאָנאַס, וועלכע האָט אים געלערנט רוסיש, פראַנצויזיש און אַנדע־רע פרייע לימודים — און מיט דער צייט איז זי געוואָרן זיין פרוי.

דערנאָך טרעפן מיר דעם בחור אליעזר פּערלמאַן אין דווינסק, וווּ ער האָט פאַרענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע און געוואָרן טעטיק אין סאָציאַ־ליסטישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. ער האָט זיך דערווייטערט פון יידישע ענינים, ביז עס איז אויסגעבראָכן די רוסיש־טערקישע מלחמה (1877—1878). ווען די באַלקאַן־לענדער האָבן געווונען פּאָליטישע זעלבשטענדי־קייט, האָט בן־יהודה געהערט, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, אַן

אינערלעכע שטים, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז עס איז געקומען די צייט פון יידישן רענעסאַנס אויף דער ערד פון די אָבות.

ער פאָרט קיין פּאַריז זיך לערנען מעדיצין, אַלס פּראָפעסיאָנעלע באַזע צום באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. אָבער דאָרט האָט זיך ביי אים אַנט־פּלעקט די ירושה־קרענק — טובערקולאָז. אין אַ שווערן צושטאַנד איז ער געלעגן אין שפּיטאָל און איז געווען געצוווּנגען איבערצורייסן די מעדיצין־לימודים. דאָקטוירים האָבן אים געראָטן טוישן דעם קלימאַט. אַ שטיקל צייט האָט ער געלעבט אין אַלזשיר, ווו עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז נאָר העברעיִש — אין דעם ספרדישן דיאַלעקט — איז די שפּראַך מיט וועלכער ער האָט זיך געקענט פאַרשטענדיקן מיט די דאָרטיקע יידן.

מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו די פּאַריזער יאָרן פון אליעזר פּערל־מאַן. אין 1879 האָט ער צוגעשיקט פון פּאַריז קיין ווין, צום העברעיִשן זשורנאַל „השחר" — רעדאַגירט דורך פרץ סמאָלענסקין — אַן אַרטיקל, געחתמעט מיט דעם נאָמען „אליעזר בן־יהודה", וועלכער האָט אַרויסגע־רופן דערשטוינונג. כדאי צו דערמאָנען, אַז אָפיציעל האָט אַפילו די חיבת־ציון־באַוועגונג דעמאָלט נאָך נישט געהאַט עקזיסטירט (און ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט מינימאַלע, באַשיידענע פאָדערונגען). „אַ ברענענדיקע פראַגע" — אַזוי האָט בן־יהודה טיטולירט זיין אַרטיקל. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט שוין אַפילו דאָס „קעפּל" געפּו־נען פאַר נייטיק אַ ביסל אָפּצוקילן און ער האָט אויסגעבעסערט דעם נאָמען אויף „אַ בכבודיקע פראַגע" („שאלה נכבדה"). פון דעסטוועגן האָט מען לייענענדיק אָט דעם אַרטיקל געקענט שפּירן, אַז זיין מחבר איז נישט קיין מענטש פון אַ געוויינלעכן טעמפּעראַמענט און פון סטאַנדאַרט־געדאַנ־קען. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און קאָס־מאָפּאָליטישע שטימונגען. ער האָט אָפן און שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע נישט פון חיבת־ציון — געמיינט סתם־ליבשאַפט צום אַלטן לאַנד — נאָר פון שיבת־ציון, פאָדערנדיק אַ ברייטן קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם, כדי צו דערמעגלעכן אַ מאַסן־צוריקקער פון יידן קיין ארץ־ישראל, ווו עס דאַרף צושטאַנד קומען אונדזער פולער און אַלזייטיקער רענעסאַנס; צווישן אַנ־דערן, פאַרשטייט זיך, דאָס אויפלעבן פון דער העברעיִשער שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן: „מיר האָבן אַ שפּראַך אין וועלכער מיר וועלן איצט קענען שרייבן וואָס עס קומט אונדז אויפן געדאַנק, און אויך קענען רעדן, אויב מיר וועלן נאָר וועלן".

*

בן־יהודהס אויסטערלישע געדאַנקען האָבן נישט אַרויסגערופן קיין ענטוזיאַזם. ער אַליין האָט זיי אָבער איבערגעלעבט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. אַ קורצע צייט נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון „שאלה נכבדה״ איז אין „השחר״ אָפּגעדרוקט געוואָרן זיינס אַן אַנדער אַרטיקל, וועמענס נאָמען זאָגט שוין עדות אויף זיין שטראָפּערישן כאַראַקטער: „ועוד מוסר לא לקחנו״ (און קיין מוסר־אויספיר האָבן מיר נישט גע־מאַכט). דאָרט פרעדיקט דער מחבר צו גיין — אין די נאַציאָנאַלע פראַגן — נישט מיטן ווייכהאַרציקן גאַנג פון הלל הבבלי, נאָר אין דעם וועג פון שמאי — דער ארץ־ישראלדיקער קנאי...

מען האָט זיך יאָ אָדער נישט אָפּגערופן אויף בן־יהודהס רייד — ער אַליין האָט באַוויזן אַ מוסטער פון אַן אומר ועושה.

די דערציילונג פון זיין לעבן אין יענע יאָרן איז פאַרוועבט אין קוריאָזן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויסשליסלעך העברעיש. ציוניס־טישע פריינט האָבן אים באַגריסט מיט אַ „זדראַסטוווטיע״ — און ער האָט צוריקגעענטפערט מיט אַ „שלום עליכם״. אַפילו צום באַן־קאָנדוק־טאָר האָט ער זיך געווענדט אויף עברית און געוועקט חוזק און רחמים ביי די אַרומיקע.

מיט דער דאָזיקער מאָדנער אויפפירונג האָט נאָך בן־יהודה נישט אויסגעשעפּט זיין „אני מאמין״. ער טרעפט זיך דאָן אין ווין מיט זיין געליבטער און שיינער דבורה און האָט מיט איר חתונה.

צוויי יאָר נאָך דעם פאַרעפנטלעכן פון דער „חשובער פראַגע״ לאָזן זיי זיך אַוועק צוזאַמען קיין ארץ־ישראל (בן־יהודה האָט דעמאָלט צום קאַפּיטאַן פון דער שיף אויך גערעדט נאָר העברעיש). אין אָקטאָבער 1881 קומען זיי אָן קיין ארץ־ישראל. זיי באַזעצן זיך אין ירושלים. דער התעוררות־דאָקומענט (דער אַרטיקל אין „השחר״) ווערט פאַרוואַנדלט אין מעשים.

אָבער דאָס גרויסע יסורים־קאַפּיטל אין בן־יהודהס לעבן הייבט זיך איצט ערשט אָן. די אידעע פון אויפלעבן די העברעיִשע שפּראַך האָט אים פולקאָם באַהערשט און איז געוואָרן דער תמצית פון זיין קיום. אין ירושלים האָט ער אָנגעהויבן זוכן שותפים צו זיין „משוגעת״ פון העברעיש־רעדן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר איינער פון די חשובסטע נאַציאָנאַלע מצוות.

ער איז אויסגעשטאַנען רדיפות פון רעליגיעזע פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן זיין פּרוּוו צוו סעקולאַריזירן דעם לשון־קודש. מ׳עז האָט אים פאַרמסרט פאַר דער טערקישער מאַכט און ער איז אַריינ־געפאַלן אין תפיסה. נאָך דעם איז אים פאַרבאָטן געוואָרן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן.

*

עס איז ממש געווען אַ ווונדער ווי אַזוי דער פיזיש־שוואַכער און קראַנקהאַפטיקער מענטש האָט אין זיך געפונען אַזוי פיל זעלישע כוחות, כדי נישט אויפצוגעבן זיינע פרינציפּן אין דער באַקאַנטער „חלוקה״־אַט־מאָספער פון דעמאָלטיקן ירושלים. זייער ריכטיק האָט מיט יאָרן שפּעטער פאַרצייכנט דער שרייבער ד. קמחי: בן־יהודה איז געווען אַ מין „לעבע־דיקער פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן לעבן אין ירושלים״.

בן־יהודה האָט אָבער געדאַרפט קעמפן נישט נאָר קעגן רעליגיעזע פאַנאַטיקער פון אַלטן ישוב. ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויך קעגן אַ „צוויטן פראָנט״. מיט זיינע געדאַנקען און אויפטוען האָט ער זיך דער־וואָרבן אָפּחוזקער און שונאים אויך צווישן העברעיִשע משכילים און שרייבער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט משלים זיין מיט זיינע פאַרפירערישע פאַנטאַזיעס וועגן אַ גאַנגבאַרער העברעישער שפּראַך צו אַלע לימודים און אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט. און ווען בן־יהודה האָט זיך גענומען צו זיין גרויסער אַרבעט איבער דעם נייעם העברעישן ווערטערבוך, האָבן זיך געמערט די סאַרקאַסטישע אָנגריפן אויף אים מצד די העברעיִשע פען־מענטשן. נישט איינער האָט אויסגע־לאַכט דאָס „מאַכן אַ שפּראַך״, אָדער „ווערטער־אינדוסטריע״.

אָבער די אַלע קעגנערישע פיילן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן עקשנותדיקן קאַמפּס־מענטש, וועלכער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שוועריקייטן און אָפּשפּאָטעניש. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען דער־ציילט בן־יהודה וועגן זיך: „פונעם מאָמענט, ווען מיינע פיס האָבן באַ־טראָטן די הייליקע ערד, האָב איך, אין באַרירונג מיט יידן, נישט אויסגע־רעדט קיין איין נישט־העברעיִש וואָרט״. אַזאַ מין דערקלערונג זעט אויס אַ ביסל אויסטערליש אַפילו אין אונדזערע היינטיקע טעג; אין דער ער־שטער צייט פון בן־יהודהס לעבן אין ארץ־ישראל איז עס אַוודאי געווען אַ גבורה.

בן־יהודהס שטוב איז געוואָרן די ערשטע „העברעישע שטוב אין ארץ־ישראל" (אויפן וועג קיין ארץ־ישראל האָט זיין דבורה זיך געלערנט עברית). אָבער ער באַגנוגנט זיך נישט מיט דער הערשאַפט פון עברית אין אייגענעם משפחה־קרייז. דער אַרטיקל פון וועלכן מיר האָבן דאָ איצט ציטירט, רופט זיך „אַרבע הראשונות" (די ערשטע פיר) — און דאָרט ציילט בן־יהודה זיין „אַרמיי" פון העברעיִש־ריידנדיקע: רעכנט פשוט אויס די ערשטע פיר ירושלימדיקע משפחות (וואָס פאַראַ נצחון!...), וואָס האָבן נאָך פיל אָנשטרענגונגען איינגעפירט דאָס העברעישע לשון אין ייערע הייזער (אגב, צווישן די „ערשטע פיר" איז געווען די משפחה פון יהודה גראַזאָווסקי — שפּעטער: גור — וואָס האָט דערנאָך אַליין מחבר געווען אַ גרויסן העברעיִשן ווערטערבוך). אין אַן אַנדער אַרטיקל פון בן־יהודה, אונטערן נאָמען „רכושנו" (אונדזער פאַרמעגן), געשריבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, געפינען מיר אויך אַ ציילונג פון דער העברעיִש־רעדנדיקער מחנה. ס'איז אַ היסטאָריש־באַלערנדיקער און גלייכצייטיק קוריאָזער דאָקומענט. לאָמיר פון דאָרט ציטירן:

„אין ירושלים זענען איצט דאָ אַ צוואַנציק פרויען און מיידלעך, וואָס רעדן העברעיש. אין יפו זענען איצט דאָ אַ דרייסיק פרויען און מיידלעך, וואָס רעדן פּאַקטיש העברעיש, אָדער קענען לפחות רעדן העברעיש... אין אַלע קאָלאָניעס צוזאַמען זענען אָן ספק דאָ, לפחות, אַ הונדערט און פופ־ציק פרויען און מיידלעך וואָס קענען רעדן העברעיש — און צווישן זיי אַזעלכע וואָס רעדן אויך שטענדיק העברעיש..."

בן־יהודהס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן, הויפּט־זעכלעך, מיט דער אויפלעבונג און פאַרשפּרייטונג פון עברית. ער האָט געגרינדעט דעם „ועד הלשון העברית", אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד פון העב־רעיש־ליבהאָבער אונטערן נאָמען „שפה ברורה". ער האָט זיך באַמיט איינצופירן אין די שולן דאָס לערנען פון אַלע קעגנשטאַנדן אין העברעיש און איז אַליין געוואָרן אַ לערער, מאַכנדיק דעם ערשטן פּרווו אין לאַנד צו לערנען „עברית בעברית". גרויסע פאַרדינסטן האָט ער אויך געהאַט אין דער אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּרעסע אין ארץ־ישראל.

*

דאָ קומען מיר צוריק צו אליעזר בן־יהודהס לעבנס־ווערק — דער

גרויסער העברעיִשער ווערטערבוך. אויך די דאָזיקע אַרבעט, מיט וועל־כער ער האָט זיך אָפּגעגעבן 30 יאָר, איז פאַרבונדן מיט זיין פייערדיקער מסירות פאַר דער אויפלעבונג פון דער אַלטער שפּראַך. דאָס וואָס ביי נאָרמאַלע, אַנטוויקלטע פעלקער ווערט געמאַכט דורך אַ קאָלעקטיוו פון געלערנטע, דורך גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, האָט אויף זיינע פּלייצעס גענומען איין מענטש. ווייל די דאָזיקע אונטערנעמונג איז אין בן־יהודהס אויגן געווען אַ נויטווענדיקייט: אויב מען מוז רעדן העברעיִש, מוז מען דאָך געפינען פּשוטע, פּליסנדיקע ווערטער פאַר אַלע באַגריפן, קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען. ווי אָן אדם־הראשון, וואָס האָט באַדאַרפט פאַר יעדער זאַך באַשאַפן אַ נאָמען, האָט דער העברעיִש־פאַנאַטיקער זיך אָוועקגעזעצט „צו מאַכן" אַלץ, וואָס האָט דער העברעיִשער שפּראַך גע־פעלט. איין מענטש האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע און די אחריות פון מאָדערניזירן אַן אַלט לשון, וואָס מען האָט, בדרך־כלל, געהאַלטן, אַז עס האָט אַ קיום נאָר אין די הייליקע כתבים.

ווען מען זוכט אַן אילוסטראַציע פאַר דער גראַנדיעזקייט און פענאָ־מענאַלקייט פון בן־יהודהס „איין־פּערזאָניקער שפּראַך־אַקאַדעמיע" — קומט אויפן געדאַנק אַ פאַרגלייך מיט דער היינטיקער מלוכהשער שפּראַך־אַקאַדעמיע פון ישראל. אין אירע ראַמען באַשעפטיקן זיך צענדליקער קאָמיסיעס פון ספּעציאַליסטן מיט באַשטימען העברעיִשע טערמינען אין פאַרשידענע צווייַגן (ווי מיליטער, ים־ און לופט־פלאָט, טעכנישע און אינזשינערישע פּראָפעסיעס, יוריספּרודענץ, אַדמיניסטראַציע, פּעדאַגאָ־גיק, בוי־קעגנשטאַנדן, קיך, בעקעריי און פיל אַנדערע לעבנס־צווייגן). די פאַרשלאָגן פון די קאָמיסיעס דאַרפן דורכמאַכן אַ לאַנגן וועג פון נאָכ־טראַכטונגען, אויפקלערונגען און וויסנשאַפטלעכע פאַרהאַנדלונגען, ביז זיי ווערן באַשטעטיקט. לאָמיר זשע זיך פאָרשטעלן, אַז אַט די אַלע קאָ־מיסיעס פון געלערנטע און פאַרש־פּראַצעדורן האָבן זיך בשעתו פּערזאָני־פיצירט אין איין מענטש: אליעזר בן־יהודה.

ס'איז טאַקע אמת, אַז אין בן־יהודהס אַרבעט קען מען געפינען פע־לערן, בלויזן, אומפּינקטלעכקייטן, וועלכע עס איז שפּעטער נייטיק געווען צו רעווידירן. מיר וועלן זיך פאַררופן אויף דער אָפּשאַצונג פון פּראָפ. יוסף קלויזנער: „נישט מיט אַלע זיינע חידושים האָט בן־יהודה מצליח געווען און נישט אַלע זענען דורך אונדזער שפּראַך אָבסאָרבירט געוואָרן. אָבער

צענדליקער און הונדערטער פון זיינע חידושים זענען געוואָרן אַן אייזער־נער קאַפּיטאַל פון אונדזער גערעדטן און ליטעראַרישן לשון... זיי האָבן זיך פאַרשלונגען אין אונדזער נייער שפּראַך, און קיינעם פאַלט גאָר נישט איין, אַז בן־יהודה איז דאָס דער, וואָס האָט זיי געשאַפן". פּראָפ. קלויזנער רעכנט אויס אייניקע פון די דאָזיקע ווערטער, ווי: משטרה — פּאָליציי, מספרה — פריזיר־אַנשטאַלט, ועדה — קאָמיסיע, רכבת — באַן, נגריה — סטאָלעריי, מכונית — אויטאָ; ווערטער, וואָס ס'איז פּשוט שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז מ'האָט זיך אַ מאָל אָן זיי באַגאַנגען...

*

ביי זיין לעבן האָט בן־יהודה נישט באַוויזן אָפּצודרוקן און אַרויסצו־געבן אַלע פאַרויסגעזעענע בענדער פון זיין „מילון". ביז זיין טויט (אין יאָר 1922, אין עלטער פון 64 יאָר) זענען דערשינען אין גאַנצן פינף בענדער. אָבער דער היינטיקער פולער „מילון בן־יהודה" אַנטהאַלט זיבעצן בענדער. מיטן דערגאַנצן און רעדאַגירונג פון מילון האָבן זיך נאָך בן־יהודהס טויט אָפּגעגעבן פּראָפ. מ. צ. סעגאַל און פּראָפ. ו. טור־סיני (לאַנג יאָריקער פּרעזידענט פון דער העברעישער שפּראַך־אַקאַדעמיע). עס האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט זיך מיטבאַטייליקט נאָך אייניקע געלערנטע און פאָרשער.

דער זעקסטער און זיבעטער באַנד פון דעם בן־יהודה־מילון זענען געדרוקט געוואָרן פון אַ גרייטן כתב־יד, וואָס דער פאַרשטאָרבענער קנאי פון עברית האָט איבערגעלאָזן. אָבער די ווייטערדיקע בענדער זענען צו־זאַמענגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון בן־יהודהס פאַרצייכענונגען און „קוויטלעך".

דער וויסנשאַפטלעכער „שטאַב" האָט גענומען אין באַטראַכט יעדע אָנווייזונג און אָנדייטונג פון בן־יהודה, אָבער האָט אַריינגעלייגט אין דעם „מילון בן־יהודה" פיל אייגענע קאָנצעפּציעס און חידושים (גענוג צו דערמאָנען, אַז די אויספאַרטיקונג פון ווערטערבוך האָט גענומען איבער 20 יאָר, כדי צו פאַרשטיין, אַז בן־יהודהס נאָכפאָלגער זענען נישט געקו־מען „צום גרייטן").

*

לאָמיר צוריקגיין צו בן־יהודהס לעבנס־געשיכטע. ס'איז שוין דער־

ציילט געוואָרן וויפל רדיפות ער האָט געהאַט אויסצושטיין. זיין פרוי דבורה איז מיט אים געטריי מיטגעגאַנגען דעם קאָמפּעררישן יסורים־וועג. זי איז געוואָרן אַ „העברעיִשע מאַמע" צו פינף העברעיִשע קינדער. אָבער אין יאָר 1892 איז זי אַוועק פון דער וועלט, נאָך דעם ווי זי איז אָנגע־שטעקט געוואָרן פון איר מאַן מיט טובערקולאָז. אַ קורצע צייט נאָך דעם זענען געשטאָרבן אויך דריי פון זייערע קינדערלעך. די צוויי לעבן געבלי־בענע יתומים, איתמר און ימימה, זענען געווען אויסגעשטעלט אויף פּיין און דחקות.

אַ שטראַל פון ליכט איז אויפגעקומען פון בן־יהודהס צווייטער פרוי. זי איז געווען די שוועסטער פון דער פאַרשטאָרבענער דבורה און יינגער פון אליעזר מיט זעכצן יאָר. אויף צו פאַרבינדן זיך אין אַ פאַמיליע־בונד מיט בן־יהודהן, האָט נאָך אָנגעדייט דבורה אין איר לעצטן בריוו, וואָס זי האָט איר געשריבן — און נישט פאַרענדיקט — פון שפּיטאָל, פאַרן טויט.

פאַלאַ יאָנאַס איז געוואָרן חמדה בן־יהודה. זי איז געוואָרן אַ מאַמע צו דבורהס קינדער, איתמר און ימימה, וועלכע האָבן זי געלערנט עברית (די איינציקע שפּראַך וואָס זיי האָבן געקענט אין זייער קינדהייט). זי אַליין האָט אויך געבוירן זעקס קינדער (איניקע פון זיי זענען זייער יונג גע־שטאָרבן). און זי איז געוואָרן אַ געטרייע באַגלייטערין פון בן־יהודהן און אַ שותף צו זיינע פּלענער און זאָרגן פאַר דעם רענעסאַנס פון העברעיִש.

*

ביים פאַרענדיקן די באַשרייבונג פון אליעזר בן־יהודהס לעבנסוועג, שווימט אויף אין זכרון אַ פּיקאַנטע פּאַסירונג: ווען ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט אין זיין „יודנשטאַט" באַהאַנדלט די שפּראַך־פראַגע פון דער יידישער מדינה, האָט ער געשריבן, אַז ס׳איז אַ ספק צי אויף העברעיִש קען מען קויפן אַ באַן־בילעט... הערצל האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט נישט ווויסנדיק, אַז שוין אַ צוואַנציק יאָר ווי אַ געוויסער בן־יהודה „קערט וועלטן" פאַר אַ העברעיִש לשון, וואָס באַהערשט אַלע געביטן פון לעבן. און ווען הערצל האָט זיך באַגעגנט מיט בן־יהודהן, אין יאָר 1899, איז ער געווען איבער־ראַשט פון דער ענערגיע און גלויבן, וואָס האָבן געשפּרודלט אין דעם „ירושלימער זשורנאַליסט".

די דאָזיקע ענערגיע און גלויבן, התמדה און עקשנות — האָבן טאַקע געמאַכט היסטאָריע. אליעזר בן־יהודה האָט זוכה געווען צו אַ גרויסן דענקמאָל אין דער פאָרעם פון די זיבעצן בענדער (כמעט 8000 זייטן) פון דעם פולן „מילון בן־יהודה".

מאַרק שאַגאַל

איבער די הייזער פון וויטעבסק און ירושלים

אַ ווײלע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט: אָט שטייט ע ר אויפן ראַנד פון אַ דאַך, דער גוף קאַנטיק־ווינקלדיק אַנגעבויגן פאַרויס, אין האַנט אַ שטעקן און אויפן פלייצע אַ טאָרבע, אַקצעסאָריעס פון גורל — און ער הייבט אָן שפרייזן איבער די הייזער... איבער די הייזער פון ירושלים, אַזוי ווי איבער די הייזער פון זיין היימשטאָט וויטעבסק. ווייל מ אַ ר ק ש אַ ג אַ ל שוועבט כסדר, שטענדיק און אומעטום. מיט אַלע זיינע קינסטלערישע רמ״ח אברים איז ער טאַקע דורכגעדרונגען מיט דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דורכ־געזאַפט מיט דער ערדישקייט פון אונדזער דור, אָבער אָן אויפהער זוכט ער דעם „נאָך העכער״. די פאַרבן־פאַליטרע ליגט אויף דעם דאָרנדיקן באָדן — און פיל פון זיינע געשטאַלטן צעפליִען זיך. איצט, אין אַ ווינקל פון אַ ירושלימער האָטעל, פליסט זיין שמועס מילדלעך, אָבער די בלויע אויגן פינקלען און, דוכט זיך, זיי זוכן און קוקן־אויס. הערסטו זיך צו מיט פיל שפאַנונג און טייל מאָל האַלטסטו איין דעם אָטעם: אפשר וועלן זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז טאָן איבער דעם זילבערהאָריקן קאָפ — אַ מענטש, אַ בעל־חי, אַ מלאך, אָדער אַ פאַרליבט פאָרל...

מיר זענען געזעסן צוזאַמען אַ צוויי שעה, אָבער צום אָנפאַנג האָבן

זיך מיר צעמישט די פּאָרויס־צוגעטראַכטע פֿראַגן אויס מורא: צי דרינג איך נישט אַריין אין דעם סודותדיקן מלכות פון דעם פאַרבן־קעניג?

ס׳איז געווען אַ דעצעמבער־טאָג 1963. אין ירושלימדיקן דרויסן האָט געוואָיעט אַ ווינט און געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן איניקע סתם־זאַצן וועגן קאַפּריזן פון דער נאַטור, ביז כ׳בין אַרויסגעקו־מען מיט אַ פראַגע וואָס האָט מיר אַליין אויסגעזען גאָר אַ פּראָזאַישע:

— האָט איר, ה׳ שאַגאַל, נישט געהאַט ווען־עס־איז וועלכע־נישט־איז באַשעפטיקונגען אויסער דער קונסט? לאָמיר עס זאָגן פּשוט: צי האָט איר, אין אייערע קינדער־יאָרן און יוגנט, איידער איר זענט געוואָרן אַ מאָלער, געקאָנט טאָן עפּעס אַנדערש?

— חלומען! איך האָב געקאָנט טרוימען. איך פלעג קוקן אויף מייד־לעך, אויף בלומען, אויף דער לבנה, אויף די שטערן. איך האָב נישט געהאַט קיין שום נייגונג צו אַ וועלכער־עס־איז ממשותדיקער זאַך. כ׳האָב אפילו זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קאָן עפּעס אויסקראַצן מיט אַ בלייער. מען זאָגט, אַז איך בין געווען אַ שיין קינד, אָבער צו קיין זאַך נישט מסוגל. פאַראַן אַזעלכע פאַלן...

דערמאָן איך זיך דאָס מעמואַרן־בוך פון שאַגאַלן: „מיין לעבן״. ער האָט עס געשריבן אין רוסיש (אגב, בעלאַ — זיין ערשטע פרוי — האָט איבערגעזעצט דאָס בוך אויף פראַנצויזיש; פּרץ מאַרקיש האָט עס איבער־געזעצט אויף יידיש און מנשה לעווין — אויף עברית). דער פענדזל־קינ־סטלער האָט געשאַפן אַ ליטעראַרישע פּערל, אָבער ער האָט דאָרט דער־ציילט זיין לעבנסגעשיכטע — און זיינע טרוימען — בלויז ביז די יאָרן 1921—1922. איך האָב געפרעגט:

— פאַר וואָס שרייבט איר נישט ווייטער אייערע מעמוארן — עס זענען דאָך צוגעקומען נאָך 40 יאָר, ווי די צאָל יאָרן פון די בני־ישראל אין מדבר?

— אַלס שרייבער בין איך אַ שרעקלעכער פּוילאַק — און נישט נאָר אַלס שרייבער. דאָ און דאָרט האָב איך עפּעס פאַרצייכנט — איך האָב שוין פאַרשמירט פּאַפּיר. און אַן אומגליק — מיין האַנטשריפט. פרעגט נישט, כ׳קען דאָרט נישט געפינען מיינע הענט און פיס. איך קען אויך נישט זיין מיין אייגענער רעדאַקטאָר, און די זאַכן זענען צעוואָרפן. אפשר וועל איך ווען עס איז זיך באַפרייען אויף צו שרייבן דעם המשך פון מיין

לעבנס־דערציילונג. כ׳וואָלט אויך געוואָלט צונויפזאַמלען מיינע רעפּע־ראַטן. אָבער ווען?

דערגאַנץ איך פאַר זיך זיין תשובה: די קינסטלערישע אַרבעט פאַר־שלינגט, איין פּלאַן יאָגט דעם אַנדערן — און איך וואַרף צו נאָך אַ פראַגע:

— איך ווייס, ווי עס ווערט געזאָגט, אַז „זר לא יבין" — אָבער דאָך אפשר וועט איר מיר עפּעס זאָגן וועגן געבוירן ווערן פון אַ ווערק? אָדער, בעסער, ווי אַזוי „טראָגט איר עס אויס?"

ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ שמייכל, הינטער וועלכן עס האָט זיך באַהאַלטן — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט — אַ געוויסע איראָניע, ווי איינער זאָגט: גיי דערציייל! אַ לייכטע הפסקה, און בלויז די אויגן קוקן נאָך מיט אַ מין בליק: אפשר לאָזטו עס אָפּ? אָבער נאָך אַ וויטערדיקן „אָבער דאָך" מיינעם — הייבט ער אויף די ראַנדן פון אַ שלייער:

— ווי איך „טראָג עס אויס" האָט איר געפרעגט, ווי אַזוי? איך בין שטענדיק אומעטיק, אומעטיק און דענערווירט, פאַרכאַפּט דורך אַן אומרו. און דער אומרו ווערט אַלץ שטאַרקער, וואָס עלטער איך ווער...

— וואָס פאַר אַן עלטער? — האָב איך זיך אַריינגעמישט מיט אַ פליכט־מעסיקער העפלעכקייט און גלייכצייטיק מיט פולשטענדיקער אויפריכטי־קייט.

— דאָס איז סימפּאַטיש פון אייער זייט. אָבער מיין עלטער איז באַ־קאַנט. פאַראַן אויך היסטאָריקער פון קונסט... יאָ, אַן אומרו. און איך זוך עפּעס, וואָס זאָל מיר געבן באַפרידיקונג. ווען אַ מענטש איז יונג, איז ער אפשר באַהערשט דורך לײדנשאַפטן צו זיין גרעסער, באַרימטער. ער קען געפינען זיין באַפרידיקונג אין וואָגן, אין חוצפּה, אין דערפאָלג. אָבער איצט...

— וועט עס זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז אין שאַפן זוכט איר צו באַרואיקן דעם אינערלעכן שטורעם?

— דאָס זענען צו גרויסע ווערטער. איך וועל זאָגן: איך קען אַנדערש נישט לעבן. קונסט איז אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש, ממש ווי באַדערפע־נישן פון גוף, צייטנווייז, וויל איך אויך דערגיין אָט דעם דראַנג צו שאַפן און איך טראַכט: דאָס איז אַ נאַטור־כוח. אָבער באמת, איך דאַרף זיך אַנטשולדיקן. עס איז נישט שיין אַזוי צו רעדן, נישט באַשיידן... איך וועל אַלזאָ רעדן נישט גראָד וועגן זיך, נאָר אַבסטראַקט.

— איך בין דער יעניקער, וואָס דאַרף זיך אַנטשולדיקן פאַר די פראַגן. אָבער אויב מיין נייגעריקייט ווערט שוין פאַרגעבן, וועל איך — נאָך דעם וואָס איר האָט געזאָגט — שטעלן די פראַגע: וואָס, אין גרונט גענומען, ליגט אין יסוד פון אייער שאַפן: שטימונג אָדער וועלט־אַנשויונג? פאַנטאַזיע אָדער באַוווסטזיין? חלום אָדער לאָגיק?

— איך וואָלט זיך אַליין געוואָלט שטעלן אָט די פראַגן, אָבער עס איז אַ ספק צי איך וועל קענען ענטפערן. דאָס אַלץ דרייט זיך אַרום איין פראַגע: וואָס איז קונסט פאַר מיר? אָבער עס איז שווער צו ענטפערן. פונקט אַזוי, ווי ווען אַ פרוי פרעגט „האָסט מיך ליב?״ — און דו האָסט ליב, און נישט שטענדיק קענסטו ענטפערן „יאָ, ליב״. כ׳וועל אייך בלויז זאָגן: קונסט איז פאַר מיר נישט קיין פראָפעסיאָנאַליזם, פונקט ווי עס איז נישט פאַראַן קיין פראָפעסיאָנאַליזם אין דער נאַטור. זעסט ביימער, בעלי־חיים, שטערן? זיי אַלע דרייען זיך אויף דער וועלט נישט פראָפעסיאָנעל. אמת, אַ שטורעם רייסט אויס ביימער, רייסט אַראָפּ בערג; אַ חיה פרעסט אויף די צוויטע צוליב הונגער וואָס מאַטערט איר... אָבער דער גרויסער הערשער איז די נאַטור אַליין. זי געוועלטיקט אויך איבער דער קינסטלערי־שער שאַפונג — און ערשט נאָך דעם קומען טעאָרעטישע און ראַציאָנעלע באַרעכטיקונגען.

— אויב אַזוי, ה׳ שאַגאַל, איז אפשר „נאָך דעם״, לפחות, קענט איר אַ ביסל אויסטייטשן אייערע בילדער? איך וואָלט זיך אַ ביסל צו פרעגן, אָבער אויב איר וועט מיר דערלויבן וואָלט איך געוואָלט וויסן: פאַר וואָס „פאַרלייקנט״ איר ניוטאָנען און זיין גראַוויטאַציע־געזעץ? פאַר וואָס רייסן זיך אייערע געשטאַלטן צו פליִען אין די הייכן?

— נישט איך האָב דאָך פעסטגעשטעלט, אַז די וועלט דרייט זיך אַרום איר אַקס. עס טרעפט, איך שפּאַציר און איך קריג פאַרדאַכט: אָט קער איך זיך איבער... פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט באַוועגן אַרום־און־אַרום ווי די נאַטור?

*

איך האָב זיך פאַרטראַכט. פאַר מיינע אויגן האָבן גענומען שוועבן האָריזאָנטאַלע מלאכים. פיש מיט פליגלען. אַ פילפאַרביקער קאַרנאַוואַל, אין וועלכן עס נעמען אָנטייל כלות און חתנים, אַ קאַלב און אַ האָן,

אַקראַבאַטן און נישט־דאָיִקע באַשעפענישן... פאַרפלאָנטערטע שטעטלדיקע געסלעך. פעדלערס און קלעזמאָרים. און זיי גייען נאָך זייער שעפער — פון וויטעבסק קיין פּאַריז. אַט זענען זיי אַרויף אויף דעם אייפעל־טורעם... דאַן דערמאָן איך דעם קינסטלער וואָס ער האָט אַנומלט געזאָגט, אַז זיינע בילדער רעדן יידיש.

ער כאַפּט זיך אָן אין דעם אָטעם:

— און ווי דען זאָלן זיי רעדן? די גאַנצע סביבה האָט גערעדט יידיש. אמת, מיר קינדער האָבן שוין גערעדט אַ ביסל רוסיש. אָבער טאַטע־מאַמע, די פעטערס און די שכנים, די גאַנצע גאַס — יידיש. איך האָב דאָרט נישט געפילט קיין גלות. געווען אויך פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס, אַוודאי אויך אַ ביסל פּאָליאַקן, און יידן פלעגן נישט איבעריק פאָרן אין דאָרף. אָבער דער הימל איז דאָרט אין וויטעבסק געווען — אַ יידישער הימל.

און ווידער קומען אויף פאַר די אויגן זעונגען פון דמיון — און איך טראַכט אויפן קול:

— הייזער שטייען אויף זייערע קוימענס... און ווער רייט עס אויפן האָן? און דער האָן, מיט זיין פייערדיקן קאַם, שטייט מיט איין פוס אויף דער פאַרבן־פּאַליטרע און מיט דעם אַנדערן פוס אויף די שטעטלדיקע הייזער. און די פידל איז איבערגעקערט. און אַ רויט־פלאַמענדיק פערד לאָזט זיך אין אַ גאַלאָפּ מיט אַ חופה־ליכט. און אַ קלעזמער שפּילט אין בויך פון אַ קאַלב. און דער קינסטלער שטייט אַנטקעגן אַ קאָפּ פון אַ קו־אין־בלוי. ווו איז דאָ לעגענדע און ווו איז ווירקלעכקייט? אפשר קען מען קריגן אַ ברעקל שליסל צו אָט דעם כישופדיקן פּאַלאַץ?

— אַ בוך דאַרף מען איבער אָט די אַלע עלעמענטן. ס׳איז נישט קיין געלעכטער, מיין טייערער. דאָס אַלץ איז פאַר מיר נאַטירלעך ווי פאַר סעזאַנען — שטענדיק אַוועקשטעלן אַ פלאַש אויפן טיש; ווי פאַר בראַקן — אַ וואַזע מיט פּירות; ווי פאַר פּיקאַסאָן — צעבראָכן אַ גיטאַרע אויפן טיש; ווי פאַר קלאָד מאָנען —ביימער און בלויע שאָטנס. פרעגט זיי — פאַר וואָס דווקא אַזוי און נישט אַנדערש? פאַראַן אַ סך „פאַרוואָסן“. פאַר וואָס קער איך איבער ביימער? פרעגט ביי גאָט פאַר וואָס זענען ביי אים די ביימער גלייך?... ס׳וועט קומען אַ וועלכער־ס׳איז פרויד, וואָס פאַרשטייט מכלומרשט אַזעלכע זאַכן, און וועט אויפקלערן...

אַ פּויזע. און נאָך אַ ווײַלע פאַרשט ער מיך מיט זיינע אויגן, ווי ער

וואָלט געפּרוּווט דעשיפרירן נישט־אַרויסגעזאָגטע אָפּרופן, און גיט צו אַ מין פאַרענטפערונג:

— איך ווייס, עס איז נישט קיין תשובה, אָבער וואָס זאָל איך מאַכן?

נאָך אַ רגע פון פאַרטראַכטונג איז ער אַליין ממשיך:

— אָפּט מאָל, אויב דער מענטש איז ביי מיר נישט איבערגעקערט — איז ער גאָר קיין מענטש נישט... נאָך פּאַר דעם סורעאַליזם האָב איך דעם „מת" (אַ בילד פון יאָר 1908) אַוועקגעלייגט אין גאָס. ווען ער וואָלט געלעגן אין שטוב — וואָלט איך קיין סאַטיספאַקציע נישט באַקומען. און כדי צו אונטערשטרייכן, אַז ער איז נישט אין גאַנצן אַ מת — האָט זיך אַ ייד אַוועקגעזעצט אויפן דאַך און געשפּילט אויף זיין פידל. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַ ביסל די זאַך אויסגעטייטשט דער דיכטער גיאָם אַפּאָלינער. ס'איז אויפגעקומען די סורעאַליסטישע טעאָריע, אָבער אינ־טואיטיוו איז זי שוין פריער געבוירן געוואָרן.

— כ'וואָלט איך געבעטן, ה' שאַגאַל, זיך נאָך אומקערן צום שוועבן אין די הייכן. ווייזט אויס, ס'איז גוט זיך צו געפינען נאָענט צו די הימ־לען... אָבער צי זענט איר אַ מאָל נישט באַאומרואיקט פון דער געפאַר זיך אָפּצורייסן פון דער ערד?

— אָ, ניין, ניין! ווייל אויך ווען מיר צעפליגלען זיך און פליִען — בלייבן מיר אויך אויף דער ערד.

איך האָב פאַרצייכנט, געבלעטערט אַ מינוט אין די נאָטיצן און גע־קוקט אויף אים. זיינע אויגן זעען מיר אויס טיפער ווי פריער. און דער דמיון שפּילט מיט מיר: דוכט זיך, אין איין אויג נעסטעט אומעטיקייט און אין צווייטן באַוועגט זיך שטיפעריי. און דאַן וואַרפט ער צו:

— מ'שטיינסגעזאָגט, וואָס גיב איך אייך דאָ? אַ פּאָר שטיינדלעך און אַ ביסל זאַמד...

— ס'מאַכט נישט, ה' שאַגאַל, איך וויל אָבער נאָך עטלעכע „שטיינד־לעך" און נאָך אַ הייפל „זאַמד"... אָט, למשל, פיל מאָל חזרט זיך איבער אין אייערע בילדער אַזאַ „דריילינג": געבורט־ליבע־טויט. איך האָב וועגן דעם געלייענט געוויסע פירושים, אָבער איך וואָג אייך גופא צו פרעגן — וואָס מיינט עס?

— איר ווייסט דאָך, אַז די גאַנצע וועלט שטייט אויף אָט די דריי

עלעמענטן. ביי מיר ווערן זיי באַגלייט אויך מיט פּחד. אַ פּערזענלעכער פּחד. מיין מאַמע האָט געבוירן ניין קינדער. איך בין געווען דער בכור. קינדוויז, ווען ס׳פלעגן איר אָנכאַפּן געבורט־ווייען, פלעגט מיך באַהערשן אַ שרעק. כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן אירע געשרייען און זיפצן. דעמאָלט פלעגן פרויען נישט גיין־צו־קינד אין שפּיטאָלן. פלעג איך הערן די צעוויטיקטע יאָמערן און ציטערן. און פאַרן טויט האָב איך געוויס מורא געהאַט — צי דען דאַרף איך עס אויפקלערן?

— אָבער וואָס טוט די ליבע צווישן אָט די קעגנגעזעצטע פּאָלוסן? זי שרעקט דאָך נישט...

— אוי, קינד מיינס, וואָס ווייסט איר? אין דער צייט פון מיין קינדהייט האָט די ליבע נישט געגאָסן פון פרייהייט, נאָר געווען פאַרבונדן מיט געגנוג פּחדים.

*

שטיקלעכוויז „גיט" מיר דער קינסטלער נאָך עפּעס וועגן זיין שאַפונג. דער שמועס פאַרקייקלט זיך צו זיינע בעלי־חיים. זיי זענען מערסטנטייל — „יידישע" בעלי־חיים: אַ קו און אַ קאַלב און אַ פערד — און בעיקר אַ האָן. דער האָן האָט זיך געפונען אין יעדן יידישן הויף, געווען אַ בן־בית. געוויסע שאַגאַלס מפרשים זאָגן: ס׳איז דער סימבאָל פון פרוכפּערונג. אַנדערע דערמאָנען זיך אין אונדזער תפילה: „הנותן לשכוי בינה"... ווי עס זאָל נישט זיין דער פּירוש — מיר זעען ווי שאַגאַל טראָגט זיין וויטעבסק אין אַלע לעבנס־שליאַכן, אין אַלע גרויסשטעט פון דער וועלט. פרעג איך:

— האָט אייך עמעצער ווען־עס־איז נישט באַמערקט, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר דעם וועלט־קינסטלער זיך צו „באַפרייען" פון „וויטעבסק"?

— און אַז מען וועט זאָגן — וועל איך הערן? פאַרקערט: איך שטרייך אונטער דעם יידן אין מיר, מיין קינדהייטס־נעסט. אגב, מען דערציילט מיר וועגן דער יוגנט דאָ אין לאַנד, אַז אויך זי אַנטדעקט לעצטנס „וויטעבסק". איך בין גליקלעך מיטן געפיל, אַז מיין קינסטלערישע אַרבעט פאַר ישראל ווירקט עטוואָס מיט פאַר דער פאַראייניקונג פון לופט און ערד פון מיין וויטעבסק מיט דער לופט און ערד פון ירושלים.

איצט איז געקומען די ריי אויף לעבנס־פּרטים, וועגן וועלכע עס דער־ציילט שאַגאַל:

די מוטער איז פון שטעטל ליאָזנע, אַ 20 קילאָמעטער פון וויטעבסק. אַט דאָס שטעטל איז געווען אַ צענטער פון ליובאַוויטשער חסידות, און די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפּחה. דער זיידע פון דער מוטערס צד איז געווען אַ חזן און אַ קצב. דער זיידע פון טאַטנס צד — אַ מלמד. און געווען אַ פעטער, וועמען ער געדענקט גוט, דער פעטער נח — אַ בעל־קורא און אַ קצב און אויך „אַ שלעכטער פידל־שפּילער" (און אפשר איז ער דאָס דער יעניקער, וועמענס נשמה עס איז מגולגל געוואָרן אין איינע פון די שאַגאַלישע קלעזמער־געשטאַלטן). „זומערצייט — זאָגט שאַגאַל — פלעגן מיר פאָרן צום ליאָזנער זיידע, אויף אַ מין דאַטשע". און ער דערמאָנט אַ פאַל, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון — און אין דער שעפערישער פאַנטאַזיע:

— דער שטעטלשער פּלאַץ, אין צענטער. דאָרט איז, ווי געוויינלעך, געשטאַנען די קירך. איך פלעג ליב האָבן אַרויסצוגיין דאָרט שפּאַצירן מיט אַ קליינער חברטע. איין מאָל, אין אַ לבנה־נאַכט, האָבן מיר פּלוצעם דערזען אויפן פּלאַץ אַ מין קופּע, אַזוי ווי אַ זאַק בולבעס, און אויך אַ באַ־וועגלעכן שאָטן. מיר זענען צוגעגאַנגען פאַרזיכטיק און נייגעריק — און אַט איז פון פּאַק אַרויסגעקראָכן אַ חזיר. מיר האָבן אויפגעציטערט, געהערט זיין כרוקען און אַנטלאָפן. ער האָט מיט זיין ממשות פאַרטאָפּלט די אימה וואָס דער באַגריף „חזיר" אַליין האָט פאַרפלאַנצט אויף דער יידישער גאַס. דערפאַר אפשר פאַרטאָפּלען זיך די חזירים, ווען זיי דערשיינען אויף מיינעם אַ בילד. נישט זיי האָב איך פאַרגרעסערט, נאָר די אימה און די שרעק, וואָס זיי האָבן געזייט...

*

שאַגאַל היפּט אַריבער דעם קאַפּיטל פון זיין קומען צו מאָלעריי־קונסט, אָבער אויף מיין פראַגע צי עס זענען געבליבן בילדער פון זיין בראשית־תקופה, דערציילט ער מיט אומעט איין עפּיזאָד:

— פיל, פיל זענען געגאַנגען לאיבוד. אין יאָר 1908 האָב איך אין געשעפט פון אַנטאָקאָלסקי, אויף זאַכאַריעווסקאַ־גאַס אין פּעטערבורג, גע־בראַכט אַ גרויסן פּאַקעט פון בילדער — איבער הונדערט. דאָס איז געווען

אַ געשעפט פון ראַמען און פון פאַרגרעסערן פאָטאָגראַפיעס. כ׳האָב גע־פרעגט דעם באַלעבאָס: אפשר ווילט איר קויפן עטוואָס פון מיינע בילדער? דעם אמת זאָגנדיק, איז דאָס געווען אַ גרויסע העזה פון מיין זייט. אַנטאָ־קאָלסקי האָט מיך געהייסן איבערלאָזן מיינע אַרבעטן — און ער וועט מיר געבן אַן ענטפער אין אַ געוויסער צייט אַרום. אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך געקומען צו אים, אָבער ער האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, ווי ער וואָלט מיך קיין מאָל נישט געזען. ווער זענט איר? — האָט ער געפרעגט. ער האָט קאָטעגאָריש געלייקנט, און איך בין שטיל אַוועק. איך האָב גע־קלערט: ברוך שפטרני. במילא האָב איך נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט דעם... אַוועק אַ לאַנגע צייט ביז איך האָב דערציילט דעם פאַל דעם באַ־רימטן אַדוואָקאַט ווינאַווער, אין וועמענס הויז איך בין געווען פאַררעגיס־טרירט אַלס משרת, כדי איך זאָל האָבן ווױנרעכט אין פעטערבורג. ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר פאַר מיין שווייגן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט אויף צוריק צו באַקומען די גזילה. איך נעם אָן, אַז דער קרעמער האָט אָפּגעמעקט מיין אונטערשריפט פון די בילדער און האָט אָנשטאָט דעם אָנגעשריבן אַזעלכע נעמען ווי רעפּין אָדער וורובעל. דאָן האָט מען אָנער־קענט נאָר גדולים. איך קען זיך נישט דערמאָנען דעם פּריוואַטן נאָמען פון אַנטאָקאָלסקין, און אויב איך דערמאָן אים, איז עס צוליב אַ שימער פון האָפענונג, אַז עס וועט נאָך ערגעץ עפּעס געפינען ווערן פון יענעם פּאַקעט בילדער. און טאַקע, פאַרשידענע מענטשן האָבן שוין געפרווט זוכן, אָבער דערווייל אָן דערפאָלג. מיין אידעם, פראַנץ מאַיער, דער מאַן פון מיין טאָכטער אידאַ (ער איז אַ דירעקטאָר פון אַ מוזיי אין באַזעל), וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס בוך וועגן מיין שאַפונג, קען זיך נישט באַרואיקן. אויך אין יאָר 1914 האָב איך פאַרלוירן בילדער — אָבער דאָס איז געווען דער עיקר אַ מאַטעריעלער שאָדן — און אפשר נישט קיין שרעקלעכער. אָבער צוליב דער פעטערבורגער אַבידה, האָב איך נישט קיין שום אָנדענק פון אַ גאַנצער עפּאָכע — אַפילו נישט קיין רעפּראָדוקציעס.

*

אין יאָר 1910 האָט שאַגאַל צום ערשטן מאָל עמיגרירט פון רוסלאַנד קיין פּאַריז. פאַר דער מלחמה איז אין דער באַרימטער בערלינער גאַלעריע „דער שטורעם" איינגעאָרדנט געוואָרן זיין ערשטע אויסשטעלונג. דער דיכטער אַפּאָלינער האָט אָנגעשריבן — אין פאָרעם פון אַ פּאָעמע — דעם

אַריינפיר צו איר פּראָספּעקט. אין יאָר 1914 האָט זיך שאַגאַל צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד. אין 1915 האָט ער חתונה געהאַט מיט בעלאַן. אַט דער זיווג האָט געלייגט אַ טיפן שטעמפּל אויף זיין לעבנסשטייגער און שאַפן. דאָס איז געווען אַ ליבע, וואָס האָט געברויזט מיט טרוים און שעפערישער פאַנטאַזיע. 29 יאָר (ביז טויט פון בעלאַן אין יאָר 1944 אין ניו־יאָרק) האָט אַ טוי פון פּאָעזיע באַהויכט די היראַט. אָבער ער באַמיט זיך צו רעדן „פּראָזע״:

— בעלאַ האָט געטרוימט צו זיין אַן אַרטיסטין. געלערנט אין סטודיאָ פון סטאַניסלאַווסקין. אָבער זי איז אַוועק מיט מיר. מיר האָבן פאַרלאָזן ענדגילטיק רוסלאַנד אין 1922, מיר זענען געקומען קיין ווילנע. דאָרט האָט זיך בעלאַ פאַרוואָרצלט צווישן יידן, גענומען לערנען יידיש. איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז אירע צוויי ביכער — „ברענענדיקע ליכט״ און „די ערשטע באַגעגעניש״ — זאָלן איצט דערשיינען אין ישראל אין עברית. איך האָב צוגעקליבן די נעמען פאַר אַט די ביכער און זיי אילוס־טרירט. זי האָט געשילדערט יידישע מאַמעס און יידישע יום־טובים. די ביכער פון בעלאַ אין עברית וועלן זיין אַן אָנדענק־שטיין נאָך איר אויפן ישראל־באָדן.

אין ווינקל פון האָטעל, אין דער אוטיליטאַרער געביידע, אין דער פונקציאָנאַלער אַטמאָספער — הייבן זיך אָן צו וועבן דינינקע פעדעם פון זיידנס. דו שטרענגסט אָן די פאַנטאַזיע און זעסט אַ סובטעלע געשטאַלט שוועבט איבער גרינע קוסטעס — „בעלאַ אין אַ ווייסן קראַגן״. דו פאַר־מאַכסט די אויגן און אין חלל באַווייזט זיך ער („זעלבסטפּאָרטרעט״) אויף אירע אַקסלען מיט אַ בעכער ווייַן...

די פעברואַר־רעוואָלוציע און שפּעטער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע (1917) האָבן שאַגאַלן געפונען אין רוסלאַנד. ווען קערענסקי איז געקומען צו דער מאַכט, האָט מען שאַגאַלן פאַרגעלייגט איינעם פון די הויפּט־אַמטן אין מיניסטעריום פאַר קונסט. אָבער ער און בעלאַ האָבן זיך צוריקגעקערט פון פעטערבורג קיין וויטעבסק.

— קיין וויטעבסק — דערציילט ער — איז צו מיר געקומען אין אַ געוויסער צייט אַרום אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, וואָס האָט געגרינדעט אין פעטערבורג אַ יידישן אַמאַטאָרישן קאַמער־טעאַטער. איך בין שוין דאַן „ברוך השם״ געווען אַ קאָמיסאַר פאַר קונסט אין וויטעבסקער גובער־

ניע. האָט מיר גראַנאָווסקי, וואָס איז בשעתו געווען אַ תלמיד פון ריינ־הארדטן, געזאָגט: קום מיט מיר קיין מאָסקווע, מיר וועלן דאָרט גרינדן אַן אמתדיק טעאַטער. איז געקומען אויך אַנסקי און געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַ פּיעסע (ער האָט געשריבן דעם „דיבוק" אין רוסיש). איך בין געפאָרן קיין מאָסקווע און געמאַכט וואַנטגעמעלן פאַרן קליינעם טעאַטער פון גראַנאָווסקי — סך־הכל 250 ערטער — און איך האָב פאַרגעלייגט דעקאָראַציעס פאַר פאָרשטעלונגען פון שלום־עליכם. אָבער דאָס וואָס איך האָב פאָרגעלייגט האָט אין די אויגן פון גראַנאָווסקין אויסגעזען גראָ־טעסק — און דער עיקר: אַ דיסאָנאַנס לגבי סטאַניסלאַווסקין און זיין שיטה. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיטן „דיבוק", וואָס די „הבימה" האָט געשטעלט. אויך צמח איז צו מיר געקומען און געבעטן איך זאָל מאָלן דעקאָראַציעס. אָבער וואַכטאַנגאָוו האָט קאַטעגאָריש מבטל געמאַכט מיינע פאָרשלאָגן. דאָס איז, לויט ווי ער האָט געזאָגט, געווען אַקראָבאַטיק. וואַכ־טאַנגאָוו, גראַנאָווסקי, סטאַניסלאַווסקי — זיי אַלע האָבן געדאַרפט אַ טיר וואָס איז אַ טיר, אַן אמתן טיש, אַ ממשותדיקן לעפל — און נישט די פליִענדיקע פאַנטאַזיעס פון שאַגאַלן צו שלום־עליכם אָדער צום „דיבוק". נישט — איז נישט. איך האָב ליב צו פאַרענדיקן זאַכן איינס־צוויי: האָפּ — און פאַרטיק. און ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, בין איך בטבע אַ פּוילער — און כ׳בין גרייט צו נוצן יעדן פאַל, כדי פריי צו ווערן. אַזאַ „רעאַליזם" איז געווען פאַר מיר געגנוג, אַז איך זאָל אַנטלויפן פון אים. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב פיינט אַ גראָדע פלאַש? כ׳האָב אַלזאָ גענומען מיין פּעקל און בין אַוועק. אָבער איך האָב געזאָגט סטאַניסלאַווסקין: במילא וועט איר זיך פּירן, ווען עס וועט קומען די צייט, לויט מיין ליניע. און באמת, אַוועק אַן ערך אַ יאָר, און וואַכטאַנגאָוו איז „פאַרביטן" געוואָרן, גראַנאָווסקי האָט אויך פאַרלאָזן רוסלאַנד און מיכאָעלס און זוסקין פון יידישן טעאַטער האָבן אָנגענומען אַן אַנדערן סטיל פון בינע־קונסט.

*

איצט בין איך שוין אין געלויף מיט דער באַגרענעצטער צייט. און איך רוף זיך אָן:

— איך וואָלט נאָך געפרעגט און געפרעגט, אָבער איך האָב אַ ביסל מורא: וואָס וועט זאָגן די מאַדאַם וואַלענטינאַ שאַגאַל? נעכטן, בעת אַ

קורצן געשפּרעך, בין איך זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון איר. אַ שיינע און אַן אַנגענעמע און — זי היט אַזוי אייך און אייער צייט...

— יאָ, די גוטע וואַווא. זי וויל בלויז, אַז איך זאָל זיין געזונט. דערפאַר מאַכט זי געוויסע שוועריקייטן אייך, זשורנאַליסטן און שרייבער. זי איז אַנדערש פון בעלאַן. אויך אירע אויגן זענען אַנדערש. זי שטאַמט פון די בראָדסקיס, פון דער באַרימטער און מיוחסדיקער גבירים־משפחה, אַ משפחה, וואָס האָט דערגרייכט הויכע שטאַפּלען. זי האָט געזען פיל רייכ־קייט אין לעבן, אָבער זי איז נישט קיין געשעפטס־פרוי און האָט נישט קיין אינטערעס פאַר רעקלאַמע. פּרוּווט נאָר בלויז זי צו פאָטאָגראַפירן — זי וועט פאַרשטעלן דאָס פּנים. אָבער וואַלעטשקע האָט ליב געזעלשאַפט און גוטע־פריינט, און האָט שרעקלעך ליב מיך. אָבער האָט קיין מורא נישט, פרעגט.

— צי האָט עפּעס אַ באַזונדער משמעות אייער וווינען אין וואַנס אויף דער ריוויערע?

— אַ משמעות? — ד י ז ו ן! און אַ מענטש דאַרף דאָך ערגעץ־ווו לעבן. נאָך מיין אומקערן זיך פון אַמעריקע האָט מיך פּאַריז אַלס וווינאָרט נישט געלאָקט. אויך פאַר דער מלחמה האָב איך נישט געוווינט אין צענטער פון פּאַריז, נאָר אין זייער אַ סימפּאַטישן אָרט — לאַ־ראָש. כ׳בין אויך אַ ביסל קראַנק געווען און געהאַפּט, אַז די זון וועט מיר ברענגען היילונג. חוץ דעם אַלעמען בין איך אויך אין ענין פון דירות אַ גרויסער פּוילער: מען זיצט שוין — זיצט מען... אָבער איך האָב ליב צו לעבן דאָרט, ווו ווינטן בלאָזן פריי.

*

מיר שמועסן נאָך וועגן זיינע מאָלערייען און גראַווירונגען צו די „טויטע נפשות" פון גאָגאָלן און די משלים פון לאַ פאָנטען; וועגן זיינע דעקאָראַציעס צו די באַלעט־פאָרשטעלונגען „דאַפניס און קלואי" און „דער פייער־פויגל"; און עפּעס וועגן זיין אַרבעט אויפן סופיט פון פּאַרי־זער אָפּערן־הויז און וועגן דער באַשטעלטער ביי אים אַרבעט פאַר דער געביידע פון די פאַראייניקטע נאַציעס אין ניו־יאָרק (צום אָנדענק פון דאַג האַמערשעלד); וועגן זיינע וויטראַזשן — „די ישראל־שבטים" — אין מעדיצינישן צענטער פון ירושלים און וועגן זיינע גאָבעלינען וואָס

וועלן באַצירן דעם בנין פון דער כנסת... די דאָזיקע ענינים ווערן אָנגע־רירט מיט געציילטע זאַצן, אָבער ביי זיינע אילוסטראַציעס צום תנ״ך — די מאָנומענטאַלע אַרבעט מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ 25 יאָר — פאַרהאַלט זיך שאַגאַל אַ ביסל לענגער:

— מען האָט מיר פאַרגעלייגט מאַלן אילוסטראַציעס צו שעקספּירס ווערק. האָב איך אָבער קיין צייט נישט. אָבער צום תנ״ך וואָלט איך זיך נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צוריקגעקערט. גאָט, מיין גאָט, אַ שאָד, וואָס איך לייען נישט דעם תנ״ך טאָג־איין טאָג־אויס. ווער ווייס, אפשר, ווען נישט דער תנ״ך, וואָלט איך געווען קילער צו דער יידישער היסטאָ־ריע, צום יידישן גורל.

— וואָס פאַראַ אויסטערלישע פראַגע עס איז מיר איינגעפאַלן, ה׳ שאַגאַל: וועלכע מיני געשטאַלטן אין תנ״ך צוביבערן אייך מער — די אבות, די נביאים, אָדער די מלכים?

— קיינעם פון זיי גיב איך נישט קיין פאַרהאַנט, כ׳האָב זיי אַלעמען ליב. די אָבות זענען מלא חן. יעדער איינער — מחיה נפשות. די נביאים — אומגליקלעכע דיכטער, אַרעמע שטראָפער, נידערגעשלאָגענע פובלי־ציסטן. און די מלכים — אמתע מענטשן. אַפילו דעם חטא פון דודן בין איך אים מוחל. אמת, עס איז טאַקע אַ רחמנות אויפן גענעראַל, ביי וועמען דער מלך האָט צוגענומען זיין שיינע פרוי. אָבער וואָס קען מען טאָן מיט ליבע? עס פאַסירט, יעדערן קען אַזאַ זאַך פאַסירן.

— איר זעט זיי אַלעמען מיט די אויגן פון דעם דור...

— געוויס, אַלץ מיט די אויגן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן.

*

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צום געזעגענען זיך. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געוואָיעט אַ שטורעמדיקער ווינט, אָבער אין די קעמערלעך פון האַרצן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וואַרעמקייט. מען דאַרף די דאָזיקע וואַרעמקייט נישט קאָמענטירן, ווי עס איז נישט תמיד נייטיק אויסצו־טייטשן די פאַרבן־סימפאָניעס פון מאַרק שאַגאַל.

און אין דער לעצטער מינוט פון דער באַגעגעניש — וואָס זאָגן אַ מענטשן, וועלכער האָט אומגעקערט אַ ביסל חלום צו די באַרויבטע?

— איך האָב נאָך אַ פראַגע, אָבער איך בעט איך פון פאַרויס נישט צו זאָגן, אַז עס איז נישט באַשיידן צו ענטפערן אויף איר.

— איר גרייט צו אַ פּראָוואָקאַציע, אָבער פרעגט.

— פאַר וואָס האָט מען איך אַזוי ליב, ה׳ שאַגאַל?

— איז עס טאַקע באמת אַזוי? — האָט אַ שטאַרק גערירטער געזאָגט דער גאון, ווען מענס נאָמען עס גייט אים פאַרויס פון איין עק וועלט צום צווייטן — און אויב עס איז אַזוי, איז עס, קודם־כּל, דערפאַר, וואָס איך האָב ליב. איך האָב ליב סתם אַזוי, נאַטירלעך. איר זעט? ווי אָט ער בוים — ער האָט ליב אַלץ וואָס אַרום אים. אַלע ביימער בדרך הטבע. ער בייגט זיך שוין איין, אפשר איז שוין נאָענט זיין טאָג, אַזוי איז עס אין דער נאַטור. אָבער כּל־זמן עס איז נאָך אין אים פאַראַן לעבן — האָט ער ליב, ליב.

און ווידער דוכט זיך מיר, אַז אַ וווּנדערבאַרער שאַגאַלישער געמיש קוקט אויף מיר: אַ ביסל אַ שטיפערישע בלויקייט און אַ ביסל אַן אומעטיקע בלויקייט.

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה":

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן)

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינ־לעכן מענטש).

מיכאל וויַיכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל וויַיכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל וויַיכערט — **יידישע אַליינהילף.**

מיכאל וויַיכערט — **מלחמה 1939—1945**, זכרונות 3טער באַנד.

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום**, לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער**, מיט אַ פאָרוואָרט רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי (פּרעמירט פון דיאַנאַ־בלומענפעלד־פאָנד).

אבא גאָרדין — **שלמה המלך**, היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה**, זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור). — העברעיש.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי גני** (**פּירות פון מיין גאָרטן**), (לידער אין העברעיש).

ד"ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ**, אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער. (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם**. מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** (עברית־יידיש). (פּרעמירט פון קעסל־פאָנד אין מעקסיקע).

יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּעַזן. **2־טער באַנד.**

פּיאָטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).

ד״ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאנית (העברעיש).

י״חל אוירבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן (ענגליש).**

הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.

י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.

א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן, לעבן און ווערק** (פּרעמירט פון קעסל־פאָנד).

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס,** ראָמאַן.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.

ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**

ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיש).

א. גאָפּלאָט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פרייליך.

ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.

ב. אפשטיין — **בערבות הפאמפה** (העברעיש)

ד״ר י. הרציג — **נדודי במלחמה ויאסלו עירי** (העברעיש)

ספר יזכור — **קוסוב** (הוצולסקי).

ז. בונין — **פון פרילינג ביז האַרבסט.** לידער און פּאָעמען.

מלכה חפץ טוזמאַן — **שאָטנס פון געדענקען.** לידער.

ל. קוסמאַן — **בלעטער רוישן.** לידער.

י. כהן — **אין פלאַם פון דאָרן.** לידער.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — **די טונקעלע דירה** (מיין קינדהייט).

בערטאַ פערדערבער־זאַלץ — **און די זון האָט געשיינט.**

מיכאל ווייכרט — **מסילת־חיים ומשמוליה** (העברעיש).

י. א. גלבוע — **העברעישער ביכער־שאַנק.**

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנעך און פון דאָרטן.** 7 סיפורים און נאָך איינער.

א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.

מ. ש. גשורי — **ירושלים עיר המוסיקה** (העברעיש).

מ. באַלבערישסקי — **שטאַרקער פון אייזן.**

הרב הוברבנד — **קידוש השם בימי השואה.**

י. איידלמאַן — **פון געריכט, פון ראַבינאַט, פון גאַס.** רעפּאָרטאַזשן.

מ. ח. רוטבלט — **פכים קטנים.** ביקורת ספרותית.

י. ד. בערקאָוויטש — **אונדזערע ראשונים** (5 בענדער).

י. פּאַפּיערניקאָוו — **מיין שיר־השירים** (צווייטע אויפלאַגע).

מ. ריינעס־מעלצער — **זון און שאָטן.** לידער.

פּנקס פלוצק. ארגון יוצאי פלוצק.

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — **דער נביא.**

מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך.** (2 בענדער).

מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**

יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**

יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**

לעאָן יוריס — **עקזאָדוס, 3 בענד.**

יצחק פּערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**

לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**

ז. שניאור — **די משומדתטע.**

ז. שניאור — **אַ טאָג עולם־הזה.**

אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.

יוסף שטשאָווינסקי — **אונטער אייַן דאַך.** דערציילונגען.

"Hamenora" Publishing House
24, Zangwill Str.
Tel-Aviv, Israel